STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06606

MORAL IN IDISHN LEBN

Abba Gordin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אבא גאָרדין

מאראל
אין
אידישן לעבן

אַרויסגעגעבן פון

קאָאָפעראַטיון פאַרלאַג

פון דער

אידיש עטישער געזעלשאַפט

ניו יאָרק

1940

Copyright 1940
by
ABBA GORDIN
313 East 13th Street
New York, N. Y.

Set up and Printed in Mexico

IMPRENTA "LINCOLN" Justo Sierra 45 México, D. F.

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

זייט

אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט .... 5 —14

א. אידישע קולטור .... 5 —9
ב. אהבת ישראל .... 10—11
ג. די לייטערונג .... 12—14

I. די סאָציאַל אידישע פראַגע .... 15 —180

1. דער צדיק אין סדום .... 17 —20
2. עטיק ביי אידן און ביי די אומות העולם .... 21 —29
3. די „תורה" אַלס אַ לערנשאַפט .... 29 —42
4. איבערצייגונגען .... 42 —52
5. געזעצגעבונג און דער עטישער אימפעראַטיוו ...... 53 —57
6. דער ווילן צו קדושה .... 57 —65
7. דער געראַנגל צווישן נביא און קיניג .... 66 —70
8. גריכיש אָדער מאַמע־לשון .... 71 —79
9. דאָס אידישע לעבן אין ליכט פון מהר״ל .... 79 —85
10. די אידן־פראַגע אין ליכט פון אחרית־הימים ...... 85 —90
11. דער דורכפאַל פון אַסימילאַציע .... 90 —105
12. דער מעטאָד פון דער אידישער געשיכטע .... 105—108
13. פסיכאָלאָגיע כנגד געאָגראַפיע .... 108—111
14. דער לתקן עולם במלכות שדי און דער ציוניזם .... 111—120
15. די טראַגעדיע פון קריסטנטום .... 120—124
16. דער רענעסאַנס .... 125—128
17. נאַציאָן, קלאַס און פערזאָן .... 128—160
18. די אידנשאַפט — כנסת ישראל .... 161—180

זייט

ו. די קולטור פראַגע .... 282—181

1. אידישקייט אַלס אַ לעבנס־לערע .... 198—183
2. אידישע וויטאַליטעט .... 206—198
3. לא תעשה לך פסל — מאַך זיך ניט קיין געטש! .... 219—206
4. „אידיש" און אידישע ליטעראַטור .... 240—219
5. די אידיש וועלטלעכע שולן אין אַמעריקע .... 262—240
6. יום טובים .... 282—262

שלוס־וואָרט — מיין סאָציאַלער אני־מאמין .... 288—283

א. אַ מין אַריינפיר .... 286—283
ב. אַרבעטער פראַגע .... 288—286

אָנשטאָט אַ פאָרוואָרט

א.

אידישע קולטור

יעדע קולטור פראַגע ביי אידן מוז, נאַטירלעכערווייז, אָננעמען די פאָרם פון אַ קולטור־רעליגיעזן פראָבלעם. אידן אַלס איינצלנע מענטשן, אַלס יחידים, האָבן זיך באַטייליקט, באַטייליקן זיך אין אַלע תחומים פון מענטשלעכן שאַפן. אידן, אַלס אַ ציבור, אַלס אַ גאַנצע נאַציאָן, האָבן זיך אויסגעצייכנט, האָבן געשאַפן עפּעס מאָנומענטאַלעס, אויסשליסלעך אויפן געביט פון רעליגיע. די אידישע אמונה מיט אירע צוויי אָפּצווייגן, קריסטנטום און מאַכמעדאַניזם, נעמען אַרום בערך אַ ביליאָן מענטשן, ד. ה. אַ העלפט פון דער גאַנצער מענטשהייט און אַן אַריבערוועגנדיקע מאַיאָריטעט פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט. די קונסט פון דאָס שיינע, פון דאָס, וואָס מיר רופן אייגנטלעך קונסט, די קונסט פון דאָס קלוגע, וואָס ווערט באַצייכנט מיטן נאָמען וויסנשאַפט און פילאָזאָפיע — איז הויפּטזעכלעך באַאַרבעט געוואָרן, פאַרטיפט, פאַרהייכט און פאַרפיינט געוואָרן פון די גריכן. אָבער די „קונסט פון דאָס דערהויבענע" איז אַ אידישער ענין; אויף דעם געביט האָט דער אידישער זשעני געפונען אַ פּלאַץ פאַר זיין פאַנאַנדערשפּרייט און פאַנאַנדערוואוקס. דאָס איז אַ פאַקט, וועלכער מוז אָנערקענט ווערן. וואָס זיינען די סיבות דערפון? פאַרשיידענע אורזאכן האָבן מסתמא בייגעטראָגן צו דער אַנטפלעקונג פון דער אידישער פאָלקס־שעפערישקייט דווקא אין אָט־דער ריכטונג. מעגלעך, אַז עס איז דערפאַר, וואָס דאָ איז דער קוואַל פון דאָס עטישע און די סאָציאַל־עקאָנאָמישע און אַנדערע באַדינגונגען האָבן גורם געווען דערצו. יעדנפאַלס אויף קיין פאַקטן פרעגט מען ניט קיין קשיות. אַ טאַטזאַך איז צו שטייף און צו האַרט, אַז מ'זאָל זי קענען מיט אַ פראַגע אָפּשטויסן, אָפּוואַרפן.

אין 1906 און 1907 האָט לונאַטשאַרסקי פאָרגעלייגט, אַז דער סאָ־

ציאַליזם, איבערלעבנדיק שווערע צייטן אין יענע יאָרן, זאָל זיך אַ קער טאָן צו די פּראָפעטן און זיי אויסנוצן אין פּראָפּאַגאַנדירן זייערע ווייזיעס. אויף וויפיל זיין פאַרשלאַג האָט אַרויסגערופן אַן אָפּרוף און אויף וויפיל ד'ער נביאים'שער פּאַטאָס וואָלט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין דער נשמה פון די רוסישע ברייטע שיכטן — ווייס איך ניט, און דאָס אינטערעסירט מיך ניט. איך פאַרשטיי אָבער, אַז די נביאים אַלס רעליגיעזע, סאָציאַל־עטישע טרוימער, האָבן געהאָלפן אויסקריסטאַליזירן די אידישע נשמה אַלס אַ קוואַל פון אייביקן אויפרודער, מאָנען און טענה'ן און פאָדערן, אַז יושר זאָל איינגעפירט ווערן אין לעבן. די נביאישע לערן, אַז דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן קען ניט געבויט ווערן און אויפגעהאַלטן ווערן, סיידן עס באַזירט זיך אויף די גרונט־פּרינציפּן פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, דאַרפן און קענען זיכער אויסגענוצט ווערן צווישן די אידי־שע ברייטע שיכטן. דאָס אידישע פאָלק האָט געשאַפן די פּראָפעטן, דער אידישער פייער און פלאַם ברענט אין זיי און רעדט אַרויס פון זיי. און זייערע ווערטער, זייער הייסער ענטוזיאַזם און קאַמפס־לוסט, וועט אַלע מאָל געפינען אַ ווינקעלע אין דער אידישער נשמה. און מיר דוכט, אַז מ'האָט ניט געדאַרפט פאַרנאַכלעסיקן דעם מיטל בכדי אויפצוואַקן, אָפּצוהיות'ן די סאָציאַלע עמאָציעס פון די אידישע מאַסן.

מ'וואָלט קענען איינווענדן, אַז דאָס וואָס איך זאָג איז ניט אין איינ־קלאַנג מיט דער „אויפקלערונג" טראַדיציע פון באַקעמפן רעליגיע מיט די ציין און נעגל. אויף דעם וואָלט איך ענטפערן, אַז די טראַדיציע איז ניט קיין אידישע און האָט מיטן אידישן גייסט גאָרניט צו טאָן. וואָלטער האָט עס געטאָן, די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן האָבן עס געטאָן, די משכילים אַסימילאַטאָרן האָבן עס געטאָן, און נאָך אַנדערע פאַר זיי און נאָך זיי.

באמת אָבער איז דער קאַמף ביי די אומות העולם געפירט געוואָרן ניט קעגן רעליגיע, נאָר קעגן דער קירכע, קעגן די גייסטלעכע אַלס אַ שטאַנד. די גייסטלעכע זיינען געווען פּריווילעגירט, און האָבן פאַרנומען דעם אויבן־אָן, כמעט אויף אַיין סאָציאַלן ברעטל געשטאַנען מיט די איידל־לייט, און באַטירלעך, אַז דער דריטער שטאַנד, באַקעמפנדיק די איידל־לייט, האָט באַקעמפט אויף אַמאָל אויך די גייסטלעכע. די קירכע אין מיטלאַלטער איז געווען די גרעסטע גוט־באַזיצערין, האָט פאַרנומען כמעט אַ דריטל פון דעם אַקערבאַרן באָדן.

די מאָנאַסטירן האָבן פאַרמאָגט אָן אַ שיעור לאַנד. אפילו אין רוס־לאַנד, וואו די מלוכה פון דער צייט פון פעטער דעם גרויסן האָט גע־האַלטן אין קלעם די צערקווע און אונטערגעוואָרפן דעם סינאָד אונטער

דער יוריסדיקציע פון דער קרוין און דער צאַר איז געווען דער קאָפּ ניט נאָר פון דער וועלטלעכער מאַכט, נאָר אויך פון דער גייסטלעכער, און וואו די קרוין־לענדער, וועלדער, האָבן זיך געצויגן איבער אומגעהויער גרויסע שטחים, — אפילו אין רוסלאַנד, האָט נאָך אַלץ די צערקווע באַזעסן אַ סך לאַנד און אַ סך רייכטימער. אין מיטלאַלטער איז די קירכע געווען דער גרעסטער עקספּלואַטאַטאָר.

און דעם קאַמף האָט מען געפירט ניט אַזוי קעגן דעם קעניגרייך פון הימל נאָר קעגן דעם קעניגרייך פון גאָט אויף דער ערד, און ניט פון גאָט, נאָר פון זיינע פאַרשטייער, וועלכע האָבן פאַרנומען די ערד, וואָס האָט באַדאַרפט באַלאַנגען צו די פויערים.

דאָס איז ניט געווען קיין טעאָלאָגיש־מעטאַפיזישע דעבאַטע, דאָס איז געווען אַ קלאַסנקאַמף, מ׳האָט געמוזט קאָנפיסקירן די רייכטימער און ערד גיטער פון דער קירכע און אָפּשניידן די פליגלען דעם פּריסטערטום.

דער געשריי פון הונגעריקן רוסישן פויער פאַר ערד האָט געפירט באַקונינ׳ס פען, ווען ער האָט געשריבן זיין „גאָט און מלוכה״.

די מעטאַפיזישע זייט פון דעם דיספּוט וואָלט קיינעם ניט אויפרעגן, וואָלט בלייבן אַן ענין פאַר ענגע קרייזלעך פון איבערגעשפּיצטע חקרנים און וואָלט ניט ווערן עמאָציאָנעל, הייס, פאַרביסן. די קירכע האָט גע־ברענט די אפיקורסים, ווייל זי האָט געפילט, אַז די אומגלויביקע וועלן איר באַלד נעמען שניידן די קעשענעס, אַז מ׳וועט נעמען קאָנפיסקירן, סעקוועסטרירן, איר פאַרמעגן. און דאָס האָט פאַרשאַפט „שלעכטע בלוט״. און זיי האָבן פאַרברענט דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, הוס׳ן און אַנדערע.

בנוגע דער סינאַגאָגע איז דאָ ניט געווען וועגן וואָס צו פילדרעווען. קיין לאַנד האָט זי קיינמאָל ניט באַזעסן. דער ראַבינאַט איז קיין פריי־ווילעגירטער שטאַנד ניט געווען. בכלל איז ער פאַרהעלטניסמעסיק אַ נייע אינסטיטוציע. לויטן אידישן דין האָבן די רבנים קיין געהאַלט ניט געטאָרט נעמען. „מה אני בחנם אף אתה בחנם״ באַדייט ווי דער אוי־בערשטער האָט משה׳ן געלערנט אומזיסט, אַזוי האָבן זיי געדאַרפט לער־נען דאָס אידישע פאָלק ניט באַצאָלטערהייט. זיי האָבן געפונען עפּעס אַ היתר, אויסטייטשנדיק, אַז זיי קריגן שכר בטלה, קריגן לוין ניט פאַר־וואָס זיי לערנען אָדער פסק׳ענען שאלות, נאָר דערפאַר, וואָס זיי טוען ניט קיין אַנדער זאַך. כהנים און לוים אַלס אַ שטאַנד איז מער ניט ווי אַ קאָמעדיע. די פּריווילעגיע, וואָס אַ כהן האָט געהאַט, איז צו זיין אַ בעסן און קריגן אַן עליה, די ערשטע, און נאָך דערצו דוכנ׳ען. און מיר, קינדער, האָבן אויף זיי מורא געהאַט צו קוקן בשעת מעשה, ווייל מ׳האָט אונדז אָנגעסטראַשעט, אַז מיר וועלן בלינד ווערן.

אין ארץ ישראל אין אַלטערטום זיינען די לוים און כהנים געווען אַ פּריווילעגירטער שטאַנד. אָבער אויב זיי האָבן געפּאָלגט דאָס געזעץ, האָבן זיי קיין לאַנד ניט געטאָרט באַזיצן, און ווען מ׳האָט דאָס לאַנד איינגעטיילט האָבן זיי קיין חלק ניט געקראָגן. „לא יהיה לכהנים, הלוים, כל שבט לוי חלק ונחלה עם ישראל. אשי יהוה ונחלתו יאכלון ונחלה לא יהיה לו בקרב אחיו. יהוה הוא נחלתו, כאשר דבר לו״. (דברים, י״ח, א׳, ב׳), יהוה איז געווען דעם כהן און לוי׳ס נחלה. זיי פלעגן קריגן מעשור, תרומה, די פּאַלקעס פון די קרבנות, און נאָך און נאָך. דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַמאָל, ווען דער בית־המקדש איז געשטאַנען. איצטער אָנפירן אַ קלאַסנקאַמף מיט דער סינאַגאָגע און מיטן ראַבינאַט איז אוממעגלעך אפילו מיטן גרעסטן פאַרלאַנג און אפילו האָבנדיק אַן אייזערנעם יצר־הרע פאַר קעמפן. באַקוניך האָט געהאַט אין זינען די גריכיש־קאַטוילישע קירכע, די פּראַ־וואָסלאַוונע צערקווע, און דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער זאַך.

די היץ פון דער „אויפקלערונג״־אַרבעט, אויף וויפיל זי איז געווען געריכטעט קעגן רעליגיע בכלל, אַן די קלאַסן־קריגעריי עלעמענטן, וואָס זיינען דאָרטן געלעגן פאַרבאַהאַלטן, איז געווען אַזוי קליין, אַז איך צווייפל צי מ׳האָט אויף אָט־דעם פייער און ברען געקענט אויפזידן אפילו אַ גלעזל טיי פון געמיטלעכער אפיקורסות. פאַרקערט, איך בין כמעט זיכער, אַז עס איז שווער אויפצובויען אַ גרויסע באַוועגונג שטייענדיק מיט ביידע פיס אויף אַן אַנטי־רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. די מאַסן, אַלס אַזוינע, זיינען רעליגיעז, דאַרפן האָבן אַ רעליגיע, און ווילן זיך פון גלויבן ניט אָפּזאָגן. דאָס באַהויפּט איך בכלל בנוגע די ברייטע שיכטן פון אַלע פעלקער, סיי אין מזרח און סיי אין מערב. ביי אידן על אחת כמה וכמה. די אידישע רע־ליגיע, איך מיין די סאָציאַל־עטישע פּרינציפּן אירע, זיינען דער שתי־וערב פון דער אידישער פּסיכיק. און דאָס וואָס מיר נעמען אונדזערע סאָציאַלע אידעאַלן און פאַרבינדן זיי איבערגעוואַלט מיט אַנטי־רעליגיאָ־זיטעט, טוט אונדזערע שטרעבונגען און האָפנונגען ניט קיין טובה, נאָר אַ גרויסע רעה. מיר שטויסן פון זיך אָפּ די עלעמענטן, וועלכע וואָלטן געקענט זיין פון גרעסטן נוצן. ס׳רוב זיינען זיי עקזאַלטירטע כאַראַקטערן, וועלכע זיינען ווי געוואונטשן אַלע מאָל ווען עס האַנדלט זיך וועגן איבערבויען אַ געזעלשאַפט אויף מער ראַציאָנעלע און מער עטישע יסודות.

די ברייטע מאַסן, און די אידישע אוודאי, זיינען רעליגיעז, און אויב מען באַקעמפט רעליגיע, קען עס געטאָן ווערן ניט אַנדערש סיידן דורכן אַריינפיר פון אַ נייער רעליגיע אַנשטאָט פון דער אַלטער. און ס׳רוב איז די נייע ניט בעסער פון דער אַלטער, נאָר ערגער.

רוסלאַנד האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אַנצופירן אויף אַ ברייטן אופן אַנטי־רעליגיעזע אַגיטאַציע. וואָס איז געווען דער רעזולטאַט? אַנשטאָט די פּראַוואָסלאַווע אמונה, האָט מען איינגעפירט אַ צווייטע אמונה, וועלכע איז מער פאַנאַטיש פון דעם אַלטן אָרטאָדאָקסישן גלויבן. מ׳האָט אָפּגע־שאַפן די „קרעסטינעס" און מ׳האָט געמוזט איינפירן „אָקטיאַברינעס", דאָס זעלביקע טויפן פון ניי־געבוירענעם, דער זעלביקער צערעמאָניאַליזם, נאָר אויף אַ נייעם שטייגער. מען האָט געמוזט שאַפן נייע „רויטע וויג־קעלעך", נאָר אַנשטאָט דעם פּאָרטרעט פון קריסטוסן האָט מען אויפגע־האָנגען די איקאָנע פון לענינען. מיינט ניט, אַז מיט די שורות מיין איך זיי צו קריטיקירן. אַ האָר ניט. איך באַטראַכט עס אַלס אַ באַלערנדיקן פאַקט, אַן אינסטרוקטיוון עקספּערימענט. ווען איר גייט איבער די גאַסן פון מאָסקווע, זעט איר דורך אַלע פענצטער פון די אינסטיטוציעס רויטינקע לעמפּעלעך ברענענדיק פאַר דעם בילד פון לענינען. איר געפינט זיין פּאָרטרעט אויף אַלע סטאַנציעס באַפּוצט מיט רויטע קאָלירן און גע־וואַנט. דאָס איז פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע. טרייבט די רעליגיע דורכן טיר, וועט זי אַריין דורכן פענצטער. און ווען זי וועט אויף אַזאַ אופן אַריינקו־מען, וועט זי זיין מער פאַרקריפּלט ווי די יעניקע, וועלכע איר האָט אַרויסגעטריבן. וואָס איז דער קאַמף פון די אַזוי אָנגערופענע לינקע אין די יוניאָנס, וואָס איז זייער באַגער צו צעברעכן און צעשטעכן אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין אַ משך פון צענדליקער יאָרן פון שווערער אַרבעט — וואָס איז עס? דאָס איז אַ רעליגיעזער קריג אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב. דאָס איז רעליגיאָזיטעט אויף דער לינקער זייט, אָנגעווענדט אויף אַ שלעכטן אופן. דאָס איז רעליגיעזער געפיל אַרויסגענומען פון דעם תהום פון פּסיכאָלאָגיע און אינטראָספּעקטיווע פּאַרטיפּענישן און אַריינגעוואָרפן עס אין גאַס, אין סאָציאַלע צוזאַמענבאַציאונגען. און וואו רעליגיעזע שנאה צעפלאַקערט זיך, וועלן זי קיינע וואַסערן ניט אויסלעשן, זי ברענט און שרפ׳עט ווי אַ גיהנום.

די מאַסן זיינען רעליגיעז, און אויב איר לאָזט זיי ניט זיין רעליגיעז אויף דעם אַלטן שטייגער, ווערן זיי רעליגיעז אויף דעם נייעם. און דאָס איז אַ סך ערגער.

ווייל די אַלטע פאָרמען פון רעליגיאָזיטעט און אירע אויסדרוקן זיינען ביי היינטיקן טאָג באַאַרבעט געוואָרן, פאַרשטוביקט געוואָרן, איינגעטאַ־מעוועט, ציוויליזירט. רעליגיע שפּילט זיך מיט אייביקייטן, מיט גרויסע טרוימען. זי וואַרפט זיך אָבער ניט אַריין מיט אירע שטאַרקע ליידנשאַפטן אין אַל־טעגלעכן לעבן. מען האָט זי אַרומגעצוימט מיט עטישע געזעצן, מיט מאָראַלישע געפילן און געשליפענע, פון די אידישע נביאים, עמאָציעס.

אַן דעם איז זי צו־ווילד און קען חרוב מאַכן וועלטן, פאַרגיסן בלוט, אָנפירן שרעקלעכע מלחמות, וכדומה מעשים תעתועים.

דער קאַמף קעגן רעליגיע און גלויבן בכלל איז דאָן־קיכאָטיש, איז אַ קאַמף מיט ווינט־מילן. און איך בין מער ווי זיכער, אַז טאָלסטאָיס באַציאונג צו רעליגיע איז אַ געזינטערע איידער באַקונינס. יעדנפאַלס אויף דער אידישער גאַס, צווישן אַ פאָלק, וואָס איז אַ קלאַסיק פון רעליגיעזן שאַפן, דאַרף ראַדיקאַליזם געפּריידיקט ווערן ניט אַלס עפּעס אַנטי־רעליגיעזעס. מיר דאַרפן זען אויסנוצן דאָס שענסטע און העכסטע און פיינסטע, וואָס די בעסטע שאַפונגען פון די נביאים באַזיצן בכדי אויפצוהויבן דעם געפיל, שטאַרקן דעם פולס פון יענע, וועלכע קעמפן און גלויבן אין אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס שטיצט זיך אויף גערעכטיקייט און אָרנטלעכקייט. דער פּראָפעטן־חוש, וואָס שלאָפט אין יעדער אידישער נשמה, ווי פאַרגרעבט זי זאָל ניט זיין, דאַרף אויפגעטשוכעט ווערן, אויסגענוצט און אוטיליזירט ווערן פאַרן קאַמף פון איבערבויען די געזעלשאַפט. אָט דער נביא׳שער דראַנג דאַרף אָנגעווענדט ווערן צו דער שווערער אַרבעט פון אויסראַמען די רשעות פון דער קאַפּיטאַליסטישער, מיליטאַריסטישער, אימפּעריאַליסטישער וועלט. די אַרבעט איז אומגעוויינטלעך שווער און פאַראַנטוואָרטלעך און קיין כוח, קיין פאַקטאָר טאָר ניט פאַרנאַכלעסיקט ווערן. אַלע עמאָציעס דאַרפן מאָביליזירט ווערן. און פאַרוואָס זאָלן מיר אַוועקגעבן שאַצן פון גייסטיקן־דינאַמיט, פון אויפוועק, פון אויפרוף, ווילן־כוח און געפיל־מאַכט, פאַרוואָס זאָלן מיר אַוועקגעבן די אוצרות אונדזערע שונאים, זיי זאָלן עס נוצן קעגן אונדז, ווען באמת געהערט עס צו אונדז און זיי האָבן עס מערניט ווי מיסברויכט?

ב.

אהבת ישראל

אמתע ליבע ליבט אונטער אַלע אומשטענדן. עס איז ניטאָ קיין ליבע אָן פאַרגעבונג, אָן דעם „סלחתי כדבריך"... וואָס מער מ׳באַקענט זיך מיט דער צייט און סביבה, אין וועלכער די אידישע נביאים האָבן געלעבט, געווירקט און געקעמפט, אַלץ מיט מער פאַרערונג ווערט מען דורכגעדרונגען צו אָט־די גייסטיקע טיטאַנען.

ווען מ׳זעט, וואָס פאַר אַ באַרבאַרישע מנהגים עס האָבן דעמאָלט געהערשט, אויף וואָס פאַר אַ ווילדע פאָלקס־אומוועגן די מאַסן און, איבערהויפּט, די הערשנדיקע שיכטן זיינען געגאַנגען ניט נאָר אין וואָכעדיקן

טאָג־טעגלעכן לעבן, אין היים, פאַמיליע און געזעלשאַפט, נאָר טאָקע אין סאַמע גאָטעסדינסט, אין הייליקן קולט, אין די טעמפּלען, ווען מ׳זעט אָט־דעם גראָבן און צעלאָזענעם באַרבאַריזם, ערשט דעמאָלט נעמט מען אָפּ־מעסטן ווי געהעריק די נשמה־הייך פון די אידישע פּראָפעטן, וועלכע אין אָט־דער געפאַלנקייט, אין דער פאַרזינקעניש פון אויסגעלאַסנקייט, אין דעם תהום פון טומאה האָבן געטרוימט פון הימל־רייניקער קדושה און דער־הויבנקייט.

ווען מ׳באַגרייפט די פאַרדאָרבנקייט פון די זיטן פון יענע פאַרצייטיקע דורות, די גיין און פערציק שליוזעס־טויערן פון אומריינקייט, וועלכע זיינען כסדר געווען אָפן און האָבן אָן־אויפהער געגאָסן און געפלאָסן מיט ברוד און שמוץ איבער געגנטן, שטעט, גאַסן און הייזער, ערשט דעמאָלט נעמט מען משיג זיין, וואָס פאַר אַ פעסטונג פון לויטערער הייליקייט דער נביא איז געווען, וואָס פאַר אַ וואולקאַן פון אָפּטימיזם עס האָט געהויזט אין זיין בוזעם, וואָס פאַר אַ פאָנטאַן פון צעגליטע וויזיעס עס האָט געוואוינט אין זיין בליק.

דער נביא, וואָס האָט געזאָגט צו די קינדער פון זיין צייט, „און איצט קומט אַהער, זין פון אַ מכשפה, זוימען פון אַ נואף און אַ הור״, (ישעיה נ״ז, ג׳), דער זעלביקער נביא האָט אויך געזאָגט, „ווער עס וועט זיי דערזען, וועט זיי דערקענען, אַז זיי זיינען אַ זוימען, וואָס יהוה האָט געבענטשט״ (דאָרט, ס״א, ב׳).

און דער נביא, וואָס איז שוין גאָרניט געווען געגנאַרט אין זיין פאַרשייטן און אויסגעלאַסענעם דור, אין זיינע תכשיטים אידעלעך... וועלכע ער כאַראַקטעריזירט מיט נביאישער אָפנהאַרציקייט און בראַנדמאַרקענדיקן עפּיטעט אַזוי:

„זיי זיינען צעיושעטע פערד, צעהיצטע אָגערס, איינער צום אַנדערנס ווייב הירזשען זיי״ (ירמיה, ה׳, ח׳), אָדער, „ווי אַ שטייג, וואָס איז פול מיט עופות, אַזוי זיינען זייערע הייזער פול מיט שווינדל״ (דאָרט, ה׳ כ״ו). דער זעלביקער נביא האָט געזאָגט: „איך וועל שליסן מיט זיי אַ נייעם בונד״ (דאָרט, ל״א, ל׳־ל״ב) און דאָס וואָס זיי האָבן ניט געהאַלטן דעם אַלטן בונד, דעם אַלטן, ערשטן אָפּמאַך, פאַרגעסט ער, פאַרקוקט ער. ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק פון דעם. אָדער נאָך בעסער, ער רעכנט, אַז דער בונד איז ניט געווען צופרידנשטעלנדיק. ער וועט שליסן אַזאַ אָפּמאַך, וועלכן קיינער וועט ניט קענען ברעכן, פאַרראַטן. די לערע וועט ער אַריינשרייבן אין זייערע הערצער אַזוי, אַז זיי וועלן מוזן זי וויסן און היטן, אַלע פון קליין ביז גרויס וועלן דערקענען יהוה. און מ׳וועט זיי עס אפילו ניט דאַרפן לערנען.

און ווען די נביאים אמאל האבן זיך אזוי פארהאלטן צו דעם פאלק ישראל, אויך דעמאלט ווען ער איז באמת געווען זינדיק, א פשיטא שוין מיר, ניט נביאים איצט, ווען דאס פאלק ליידט ניט פאר זיינע זינד, נאר פאר זיינע טוגנטן, פאר דאס, וואס עס פארמאגט ניט קיין שטאט, קיין ארמיי, קיין פלאט, מיט אייןווארט, קיין פארפאנצערטן קולאק.

ג.

די לייטערונג

מיר, אידן, זיינען געוואוינט צו צרות. מיר, אידן, זיינען אויסגעפרו־בירט געווארן אין פורעניות און אנשיקעניש. אונדזער סימבאל איז דער סנה, וועלכער ברענט און ווערט ניט פארברענט. מ׳האט אונדז געברענט און געבראטן אויף שייטערהויפנס, און מיר זיינען גאנץ געבליבן, ניט פארטיליקט געווארן. מ׳האט אונדז געווארפן אין די טיפסטע אומרעכט־וואסערן, געשליידערט אין די מים הזידונים, אין קעסלגריבער פון נגישות און דערנידערונגען, מיר זיינען ניט דערטרונקען געווארן. מיר האבן גע־ראטעוועט אונדזער עקשנות, אויפבאווארנט אונדזער בטחון, אויפגעהיט אונדזער גלויבן אין יושר. מיר האבן פעסטגעהאלטן אונדזער זיכערקייט, אז מיר זיינען גערעכט, און מער, אז אונדזער גערעכטיקייט וועט מוזן אויפגיין און אונדזער פולע אויסלייזונג וועט, סוף־כל־סוף, אויפשיינען. וואס זיינען מיר שוין ניט אויסגעשטאנען אויף אונדזער לאנגן וועג פון גלות־אפריכטן!

אבער אין אונדזער דור, אין אט־דער צייט פון דער סאציאלער ערד־ציטערניש, וויל א רשעות־מבול פארפלייצן די אידישע וועלט. אין אט־דעם פעריאד פון איבערקערעניש און איבערדרייעניש, ווערן די יסו־דות פון ישראל׳ס הויז צעטרייסלט. די אומוועלצונגען, אומשטירצונגען ווערן באגלייט פון בלוטיקע מלחמות, וועלכע שטייגן אריבער אין זייערע אכזריות׳ן, גרוילטאטן, שרעקלעכקייטן אלע פארדעמדיקע קריגן פון פעל־קער און צוזאמענשטויסונגען פון מדינות. אין אט־דער אומדערטרעגלע־כער עפאכע, אין דעם הרת־עולם פון א גאנצער ציוויליזאציע, לעבט אי־בער דער אידישער געזעמל די שווערסטע יארן פון זיין גלות־געשיכטע. זינט פון חורבן אן האט זיך נאך אזא קאטאסטראפאלער אומגליק ניט

אויסגעגאָסן אויף די געבויגענע ביז־צו־דר׳ערד קעפּ פון די מיליאָנען אידן, יונג און אלט, געזונט און קראַנק, איבער זיי אלעמען איזדיעקע־ווען זיך מיט אַזאַ סאַדיסטישער תאווה, מיט אזא היפקר׳דיקער גרויזאַמ־קייט, די חיה־רעה׳שע נאַציס און די איבעריקע צעבושעוועטע עמלקים־באַרבאַרן, וואָס טוען זיי נאָך. די שונאי־ישראל האָבן זיך ווי אַראָפּגעריסן פון דער ציוויליזאַציע־קייט, אָפּגעטאָן פון זיך די ביסל קולטור־בושה, וואָס זיי האָבן נאָך פאַרמאָגט, זיך אויסגעטאָן אינגאנצן פון זייער שטיקל מענטשישקייט און געוואָרן בפועל־ממש רויב־פויגל און צוק־חיות אין געדיכטע וועלדער. זיי לאָזן זיך ארויס אויף מאָרד און געיעג אין די פינצטערע נעכט, בשעת אלע ליכטער פון מאָראַל זיינען אויסגעלאָשן, אַזוי ווי זיי וואָלטן קיינמאָל ניט דארפן זיך אָנצינדן איבעראַנייס, בשעת אַלע אויגן פון געוויסן זיינען אויסגעשטאָכן און בלינד־געמאַכט אויף אייביק — און עס איז לית דין ולית דיין, עס איז ניטאָ קיין משפּט און עס איז ניטאָ קיין שופט.

און אידישקייט, אידישע אידעאָלאָגיע, טיילט דעם טרויעריקן גורל פון דער אידנשאַפט. זי לעבט אַדורך איינעם פון די טיפסטע און געפער־לעכסטע קריזיסן, וועלכע זי האָט ווען־עס־איז דורכגעמאַכט אויף איר לאַנגן באַרג־אַרויף וועג פון אַנטוויקלונג און ווידערגעבורט.

טיף־גלויבנדיק אין דער חיות־פיאיקייט, וויטאליטעט, פון אידישן פאָלק, האָבנדיק פולן צוטרוי צום נצח ישראל, וועלכער וועט אונדז אויף קיין פאַל און אונטער קיינע אומשטענדן ניט אָפּנאַרן, זיינען מיר פול־איבערצייגט, אַז הן די אידישקייט און הן די אידנשאַפט וועלן אַרויס פון אָט־דעם מסוכנדיקן בראָך און איבערבראָך געשטאַרקט, געלייטערט און געהייליקט.

דער האַמער פון די פאַטאַלע געשעענישן וועט איבערשמידן אין שטאָל און אייזן דעם אידישן ווילן, בטחון און עקשנות. די גייסטיקע קלעפּ, וועלכע די אידישע אידעאָלאָגיע האָט געקראָגן פון דער מאָדערנער וויסנ־שאַפט און ראַדיקאַל־פילאָזאָפיע, וועלן אויפוועקן דעם רעליגיעז־שעפּע־רישן זשעני פון אַלטן ישראל. און פונדאָסניי, ווי גאָר פאַרצייטנס אין זיין יוגנט, וועט דער אידישער גייסט אויפעפענען אומאויסשעפּלעכע נחמה־קוואלן, פון וועלכע עס וועלן אַרויפשפּרודלען נשמה־רעטונג און זעל אויס־לייזונג. דער אידיש רעליגיעזער געפיל און געדאַנק וועלן זיך מזדווג־זיין און געבוירן נייע אומאָפּשאַצבאַרע ווערט. די אידיש רעליגיעזע קול־טור וועט זיך פאַנאַנדערשטראַלן, ווי די זון ווען זי גייט אַרויס אין איר גבורה, און וועט צעיאָגן און פאַרטרייבן די שוואַרצע שווערע שאָטנס פון פחד און פאַניק, וועלכע באַטריבן דעם אידישן געמיט, פאַר׳חושכ׳ן די

אידיש לויטערע פערספעקטיוון און העגגען ווי בלייענע וואָלקנס איבער די הימלדיקע שטרעבונגען פון די בעסטע זין פון אַט־דעם געקרייציקטן, שיעור־ניט פאַרצוקטן מענטשהייט־פאָלק, וועלט־פאָלק און בונד־פאָלק, דעם אייביקן ישראל.

מיר שטייען ניט פאַר אַ וואַסערפאַל, נייערט פאַר אַ פייערהויב פון אידיש רעליגיעזן באוואוסטזיין. אַ נייע האָפענונג טויכט ארויף פון די תהומות פון די אידישע יסורים, אַ נייער בטחון קוקט אַרויף פון די אָפּ־גרונטן פון פאַרצווייפלונג. אַט־די נייע אַנטפלעקונג וואַקסט אויף דעם באָדן, וואָס איז פאַרזייט מיט פאַרוויסטונג, פאַרדאַרבונג און פאַרשניידונג. אַט־די שכינה-התגלות שפּראָצט אויף און דרינגט אַדורך די אינערטיש־סטע שיכטן פון דעם שארית־הפליטה פון אידישן פאָלק.

אַ פרימאָרגנדיקע דערוואַכונג לאָזט זיך פילן, אַ רעליגיעז־שעפערי־שער ציטער נעמט אַדורך די פאָלקס־נשמה, אַן אויפפלאַמונג פון גלויבן כאַפּט זיך אויף אין דעם האַרצן פון דער אידנשאַפט. דאָס „פּינטעלע איד", דער אמונה־שטראַל צעברענט זיך ווי אַ פאַקוס, צעפלאַקערט זיך ווי אַ פאַקל.

אינסטינקטיוו, אונטערבאַוואוסטזיניק שטעלט זיך ישראל נאָך אַמאָל ביי דעם באַרג סיני גרייט, אין קדושה און טהרה, מקבל צו זיין די תורה.

דער אנוכי יהוה וועט באַלד דורכדונערן דורך די מוחות און דורכ־בליצן דורך די הערצער פון די, פאַרהונגערטע און פאַרדורשט־קטע נאָך דאָס הייליקע וואָרט, קינדער פון דעם אויסדערוויילטן פאָלק. און אַט־דער דיבור מפי הגבורה, אַט־דער זאָג פון דעם מייל פון מאַכט וועט אָפּ־הילכן אין אַלע שבעים לשונות און וועט זיך צעטראָגן אין די ווייטסטע מרחקים פון אַלע פיר עקן פון דער וועלט.

ווער עס האָט אַן אויער הערט דעם דערנענטער פון אַט־דעם רעלי־גיעזן שטורם, וועלכער וועט אָפּרייניקן די גייסטיק פאַרשטיקטע, מיט פאַלשער כפירה איבערגעזעטיקטע, אַטמאָספערע אין דער אידישער און ניט־אידישער זעל.

ווער עס האָט לשון זאָגט אַן דעם אָנקום פון אַט־דעם רעליגיעז־עטישן געוויטער, וועלכער וועט ברענגען מיט זיך די מזל־ברכה פון רעגן און פרוכטבאַרקייט אויף דעם פעלד פון אידישער און אַלמענטשלעכער מאַראַל־שאַפונג.

I

די סאָציאַל אידישע פראַגע

.1

דער צדיק אין סדום

דער חומש הויבט ניט אָן מיט דער אידישער נאַציאָן, מיט דער פאַר־מירונג פון פאָלק ישראל. דער חומש עפנט זיך מיט דער באשרייבונג פון וועלט־באשאף און מענטשן־געמאַך. אָדם, א מענטש, ווערט געמאכט. פון אים וועט אָפּשטאמען די גאנצע מענטשהייט, אלע פעלקער, ניט בלויז איין פאָלק, א יחסן־פאָלק.

אָבער די מענטשן פירן זיך אויף ניט ווי עס באַדאַרף־צו־זיין. זייערע מעשים זיינען פארדאָרבן. א מבול קומט אויף דער וועלט. ער וועט עס אָפּוואשן דעם גאנצן שמוץ און ברוד פון די זינדיקע אוממענטשן. אַ פארפלייצונג וועט אָפּמעקן פון דעם פּנים פון דער ערד דאָס גאנצע פארדאמטע מענטשן געזינדל. דאָס איז דער גזר, דער אומברחמנות׳דיקער פסק־דין פון דעם וועלט־באַשעפער, וועמען זיין באשאף איז נישט געפעלן, און וועלכער האָט חרטה אויף זיין גאנצער טואונג, וואָס ער האָט געטאָן.

אָבער די גזרה ווערט ניט דורכגעפירט אין איר גאַנצער, — הגם געדעכטער, כשר־פארדינטער, — גרויזאמקייט. פארוואָס? עס איז דאָ אָן אָפּהאַלט. א צדיק האָט זיך אָפּגעזוכט, איין צדיק אין יענעם דור פון רשעים.

דער צדיק הייסט נח. דער צדיק, ווי דער שטייגער איז, האָט אַ ווייב. ער פארמאָגט אויך זין און שניר. דער צדיק מיט זיין פאמיליע ווערט געראטעוועט און פון זיי הויבט זיך אָן פון־דאָס־ניי דער ווידער־געבורט פון דער מענטשנראסע. אין זכות פון צדיק ווערן ניצול הן די בהמות, הן די חיות און הן די עופות.

איין צדיק לייזט אויס א גאנצע וועלט, ער צערייסט איר גזר־דין. די גוטסקייט פון איין גוטן מענטשן וועגט אריבער אויף די וואָגשאָלן פון רבונו־של־עולם דאָס גאנצע שלעכטס פון דער שלעכטער מענטשהייט.

אין גאַנ־דעם מבול־און־נח־מיטאָס ראַטעוועט זיך דער חומש, ער

ראַטעווען די אויפגאַבע, וועלכע ער האָט זיך געשטעלט. דער ריכט־שנור פון אָט־דעם ספר־הספרים ווערט דאָ קלאָר.

דער חומש איז איינגעגלויבט אין זיינע קרעפטן. אָבער ער באַגרייפט די שוועריקייטן, וועלכע ער וועט באַגעגענען אויף זיין לאַנגן וועג צום ענדגילטיקן ניצחון. ער ראַנגלט זיך מיט כל־הכוחות, ער מאַנעווורירט, ער פאַלט זיבן מאָל — און שטייט אויף און גייט ווייטער אַרויף און אַראָפּ. ער גיט זיך ניט אונטער, ער איז פאַר׳עקשנ׳ט. ער גיט ניט אויף זיין האָפענונג. ער פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ פון זיינע דורכפאַלן. ער ווייסט, אַז מיט גרויס אָנשטרענג וועט ער סוף־כל־סוף דערגרייכן זיין ענדציל.

אמת, די וועלט איז טאַקע שלעכט. אמת, די מענטשן זיינען שלעכט. אָבער איין צדיק, בלויז איין צדיק, דאָס קען מען דאָך אויסזוכן. ער וועט דורכזיפּן גאַנצע בערג פון מענטשן זאַמד און שטויב, ניט־שוין־זשע וועט ער ניט געפינען איין דימענט פערזענלעכקייט.

און דער חומש פאַרקלענערט זיינע פאָדערונגען, פאַרשמעלערט זיי־נע דערוואַרטונגען, באַגנוגנט זיך מיט דאָס ווייניקע. ער גייט אַראָפּ פון ברייטן שליאַך פון דער מענטשהייט־אידייע, ער פאַרקירעוועט זיך אין דעם שמאָלן געסל פון דער נאַציאָן. ער וועט זיך צופרידן שטעלן מיט דעם, וואָס ער וועט שאַפן א פאָלק, א צדיק, איין צדיק, וועלכער וועט מכפּר־זיין אויף די עבירות פון דער גאַנצער מענטשלעכער גאַטונג, א פאָלק וואָס מיט זיין צידקות וועט ער אויסקויפן די רשעות פון דער גאַרער מענטשהייט.

אָט־דעם געדאַנק דריקט אויס בילדלעך דער מדרש:

„׳מיט אלהים איז אַרומגעגאַנגען נח׳... ווען דער מבול־דור איז אונ־טערגעגאַנגען, האָט דער אויבערשטער אָנגענומען נח׳ן ביי דער האַנט און האָט שפּאַצירט מיט אים, און דער קדוש־ברוך־הוא האָט געזאָגט: ׳מיין זון, נח, איז געווען א צדיק און איך פלעג אים האַלטן ביי דער האַנט און שפּאַצירן מיט אים, אויך מיט אייך, וועלכע הייסן צדיקים, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן: ׳און דיין פאָלק — אַלע זיינע זיי צדיקים׳... אין דער צוקונפט־צו־קומען, וועל איך מיט אייך שפּאַצירן, ווי עס איז געזאָגט גע־וואָרן: ׳און איך וועל אַרומגיין צווישן אייך׳...״ (ילקוט שמעוני, סוף פּרשת נח).

נח איז דער צדיק הדור, אין זיין זכות ווערט די מענטשהייט געראַ־טעוועט פון פאַרניכטונג. דאָס ישראל־פאָלק איז דער צדיק פון אַלע דורות און עס וועט ראַטעווען די מענטשהייט פון פאַרטיליקונג.

און דער חומש נעמט זיך מיט זיין גאַנצן פלייס דורכצוזעצן זיין עבֿודה, אויסקריסטאַליזירן א מוסטער־פאָלק.

ער פירט ארויף אויף דער סצענע אברם׳ען. אברם איז ערלעך, אָרנטלעך, אויפריכטיק, אברם איז די בענטשונג פון אַלע מענטשנ-קינדער.

סדום איז אַ זינדיקע און א פארדאָרבענע שטאָט. זי פארדינט דעם פסק חרוב צו ווערן. זי איז פאר׳משפט רואינירט צו ווערן. זי דארף אי־בערגעקערט, אויסגעקערט ווערן, ווי אָפפאל, פון דער שטוב פון עק־זיסטענץ.

אַברהם שטעלט זיך איין פאַר סדום. ער איז מלמד־זכות אויף איר. ער וויל ראטעווען אפילו סדום. ער טענה׳ט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם. ער דינגט זיך ווי נאָר א איד קען זיך דינגען... א גאנצע פרשה דינגעניש איז אָנגעשריבן מיט גרויס טאלאנט, מייסטערהאפט. אברם הויבט אָן מיט גאָר א הויכן מקח:

אין פאל אין סדום זיינען פאראן פופציק צדיקים, ביט־שוין־זשע וועט יהוה אומברענגען די שטאָט, אַזוי אַז די גערעכטע מיט די אומ־גערעכטע זאָלן אומקומען... „שיקט זיך עס, אז דער ריכטער פון דער וועלט זאָל ניט טאָן קיין גערעכטיקייט?״.

יהוה גיט צו, אז אויב עס וועלן זיך געפינען פופציק צדיקים, וועט ער פארגעבן דער שטאָט אלע אירע זינד צוליב די פופציק גוטע מענטשן.

אברהם ווייסט גאַנץ גוט, אַז קיין פופציק לייטישע מענטשן וועט ער אין סדום בשום אופן ניט געפינען. די צאָל פופציק האָט ער אָנגעבאָטן בלויז דערפאר, וואָס עס איז אַ הויכער פרייז פון וועלכן יהוה׳ן וועט זיין שווער זיך אָפצוזאָגן. און איצטער איילט אברהם באַרג־אַראָפּ אין די מקחים. ער פרעגט: און אויב עס וועלן פעלן פינף צו דער צאָל פופציק. שיקט זיך עס, אז דו זאָלסט אומברענגען א שטאָט צוליב פינף?!

ווי געפעלט אייך דער אידישער איינפאל! וויבאלד פופציק ראטעווען די שטאָט, און עס פעלן בלויז פינף צו די פופציק, קומט דאָך אויס, אַז אַ שטאָט גייט אונטער צוליב פינף צדיקים אין דעם נעגאַטיוו, פינף צדיקים, וועלכע זיינען ניטאָ...

דאָס הייסט א תלמוד׳ישער פשט׳ל, א שטיק חריפות! עפּעס ווי די שטאָט וואָלט דער אויבערשטער וועלן איבערקערן ניט מחמת דעם, וואָס זי איז זינדיק און פארדאָרבן, וואָס אירע איינוואוינער זיינען שווע־רע בעלי־עבירות, גרויסע רשעים, נאָר מחמת דעם, וואָס דאָרטן פעלן אויס פינף צדיקים צו דער׳גאַנצן די פינף מניינים.

אין אָט־דעם שארפזיניקן גייסט ווערט געפירט די ווייטערדיקע שקלא־וטריא מכוח דעם מקח פון צידקות, וואָס די שטאָט דארף באַצאָלן פאר איר רשעות, בכדי זיך אויסצוקויפן פון דער באַשטימטער שטראָף.

אָט־די דינגעניש פרשה, — א מוסטער, וועלכער איז ניט פארפאלן געגאנגען און איז אויסגענוצט געוואָרן אין אידישן קליינהאנדל מיט מויזנטער יאָרן שפּעטער, אין די גערענגלעניש צווישן די קויפער און פארקויפער — איז אָנגעשריבן מיט דער אייגענער כוונה און טענדענץ, מיט וועלכער די פרשה נח איז פארפאסט.

סדום וואָלט ניט אונטערגיין ווען זי פארמאָגט א צדיק... דער הומש באגרייפט גאנץ גוט, אז די וועלט, די מענטשהייט, איז א סדום, און ער שטעלט זיך די אויפגאבע צו קולטיווירן א פאָלק א צדיק, א גוי־קדוש, בכדי צו ראטעווען די סדום׳ישע מענטשהייט פון אומקום.

דער חומש פארלאָזט מיט פארדרוס, מיט עגמת־נפש, נאָך עטלעכע דורכפאלן, די ברייטע האָריזאָנטן פון אוניווערסאליזם. ער באגנוגנט זיך מיט די ענגע פערספּעקטיוון פון „נאציאָנאליזם". דער חומש באמיט זיך אויסצוגעשטאלטן אן עטישן נאציאָנאליזם, שאפן א „כהנים־קיניגרייך", אן „עם קדוש", וועלכער וועט מיט זיינע מצוות דארפן אריבערוועגן די עבירות פון דער סדום׳ישער מענטשהייט.

אויף דעם נאָכגעב גייט אײן דער חומש מחמת נויט, ווייל ער קען זיך ניט העלפן. זיינע אלמענטשהייטלעכע פלענער האָבן געליטן א פיאַס־קאָ, און אזוי ווי ער קען ניט אריבער, גייט ער ארונטער. אָבער ער רעכנט ניט דעם צושטאַנד פון נאציאָנאליזם, הגם עטישן, פאר זיין ענד־צוועק, וועלכער בלייבט ווי געווען און דאָס איז אויפצוריכטן א לייטישע מענטשהייט.

אין די פראָפּעציייאונגען פון די נביאים שיינט מיט העלן ליכט דער גאָר ראשית׳דיקער און אלצאומפאסנדיקער אוניווערסאַליזם פון די ער־שטע פרשות פון ספר בראשית.

2.

עטיק ביי אידן און ביי די אומות־העולם

דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט א געשיכטע, וועלכע איז גאַנץ היפש־לעך דאָקומענטירט און וועלכע ציט זיך איבער א משך פון בערך פיר טויזנט יאָר. און פונדעסטוועגן קענט איר נאָך אויך ביי היינטיקן טאָג הערן ערנסטע געוויסנהאפטע דעבאטן מכוח דעם צי אידנשאפט איז א פאָלק צי בלויז א רעליגיעזע סעקטע. וואָס איז דער מער מיט דעם אידישן כלל־ישראל, וואָס דווקא זיין כאַראַקטעריסטיק אלס א קערפּערשאפט איז נאָך עד־היום ניט קלאָר פאַר יעדן? מיט וואָס דערקלערט זיך אָט־די ניט־פעסטגעשטעלטקייט בנוגע דעם פּרצוף־פּנים פון דער אידישער געמיינ־שאפט?

יאָ, עס איז שווער צו זיין א איד. אָבער עס איז נאָך שווערער צו וויסן, מער אָדער ווייניקער, וואָס איז אזוינס אַ איד, וואָס שטעלט פאָר מיט זיך די כנסת־ישראל, ווען מ׳וויל זי באצייכענען אין סאָציאָלאָגישע טערמינען. פון וואַנעט נעמט זיך אָט־די שווערקייט?

דער ענטפער איז איינפאַך.

דאָס אידישע פאָלק איז ניט דער כלל, נאָר דער יוצא מן הכלל, עס איז ניט דער דורכשניט־טיפּ פון פעלקער, נייערט עפּעס ספּעציפישעס. איין פאָלק שיידט זיך אונטער פון אן אנדער פאָלק. און פעלקער זיינען פאַרשיידן סיי אין זייער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער און סיי אין זייער סאָ־ציאַל־פּאָליטישער מראה, זייערע געשיכטעס ווערן געשריבן פון דער מערכה אויף א פאַרשיידענעם אופן אין פאַרשיידענע פלעצער. אָבער דאָס אידישע פאָלק אונטערשיידט זיך פון די איבעריקע פעלקער אַ סך מער ווי איין פאָלק פון די אומות־העולם אונטערשיידט זיך פון אן אנדער פאָלק.

„מיר" און „זיי", „איד" און „גוי", „כנסת ישראל" און די „אומות־העולם" זיינען ניט גלאַט אזוי זיך פּוסטע פראַזן. אָט־די פאַנאַנדערשפּאַל־טונג, די צעטיילונג פון דער מענטשהייט אין אידן און ניט־אידן, האָט אונטער זיך א גרונט. יעדער איד פון אלטן־דור, פון דער פעסטגעשטעל־טער טראַדיציע, האָט אזוי געטראַכט וועגן זיך. ער האָט זיך קעגנגע־שטעלט דער גאַנצער ניט־אידישער וועלט, ער האָט געפילט, אז די צעטיילונג־ליניע לויפט אזוי, אז זי מאַכט א להבדיל צווישן אים אלס אידן און די איבעריקע מענטשן אלס „גויים", אלס מיטגלידער פון פעל־קער, פון „שטאַמען פון דער ערד". און דער ניט־איד, וועלכער געפינט

זיך אין באַרירונג מיט א אידישער סביבה, טראַכט און פילט אויך אַזוי. ער שטעלט זיך קעגנאיבער דעם אידן. ער באַטראַכט ניט דעם אידישן ציבור ווי א געוויינלעכע סאָציאַלע פאָרמאַציע, ווי אַלע איבעריקע, צו וועלכע ער געהערט ניט. צום ביישפּיל, אַן ענגלענדער קוקט ניט אויף א אידן אַזוי ווי ער קוקט אויף א פראַנצויז, א האָלענדער, א שווייצאַרער וכדומה. אויך ער טראַכט, אַז ער, דער ענגלענדער און אַלע איבעריקע מיטגלידער פון אַלע אַנדערע ציוויליזירטע פעלקער, מיט וועמען ער קומט אין קאָנטאַקט, זיינען אין זאַך, שטעלן צוזאַמען עפּעס גאַנצעס, בשעת דער איד פאַרנעמט גאָר אַן אַנדער פּאָזיציע, ער געהערט ניט צו זייער געמיינשאַפט.

דער אמת איז, אַז דער חילוק, וואָס ליגט צווישן דעם אידישן פאָלק און די איבעריקע פעלקער, איז פיל גרעסער, שאַרפער, און טיפער איידער דער חילוק, וועלכער געפינט זיך צווישן איין פאָלק און דעם אַנדערן פון צווישן די ניט־אידישע פעלקער.

אין וואָס באַשטייט אָט־דער חילוק? וואָס מאַכט אָט־די „אַנדערש־קייט”?

כמעט אַלע פעלקער זיינען פּאָליטישע קערפּערשאַפטן, בשעת דאָס אידישע פאָלק איז בלויז אַן עטישע קערפּערשאַפט. דאָס אידישע פאָלק גענומען אַלס גאַנצעס, איז אַפּאָליטיש, פאַרמאָגט ניט קיינע ריין־וועלט־לעך־פּאָליטישע אינסטיטוציעס.

וואָס מיינט עס ווען איך זאָג „בלויז אַן עטישע קערפּערשאַפט”? דאָס מיינט אָט־וואָס: די פאַרהעלטענישן צווישן דעם איינצלנעם מיטגליד און דער אַלגעמיינער קערפּערשאַפט ווערן ניט רעגולירט דורך א געזעץ וועלכער פאַרמאָגט צוואַנג־פאַרבינדלעכקייט, נאָר דורך אַ געזעץ, וועל־כער באַזיצט אַן אינערלעכע סאַנקציע, ד. ה. ער איז פרייוויליק אויסערלעך און פאַרבינדלעך בלויז פון־אינעווייניק.

א פּאָליטישע קערפּערשאַפט איז א פאָלק, וואָס האַלט צוזאַמען זיינע מיטגלידער, ווי אַ רייף די קליאָפּקעס פון אַ פאַס, מיט געוואַלט, סיי ווען דער יחיד וויל סיי ווען ער וויל ניט. מוז ער פאָלגן, וואָס מ׳הייסט אים אין נאָמען פון כלל. מ׳פרעגט ביי אים ניט, מ׳רעכנט זיך ניט מיטן דעת־יחיד. די גרופּע אַלס א גאַנצע, וועלכע ווערט פאַרטראָטן דורך א מערהייט אָדער אַ גוט אָרגאַניזירטער מינדערהייט, באַשטימט איר קורס פון האַנדלען, און דער יחיד ווי אויך די אומוויכטיקע, ניט גענוג אַרטיקו־לירטע, ניט שטאַרק צונויפגעבונדענע, מינדערהייט, מוזן זיך אונטערוואַרפן די אַלגעמיינע באַשלוסן. זיי מוזן מבטל־זיין זייערע מיינונגען, בויגונגען

פאר די מיינונגען, וועלכע ווערן דערקלערט פאר אָנגענומענע און ווערן כאַנקציאָנירט אלס געזעצן.

ווען אַ געוויינטלעך פאָלק אונטערנעמט זיך דורכצופירן אַ געוויסע אַקציע, פארלאָזט זיך עס ניט אויף דעם יושר־געפיל פון יעדן יחיד זיי־נעם, אז עס וועט אים מאָראַליש צווינגען פרייוויליק מיטצוהעלפן דורכ־צוזעצן די וויכטיקע נאציאָנאַלע אונטערנעמונג, עס גיט ארויס א געזעץ, און דאָס געזעץ איז א מוז־זאַך, איז א חוב פאר אלע איינצלנע. זיי מוזן געהאָרכן. נעמט, אַלס אילוסטראַציע, קאָנסקריפּציע פון רעקרוטן בשעת שלום אָדער מלחמה, שטייער־ארויפלייגונג, קאָנפיסקאציע פון פארמעגנס, רעקוויזיציע וכדומה אקטן פון א רעגירונג.

ניט אזוי פירט זיך אויף די אידישע געזעלשאפטלעכקייט. ווי וויכ־טיק די אקציע זאָל ניט זיין, קען דער אידישער כל־ישראל בלויז אפּע־לירן צו די ר׳ ישראלס, וועקן זייער געוויסן, באווייזן זיי, באמיען זיך צו איבערצייגן זיי, אַז זיי דאַרפן ביישטייערן, בייטראָגן. ער קען זיי אָבער ניט נויטן צו טאָן עפּעס לטובת הכלל.

לאָמיר פאראלגעמיינערן אָט־דעם איינפאכן געדאנק: די פארהעלטע־נישן צווישן איינצלנעם און דעם ציבור ביי אנדערע פעלקער ווערן רע־גולירט פּאָליטיש יורידיש, ביי דעם אידישן פאָלק ווערן די זעלביקע פאַרהעלטענישן רעגולירט עטיש אָדער רעליגיעז־עטיש, וואָס איז דאָס אייגענע.

מיט אנדערע ווערטער, דאָס אידישע פאָלק איז אַן עטישע געמיינ־שאפט ארויפגעבויט אויף אַן עטנישן פאָלקסטום. כנסת־ישראל האלט זיך אויף מאָראַל. דער כלל מוז זיך ווענדן צום וואכן געוויסן פון זיינע מיט־גלידער און זיי אָנדייטן, אז עס איז זייער פליכט זיך צו פארהאלטן מאָלידאריש, צו האנדלען אזוי, אז זיי זאָלן חס־וחלילה ניט שעדיקן די אינטערעסן פון כלל־ישראל. אויף דער שפּראך פון חומש הייסט עס, אז דאָס אידישע פאָלק איז אן „עם־סגולה״, א „גוי־קדוש״, א הייליק פאָלק, א פאָלק, וואָס בויט זיין נאציאָנאַליזם אויף עטישע, הייליקע יסודות.

דאָס איז אַלץ גערעדט מכוח דעם אינערלעכן לעבן פון דער אידנשאַפט.

וואו האלט עס מיט דעם אויסערלעכן לעבן? וואָס הערט זיך מכוח די באַציאונגען צווישן אידישן פאָלק און אנדערע פעלקער?

דאָ, אין די אויסערלעכע אַנגעלעגנהייטן, ווייזן זיך ארויס די זעלביקע שטריכן.

די שייכותן צווישן פעלקער ווערן געפירעמט אָדער פּאָליטיש־דיפּ־לאָמאטיש, בשעת שלום, אָדער מיליטעריש־קריגעריש, בשעת מלחמה.

דאָס מיינט אזוי, אָדער זיי אָמפּערן זיך, דינגען זיך, טענה׳ן זיך אויס איינס מיט דאָס אנדערע, פירן אונטערהאַנדלונגען צווישן זיך און בשעת מעשה האלטן זיי אין איין שרעקן, אז אָט־אָט נעמען זיי זיך שלאָגן, אין פאַל מ׳וועט ניט נאָכקומען זייערע פאָדערונגען. דאָס איז ווען זיי „שמועסן״, פאַרהאַנדלען פרידלעך. זייער פרידן שטייט אין שאָטן פון קריג. און בשעת קריג — איז דאָך ניטאָ וואָס צו ריידן, דעמאָלט איז אלץ דער־לויבט. זיי הורג׳ען זיך, זיי מזיק׳ן זיך. זיי שווימען אין אייגענעם און פרעמדן בלוט און דערטרינקען דעם שונא אין זיין און אין זייער בלוט.

גאָר אַן אַנדער פּאָזיציע פאַרנעמט דאָס אידישע פאָלק און לגמרי אַן אַנדער טאַקטיק ווענדט עס אָן ווען עס האַנדלט זיך מכוח דאָס פאַרטיי־דיקן פון די אלגעמיין אידישע אינטערעסן.

בשעת שלום קען דאָס אידישע פאָלק, אלס א גאנצעס, ניט פירן קיינע באמת דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען; דאָס אידישע פאָלק קען עס ניט באַווייזן פשוט דערפאַר, וואָס די וועלט־מלוכות אָנערקענען ניט די אידנשאַפט אלס אַן אלוועלטלעך פּאָליטישע קערפּערשאַפט מיט א באַ־שטימטער פאַרטרעטערשאַפט, וועלכע איז פאַרקערפּערט אין געוויסע אינסטיטוציעס. און בשעת מ׳באַ׳עוולה׳ט די אידן, מ׳פּאָגראָמירט זיי, מ׳ראַבירט זיי, מ׳טוט זיי אָן נגישות, מ׳רודפ׳ט זיי, קען דאָס אידישע פאָלק זיי ניט העלפן. עס קען ניט דערקלערן קיין קריג זיין שונא, דאָס אידישע פאָלק האָט איין מעגלעכקייט און דאָס איז אפּעלירן צום געוויסן פון דער מענטשהייט, דעם שונא זיינעם ארייננערעכנט. דאָס אידישע פאָלק קען זיך ניט ווערן מיט זיינע געפּאַנצערטע פויסטן, מיט קאַנאָ־נען, האַרמאַטן, קריג־שיפן, פשוט דערפאַר, וואָס דאָס אידישע פאָלק פאַרמאָגט ניט קיין באַזע, וועלכע וואָלט געמאַכט מעגלעך דאָס איינשאַפן זיך אָט־די כלי־משחית. די אידישע געמיינשאַפט איז צעזייט און צע־שפּרייט, זי שטעלט פאָר מיט זיך א קליינע מינדערהייט, וועלכע איז, אונ־טער קיינע אומשטענדן, ניט בכוח צו לייסטן ווירקזאַמען ווידערשטאַנד. דער אידישער ציבור איז ניט קריג־פעאיק. דער קאַמף, וואָס דער אידי־שער כלל ישראל קען פירן דערפאָלגרייך, איז א קאַמף פאַר בלויזער עק־זיסטענץ. דאָס מיינט, אז די אידנשאַפט שטרענגט זיך אָן מיט כל־הכוחות און דערלאָזט בשום אופן ניט, אז איר שונא זאָל זי אומברענגען, פאַר־ניכטן.

פון אָט־דעם געזאָגטן איז קלאָר, אַז דער קיום פון דעם אידישן גע־זעמל איז אָפּהענגיק פון עטיק, אָן וועלכער ישראל קען זיך ניט באַגיין. דאָס אידישע פאָלק מוז אָנקומען צו עטיק סיי אינערלעך, ווען עס האַנדלט זיך מכוח דער לאָיאַליטעט־צוגעבונדנקייט פון יחיד צו אים אַלס כלל, סיי

אויסערלעך, ווען עס האנדלט זיך מכוח זיינע פארהעלטעגישן צו דער ניט־אידישער וועלט.

פאר אנדערע פעלקער איז עטיק אַ מין לוקסוס־זאך, א מותרות, וועל־כע זיי דארפן ניט האָבן און ווילן ניט האָבן. פארן אידישן פאָלק איז עטיק א נויטווענדיקע באדערפעניש אָן וועלכער עס קען ניט עקזיס־טירן.

דאָס און עפּעס נאָך מער.

ביי די אומות העולם קען עטיק דינען בלויז אלס א רעגולאטאָר פון פאַרהעלטענישן בין אָדם לחבירו, פון איין יחיד צום צווייטן. אלס פעלקער האָבן זיי מיט אָט־דעם סיסטעם גארניט צו טאָן. די צווישן־פעלקער שייכות׳ן ווערן באין־אופן ניט רעגולירט אויפן סמך פון מאָראַל. די אומות־העולם זיינען ניט קיין עטישע מהות׳ן, נייערט פּאָליטישע קער־פּערשאפטן. זיי קענען זיך ניט פארנעמען מיט עטיק אויף אן אמת. ווען זיי וואָלטן עס טאָן, וואָלטן זיי זיך אויפלייזן אלס פּאָליטישע קערפּער־שאפטן. מ׳קען ניט פירן קיין מלוכה אויף עטישע יסודות, ווייל א מדינה איז ניט קיין אינסטיטוציע, וועלכע באזירט זיך אויף מאָראַל, און ווען א פּאָלק, אפילו בלויז דורך אַ וואָגיקער צאָל פון זיינע פאָרשטייער, וואָלט זיך פארטיפן אין עטישע פּראָבלעמען, ניט בלויז טעאָרעטיש, נאָר טאקע פּראקטיש, הלכה־למעשה, וואָלט עס פארלירן זיין שטאַט. ווייל די איבע־ריקע פעלקער, וועלכע זיינען ניט קיין מאָראַליסטן, וואָלטן אים באַ־קעמפן און באזיגן. מ׳קען ניט זיין קיין צדיק, קיין מוסר׳ניק און פירן בשעת־מעשה זיגרייכע מלחמות, פארכאפּן לענדער, אונטערדריקן שוואַ־כערע קערפּערשאפטן. דאָס איז ניט קיין ארבעט פאר א געוויסנפאָרכטיקן ציבור.

מיט דעם אומשטאנד, וואָס עטיק הויזט ניט מיט נאציאָנאל־פּאָלי־טיק, דערקלערט זיך די צביעות פון קריסטנטום. אַ גרויסע צאָל פעל־קער האָבן כלומרשט זיך פארליבט אין דער „אידישער עטיק״. דאָס איז אָבער געווען בלויז א פוסטער פלירט, א צופלייסן, א שפּיל און אָפּנאר. זיי האָבן ניט געקענט אויפבאווארן זייער פּאָליטישן וועזן, אלס פעל־קער, מלוכה־פארמעגער, שטאַט־פירער און צו דער זעלביקער צייט נאָכ־קומען די שטרענגע פאָדערונגען פון דער אידישער מאָראַל. איז וואָס האָבן זיי פאָרט געטאָן, וועלנדיק זיין קריסטן און באותו שעה עס ניט זיין? זיי האָבן געפעלשט, געקרייציקט דעם קריסטנטום, געמאכט פון אָט־דער עטישער־פּראָפעטישער לערע א „חוזק״, אַ קאריקאטור, אָדער, ריכטיקער, זיי האָבן פּראקטיצירט דעם קריסטנטום בלויז א שעה אין דער וואָך און דאָס בלויז זונטיק, אין די ד׳ אמות פון דער קירכע־געביידע

און בשעת תפילה־טאָן. אויסער דער קירכע זיינען זיי קיין קריסטן קיינ־מאָל ניט געווען.

דאָס אידישע פאָלק, אדאנק זיינע נביאים, האָט גענומען זיינע עטישע אָנשויאונגען גאנץ ערנסט, און עס האָט באצאָלט פאר זיי גאנץ טייער. דער פרייז איז געווען זיין פּאָליטישע עקזיסטענץ. מיט פשוטע ווערטער, די נביאים מיט די מלכים האָבן זיך בשום אופן ניט געקענט איינלעבן אין הויזגעזינט פון ישראל. די פּראָפעטישע אידעאַלן און באַשטרעבונ־גען זיינען געווען קעגן דער רעאַליסטישער פּאָליטיק פון די אידישע שטאַטס־לייט און אין דעם געראַנגל צווישן עטיק און פּאָליטיק האָט גע־זיגט עטיק און איר פאָרשטייער, דער נביא.

אין דער אידישער ליטורגיע איז דאָ א געוויסע תפילה, וועלכע הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „און צוליב אונדזערע חטאים זיינען מיר פארטריבן געוואָרן פון אונדזער לאנד". פיל ריכטיקער וואָלט געווען, ווען מיר זאָגן, אז צוליב אונדזערע מצוות זיינען מיר פאַריאָגט געוואָרן. ווען מ׳זאָל ארויסטרייבן פעלקער פון זייערע לענדער צוליב זייערע זינד, האָט מען נאָך לאנג צוריק געדאַרפט ארויסטרייבן אלע פעלקער פון זייערע פאָ־טערלענדער. דער אמת איז, אז דער אידישער ציבור, דער אלטער ישראל, צאָלט א גרויסן פרייז פאר זיינע טוגנטן, פאר זיינע עטישע איבערצייגונ־גען און פּראָפעטיש־פוטוריסטישע באַשטרעבונגען.

דער איד ווערט געיאָגט און געטריבן מחמת דעם, וואָס ער איז שוואך. און ער איז שוואך, דאָס הייסט, ער איז ניט פּאָליטיש אָרגאניזירט, ניט מיליטאַריסטיש איינגעאָרדנט, מחמת דעם, וואָס ער האָט א תורה און מצוות, דאָס הייסט, אַ פארצווייגט עטיש סיסטעם.

און עס איז צו באוואונדערן דעם אידישן אינערלעכן שטאָלץ און מאָ־ראַליש סופּעריאָריטעט־געפיל, וועלכע האָבן געקראָגן זייער אויסדרוק אין דער באַקאנטער ברכה: „געבענטשט ביסטו, אויבערשטער, אונדזער אלהים, קעניג פון דער וועלט, דערפאר, וואָס דו האָסט מיך ניט געמאכט פאר א גוי"... נאָך ליכטיקער האָט דאָס דערהויבנקייט־באוואוסטזיין ארויסגעשיינט אין די עטלעכע ווערטער פון דער „הבדלה": „דער וואָס טיילט אָפּ דאָס הייליקע פון דעם וואָכעדיקן, דאָס ליכט פון דער פינצ־טערניש, ישראל פון די פעלקער"... דאָס הייסט, דאָס עטישע צו־זאמענלעבן פון דעם פּאָליטישן לעבן, וועלכעס קען ניט זיין עטיש אויס־געהאלטן.

צווישן אַן עטיש פאָלק און א פּאָליטיש פאָלק ליגט א תהום. אַן עטיש פאָלק קען ניט זיין קיין פּאָליטיש פאָלק, ווי דער שבת־קודש קען ניט ווערן וואָכעדיק, ווי דער שיין קען ניט ווערן דער שאָטן, דער חושך.

אמת, די אידנשאפט ליידט, ווערט ארויסגעריסן. אָבער זי האָט גע־שעפט אָן א שיעור סאטיספאקציע אין דעם באוואוסטזיין, אז זי שטייט העכער פון אלע גרויסע, שטארקע, מעכטיקע פעלקער, ווייל זי אליין איז אַן עטישע קאטעגאָריע, א מאָראלישע ווען, א סאָציאלע פארמאציע, וועל־כע עקזיסטירט אדאנק אַן עטישן קאטעגאָרישן אימפעראטיוו, אדאנק דעם פאקט, וואָס זי פארמאָגט א תורה און מצוות, ד. ה. געבאָטן, וועלכע פאר־מאָגן אַן אינערלעכע סאנקציע, א פרייוויליקע פארבינדלעכקייט.

דאָס אידישע פאָלק אלס א „גוי קדוש", אלס א „כנסת ישראל", א געזעמל, וועלכעס האלט זיך אויף אדאנק א מאָראלישן באוואוסטזיין, וועלכעס דרינגט אדורך זיינע מיטגלידער, איז אַן עקספערימענט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. דער עקספערימענט האָט זיך דער־ווייל איינגעגעבן בלויז אויף אזויפיל, אויף וויפיל דעם אידישן פאָלק איז געלונגען אויפצובאוואָרן זיין זעלביקייט, זיין אידענטיטעט דורך אזויפיל דורות אויף צו־להכעיס זיינע שונאים, וועלכע זיינען אויפגע־שטאַנען קעגן אים אין יעדן דור מיט דער אבזיכט אים צו פארטיליקן.

דעם אידן קומט אויס פיל אויסצושטיין פאַר אָט־דעם עקשנות'דיקן פאַרזוך, וועלכן ער האָט געמאַכט און מאַכט טאָג־טעגלעך, אַ פאַרזוך, וועלכער באשטייט אין אויפהאלטן און אָנהאלטן א נאציאָנאלע קערפּער־שאפט אויף עטיק אָן אַ נאציאָנאלער שטאָט־פּאָליטיק. דער געטרייער איד גלויבט אָבער, אַז אָט־דער עקספּערימענט וועט זיין מיט דער צייט אַ פול־מאָסיקער דערפאָלג. ווייל אזוי ווי די אידנשאפט לעבט — אָן די יסורים און נגישות, וועלכע עס קומט איר אויס צו ליידן צוליב דער באַרבאַריש־קייט פון דער ניט־אידישער „ציוויליזאציע" — פונקט אזוי וועלן לעבן אין דער ווייטער צוקונפט אלע פעלקער פון דער וועלט. זיי וועלן זיך עטאבלירן אויפן יסוד פון א פרייוויליקער געמיינדע. דער טראדיציאָנעל־פארפונדעוועטער איד איז זיכער, אז די קרבנות, וועלכע ער ברענגט, זיינען ניט ארויסגעוואָרפן, ווייל ער מיט זיין ארט און ווייזע פון נאַציאָנאַל־לעבן ווייזט אַ מוסטער און טרעט אויס דעם וועג פאר דער מענטש־הייט.

דער איד אין זיין תורה האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאָרמולירן און שאפן, דורכפירן באוואוסטזיניקערהייט, אַן עטישן נאַציאָנאַליזם. און דאָס איז דער סאָציאַל־וויסנשאפטלעכער אינהאלט פון דעם „אתה בחרתנו".

די יעניקע, וועלכע קלייבן זיך ניט פאנאנדער אין דעם פארפלאָג־טערטן קנויל פון די דאָזיקע געדאנקען, זעען אין אידישן אתה בחרתנו, אין דער לערע מכוח דער אידישער אויסדערוויילטקייט, א מין שאָווי־ניזם. זיי באַגרייפן ניט, אז אָט־די לערע איז פונקט דער היפוך פון ווילדן,

באַרבאַרישן שאָוויניזם. זיי מיינען, אין זייער קורצזיכטיקייט, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ געוויינלעכן פּאָליטישן פאָלק־צונויפנעם, זיי זיינען ניט משיג, אַז פאַר זיי שטייט אַן עטישע קערפּערשאַפט. און אַן עטישער „אתה בחרתנו״ איז אַ לערע, וועלכע לייגט אַרויף אויף די פּלייצעס פון אירע טרעגער פליכטן און בשום־אופן ניט קיינע פּריווילעגיעס. עס איז ניט אַ לערע מכוח געוויסן ספּעציעלע רעכט, באַזונדערע זכיות, נאָר דערפילן געוויסע התחייבותן און שעפּן צופרידנקייט פון דעם באַוואוסטזיין פון געפינען זיך אין אַ צושטאַנד פון אונטער־פּריווילעגירט זיין. מער משא געטראָגן, און ווייניקער לוין באַקומען, אויסער דעם גייסטיק־מאָראַלישן לוין, וועלכער קומט מיט דעם געוואָרזיין פון אָט־דעם צושטאַנד פון באַקומען ווייניק לוין מאַטעריעל.

מיך חידושט באמת, וואָס אַזאַ חשוב׳ער שריפטשטעלער, ווי י. ראַפּאָפּאָרט, זאָל זיך דערלויבן צו באַצייכענען אָט־דעם מין געדאַנקען־גאַנג מיט דעם גאָרניט געהויבענעם עפּיטעט: פאַשיזם אויף דער לינקער זייט. ווער ווער, אָבער ער האָט אוודאי געמעגט וויסן, אַז פאַשיזם האָט בלויז איין זייט, אַ רעכטע זייט. דעם אידישן עטיזם טאָר מען בשום אופן ניט צונויפמישן מיטן גוי׳אישקן, קאָמוניסטישן, פאַשיסטישן, נאַציסטישן, אימפּעריאַליסטישן שאָוויניזם־פּאַטריאָטיזם, ווייל ער איז דער דיאַמעטראלער קעגנזאַץ פון זיי. אַזוי ווי מ׳קען ניט זאָגן, אַז צדקה־געבן איז רויבעריי אויף דער לינקער זייט, אַז פּאַציפיזם איז מיליטאַריזם אויף דער לינקער זייט, אַזוי קען מען ניט זאָגן, אַז עטישע דערהויבנקייט, מאָראַלישע ראַפינירטקייט איז באַרבאַרישע חיה־רעה׳שע שפלות און גראָבקייט אויף דער לינקער זייט. פאַשיזם פאַרמאָגט ניט קיין לינקע זייט, ווי מאָראַליזם פאַרמאָגט ניט קיין רעכטע זייט.

אַנדערע, ווידער, אַמפּערן זיך, זיי טענה׳ן: פאַרוואָס זאָלן מיר זיין בעסער פון אַנדערע פעלקער, מיר ווילן זיין אַזוי גוט און אַזוי שלעכט ווי דער דורכשניט־פאָלק איז. די טענה וואָלט אפשר געווען אַ גערעכטע, ווען זי וואָלט ניט גיין כנגד דעם גאַנצן גאַנג און דעם מיין פון דער אידישער געשיכטע.

הערנדיק זיי ריידן, דערמאָן איך זיך די פאַבל פון לעסינגן מכוח דער־שעפּס.

די חיות האָבן זי גאַנץ אָפט באַ׳עוולה׳ט. און זי איז געקומען זיך קלאָגן פאַר יופּיטערן. יופּיטער האָט זי אויסגעהערט גאַנץ אויפמערקזאַם. ער האָט אויסגעדריקט זיין מיטגעפיל. ער האָט איר געוואָלט העלפן. ער האָט איר פאָרגעלייגט הערנער אַלס שוצמיטל קעגן אירע באַדרענגער. זי האָט זיך אַנטזאָגט. ער האָט איר פאָרגעלייגט שטאַרקע קאָפּיטעס און

א גבורה אין די הינטערשטע פיס אזוי, אז זי זאָל קענען א שנעל טאָן אירע פיינט, זיך אָפּבריקענען פון זיי. זי האָט זיך אנטזאגט, מורא־האָבנדיק פאר זיך אליין, זי זאָל ניט געברויכן אירע דעפענסיווע כלי־זין אלס אָפענסיווע־געווער. ער האָט איר פאַרגעלייגט א פּאָר גיפטיקע ציין. זי האָט זיך אנטזאגט. צום סוף האָט יופּיטער אויסגעשריגן אין פארצווייפלונג: וויבאלד דו ווילסט קיינעם ניט באליידיקן, מוזסטו שלום מאכן מיט דיין מערכה פון ווערן באליידיקט. אָבער דאָס וועל איך יאָ טאָן פאר דיר, איך וועל דיר געבן וואָל, און צוליב דיין וואָל וועלן מענטשן אויף דיר אכטונג געבן און וועלן דיך פלעגן און האָדעווען... צוליב דיין וואָל...

די אידישע געשיכטע האָט זיך מיט אונדז ניט אויסגע׳טענה׳ט. אָבער אלץ, וואָס זי האָט אונדז געגעבן, איז עטישן וואָל... און איצטער חרטה האָבן איז אביסל צו שפּעט.

.3

די „תורה" אַלס אַ לערנשאַפט

טורגעניעוו, אין איינעם פון זיינע ראָמאַנען, שילדערט א סטודענט, וואָס זאָגט, אז ער איז פאַרנומען מיטן שרייבן אַ ווערק וועגן געשיכטע; וועלכעס וועט זיין טיפער פון באָקל׳ס. מילא, דאָס איז בלויז יונגע־לייטישע חוצפה. אָבער אויף דער אידישער גאַס, פאַר די לעצטע פאָר צענדליק יאָר, זעען מיר אַ פארלאַנג, ביי אַ טייל יונגעלייט און אַלטע לייט, צו מאַכן געשיכטע טיפער פון געשיכטע. זיי וואָלטן וועלן אין אַ פאָר יאָר אָנשרייבן די אידישע געשיכטע בעסער, ווי די אידישע געשיכטע האָט עס געטאָן אין אַ משך פון פיר טויזנט יאָר.

ווי דערקלערט זיך אַזאַ מאָדנע אומגעלומפּערטע דערשיינונג?

די זאַך קומט פאָר אַזוי. אַ טייל, אַ זייער אומוויכטיקער טייל בנוגע צאָל, ווערט אַסימילירט ביז צו אַ געוויסן גראַד. אָבער אַזוי ווי פלוצלונג דערוויסן זיי זיך, אַז דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע איז פול מיט אַלערליי ווייטאָקן, און אַז דער וועג, וועלכער פירט קיין „גויים"־לאַנד, איז ניט אַלעמאָל און אין אַלע צייטן געדעקט און געבעט מיט רויזן, נאָר ער האָט דערנער און גאַנץ שטעכיקע, מאַכן זיי אַ „ויצעקו", נעמען שרייען „השיבנו נאַזאַד", לאָמיר זיך אומקערן צוריק אַהיים. און אַזוי טוענדיק, ווערן זיי פאַרוואַנדלט עפּעס אין אַ סאָרט רחמנא לצלנ׳דיקע „גרים". זיי ווייסן גאָרניט וועגן דעם אידישן לעבן, פאַרשטייען עס ניט, קענען עס ניט באַגרייפן מיט זייערע פאַרפרעמדטע מוחות, און פּלאָנטערן זיך צווישן

די אידישע פּיס, און פּרובירן מיט כל הכוחות צו גוי׳איזירן די אידן. איך רוף עס „גוי׳איזאַציע״. דאָס איז ניט קיין אויסנווייניקסטע אַסימילאַציע, נאָר אַן אינעווייניקסטע. איך מיין, אידישע „גויים״ מיט גויאישע השגות פאַרכאַפּן די אידישע גאַס. דאָס האָט פּאַסירט שוין אַ פּאָר מאָל אין דער אידישער געשיכטע. אין אַלטערטום האָט עס געהייסן העלעניזם, אָדער העלעניזאַציע. מ׳האָט געפּרובירט דעמאָלט בויגן דאָס אידישע לעבן לויט אַ גריכיש־העלענישן מוסטער. היינט־צו־טאָג ווערט געטאָן דאָס איי־גענע. די אידישע „פּאָלי־זשידקעס״ ווילן, מיר זאָלן ווערן צוגלייך מיט די איבעריקע פעלקער סיי אין אונדזערע אָנשויאונגען, סיי אין אונדזערע גע־פילן, אין אונדזער געמיט־ספּערע, און, ממילא, אויך אין אונדזערע הנהגות.

ווי אַלע שווערע און צייטווייליקע חולאת׳ן, וואָס די אידן זיינען אי־בערגעקומען, וועלן מיר אויך דידאָזיקע חולאת איבערקומען.

ווי זאָגט אַ אידישער ווערטל: „אַז מיר זיינען איבערגעקומען המנ׳ען, וועלן מיר משיח׳ן אויך איבערקומען״. יאָ, זיכער, געוויס. די היינטיקע „משיחים״ וועלן מיר מסתמא אויך איבערקומען.

איז עס ניט מאָדנע און לעכערלעך! עס איז אַזוי קאָמיש, אַז עס קען אפילו טראַגיש ניט זיין.

שטעלט זיך פאָר, וואָס וואָלט איר זאָגן צו אַ מאַן, וואָס האָט גע־לעבט ביז אַ יאָר פינף און זיבעציק ווי אַ פּרוש, אַ צדיק, אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, געפאַסט הפסקות, ניט געגעסן, ניט געטרונקען, געפירט זיך ווי אַן אַסקעט, אַן אידעאַליסט אין אַלע הינזיכטן. נאָר פּלוצלונג האָט זיך אין אים דער יצר הרע דערוועקט. און אין איין מיאוס׳ן רעגנדיקן שפּעט־אָוונט האָט ער זיך מיישב געווען, אַז זיין גאַנצער לעבן איז געווען מעיקרא אַ טעות. ער וויל איבערשרייבן, איבערמאַכן זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע. ער וועט אָנהויבן אַלץ פון דאָס ניי און דווקא לעבן אַ גוטן הזיר׳שן טאָג. וואָס אידעאַלן, ווען אידעאַלן! ער וועט ווערן פּראַקטיש! ער וועט ווערן אַ געשעפטס־מאַן, דערצו נאָך אַ ווייבערשער מאַן, און — כך הווה, ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך די דריי גוטע זאַכן — ווייַן, געלט און מיידלעך.

איר שטעלט זיך פאָר זיין דערפאָלג?

אָט־אַזאַ פּנים האָט די אידישע גאַס, ווען זי נעמט זיך „וועלטלעכן״ גוי׳איזירן...

נאָך צוויי טויזנט יאָר, לעבנדיק, אמת, אין געהאַקטע וואונדן, אמת, אין בויט און פּיין און פאַרפאָלגונגען, האָט מען זיך מיישב געווען — ס׳טייטש, מיר ווילן זיין גלייך מיט אַלעמען. און גלייך זיין הייסט ביי זיי — טרייבן גרויס־פּאָליטיק, נעמען טאַנצן דעם משוגענעם טאַנץ פון „אימ־

פּעריאַליזם״, וכדומה זאַכן, וועלכע קלעפּן זיך צום אידישן לעבן ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט.

נאַטירלעך, די פירער פון אָט־דער ריכטונג אָדער באַוועגונג זיינען אידן נאָר „פון נעכטן־אָן״, ווי אחד־העם פלעגט זיי רופן. זיי האָבן זיך אומגעקערט אהיים באַכדעם ווי זיי האָבן איבערגעלעבט אַ פּאָגראָם, אַן אַנטי־סעמיטישן אָנפאַל אויף זיי וכדומה. מ׳דאַרף דאָך אייך קיין פינגער אין מויל ניט לייגן. איר שטויסט זיך אָן, אַז איך מיין די „רעוויזיאָניס־טישע״ באַוועגונג. איין זאַך מוז מען יאָ זאָגן צו דעם שבח פון „רעווי־זיאָניזם״: ער איז הונדערט פּראָצענט אויסגעהאַלטן. ער רעדט קלאָר און דייטלעך, ער גייט גלייך אָן הינטערוועגעלעך, ער זאָגט בפירוש, אַז זיין צוועק איז צו מאַכן, אַז אידן זאָלן זיין „אידן״ אין גוטער גוי׳איש־קייט. ער וויל, אַז דאָס אידישע פאָלק זאָל ווערן אַ פאָלק ווי אַלע פעל־קער, אַן אמת׳ע נאַציאָן מיט אַלע איבעריקע נאַציאָנען גלייך, וואָס מיינט צו זאָגן אַ וואָלף צווישן וועלף און וואָיען ווי אַ וואָלף...

אַי וואָס טוט מען מיט דער לאַנגער אידישער געשיכטע, מיט איר פעסט אָנגעצייכנטן מאַרשרוט און אירע עטישע טענדענצן?

די רעוויזיאָניסטן ווערן פון אַזאַ פראַגע ניט געפלעפּט. זיי האַלטן, אַז זיי זיינען קליגער פון דער אידישער געשיכטע און פון די אַלע דורות אידן, וואָס האָבן געלעבט פאַר זיי. יענע זיינען געווען נאַראָנים, בשעת זיי זיינען די אמת׳ע חכמים. און בכלל באַצייכענען זיי אָט־די אויפפאַ־סונג פון געשיכטע אַלס „גלות״־טענדענצן, וועלכע מ׳דאַרף אַריינוואַרפן אין פּאָמוניצע. זיי ווילן אָנהויבן פון דאָס ניי, זיי וועלן קאָכן און סער־ווירן אַ פרישן מאַלצייט, אַ נייע סעודה פון היסטאָרישע געשעענישן.

אויב איר וועט טענה׳ן און פרעגן: זיינען מיר ניט אַ היפּש ביסעלע צו אַלט אָנצוהויבן אַלץ פון דאָס ניי? וועלן זיי אייך אַנטוויקלען אַ גאַנצע טעאָריע מכוח אַ „רענעסאַנס״, אַ מין אויפלעב, אַ צוריק־אויפשטייג, און נאָך אַזוינע זאַכן.

פאַרן רעוויזיאָניזם איז כאַראַקטעריסטיש זיין איגגלשער פאַרלאַנג צו שפּרינגען און אַריבערשפּרינגען איבער אַ צוויי, דריי טויזנט יאָר אויף־צוריק.

אין די רעוויזיאָניסטישע מאָטיוון געפינט איר אַזעלכע פּערל פון טיפער חכמה, אויבער־היסטאָרישער חכמה, ווי „אין בלוט און פייער איז יהודה געפאַלן, אין בלוט און פייער וועט יהודה אויפשטיין״.

זיי מיינען, זיי האָבן זיך איינגערעדט, אַז זיי זיינען אָדער, אמווליי־ניקסטן, קענען ווערן אמת׳ע „גוים״... און אויף אַ כפּרה דאַרפן זיי די אידישע געשיכטע מיט אירע ענוות׳דיקע מאָראַלישע טענדענצן.

ווי איך האָב געזאָגט, די רעוויזיאָניסטן האָבן איין גוטע מעלה. זיי זיינען אויסגעהאַלטן. זיי שפּרינגען אַרויס פון דער אידישער הויט און אָפּגעטשעפּעט. ווילן אָנהויבן פון אָנפאַנג, גיין צוריק ביז צו די נביאים, נאָר צו די מלכים, די אידישע קעניגן אין ארץ ישראל, און צו זייערע פעלד־מאַרשאַלן.

עס איז אָבער דאָ נאָך אַן אַנדער סאָרט אידן. איך וואָלט זיי גערופן „נאַראָווויסטע פערד". זיי גייען יאָ אין שפּאַן, זיי שלעפּן דעם וואָגן, זיי זיינען נושא בעול, נאָר פון צייט צו צייט שטעלן זיי זיך אויף די הינטערשטע פיס און נעמען בריקעווען. מיט זיי איז גאָר אַ צרה. עס איז ניט אַהער און ניט אַהין. איר ווייסט קיינמאָל ניט וואו איר האַלט מיט זיי. עפּעס דוכט זיי זיינען יאָ אידן, אָבער איר זייט ניט זיכער, ווייל פּלוצלונג נעמט פון זיי אַרויסריידן דער רעוויזיאָניסטישער דיבוק.

מיטן רעוויזיאָניזם פאַראייניקט זיי איין זאַך: זיי טיילן מיט אים דעם אומרעספּעקט פאַר דער אידישערווירקלעכקייט און אידישער געשיכטע און, ממילא, אידישן לעבן. אָבער זיי האָבן ניט דעם דרייסט צו ציען די קאָנסעקווענצן פון זייער פאַרהאַס און גרינגשעצונג פון אידישן לעבן. אַ מינוט שפּעטער שלעפּן זיי דעם וואָגן, הגם זיי בייסן דעם צאַם און דרייען דעם וואָגן אויף אַלע זייטן.

זיי, וועלכע איך, אויף מיין בעל־עגלה לשון, רוף אָן „נאַראָווויסטע פערדלעך", האָבן איין טענה. זיי זאָגן, דעם אידישן טייג דאַרף מען איבערקנעטן. די אידישע געשיכטע מוז מען „איבערשיכטן", „דיסהיסטאָריזירן". מ׳מוז מחדש־זיין גרויסע חידושים, אויפטאָן נייסן. זיי באַגרינדן זייער שטאַנדפּונקט בערך מיט אָט־דער אַרגומענטאַציע:

אַזוי ווי רעליגיע ווערט אַלט און קאַלט, דעריבער דאַרף מען אָננעמען נייע מיטלען, אָנווענדן נייע מעטאָדן, בכדי אויפצוהאַלטן די עקזיסטענץ פון אידישן פאָלק. נייע צייטן — נייע געצעלטן פאַר יעקב׳ן.

אין זייער געדאַנקען־גאַנג איז לייכט צו אַנטדעקן אַ פונדאַמענטאַלן ווידערשפּרוך. זיי פאַרזיכערן אונדז, אַז זיי זיינען אַרעליגיעז און מהאי טעמא שרעקן זיי זיך פאַר דעם תהום, וועלכער עפנט זיך פאַר דער אידנשאַפט און וויל זי איינשלינגען. אידן, לויט זייער פּראָגנאָזע, האַלטן ביי פאַרלירן זייער רעליגיע, וועלכע האָט זיי געדינט אַלס זיכערער אָנלען און געטרייער אָנהאַלט דורך דער גאַנצער לענג פון זייער געשיכטע.

דער ווידערשפּרוך באַשטייט אין דעם, וואָס מענטשן, וועלכע פּרעטענדירן צו זיין ניט־רעליגיעז, אָנערקענען, צו דער זעלביקער צייט, אַז רעליגיע איז געווען אַזאַ גרויסע אויפטוערקע, אַז זי איז אימשטאַנד געווען צו ראַטעווען אַ פאָלק פון אונטערגאַנג, אים ענערגעטיזירן און וויטאַ־

ליזירן, אים אַנפּאַמפּען מיט לעבנס־ענערגיע און כוח בייצוקומען דעם גרעסטן שונא — דעם טויט. אָבער שטעלן רעליגיע אַזוי הויך מעגן בלויז רעליגיעזע מענטשן, בלויז זיי האָבן אַ רעכט צו שטעלן אויפן חשבון פון רעליגיע אַזאַ גרויסן פּאָזיטיוון סכום.

צום סוף פון אַ לענגלעכער פּריוואַטער דעבאַטע מיט מיר פלעגט מיין טאַטע אַרויסברענגען אַלס אַנטשיידנדיקן אַרגומענט דעם פאָלגנדיקן געדאַנק:

— מיר, רבנים, מיט אונדזער „נאַרישקייט", האָבן באַוויזן אויפצו־האַלטן די אידן צוויי טויזנט יאָר, גיי, אַב׳קע, מיט דיין „קלוגשאַפט" און ווייז מיר דעם קונץ און האַלט זיי אויף נאָך צוויי טויזנט יאָר און נאָכ־דעם וועסטו קומען צו מיר און מיר וועלן ממשיך־זיין אונדזער וויכוח ביכוח די נייע אויסטייטשונגען, וועלכע דו ווילסט איינפירן.

איך פלעג אים ענטפערן:

— טאַטע, וואָס האָסטו זיך איינגעשמועסט! מיינסט טאַקע, אַז די רבנים האָבן אויפגעהאַלטן די אידן, איך זע פאַרקערט, אַז די אידן האַלטן אויף די רבנים.

פון זיין שטאַנדפּונקט איז מיין פאָטער געווען גערעכט. פאַר אַ רע־ליגיעזן באַאיוויסט איז רעליגיע אַ רעזולטאַט פון אַנטפּלעקונג. פאַר דעם באַאיווו־גלויביקן איז אמונה אַן אויסוויינקסטער כוח און פאַקטאָר. לויט דער אַלט־מאָדישער רעליגיעזער אויפפאַסונג האָט שבת געהיט די אידן. לויט אַ קריטיש־רעליגיעזער השגה איז פונקט פאַרקערט: דער איד האָט געהיט שבת. און געהיט האָט ער שבת דערפאַר, ווייל ער איז געווען איבערצייגט און געפילט בחוש, אינטואיטיוו, אַז היטנדיק שבת, האָט ער באמת געהיט זיך אַליין. אַזוי האָט ער פאַרהיט זיך קעגן אונטערגאַנג, וועלכער וואָלט קומען דורך אַ פּראָצעס פון אַסימילאַציע.

מיט אַנדערע ווערטער, דער קריטיש־רעליגיעזער דענקער שטעלט דעם טראָפּ אויף דעם אידישן געזעמל און זיין לעבנס־דראַנג. דער לעבנס־חשק פון אידן דיקטירט אים זיינע רעליגיעזע אַנשויאונגען און אויפפירונגען. די אידנשאַפט האָט קולטיווירט און טייער געהאַלטן איר רעליגיעזן באַנעם און אויפפיר, ווייל זי האָט באַגריפן, אַז אין אָט־דעם באַנעם און שטייגער ליגט אַ שטיק לעבן און געזונט. און כל־זמן דער אידישער געזעמל איז ניט געשעדיקט אין זיין וויטאַליטעט, כל זמן ער איז ענערגעטיש אָפּטימיסטיש, לעבנסדאָרשטיק און חיות־געלוסטיק, וועט ער בשום אופן ועניין ניט פאַרבראַקירן זיינע טיף רעליגיעזע אויפפאַסונ־גען, ער וועט אונטער קיינע אומשטענדן ניט פאַרוואַרפן זיינע רעליגיעזע איינפירונגען אין געדאַנק און אין טאַט.

דאָס לעבן פון אַ ציבור, וועלכער איז פריש און געזונט, איז מעכ־טיקער, מער אויטאָריטעט־אויסאיבנדיק ווי די פוסטע ראַציאָנאַליזאַציעס, איבערפלעכלעכע חקירות, „אויפקלערנדיקע" סברות פון אַ פּאָר אינטע־לעקטואַלן.

אַזוי ווי רעליגיע האָט אויסגעפילט אַזאַ וויכטיקע פונקציע אין דעם אידישן לעבן, מעגן מיר זיין מער ווי זיכער, אַז די אידנשאַפט וועט ניט פאַרנאַכלעסיקן אירע רעליגיעזע קולטור־פּראָדוקטן. קיינער וואַרפט ניט אַוועק זיין רעטונג־גאַרטל, ווען ער האַלט אין מיטן שווימען און ראַנגלען זיך מיט ברויזנדיקע כוואַליעס, אויב ער ווייסט, אַז אָן דעם גורט וועט ער דערטרונקען ווערן, סיידן ער וויל באַגיין זעלבסטמאָרד. און עס זעט מכל־וכל ניט אויס, אַז די אידנשאַפט זאָל אפילו צולאָזן דעם געדאַנק וועגן אַרויפלייגן אויף זיך אַ האַנט און אַזוי אומווירדיק, מעשה־פּחדן, אַראָפּ פון דער געשיכטלעכער בינע, אויף וועלכער זי האָט זיך געהאַלטן טויזנ־טער יאָרן מיט אַזאַ אָנשטרענג.

נאָך מער, מ׳דאַרף פאַרשטיין, אַז אידישקייט אַלס אַ רעליגיע איז גע־קומען צו איר ערשטן אויסדרוק נאָך איידער די שפּאַלטונג צווישן רעלי־גיע און וויסנשאַפט איז פאָרגעקומען. אידישקייט, אין איר קלאַסישער פאָרם, איז געשאַפן געוואָרן אין יענער אוראַלטערטום־צייט, ווען עס האָט נאָך ניט עקזיסטירט קיין אַנטאַגאָניזם, אָדער בלויז אַן אַרבעט־צעטיי־לונג, צווישן די דאָזיקע צוויי דיסציפּלינען. און דעריבער איז אידישקייט געווען, איז און וועט זיין אַן אייגנאַרטיקער קולטור־פּראָדוקט, וועלכער אַנטהאַלט אין זיך הן רעליגיעזע און הן וויסנשאַפטלעך־טעכנישע עלע־מענטן. אידישקייט, דאָס דאַרף מען האַלטן גוט אין זינען, איז אַ פאַר־צייטיקע רעליגיע. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אידישקייט פאַרמאָגט אַ פול־מאָסיקע אַלצאַרומפאַסנדיקע וועלט־דערקלערונג, ווי אויך אַ סומע נאָר־מעס, חוקים און משפּטים, דינים און פאַרשריפטן, וועלכע נעמען אַרום דעם גאַנצן מענטשלעכן אויפפיר אונטער אַלע אומשטענדן און אין אַלע באַדינגונגען.

אידישקייט רעגולירט דאָס גאַנצע לעבן פון דעם אידן, ניט בלויז אַ טייל און אין אַ געוויסער צייט. אידישקייט וואָלט זיך קיינמאָל ניט דערלויבט צו זאָגן אַזאַ חכמה׳לע, אַז עס איז וויכטיקער וואָס עס גייט אַרויס פון מויל, ווי דאָס, וואָס גייט אַריין אין מויל, ווי דער עוואַנגעליע טוט עס. וואָס מיינט מען עפּעס?! איז די דיעטעטישע וועלט הפקר?! מעג מען עסן סם־המות, און וועט דען דער עסער ניט באַצאָלן מיטן לעבן פאַר אַזאַ האַנדלונג?! אידישקייט פאַרמאָגט אַ שטרענגע דיעטעטיק, אַ וועטערינאַרע וויסנשאַפט, אַ געשלעכט־היגיענע. אידישקייט אַנטהאַלט

אָנדייטונגען מכוח אַקערן, זייען, שניידן, אַראָפּנעמען פּרוכט פון די בוימער.

אמת, ס׳רוב פון אָט־די אַלע געזעצן זיינען שוין לאַנג פאַרעלטערט געוואָרן. איז וואָס? מיינט עס, אַז מ׳דאַרף זיי באַנייען. אָבער דאָס מיינט אויף קיין פאַל ניט, אַז אידישקייט וועט זיך אָפּזאָגן פון קאָנטראָלירן אָט־די אַלע געביטן פון „וועלטלעכער״ באַשעפטיקונג. דעם קלאַסיק פון אידישער אמונה רופן מיר „תורה״, אַ לערע, ווייל אידישקייט איז אין תוך געגומען אַ צוויייאיקע דיסציפּלין, זי איז אי אַ רעליגיע און אי אַ וויסנשאַפט. און מ׳טאָר ניט טראַכטן וועגן אידישקייט אין טערמינען פון קריסטלעכער אויסגעהויכטער, אויסגעוועפּטער רעליגיאָזיטעט, וועלכע האָט צו טאָן בלויז מיט איין זאַך און דאָס איז „גלויבעניש״. די צרה מיט כמעט אַלע אויסערונגען מכוח אידישער אמונה איז דאָס, וואָס ס׳רוב פון די אורטיילן זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מכוח רעליגיע אין דעם קריסטלעכן טייטש פון וואָרט.

אידישקייט איז אַ פּרימיטיוו, אָבער דערפאַר איז זי געזונט, האַפּטיק. אידישקייט איז אין טיילן היפש אַרכאַאיש, פאַרעלטערט. דעריבער דאַרף מען זי מאָדערניזירן, אָבער ניט רעפאָרמירן לויט דעם קריסטנטום־רעצעפּט. מ׳דאַרף אויפהאַלטן איר מעטאָד און ניט דערלאָזן פאַרשמעלערן איר אַרומנעם, איר היקף. מ׳דאַרף בלויז באַאַרבעטן פונדאַסניי אַ גרויסן טייל פון אירע דאָקטרינעס און פאַרשריפטן אין הסכם מיט איר אייביקיונגן גייסט און די באַדערפעניש און פאַרשטענדעניש פון אונדזער צייט.

דער תלמוד אין זיינע הויפּט־טיילן איז אַזויפיל מיסטיש רעליגיעז ווי דער קאָדעקס פון נאַפּאָלעאָן אָדער דאָס רוימישע געזעץ. דער תלמוד איז אַ ווערק, וועלכעס פאַרנעמט זיך בעיקר מיט אידישער יוריספּרודענץ, זיין סאַנקציע פון געזעץ, פון גרונט־פּרינציפּ געפינט ער אין דער תורה אַלס דעם קלאַסיק פון דער אידישער אמונה ווי, בכלל, פון אידישער חכמה. דער תלמוד, לויט זיין כאַראַקטער, איז אַ אידישע ענציקלאָפּעדיע פונקט ווי די ביבל איז עס. אין תלמוד וועט איר געפינען גאַנצע קאַפּיטלעך, וועלכע אַנטהאַלטן אַנטשיידונגען פון בית־דין׳ס אָדער באַריכטן פון „זיצונגען״ פון געלערנטע מכוח ירושה, היפּאָטעקע, הלוואות, מסחר און אַנדערע יורידישע אָנגעלעגנהייטן. דער נאָמען תלמוד, פילאָלאָגיש געטייטשט, זאָגט דאָך, אַז עס איז אַן אויפזאַמלונג פון לערעס, אַ וויסנשאַפט. עס איז פיל מער וויסעניש, ווי גלויבעניש.

אפילו דער חומש איז ניט קיין רעליגיעזעס ווערק דורך־און־דורך אין דעם באַגרענעצטן מיסטיש־קריסטלעכן פאַרשטיין פון וואָרט רעליגיע. לויט וועלכן עס קומט אויס, אַז רעליגיע האָט צו טאָן מיט אַ גלויבן

אין דאָס איבערנאַטירלעכע, גלויבן אין מאָדנע מופתים, אין משונה ניסים, אין זינד־פּאַרגעבעניש, אין פּערזענלעכער אויסלייזונג און א. וו.

דער חומש אַנטוויקלט אַ קאָסמאָלאָגיע, אַ לערע וועגן וועלט־באַשאַף, לייגט אַוועק דעם יסוד פאַר געשיכטע, פאַר פאָלקלאָר, פאַר היגיענע, פאַר יוריספּרודענץ, פאַר געאָגראַפיע און צענדליקער אַנדערע וויסנשאַפטלע־כע דיסציפּלינען. ווי שוין געזאָגט, די ביבל איז אַ מין פּאַרצייטיקע אי־דישע ענציקלאָפּעדיע, זי אַנטהאַלט אַ סומע ניט פון טעאָלאָגישע לערעס נאָר פון לערעס בכלל, זי איז דער סך־הכל פון אידישער חכמה פון יע־נער אַלטערטום־צייט.

מיר וועלן אַ בלעטער טאָן אויף טשיקאַוועס דעם חומש בראשית:

אָט איז „בראשית" קאַפּיטל ה׳.

„דאָס איז דאָס בוך פון אדם׳ס געבורטן". און דער חומש גיט אַ גע־נעאָלאָגיע פון אדם׳ען, פון שת׳ן פון אנוש׳ן, פון קינן׳ען, פון מהללאל׳ן, פון ירד׳ן, פון חנוך׳ן, פון מתושלח׳ן, פון למך׳ן, ביז ער דערפירט אונדז צו נח׳ן. ער דערציילט ווי לאַנג יעדער פון זיי האָט געלעבט, צו וויפיל יאָר האָבן זיי געהאַט קינדער, זין און טעכטער.

וואָס האָט עס צו טאָן מיט רעליגיע אין ענגן פשט פון וואָרט?

אין קאַפּיטל ט׳ איז דאָ אַ סיפור־המעשה ווי נח האָט זיך, ניט פאַר אונדז צדיקים געדאַכט, אָנגעשיכור׳ט און עפּעס האָט מיט אים פּאַסירט, זיין אייניקל כנען האָט אים אָפּגעטאָן אַ מיאוסן שפּיצל...

אין קאַפּיטל ו׳ האָבן מיר ווייטער אַ שטיק גענעאָלאָגיע און רודי־מענטן פון דער געשיכטע פון אַ היפּשער צאָל פעלקער מיט אַן אַריינ־שפּרינקלונג פון געאָגראַפיע, בעמען פון שטעט און געגנטן מיט דער אָנ־דייטונג פון זייערע גרענעצן.

ווי למשל, אָט דער פסוק (בראשית י׳ ל׳): „און זייער וואוינפּלאַץ איז געווען פון משא ביז מ׳קומט קיין ספר, דער מזרח־באַרג".

קאַפּיטל י״ד דערציילט וועגן אַ פּאַרצייטיקער כמעט וועלט־מלחמה.

קאַפּיטל י״ט צום סוף דערציילט, ווי לוט׳ס טעכטער ווערן שוואַנגער פון זייער פאָטער, וועלכן זיי האָבן אָנגעטרונקען.

קאַפּיטל כ״ג דערציילט אונדז, ווי אברהם קויפט אַ שטיק לאַנד פון די זין פון חת. דאָ ווערט רעקאָרדירט אַ קניה, פאַר וועלכער אברהם, ניט זייענדיק קיין גרויסער רעאַלטאָר, האָט זיכער איבערגעצאָלט. ער האָט באַצאָלט פיר הונדערט זילבערנע שקלים פאַר עפרון׳ס פעלד, פשוט, פאַר קרקע, אפילו היינט צו טאָג האָט מען עס געקענט קויפן וועלוועלער...

קאַפּיטל כ״ד גיט אַ וואונדערשיינעם בילד ווי אזוי אליעזר קריגט אַ כלה פאַר יצחק׳ן, וועלכע מתנות ער שענקט דער כלה, דער כלה׳ס

ברודער און מוטער. די דיאַלאָגן זיינען לעבעדיקע. עס איז אַ שטיק אומ־אָפּשאַצבאַרער פאָלקלאָר פון גאָר פאַרצייטנס.

קאַפּיטל כ״ה איז פאַרנומען מיט גענעאַלאָגיע און געאָגראַפיע.

צום ביישפּיל: „און זיי האָבן געוואוינט פון חוילה ביז שור״ (בראשית כ״ה, ו״ח).

קאַפּיטל כ״ו דערציילט אונדז, וואָס יצחק האָט געהאַט אויסצושטיין פון פיינטלעכע פאַסטיכער, וועלכע האָבן פאַרשאַטן זיינע ברינעמער.

קאַפּיטל ל׳ שילדערט יעקב׳ן אַלס אַ זייער געשיקטן פיהאָדעוועך און פירט אַריין אַ מין פאַרצייטיקע דערפינדונג, וועלכע יעקב האָט גע־מאַכט אין פיצוכט, אין דער עווגעניק פון בהמות.

קאַפּיטל ל״ב אַנטהאַלט אין זיך רודימענטן פון סטראַטעגיע, עפּעס אַ סאָרט שוץ־פּאָזיציע אין דער טיף.

קאַפּיטל ל״ו גיט אַ שטיק ניט־אידישע געשיכטע מיט אַ גאַנצן צעטל פון די אלופים.

קאַפּיטל ל״ז דערציילט וועגן אַ ברודער־קריג און מכירת יוסף.

קאַפּיטל ל״ח באַקענט אונדז מיט פאַרצייטיקע פאַמיליען־אַנגעלעגנ־הייטן, די פאַרהעלטענישן צווישן יהודה, דעם שווער, און תמר, דער שנור.

קאַפּיטלעך מ׳, מ״א דערציילן וועגן יוסף׳ס גענימקייט אין פּותר־חלום־זיין, און ווי אַדאַנק אָט-דער קענטעניש האָט ער געראַטעוועט אַ לאַנד פון הונגער.

קאַפּיטלעך מ״ב, מ״ג, מ״ד גיבן אונדז אַ פּראַכטפולן בילד פון יוסף׳ן און זיינע ברידער. די סצענעס, וועלכע שפּילן זיך אָפּ צווישן זיי, זיינען בפועל־ממש אָטעם־פאַרכאַפּנדיק.

קאַפּיטל מ״ו גיט די גענעאַלאָגיע פון יעקב׳ס הויזגעזינד. קאַפּיטל מ״ז, אין דער ערשטער העלפט, פאַרציילט ווי אַזוי יעקב און זיינע קינדער זיינען געקומען קיין מצרים, ווי זיי שטעלן זיך פאַר פאַרן קעניג פון לאַנד און באַזעצן זיך אין גושן; אין דער צווייטער העלפט ווערט געשילדערט ווי אַזוי לייבאייגנטום איז איינגעפירט געוואָרן צוליב דעם הונגער און דער פלאַנירטער ווירטשאַפט. דער חומש וויל אונדז אַפּנים געבן אַ לעק־ציע אין הלכות פּאָליטישער עקאָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע און געבן אונדז צו פאַרשטיין, אַז אַ געוויסע פאָרמע פון שקלאַפעריי איז אומפאַרמיידלעך וואו עס הערשט אַ רעגלאַמענטירטע באַלעבאַטישקייט.

קאַפּיטלעך מ״ח, מ״ט, נ׳ דערציילן וועגן יעקב׳ס קראַנק ווערן, שטאַרבן, באַלזאַמירט ווערן און געבראַכט ווערן לקבר ישראל אין מערת המכפלה אין דעם פאַמיליען־געוועלב, וואו עס זיינען באַערדיקט געוואָרן אברהם און שרה, יצחק און רבקה און לאה.

דער סוף פון קאַפּיטל ג׳ דערציילט וועגן יוסף׳ס טויט און באַלזאַ־מירונג.

די איבעריקע פיר חומשים זיינען ניט הינטערשטעליק אין פּילפּאַל־טיקייט פון אינהאַלט. דאָרטן געפינט מען געשיכטע באַפּוצט מיט לעגענ־דע, געאָגראַפיע, געזעצגעבונג, עטיק, סטראַטעגיע, מעדיצין, היגיענע, דיעטע, סעקסאָלאָגיע, פאַמיליען־לעבן, קולט — אַלץ אין איין ווערק אַריינ־גענומען.

מיר וועלן נעמען אַלס ביישפּיל אַזאַ וויכטיקע איינפירונג ווי שבת־האַלטן. וואָס מיינט איר, איז טאַקע שבת אַ מיסטיש־רעליגיעזע אינסטי־טוציע, ווי דער גרויסער מקובל, דער אר״י הקדוש, האָט עס אויסגעע־טייטשט? שבת איז, באמת און אין גרונט גענומען, דער דרייסטער אָנ־הויב פון אַ סאָציאַלער געזעצגעבונג.

אפילו אין די עשרת הדברות איז ניט אַלץ „רעליגיע״. בלויז דער ערשטער זאַץ זעט אויס צו אַנטהאַלטן עפּעס ספּעציפיש „רעליגיעזעס״. און דאָס איז בלויז אַן אויסדוכט, ווײַלכער שאַפט זיך ווען סיי די דער־שיינונג רעליגיע בכלל און סיי דער ערשטער געבאָט ווערן אויפגעפּאַסט אויף אַ נאַאיוון אופן. די איבעריקע דברות זיינען, לכל־הדעות, רעגולאַ־ציעס פון מענטשלעכן לעבן.

די תורה זאָגט אָן, אַז מ׳זאָל ניט גנב׳ענען. איז וואָס זאָגן „די הײנ־טיקע״, די, וואָס ריידן זיך איין, אַז זיי זיינען ניט־רעליגיעז און האָבן מורא פאַר דער „רעאַקציע״ וואָס שטעקט אין רעליגיע, וואָס זאָגן זיי? זאָגן זיי דען, אויב זיי זיינען מינימאַל־עטיש געניייגט, אַז מ׳דאַרף יאָ גנב׳ענען איינער ביי דעם אַנדערן?!

די תורה זאָגט, אַז מ׳זאָל ניט אַרבעטן גאַנצע זיבן טעג אַ וואָך, נאָר מ׳זאָל אַליין רוען און לאָזן דעם אַנדערן רוען איין טאָג אין וואָך. וואו האַלט עס, אין דער הינזיכט, מיט די ניט־רעליגיעזע, וואָס זאָגן זיי? אויב זיי קלייבן זיך פאַנאַנדער אין די פראַגן פון אַרבעט און אַרבעטלאָזיקייט האַלטן זיי, אַז ביי דער היינטיקער אַנטוויקלונג פון טעכניק איז זעקס טעג אַ וואָך אויך צופיל.

דער גאַנצער ענין רעליגיע און אידישקייט געפינט זיך אונטער אַ שווערן וואָלקן פון אַ מיספאַרשטענדעניש.

דער אידישער שלחן־ערוך איז אָנגעפּיקעוועט מיט שטייגערס, מנהגים, געזעצן פון אַן עטישן, רעליגיעזן און וויסנשאַפטלעכן כאַראַק־טער. מיר וועלן נעמען דעם יורה־דעה, וואָס פאַר אַ מין ווערק איז עס? עס איז אַ האַנטבוך מכוח אידישער וועטערינאַר וויסנשאַפט, היגיענע און דיעטעטיק. דער יורה־דעה זאָגט אונדז, אַז מיר זאָלן ניט עסן דאָס פלייש

פון קראַנקע בהמות, און ער באַשרייבט אויף זיין שטייגער די קראַנקהייטן, די „טריפות". וואָס זאָגט די וויסנשאַפט, אַז מ׳זאָל יאָ עסן נבלות, אַז מ׳זאָל יאָ געברויכן דאָס פלייש פון קראַנקע רינדער, שאָף און עופות?

די טענות, אַז רעליגיע האַלט ביי יציאת נשמה, זיינען אין בעסטן פאַל אינטעלעקטועלע תמימות. רעליגיע גייט באַרג אַרויף — ניט אַראָפּ, דאָס הייסט, זי פאַרלירט מער און מער פון איר געטשנדינערישן באַגאַזש און קומט צו אַלץ נענטער און נענטער צו דער אידישער אויפפאַסונג, וועלכע האָט געזען איינע פון אירע הויפּט־עובדות אין באַקעמפן געטשנדינסט. מער, אָנשטאָט דעם נאַאיוויזם אין דער רעליגיעזער געזינונג קומט אַריין דער קריטיציזם. אָנשטאָט אויפצופאַסן רעליגיע אַלס עפּעס אויסערלעכעס, נעמט מען זי פאַרשטיין אַלס עפּעס אינערלעך־נשמה׳דיקעס, אַן אַנטפּלעקונג, וועלכע האָט אויפגעטויכט אין האַרצן פון מענטשן און אויפגעבליצט אין זיין פאַרשטאַנד. אָט־די שינויים אין רעליגיע־פאַרשטענדעניש, אָט־די פאַרטיפונגען אין רעליגיע־אויסטייטשונגען וועלן זיכער ניט בלייבן אָן איינפלוס אויף דעם אידישן לעבן, אָבער דער איינפלוס וועט זיך אַרויסווייזן אין דער ריכטונג פון פאַרשטאַרקן, ניט אָפּשוואַכן, דאָס „אידישע" לעבן.

דער געדאַנק, אַז דאָס אידישע לעבן איז רעגולירט געוואָרן פון רעליגיע, אין דעם קריסטלעך־מיסטישן פּשט פון וואָרט רעליגיע, איז פאַלש און אַנטהאַלט אין זיך אַן אינערלעכן ווידערשפּרוך. ווייל אַ רעליגיע, וועלכע רעגולירט אַ פולן לעבן, אין אַלע זיינע דעטאַלן, סיי זיין שבת קודש און סיי זיין וואָך, פון אַ ציבור קען שוין ממילא ניט זיין אַ רעליגיע אין דעם מיסטיש קריסטלעכן זינען פון וואָרט רעליגיע.

אידישקייט וועט אונטערגיין, ווען סיי רעליגיע און סיי וויסנשאַפט וועלן אָפּזאָגן ווידוי און זיך אויסציען און שטאַרבן... און דאָס איז אַ קולטור־אוממעגלעכקייט.

אין דעם טעזיס מכוח דעם אונטערגאַנג פון רעליגיע, אַן אונטערגאַנג, וועלכער איז כלומרשט פאַטאַל פאַר דעם קיום פון אידישן פאָלק, שטעקט אַן אַ שיעור עם־הארצות. די וואָס זאָגן עס ווייסן ניט וואָס איז רעליגיע בכלל און וואָס איז אידישקייט בפרט.

די אידישע רעליגיע אויף וויפיל זי איז אַן אַנטי־פּאַגאַניזם, אַ קאַמף קעגן געטשנקולט, אַן אָפּלייקענונג פון עבודה זרה, איז אַ קריטיק פון רייַנעם גלויבן. אידישקייט אויף וויפיל זי אַנטהאַלט אַ תורה מיט מצוות, איז אַ פּרימיטיווע אומדיפערענצירטע וויסנשאַפט. ביידע טיילן אירע, סיי די „קריטיק" און סיי די „וויסנשאַפט", פאָדערן אַ פאַרטיפונג, אַ באַאַרבעטונג און אַ פאַרטזעצונג. אידישקייט אָנערקענט ניט דעם פאַלשן

פרינציפּ, אַז וויסנשאַפט איז אַ וועלטלעכע דיסציפּלין. אידישקייט האַלט, אַז אַלדאָס מענטשלעכע וויסן, פאַרשן, טאָן שטייט אונטער דעם הייליקן צייכן פון רעליגיע. ווייל דער מענטש אַלס אַ גאַנצער איז אַ רעליגיעזעס וועזן. דער מענטש איז אַ בעל־חי, וואָס איז געוואָרן רעליגיעז, דאָס הייסט „איך״־באַוואוסטזיניק.

דאָס אידישע לעבן האָט זיך אויסקריסטאַליזירט פון אינעווייניק און האָט זיך געפּאַרבט אַזוי צו זאָגן אויף אַ רעליגיעזן אופן. אָבער „רעליגיע״ ביי אידן איז אַלץ, אַלע דיסציפּלינען צו צוימען דעם מענטשן, די חיה, וואָס איז אין מענטשן, און אַלע געשיקטקייטן, וועלכע מאַכן דאָס לעבן פון יחידישן מענטשן ווי פון קהל דערטרעגלעך, באַקוועם.

אפילו די אידישע הויפּט־יום־טובים פליסן ניט אַרויס פון אַ מיסטיש־רעליגיעזן קוואַל. ס׳רוב זיינען זיי צייט־מאָנומענטן פון אמת היסטאָרישע אָדער לעגענדאַרע פּרעהיסטאָרישע געשעענישן.

אידישע רעליגיע מיינט אידישע חכמה, „וואָרום דאָס איז אייער קלוגשאַפט און פאַרשטענדעניש״... עס איז ניט בלויז אַ גלויבעניש, עס איז אַ וויסעניש. אידישע רעליגיע איז אידישע וויסנשאַפט, וועלכע איז אויסגעאַרבעט געוואָרן טיילווייז בלויז מחמת דעם, וואָס די רדיפות און פּלאָגענישן האָבן ניט געגעבן אַ מעגלעכקייט די אידישע חכמים צו באַ־אַרבעטן אַלע צווייגן פון דער אידישער קלוגשאַפט, און זיי האָבן זיך, פאַר נויט, געמוזט באַגנוגענען מיט עטלעכע צווייגן פון דעם גרויסן בוים פון וויסן און לעבן. אָבער רודימענטן פון אַלע געביטן פון מענטשלעכער פאָרשונג וועט איר געפינען סיי אין דער ביבל און סיי אין תלמוד. דער לעצטער צייגט אַרויס ברייט וויסן פון מלאכות, פון געווערקצייג, אַסטראָ־נאָמיע, באָטאַניק, מעדיצין, מאַטעמאַטיק... און וואָס ניט?

און איצט קום איך צו צום סוף פון אָט־דער פּאָפּולערער אָפּהאַנדלונג.

אויב די אידן אין אַלטערטום האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אַ קאָלאָסאַלן מאָנומענט אין וואָרט, געדאַנק און געפיל, וועלכער איז אָפּגעשאַצט פון דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט, און דאָס איז די ביבל, האָבן די אידן פון דער נייער צייט, איך מיין פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, אויפגע־ריכט נאָך אַ גרעסערן, אַ העכערן מאָנומענט ניט נאָר פון וואָרט, נאָר טאָקע פון לעבן אַליין. זיי האָבן געוויזן אַ סאָציאָלאָגישן וואונדער. און טויזנטער דורות שפּעטער וועלן פאָררייסן די קעפּ און קוקן אויף דעם נס פון אידיש גרזעלשאַפטלעך לעבן און וועלן זיך ניט קענען אָפּ־וואונדערן. זיי וועלן שעפּן פון אָט־דעם אידישן מופת באַגייסטערונג און דערמוטיקונג, וואָרום דער־דאָזיקער אידישער אויפטו זאָגט עדות וועגן דער גרויסקייט און מעכטיקייט פון מענטשלעכן גייסט.

וואָס מיר האָבן געשאַפן און נעמען זיך איבער דערמיט, איז דאָס גע־מיינדע־לעבן, אַ קהל, וואָס האָט רעגולירט זיינע צווישנפּערזענלעכע פאַרהעלטעניסן מיט דער הילף פון גאַרמעס, סטאַטוטן, פאַרשריפטן, וועלכע זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין אַ „בית־המדרש״, אַן אינסטי־טוציע, וועלכע שטעלט פאַר מיט זיך אַ סינטעז פון אַ קירך און אַ וויסנ־שאַפט־אַקאַדעמיע.

דער בית־מדרש אַלס צענטער פון אַ געמיינדע־לעבן, אַלס אַ מין סאָרט פון אַ „סאָציאַלאָרן אינסטיטוט״, וועלכער רעגולירט דאָס געזעל־שאַפטלעכע און פּריוואַטע לעבן — דאָס איז אונדזער גרויסער אויפטו און דאָס איז דער בעסטער פירוש אויף די נביאים, וועלכן מיר האָבן נאָר געקענט פאַרפאַסן.

אין אָט דעם בית־המדרש, פון וועלכן דער משכיל און דער כלומר־שטער ראַדיקאַל, אין זייער באַגרענעצקייט און בלינדקייט צו אַלדאָס אי־דישע, האָבן געמאַכט חוזק, ליגט אַ גרויסע סאָציאַל־פּאָליטישע אידייע. פון אָט־דעם פאַרשטויבטן, פאַר׳חושכ׳טן בית־המדרש מיט זיינע האַלב־איינגעפאַלענע ווענט, מיט זיינע קליינע פענצטערלעך, וועלכע זיינען גע־ווען פאַרשפּונען מיט שפּינוועבס — וועט אויפגיין אַ גרויס ליכט. אין אָט־דעם באַרג שמות איז געלעגן פאַרבאַהאַלטן אַ גרויסער בלישטשענדי־קער דימענט. אין בית־המדרש איז פאַרקערפּערט דער דרייסטער געדאַנק און פּראָפעטישער אָנזאָג, אַז אָט די קאָמבינאַציע פון צוויי אַנשטאַלטן, קירך און אוניווערסיטעט, איז באַרופן צו געבן אַן ענטפער צו דעם פאַרפּלאָנטערטן פּראָבלעם פון פּאָליטישער טעטיקייט. אָט דער צונויפ־פאַרונג איז עס אָנגעצייכנט פון דער סאָציאָלאָגישער השגחה עליונה צו ווערן דער רעליגיעז־וויסנשאַפטלעכער אַנשטאַלט פון דער צוקונפט, אַן אַנשטאַלט, וועלכער וועט פאַרבייטן דעם וועלטלעכן שטאַט נאָכדעם ווי דער לעצטער וועט אָפּקאָשען ביליאָנען לעבנס אויף די שלאַכטפעלדער, און דערטרינקען גאַנצע קאָנטינענטן אין מענטשלעך בלוט.

אָבער בכדי מיר זאָלן קענען אָפּשאַצן ווי געהעריק אָט־די אידישע דערפינדונג, פאָדערט זיך, אַז די וועלט אַרום אונדז און מיר אַליין אין אונדז, זאָלן ווערן מער אידיש געשטימט, אַז מיר זאָלן נעמען בעסער, טי־פער פאַרשטיין דאָס אידישע לעבן. דעמאָלט וועלן מיר אַרויסווייזן מער אָפּשיי פאַר די אידישע שאַפונגען אויף דעם געביט פון געמיינדע־לעבן.

מיר זיינען זיכער, אַז דאָס אידישע לעבן וועט ווייטער שפּינען דעם עטישן פאָדים פון אידישקייט. דאָס אידישע לעבן וועט שאַפן אַ המשך, וועט פאָרזעצן די אידישע תורה און וועט זען אויפצוהאַלטן אָט־די גע־

זעלשאַפטלעכע אַנשטאַלטן, אין וועלכע די אידישע לעבנס־לערע האָט זיך פאַרקערפּערט.

דאָס אידישע לעבן וועט פליסן אין דעם טייך־בעט, וועלכן עס האָט אָנגעצייכנט די אידישע פיר־טויזנט יאָריקע געשיכטע, אַ געשיכטע, וואָס האָט אינספּירירט פּראָפעטיש עטישע באַשטרעבונגען און געפלעגט ווייט־צוקינפטיקע אַלמענטשלעכע אידעאַלן, וועלכע לייכטן אין הימל פון אידישן שכל און האַרצן.

.4

איבערצייגונגען

וואָס איז אַ מענטש? הונדערטער ענטפערס אויף דער פראַגע זיינען געגעבן געוואָרן פון פאַרשיידענע דענקער אין פאַרשיידענע צייטן. יע־דערער האָט עס געענטפערט פון אַ באַשטימטן קוק־ווינקל. „מענטש איז אַ פּאָליטישער בעל־חי", האָט געזאָגט אַריסטאָטל. „מענטש איז אַ בעל־חי, וואָס האָט דערפונדן געצייג" — האָבן געזאָגט אַנדערע. „מענטש איז אַ בעל־חי, וואָס האָט געשאַפן אינסטיטוציעס". איך וועל ניט אויסרע־כענען אַלע דעפיניציעס און עפּיגראַמאַטישע באַשרייבונגען פון מענטשנס וועזן. איינע פון די געלונגענסטע איז — מענטש איז אַ חיה, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט לאַכן אָדער אפשר גאָר שמייכלען.

אין אַ שפּאַס וואָלט איך זאָגן, אַז אַ מענטש איז אַ בעל־חי, וואָס איז אַן אוממענטש; מענטש איז אַ באַשעפעניש, וואָס פאַרנעמט דעם מיטל־גרונט צווישן ציוויליזירטער פערזענלעכקייט און ווילדער חיה.

אין דעם אַרטיקל אָבער פּאַסט זיך די באַצייכענונג פון מענטשן, אַלס „אַ בעל־חי, וואָס האָט איבערצייגונגען".

איך געדענק ניט, ווער ס'האָט עס געזאָגט. איך געדענק בלויז, אַז טאָלסטאָי ציטירט עס. די קריסטלעכע קירכע האָט מיט גלייכער גרויזאַמקייט פאַרפאָלגט אַלע די, וועלכע האָבן ניט אָנערקענט אירע דאָגמעס, ווי אויך אַלע די, וועלכע האָבן אָנערקענט און געוואָלט אָנ־ווענדן זיי אין לעבן.

מיט ס'רוב מענטשן איז דאָס אייגענע. זיי אָנערקענען געוויסע אויפ־טואונגען, אָבער אָנווענדן זיי — דאָס איז אָסור חזיר.

אַ מענטש האָט איבערצייגונגען, דאָס איז אָנערקענט פון אַלעמען, דער זאַץ איז אַ רשות־הרבים. אָבער אַ מענטש זאָל באַטראַכט ווערן אַלס אַזעלכער, זאָל באַהאַנדלט ווערן אַלס אַזעלכער — דאָס דווקא ניט.

מען האָט פֿאַר הונדערטער יאָרן געקעמפּט און צום סוף קוים־מיט־צרות אויסגעקעמפּט דאָס, וואָס גייט אונטערן נאָמען „פֿרייהייט פֿון געוויסן". אָבער מאָדנע. מ׳האָט עס אויסגעטייטשט אַזוי, אַז מ׳האָט עס פֿאַרשמעלט און פֿאַרקירצט און פֿאַרענגט. דאָס האָט צו טאָן מער ניט ווי מיט רעליגיעזע גלויבערייען, מיט צערעמאָניעלע מנהגים און קולטוס־אויפֿפֿירונגען, ווי גאָטעס דינסט וכדומה ענינים, וואָס האַלטן זיך גאַנץ ווייט־לעך פֿון דעם שוימיקן און ברויזיקן גאַס־לעבן.

וואָס איז מכוח פֿרייהייט פֿון איבערצייגונגען? אַ מענטש נאָך אַלע־מען באַשטייט דאָך ניט נאָר פֿון געוויסן, ער האָט דאָך אַביסל פֿאַרשטאַנד אויך, ער מעג דאָך זיין אַ בר דעת, פֿאַרמאָגן אַביסל שכל, און אים מעג זיך דאָך פֿאַרגלוסטן זיך אויפֿצופֿירן, ווען ניט ווען, לויט די געבאָטן פֿון זיין אינטעלעקט.

וואָס איז מכוח פֿרייהייט פֿון שכל, וואָס וואָלט מיינען דאָס אייגענע ווי פֿרייהייט פֿון איבערצייגונגען?

דאָ וועט מען מיר ענטפֿערן: זיכער האָט אַ מענטש פֿרייהייט פֿון איבערצייגונגען. אַ מענטש אין אַ דעמאָקראַטישער מדינה קען זיך אַרומביאַנטשען מיט זיינע איבערצייגונגען וויפֿיל נאָר ער וויל... כל זמן ער ווענדט זיי ניט אָן אין סאָציאַל־פּאָליטישן לעבן, וועל איך צוגעבן. און דאָס דערמאָנט אונדז וועגן דער קירכע און איר רעגל בנוגע אירע אַדעפּטן. זיכער, זיי מוזן אָנערקענען אירע דאָגמעס, אָבער זיי טאָרן זיי ניט נעמען ערנסט און טאָרן זיי ניט פּראַקטיצירן.

דעמאָקראַטיע אָנערקענט דאָס רעכט פֿון מענטשן צו פֿאַרמירן און אַפֿילו פֿאָרמולירן איבערצייגונגען, אָבער ניט דאָס רעכט זיך אויפֿצופֿירן לויט זיינע איבערצייגונגען.

און דעמאָקראַטיע, וועלכע איז ניט וואַרים און ניט קאַלט, וועלכע וואַקלט זיך און שאָקלט זיך אין מיטן, און דערפֿאַר איז זי געפֿאַרן אין אַ גאָלדענעם שליטן פֿון קאַפּיטאַליזם, וועט מוזן געבראָכן ווערן, ווייל זי איז ניט אויסגעהאַלטן. זי האָט ניט פֿאַרענטפֿערט די פֿראַגן, וועלכע אַרן אַ מענטשן, וואָס לעבט אין געזעלשאַפֿט מיט זיינע מיט־מענטשן.

אַ מענטש מעג האָבן איבערצייגונגען, ער מעג זיי אַפֿילו אויסדריקן... וואָרט אַ ווילע, אויסדריקן יאָ, אָבער נאָר אין וואָרט, געשריבן אָדער געדרוקט, אָבער ניט אין טאַט.

טאָן טאָר מען ניט. פּלאַפּלען וויפֿיל מ׳וויל. שמירן מיטן פּען — אויך. אָבער האַנדלען — זאָל מען אייך שומר ומציל זיין. דער פּאָליציאַנט מיטן שטעקן, דאָס געזעץ מיטן קאַנטשיק באַווייזן זיך גלייך.

אָבער אַ מענטש איז דאָך ניט קיין גראַמאָפאָן, ניט קיין רייד־מאַ־שינקע, ניט קיין פאַנטאָן־פעץ. אַ מענטש איז דאָך קודם־כל אַ באַשעפעניש, וואָס האַנדלט, רעאַגירט, פירט זיך אויף.

און דעמאָקראַטיע איז באמת געווען און איז אַ מין רייצעניש. מ׳לאָזט דעם בירגער טראַכטן אויף זיין אייגענער ווייזע, מ׳לאָזט אים אפילו אַרויס־זאָגן זיינע מיינונגען. אָבער ווי עס קומט צו האַנדלען, דאָ שטעלט זיך אַוועק דער אייזערנער צוים פון אייזערנעם געזעץ.

און דערפאַר האָט די זאַך קיין ממשות ניט, און די מאַסן האָבן זיך אַזוי גרינג געשיידט שוין אין אַ צאָל לענדער מיט די גנאָדן און חסדים, מיט וועלכע דעמאָקראַטיע האָט זיי געדאַרפט באַגנעדיקן.

„פרייהייט פון וואָרט״. פאַר די ברייטע מאַסן האָט עס אַזאַ זינען ווי פראָקלאַמירן פרייהייט פון זינגען. יעדער מעג זינגען ווי קאַרוזאָ אָדער שאַליאַפין, אָבער ניט יעדערער קען עס באַווייזן, הגם עס איז ניט פאַר־באָטן. פרייהייט פון וואָרט איז אַ מזל־ברכה פאַר רעדנער.

פרייהייט פון דער פרעס, איז ווייטער דאָס אייגענע. עס איז באַ־גרענעצט. עס אַפעלירט צום שרייבער, צום זשורנאַליסט. דעם ברייטן עולם אינטערעסירט עס ניט אַזוי שטאַרק. און ווען מ׳האָט אים כלומרשט צוגעזאָגט פרייהייט פון פרעס, האָט ער גרינגהאַרציק אָפּגעגעבן די פרעס...

דעמאָקראַטיע האָט געהונקען אויף ביידע פיס, דערפאַר פאַלט זי אַזוי גרינג און אַזוי גיך.

בכדי דעמאָקראַטיע זאָל ווערן אַ פּאָליטישער „יש״, אַ לעבעדיקע ממשותדיקע זאַך, מוז זי דערגאַנצט ווערן. מ׳מוז צוגעבן די אמתע פריי־הייט, די פרייהייט, וועלכע האָט צו טאָן מיט יעדן מענטשן, ניט נאָר מיטן שרייבער און רעדנער, אַ קאַטעגאָריע פון ספּעציעל באַגאַבטע פער־זאָנען — און דאָס איז פרייהייט פון אויפפירן זיך לויט די איבערצייגונגען.

די פאָדערונג איז אומבאַדינגלעך פאַרן צוזאַמענלעב פון מענטשן, אויב זיי ווילן לעבן ווי מענטשן און ניט זיך אַרומרייסן ווי קעץ און הינט אָדער, אפשר, נאָך ערגער פון זיי.

מענטשן האָבן איבערצייגונגען, און מער ווי דאָס. זיי פאַרמאָגן פאַר־שיידענע איבערצייגונגען. און זיי האָבן אַ רעכט זיך אויפצופירן לויט זייערע איבערצייגונגען. זייער אויפפיר מוז זיין פאַרשיידן, ווי זייערע איבערצייגונגען זיינען פאַרשיידן. מער ווי דאָס, זיי מוזן זיך דערשלאָגן צום רעכט זיך צו גרופירן לויט זייערע איבערצייגונגען, ניט לויט זייערע לענדער און גרענעצן, וועלכע האָבן מיט די מענטשן זייער ווייניק צו

טאָן. די לאָגישע און פסיכאָלאָגישע סביבה איז פיל וויכטיקער פאַר אַ קולטורעלן מענטשן איידער זיין געאָגראַפישע אומגעבונג.

רוסאָ אין זיין בוך „עמיל" לאַכט אָפּ פון רעליגיע, וועלכע איז גע־וואָרן אַ מין געאָגראַפישע מאַכערייקע. אַלץ ווענדט זיך, זאָגט ער, וואו איר זייט געבוירן. אויב אין פאַריז, ווערט איר אַ קאַטאָליק, אויב אין מאָסקווע, אַ פּראַוואָסלאַוונער.... וכדומה.

און ווי טוען מיר? מיט אונדז איז אויך דער מענטש אַ צוגאָב צום לאַנד, ניט דאָס לאַנד צום מענטשן. די ערד געהערט ניט צו אונדז, נאָר מיר געהערן צו דער ערד. אין רוסלאַנד מוז מען זיין — אַ „קאָמוניסט", אין דייטשלאַנד — אַ נאַציסט; אין איטאַליע — אַ פאַשיסט א. אַ. וו.

דער אונטערשייד פון אַ דעמאָקראַטישער מדינה און אַ ניט־דעמאָ־קראַטישער איז בלויז אין דעם וואָס די לעצטע לאָזט אייך אפילו דאָס מויל ניט עפענען און אַ פען אין טינט ניט איינטונקען. אָבער אויפפירן זיך לויט אייער שטייגער דערלויבן זיי אייך קיינער ניט.

און וואָס איז מכוח אונדזערע איבערצייגונגען?

אין די פאַשיסטישע מדינות מוז מען זיי האַלטן פאַרבאַהאַלטן בחדרי־חדרים, ערגעץ וואו פאַררוקט אין די צעלן פון אייער געהירן אַזוי, אַז דאָס אייגענע מויל זאָל זיך חו"ש ניט דערוויסן פון זיי און זאָל זיי ניט אַרויסברענגען אויף דער פרייער אָפענער וועלט. אין אַ דעמאָקראַטישער מלוכה מעגט איר אייערע איבערצייגונגען אַרויסלאָזן אויף אַ שפּאַציר איבער אייערע ליפּן, זיי אויך לאָזן זיך דורכלויפן און דורכלופטערן זיך אויפן פאַפיר. אָבער ניט ווייטער. מ'מוז זיי האַלטן אויף אַ קייט, זיי זאָלן זיך ניט אַרויסרייסן און זיך וועלן באַהויפטן אין אייער טעגלעכן לעבן.

דערפאַר וואָס מיר זאָגן זיך שאַרף אַרויס קעגן דיקטאַטור, מיינען אַנדערע, אַז מיר דאַרפן גלעטן איבערן קעפּל די דעמאָקראַטיע. מיר זיי־נען קעגן וועלכער ניט איז דיקטאַטור, מעג זי זיך פאַרבן, רוזשען, שמינ־קען; מעג זי זיך זיין אַ בלאָנדינקע, אַ ברונעטקע, אַ שאַטענקע אָדער גאָר אַ נעגערקע, שוואַרץ ווי סאַזשע אין קוימען, ווייס ווי שניי פון הימל, אָדער אפשר גאָר רויט ווי דער אויבן־אָן אין מזרח־הימל פאַרטאָג. אונדז אינטערעסירן זייער ווייניק די קאָלירן. אונדז אינטערעסירט די עצם זאַך, ניט דער אָנשטריך פון פאַרב. מיר זיינען ניט קיין סאָציאַלע מאָליאַרעס, מאַלערס אָדער דעקאָראַטאָרס. מיר זיינען בויערס, אַרכיטעקטאָרן פון געזעלשאַפטלעכע געביידעס, און מיר זיינען כנגד דעם פּלאַן און שטיי־גער, פאָרמע פון געבוי פון דעם פּאָליטישן בנין, וואָס טראָגט דעם נאָ־מען: דיקטאַטור. די אַמפּערניש מכוח די קאָלירן, ווי אַזוי מ'זאָל די גע־ביידע פאַרבן, צי דער פאַסאַד זאָל זיין אַזוי באַשמירט אָדער אַביסל אַנ־

דערש, — דאָס קימערט אונדז ניט. דאָס קען אונדז ניט אַרן, וויבאַלד מיר זיינען קעגן דער אַרכיטעקטאָניק. מיר זאָגן מיטן פולן מויל, אַז דער געבוי טויג ניט, איז אומגעזונט, איז אַ „סלאַם", און מ'דאַרף עס אַראָפּוואַרפן און זען אויפריכטן אויף זיין פּלאַץ עפּעס רעכטס, אַ סאַניטאַרע, לופטיקע, ווענטילירטע וואוינונג, וואָס זאָל זיין אי באַקוועם, אי געראַנימיק, אי צוגענגלעך פאַר די ברייטע מאַסן פון פאָלק.

און אונדזער קעגנערשאַפט צו דיקטאַטור איז אַן אַלטע זאַך. מיר האָבן דאָס ניט אויסגעטראַכט, ווידער ווי אַנדערע מיינען, דערפאַר ווייל מיר האָבן עפּעס פּערזענלעך, אָדער אַלס אַ גרופּע, קעגן דער אָדער יענער דיקטאַטאָרישער רעגירונג, וועלכע עקזיסטירט דאָ אָדער דאָרטן, און זי האָט אימעצן באַ'עולה'ט, אַנגעטראָטן.

נאָך יאָרן און יאָרן צוריק, איידער די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" איז געשאַפן געוואָרן אין רוסלאַנד אַלס אַ פּאָליטישע פאָרמע פון אַ פונקציאָנירנדיקער רעגירונג, און האָט זיך אַנגעטאָן אין פלייש און בלוט, אין ביינער און מוסקולן פון אַ סאָוויעטן־פאַרבאַנד, — האָט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט עקזיסטירט ערגעץ אין ביכער, אין בראָשורן, אין שריפטן. זי האָט געלעבט אַלס אַ טעאָריע, אַלס אַ פאָרשלאָג. און נאָך אַלס אַ פאָרשלאָג איז זי אָפּגעוואָרפן געוואָרן פון פילע פּאָליטישע דענקער. און דערפאַר קען מען די אָפּאָנענטן פון דיקטאַטור ניט פאַרדעכטיקן אין פּערזענלעכע פּניות, ווי אונדזערע קעגנער וואָלטן וועלן אויסטייטשן אונדזער אָפּאָזיציאָנערשאַפט.

זאָל איך ברענגען ציטאַטן?

איין קורץ־געפאַסטן „מאמר־חז"ל" וועל איך יאָ אָנצייגן:

„אויף דעם ווידערשפּרוך האָט זיך דערוויַיל פאַרהאַלטן אונדזער פּאָלעמיק. זיי (די מאַרקסיסטן) באַהויפּטן, אַז נאָר אַ דיקטאַטור, זיכער, זייערע, קען אויסדריקן דעם פאָלקס־ווילן. מיר ענטפערן: קיין שום דיקטאַטור קען ניט האָבן קיין שום אַנדער צוועק, אויסער איר זעלבסט־פאַראייביקונג, און זי איז פעאיק אַרויסצורופן, אַנטוויקלען אין פאָלק, וואָס פאַרטראָגט זי, מער ניט ווי שקלאַפעריי; פרייהייט קען געשאַפן ווערן נאָר דורך פרייהייט, ד. ה. דורך אַן אויפשטאַנד פון גאַנצן פאָלק און אַ פרייער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער־מאַסן פון אונטן אַרויף" („מלוכה'שאַפט און אַנאַרכיע" פון מיכאַיל באַקונין).

אָבער פון דעם טאָר מען ניט דרינגען, אַז די, וואָס זיינען קעגן דיקטאַטור, מוזן זיין פאַר אַ דעמאָקראַטיע, מוזן ווערן דעמאָקראַטן, ווי איינציקע, איך מיין טאַקע אונדזערע אייגענע זשורנאַליסטן, וואָלטן וועלן זיך און אונדז איינרעדן. עס הויבט זיך ניט אָן.

מ׳טאָר ניט פאַרגעסן, אַז אידישקייט אַלס אַ געמיינדע־לעבן־סיס־טעם, האָט אַ קנאַפּע שייכות צו דער „רעפּרעזענטאַטיווער דעמאָקראַטיע״, וועלכע איז פאַלש, אומגעלומפּערט, ניט־אויסגעהאַלטן, היפּאָקריטיש און, איבערהויפּט, אַן אַ סאָציאַל־עקאָנאָמישן האַפּט.

און דערפאַר זעט מיר אויס די זאַך אַזוי פריקרע, ווען מיר קומט אויס צו לייענען לעצטנס אַרטיקלען געשריבן פון זשורנאַליסטן, וואָס רופן זיך אַן אידישע אידעאָלאָגן, אין וועלכע מען מאַכט חנדלעך צו די דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטן דערפאַר, וואָס זיי זיינען בעסער ווי די דיק־טאַטאָרישע איינשטעלונגען. „אונדזער פאָן איז די פאָן פון דעמאָקראַ־טיע״, שרייבט אַ חשוב׳ער אידישער זשורנאַליסט.

אונדזער צייט איז אַ צייט פון פאַרווירעניש, צעמישעניש און צע־בויטשעניש. אַלע ליידן פון דעם און מיר בתוכם. איין טייל פון אונדזערע בני־ברית איז געשטרויכלט געוואָרן אויף איין זייט, פאַרכאַפּט געוואָרן אין נעץ און רייץ פון דיקטאַטור, האָט אַ צווייטער טייל, דערשרעקנדיק זיך, ספּאָטיקעט זיך אויף דער צווייטער זייט, זיך אָנגעכאַפּט אָן די זיילן פון די דעמאָקראַטישע בנינים.

מ׳דערציילט אַ מעשה, וועלכע האָט זיך באמת פאַרלאָפן, אַז אַ פרייזי־ניקער משכיל, אַ דאָקטאָר, איז געוואָרן צוריק פרום און גוט, גענומען לויפן אין שטיבל אַריין, דריי מאָל אַ טאָג דאַוונען. וואָס איז געשען? זייגער אַ ברודער האָט זיך גע׳שמד׳ט, האָט עס אויף אים אָנגעוואָרפן אַזאַ אימה, אַזאַ פּאַניק, אַז ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער צווייטער זייט, גענומען זוכן שוץ אונטערן „שאָטן פון באַלקן״ פון דער אַלטער חב״ד׳ניצע, דעם חסידים־שטיבל. דאָס אייגענע לאָזט זיך מערקן אין אונדזערע אמת־אידישע, ווי אין אַנדערע ראַדיקאַלע קרייזן. ווייל עטלעכע ברידער אונד־זערע האָבן זיך אָפּגע׳שמד׳ט, ווערן זיי פרום און קרום ווי קאָטשערעס; ווייל די דיקטאַטור טויג אויף כפּרות, מיינען זיי גאָר, אַז מיר זיינען מחויב צו זינגען תהלות ותשבחות צו דער דעמאָקראַטיע, דער „טאָכטער פון הימל״.

איך האָב געקענט דאָ אָנשיטן פולע בערג פון ציטאַטן, צו באַווייזן, אַז די אידישע השגה פון „והיתה ליהוה המלוכה״ איז ניט דאָס אייגענע וואָס די וועלטלעכע רעפּרעזענטאַטיווע דעמאָקראַטיע, מיט אירע חסרונות, סיי פון אַ פּרינציפּיעלן סאָציאַלן שטאַנדפּונקט און סיי פון דער טעכני־שער זייט.

און עס קלינגט קאָמיש, זיך אויסצודריקן מילד, ווען מ׳אַפּעלירט צו אונדז, אידן, וועלכע קלייבן זיך פאַנאַנדער אין אידנשאַפט־פּראָבלע־מען, אַז מיר זאָלן זיך באַמיען צו פאַרטיידיקן די וועלטלעך־„גויאישקע״

אינסטיטוציעס, וועלכע מיר האָבן אַלעמאָל באַהויפּטעט, אַז זיי טויגן אויף „צען טיסיאַטשע כפרות", אַז זיי זיינען ווערט אַ זעץ אָן דר׳ערד.

עס איז אמת, אַז פּרודאָן איז געווען דער יעניקער, וועלכער האָט אָנגעוויזן אויף דער וויכטיקייט פון אַן אוניווערסאַלן שטימרעכט אַלס אַ פאַקטאָר אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון די אַרבעטער־מאַסן. און מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָט פּאַסירט דאָס וואָס פּאַסירט דאָס רוב אין אַזעלכע פאַלן. דער תלמוד באַצייכנט די פאַלן מיט זיין קלאַסישן אויסדרוק: „אַ מצוה אָן וועלכער די כותים האָבן זיך אָנגעכאַפּט, זיינען זיי מדקדק אין איר מער פון די אידן", כאָטש די מצוה אַליין האָבן זיי אי־איבער׳גענומען פון די אידן. פּרודאָן איז געווען איינער פון די ערשטע, וואָס האָבן אָנגעוויזן אויף דער מעגלעכקייט פון אויסנוצן דעמאָקראַטיע צו גונסטן פון די אַרבעטער מאַסן אין זייער קאַמף פאַר אַ בעסערן און שענערן לעבן, און ער איז געווען דער, וואָס האָט געהאַט גענוג פאַר־אויסזעאונג און טראַכטונג־דרייסט צו פאַרשטיין ווי פאַרפירעריש דע־מאָקראַטיע איז, ווי שעדלעך ווען מען מאַכט פון איר אַן אָפּגאָט, אַ הייליקע געטשקע. און עס זיינען דווקא מאַרקס און לאַסאַל, וואָס האָבן דעם געדאַנק פון דער חשיבות פון אַלגעמיינער פּאָליטישער דעה־זאָגונג אַנטליען פון פּרודאָנען, וועלכע האָבן געמאַכט פון דעם אַזאַ וועזן, אַזאַ טאַראַראַם, ווי זיי וואָלטן אַנדעקט דעם פּינטל, וועגן וועלכן אַרכימעד האָט גע׳טענה׳ט, אַז ווען ער קריגט עס, וואָלט ער די וועלט איבערקערן. די סאָציאַל־דע־מאָקראַטן ריידן זיך טאַקע איין, אַז דורך דעמאָקראַטיע וועלן זיי איבער־קערן די קאַפּיטאַליסטישע וועלט.

בנוגע פּאָליטישע אויפטועניש דערמאָנט די מענטשהייט גאַנץ שטאַרק אָן יענער וועוויערקע, וואָס האָט זיך כסדר געדרייט אין ראָד. דריי פאָרמעס פאַרמאָגן מיר און זיי זיינען אַלט ווי דער גריכישער אַל־טערטום, און מיר האַלטן נאָכאַנאַנד אין איין בייטן זיי. איינע ווערט דערעסן, פּרובירן מיר די צווייטע, און אַז די צווייטע שטעלט זיך אַרויס צו זיין ניט בעסער פון דער ערשטער, גיבן מיר זיך אַ כאַפּ צו דער דריי־טער. און אַז מיר גייען דורך דעם ציקל, הויבן מיר ווייטער אָן פון אָנ־הויב. און יעדעס מאָל הערלדירן מיר איר אָנקום, ווי דאָס באַווייזן זיך פון אַ משיח, רייטנדיק אויפן אייזל. מיר פילדערן, שאַלן און טרומייטערן און בלאָזן אין האָרנס און באַראַבאַנעווען אין די פויקן און קלאַפּן מיט די צימבלען, אַז מיר האָבן אַנטדעקט „אַמעריקע". פון אונגדזערע קולות און יובעלן ציטערן די בערג, ווערן אפנים שוואַנגעריק און געבוירן — אַ טויטע מויז, אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט אַ שיווע באָרד.

נאָך אין אַריסטאָטעלס פּאָליטיק וועט איר געפינען די דרייאיקע פאָר־

מולע: מאָנאַרכיע, אַריסטאָקראַטיע, דעמאָקראַטיע. און פאַר די לעצטע עטלעכע טויזנט יאָר האַלטן מיר אין אַרומבלאָנקען צווישן אָט די דריי סאָסנע בוימער. אָדער אַ מאָנאַרכיע, אָדער אַן אַריסטאָקראַטישע רע־פּובליק, אָדער גאָר אַ דעמאָקראַטיע, און דערנאָך צוריק און אַזוי ווײַ־טער. אַריסטאָטעל נאָך וואָרנט אונדז, אַז אַ מאָנאַרכיע האָט די טענדענץ צו דעגענערירן און ווערן אַ טיראַניי; אַן אַריסטאָקראַטיע ווערט פאַר־וואַנדלט אין אַ פּלוטאָקראַטיע, און אַ דעמאָקראַטיע, שרעקט ער אונדז, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אָכלאָקראַטיע.

דער עברי־טייטש פון דעם איז אַזוי:

מאָנאָ הייסט איינס, אַרכיע הייסט הערשאַפט; מאָנאַרכיע באַטייט אַ זעלבסט־הערשונג, דאָס אייגענע, וואָס אויטאָקראַטיע. אַריסטאָ — אויס־דערוויילטע, די בעסטע, די זעמל־מעל; אַריסטאָקראַטיע וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט זיין די הערשאַפט פון די בעסטע. אַריסטאָטעל שטייט שטאָל און אייזן פאַר דער פאָרמע. ווער זאָל הערשן, אויב ניט די בעסטע, די שענסטע, די איידלסטע, די אידעאַליסטישסטע עלעמענטן פון פאָלק? און אייגנטלעך, ווען די קאָמוניסטן רעדן וועגן דער „דיקטאַטור פון פּראָלע־טאַריאַט”, מיינען זיי דאָך די אַריסטאָקראַטיע פון פּראָלעטאַריאַט, ד. ה. די בעסטע, די באַוואוסטזיניקסטע, די פאָראויסגעשריטנסטע, די אוואַנ־גאַרדיסטישע טיילן פון אַרבעטער־קלאַס.

די צרה איז אָבער, וואָס אַריסטאָקראַטיעס, וואָרנט אונדז אַריס־טאָטעל, צעפאַלן און ווערן דערנידערט צו דער גראָבער און שפל'ער מדרגה פון פּלוטאָקראַטיעס. פּלוטאָקראַטיע — איז די הערשאַפט פון די פּלוטן, פון די שווינדלער. אויף גריכיש מיינט עס די רייכע, די מאַגנאַטן, די אָנגעשטאָפּטע זעק, די גנבים און רויבער פון דער געזעלשאַפט. אָבער שווינדלער מוזן ניט דווקא זיין רייך; מ'קען שווינדלען פּאָליטיש, און אַ פּראָלעטאַרישע אַריסטאָקראַטיע ווערט אויך אַ פּלוטאָקראַטיע.

און וואָס איז מכּוח דעמאָקראַטיע? די געפאַר איז לויט אַריסטאָ־טעלן אין „אָכלאָקראַטיע”, די הערשאַפט פון דער מענגע, פון המון־עם; אויף ענגליש וואָלט עס הייסן די „מאָב־רול”.

די מעשה איז אָבער אַזוי מיט זיינע „שלשה דברים וחלופיהם”, — די דריי פּאָליטישע איינשטעלן און זייערע פאַרשטעלונגען, פאַרווירונ־גען, — אַז אַ מאָנאַרכיע איז טאַקע, מיט קליינע אויסנאַמען, געוואָרן אַלעמאָל אַ טיראַניי; אַריסטאָקראַטיעס זיינען געוואָרן פּלוטאָקראַטיעס, אָבער די דעמאָקראַטיעס זיינען אויך געוואָרן פּלוטאָקראַטיעס, און ניט קיין אָכלאָקראַטיעס (די הערשאַפט פון דער מענגע).

צו מאַכן אַ לאַנגן ענין קורץ, דעמאָקראַטיע איז אַ רמאות, אַ פּאָלי־

טישער שווינדל, פּשוט דערפאַר אַליין, וואָס עס איז לעכערלעך צו פּראַק־טאַמירן גלייכהייט פאַרן פּאָליטישן כל־יכול און אָנהאַלטן און אָפּהיטן, מיט דער גאַנצער מאַכט פון פויסט, ביקס און שטעקן אין האַנט פון פּאָ־ליציאַנט, די אומגלייכהייט, וואָס הערשט אויף דעם עקאָנאָמישן געביט. מ׳קען ניט שאַפן קיין גלייכע פּאָליטיק, ווען די עקאָנאָמיק איז אויסגע־הויקערט. קרומע עקאָנאָמישע פּלייצעס פאָדערן אַ קרומען מלבוש.

אין בעסטן פאַל איז דעמאָקראַטיע אַ דאַך אָן אַ הויז, אַ פּאָליטישער אויבנשטיבל אָן אַן אונטערשטער שטוב, אָן אַן עקאָנאָמישן פונדאַמענט.

דעמאָקראַטיע איז פון אָנהויב אָן אָפּגעפּרעגט, אויסגעשלאָסן אונטער די געגעבענע קאַפּיטאַליסטישע אומשטענדן. וואָרום וואָלט זי געווען אַ ממשותדיקע, האַפּטיקע, זאַפּטיקע זאַך, וואָלט גלייכהייט באמת געווען דעקלאַרירט ניט אויפן פּאַפּיר, אויפן שטימצעטל, איינמאָל אין עטלעכע יאָר בשעתן גיין, לויפן, שטופּן זיך אָדער געשלעפּט ווערן, צו די וואַלן,— נאָר אין לעבן, וואָלט איר ערשטער אַקט, איר ערשטער אויפטו, געווען דורכצופירן אַן עקאָנאָמישע דעמאָקראַטיע, ד. ה. אָנווענדן גלייכהייט אויף וויפיל מעגלעך אין דעם תחום פון באַלעבאַטישקייט.

און די עקזיסטירנדיקע פּאַרטרעטערישע דעמאָקראַטיעס האָבן עס קיינמאָל ניט געטאָן דערפאַר, וואָס זיי זיינען כמעט אַלעמאָל געווען פּלו־טאָקראַטיש, אַ הערשאַפט פון אַ קליין הייפעלע מיוחסים, וואָס האָבן גע־פירט די גרעגנדע. אויף וואָס האָט זיך זייער יחוס געשטיצט? ס׳רוב אויפן שווערד, גאַנץ אָפט אויפן רענדל, אָבער ניט אויף אָרנטלעכקייט, פּראַצע, איבערגעגעבנקייט, עטישקייט.

אַריסטאָקראַטיע איז אַלעמאָל געווען אַ דורכפאַל דערפאַר, וואָס די בעסטע האָבן קיינמאָל ניט געוואָלט הערשן, זיי זיינען געווען צו ריין צו טאָן די שמוציקע אַרבעט, זיי זיינען אַלעמאָל אַרויסגעשטויסן געוואָרן און די יעניקע, וואָס האָבן זיך אָנגענומען מיט קוראַזש און יאָ זיך גע־לאָזט בראַדזשען אין דער בלאָטע, וואָס הייסט „הערשאַפט", האָבן זיך אַזוי פאַרזומפּט, פאַרברודיקט און פאַרשמוציקט, אַז אין אַ קורצער צייט האָבן זיי אויפגעהערט צו זיין די „בעסטע", נאָר זיינען געוואָרן די ערג־סטע. דאָס איז וואָס איז שייך אַריסטאָקראַטיע.

וואָס אַמבאַלאַנגט דעמאָקראַטיע, („דעמאָס" הייסט פאָלק, „קראַטיע" איז הערשאַפט), איז גאָר אַזאַ באַשעפעניש קיינמאָל ניט געווען בנמצא אין די פּאָליטישע פעלדער און וועלדער. די פּאָליטישע פוינא ווייסט ניט פון אַזאַ חיה.

און ווען מען קריטיקירט די אידייע פון דיקטאַטור, מעג מען מיטן זעלביקן אָטעם פאַרדאַמען די דעמאָקראַטיע.

נאָך איין ציטאַטע וועל איך זיך דערלויבן:

— „...די דילעמא אין דער טעאָריע פון די מאַרקסיסטן לייזט זיך איינפאַך. אונטער פאָלקס־רעגירונג פאַרשטייען זיי די רעגירונג פון אַ פאָלק דורך אַ קליינער צאָל פון פאַרטרעטער, וועלכע דאָס פאָלק האָט אויסגעקליבן. דאָס אַלגעמיינע שטימרעכט אויסגעאיבט פון פאָלק אין דעם אויסקלייב פון די אַזוי אָנגערופענע פאַרטרעטער און פאַרוואַלטער פון דער מלוכה־אַדמיניסטראַציע — דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פון די מאַרקסיסטן, ווי אויך פון דער דעמאָקראַטישער שול — איז אַ ליגן, היג־טער וועלכן עס פאַרבאַהאַלט זיך דער דעספּאָטיזם פון דער פאַרוואַלטנדי־קער מינדערהייט. דער שקר איז נאָך געפערלעכער דערפאַר, ווייל ער דריקט קלאָמפערשט אויס דעם אָפּגעדוכטן פאָלקס־ווילן. על־כן, פון וועלכן שטאַנדפונקט מ׳זאָל אויף דער פראַגע ניט קוקן, קומען מיר צו דעם זעלביקן טרויעריקן רעזולטאַט: די גרויסע מערהייט פון די פאָלקס־מאַסן ווערט פאַרוואַלטעט פון אַ פּריווילעגירטער מינדערהייט. אָבער די מינדערהייט, זאָגן די מאַרקסיסטן (קאָמוניסטן האָט מען היינט געדאַרפט לייענען, מיין אָנמערקונג) וועט באַשטיין פון אַרבעטער. יאָ, מעגלעך, פון געוועזענע אַרבעטער, אָבער וועלכע ווי נאָר זיי וועלן ווערן רעגירער און פאַרטרעטער פון פאָלק, וועלן אויפהערן צו זיין אַרבעטער און וועלן נע־מען קוקן אויף דעם פינצטערן הערפּאַשנעם עולם פון אויבן אַראָפּ, זיי וועלן פאַרטרעטן ניט דאָס פאָלק, נאָר זיך אַליין און זייערע פּרעטענזיעס אויף פאַרוואַלטונג און פירערשאַפט. ווער עס קען צווייפלען אין דעם איז לגמרי אומבאַקאַנט מיט דער מענטשלעכער נאַטור" („מלוכהשאַפט און אַנאַרכיע", מיכאַיל באַקונין).

עס איז צו זען באַשיינפערלעך, אַז ער פאַרוואַרפט די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט אויפן זעלביקן גרונט ווי דעמאָקראַטיע.

ער זאָגט, אַז זיי זיינעןביידע איין און דער זעלביקער ליגן.

פילע עקספּערימענטן (אויב מ׳קען עס אָנרופן עקספּערימענטן) זיינען געמאַכט געוואָרן אויפן געביט פון פאַראייניקן מענטשן. דער ליבעראַלער שטאַט האָט פאַראייניקט זיי אויפן פּרינציפּ פון טעריטאָריע. און וועגן זיינע זייער ניט צופרידנשטעלנדיקע רעזולטאַטן וועלן מיר זיך ניט פאַר־ברייטן. די באָלשעוויקעס, ווי בכלל די מאַרקסיסטן, פּרובירן צו שאַפן אַ צוזאַמענלעב אויפן גרונט פון קלאַסן־אָנגעהעריקייט, די היטלעריסטן — ווילן עס טאָן אויפן יסוד פון ראַסן־אָפּשטאַם.

די אַלע פאַרזוכן וועלן דערטרונקען ווערן אין ימ׳ן בלוט און טייכן טרערן. די באָלשעוויקעס מוזן פאַרפאָלגן אַלע די, וועלכע טיילן ניט זייער קלאַסן־אויסטייטש. די היטלעריסטן דאָס אייגענע.

דייטשלאַנד איז צעריסן. איין טייל פון דער באַפעלקערונג צווינגט אַרויף זיין פאַרשטיין פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אויף דעם אַנדערן טייל. דאָס אייגענע די באַלשעוויקעס אין רוסלאַנד. און דאָס זעלביקע קומט פאָר אין אַלע לענדער אָן אויסנאַם. מער ניט אין אַ פּאָר מדינות ווערט עס געטאָן אויף אַ לייטישערן אופן, אין אַנדערע מער האַמעטנע, אָן זייערע הענטשקעס. אָבער אומעטום האָבן מיר צוואַנג און אַ פאַראַכטונג פאַרן מענטשן און זיין הויפּט־אַטריבוט — איבערצייגונגען.

עס איז אינטערעסאַנט. ווען דער ערשטער „אינטערנאַציאָנאַל" איז געגרינדעט געוואָרן האָט מען אַריינגעשריבן אין זיינע סטאַטוטן —

זיי פאַראייניקן אַלע אַרבעטער אָן אונטערשייד פון קאָליר פון דער הויט, פון געשלעכט, נאַציאָן, ראַסע, רעליגיע. איז דאָך אַלץ געווען גוט?!

זיי האָבן אָבער פאַרגעסן איין קליינקייט, און דאָס איז „איבערצייגונגען". און וואָס האָט זיך אַרויסגעשטעלט? רייסערייען האָבן זיך גלייך אָנגעפאַנגען צווישן מאַרקסן און באַקונינען און דער אינטערנאַציאָנאַל איז צעפאַלן געוואָרן.

און דער צווייטער איז געבוירן געוואָרן, און פון דריטן פאַלן שטיקער. און עס קען אַנדערש ניט זיין.

איין מאָדוס איז פאַראַן פאַר מענטשן און זייערע פאַראייניקונגען, און דאָס איז זייערע פרייע איבערצייגונגען.

און כל־זמן דער פּרינציפּ איז ניט אָנערקענט, וועלן מיר ניט האָבן קיין ציוויליזירט געזעלשאַפט־לעבן. מיר וועלן פאַרמאָגן באַרבאַרן און באַרבאַרישע געזעלשאַפטן פון פאַרשיידענע קאָלירן: געלע, שוואַרצע, ברוינע אָדער רויטע.

אַ ווילדע חיה בלייבט אַ ווילדע חיה, צי זי פאַרבט זיך שוואַרץ אָדער רויט.

אָבער געשטאַלטן דאָס געזעלשאַפטלעך לעבן אויפן יסוד פון איבערצייגונגען, מיינט פאַרוואַנדלען דעם פּאָליטישן איינשטעל אין אַן עטישן. דאָס מיינט אייגנטלעך פאַרווירקלעכן דעם אידישן אידעאַל פון דער תורה, נעמען אַ פאָלק און מאַכן פון אים אַ „גוי קדוש"... נעמען די פּאָליטישע געזעלשאַפט און פאַרוואַנדלען זי אין אַן „עטישע געזעלשאַפט", אָנשטאָט אַ קאָנסטיטוציע, שאַפן אַ „הייליקן בונד", אַ ברית.

אָבער ווייטער דאָס אייגענע, אַן עטיש געזעלשאַפטלעך לעבן, קען עקזיסטירן דאָרטן, וואו עס זיינען פאַראַן עטישע יחידים אַלס אַ פאָר־באַדינג...

5.

געזעצגעבונג און דער עטישער אימפעראַטיוו

דער קאָדעקס פון האמוראַבי, דעם קעניג פון בבל, געשאַפן בערך אַ פיר טויזנט יאָר צוריק, אָבער וועלכן מ'האָט געפונען אין 1902, איז דער טאַטע, אָדער גרויסער זיידע פון אַלע קאָדעקסן, פון אַלע געזעץ־ביכער.

דאָרטן, אין דער פאָררעדע צו זיין גרויסן מאָנומענטאַלן ווערק, שרייבט האמוראַבי אַזוי:

איך גיב אַרויס די זאַמלונג פון געזעצן בכדי צו פאַרטיידיקן און שיצן די אָרימע קעגן די רייכע, די שוואַכע קעגן די שטאַרקע א. אַ. וו.

דאָס איז געווען זיין וואונטש, מעגלעך. אָדער ער האָט אַליין גע־גלויבט אין דעם, און ער איז געווען גענוג נאַאיוו צו נעמען עס ערנסט און טאַקע מיינען, אַז זיין קאָדעקס וועט עס באַווייזן, אָדער, וואָס איז מער גלויבלעך, ער האָט געוואָלט, אַז אַנדערע זאָלן גלויבן, אַז דאָס איז געווען זיין צוועק אין שאַפן און צונויפזאַמלען זיינע עדיקטן. ווייל דער גלויבן פון די מאַסן איז נויטיק בכדי די קאָדעקסן זאָלן האָבן האַפט, ממשות, אויטאָריטעט, בכדי זיי זאָלן אָפּגעהיט ווערן, פאַררעכנט ווערן פאַר עפּעס הייליקעס, אַ דבר שבקדושה.

די זאַך איז אָבער, מעשה שטן, פּונקט פאַרקערט. און עס איז דאָ אַ פּשוטער שכל דערביי.

די רייכע און „שטאַרקע" זיינען אַלעמאָל אַ קליינע אומוויכטיקע מינדערהייט, בפועל־ממש אַ הייפל מענטשן, אין דער צייט, וואָס אָרימע און „שוואַכע", שווער אָנגעלאָדענע, גייען אין די שווערע טויזנטער, הונ־דערטער טויזנטער און מיליאָנען.

און אויב אַזוי, אויב די אָרימע זיינען די איבערוועגנדיקע מערהייט, טאָ אויף וואָס דאַרפן זיי האָבן געזעצן בכדי זיך צו באַשיצן קעגן אַ קליינעם נישטיקן מיעוט? וואו זיינען זייערע קולאַקעס? זייערע באַק־ציינער? אויף וועלכע כפּרות דאַרפן קבצנים געזעצן אום צו באַשיצן זיך קעגן די מיס־ברויכן מצד פון די געלט־זעק?! קענען זיי זיך אַליין ניט פאַרטיידיקן? ליגט דאָך זייער מאַכט אין זייער צאָל, אין זייער פּשוטן פיזישן כוח! אויף וואָס דאַרפן זיי האָבן קינסטלעכע מיטלען, וועלכע זאָלן זיי באַשיצן? צוליב וואָס זאָלן זיי זיך פאַרבאַהאַלטן אונטערן פאַרטוך פון אַ כלומרשטן געזעץ, זיינען זיי דען ניט בכוח זיך אַליין צו העלפן, און אָפּשטויסן אַלע אָנ־גריפן מצד פון זייערע רויבער און אויסבויטער?

און אויב דאָס איז אַזוי, און דער שכל הישר מוז עס צוגעבן, מוז דאָך דער ענין זיין גאָר אײנגאַנצן אַן אַנדערער. די רייכע און „שטאַר־קע״, וועלכע זיינען באמת שוואַך און אָרים און מוזן אָנקומען צו די חסדים פון די אָרימע לייט און שוואַכע, וועלכע העלפן זיי און דערלויבן זיי אויפצוהאַלטן זייער עשירות און שפּילן די גרענדע און מאַכן דעם אָנ־שטעל, אַז זיי זיינען שטאַרק און מעכטיק — זיי, אַט־די גדולים, וועלכע האַלטן אַלעמאָל אין איין ציטערן און פּלאַטערן פאַר די אָרימע, זיי זאָלן פּלוצלונג ניט קומען און צונעמען ביי זיי זייער רייכטום, האָבן געשאַפן געזעצן, האָבן זיך אַרומגערינגלט מיט פאַרטן, קאַזעמאַטן פון געשריבע־נעם וואָרט און יוריסטישע שטעכעדיקע דראָטן און אויף אַזאַ אופן לאָזן זיי צו זיך ניט צו די באַ׳עוולה׳טע און ליידנדיקע. די רויבער שאַפן גע־זעצן אום רעכטצופאַרטיקן זייערע מעשׂים תעתועים, אום ניט צו דערלאָזן די באַרויבטע זיי זאָלן צונעמען פון זיי זייער רויב.

מ׳דערציילט, אַז ווען ביסמאַרק, דער דייטשער קאַנצלער, איז גע־פאָרן קיין סאַנקט־פּעטערבורג, האָט ער באַגעגנט אויפן וועג אַ גאַנצע סטאַדע אָקסן, וועלכע אַ קליינער שייגעצל האָט געטריבן מיט אַ ווײטשע אין האַנט. ביסמאַרק האָט זיך צעלאַכט. ווען זיין באַגלייטער האָט אים געפרעגט, וואָס לאַכט ער, האָט ער געזאָגט:

„שטעל זיך פאָר, אַז די אָקסן קריגן פּלוצלונג שכל. אַ פּונק פון באַ־וואוסטזיין בליאַסקעט אויף אין זייער מוח, וואָלט זיי אַזאַ שייגעצל, אַזאַ שוואַכע בריאה, קענען טרייבן? איין אָקס האָט מער כוח ווי אַ גאַנצער דאָרף פון שקצים״.

וואָס איז דער מוסר השכל? האָט ווייטער געפרעגט זיין אַדיוטאַנט. דער מוסר השכל איז אויבנאויף, האָט ביסמאַרק באַמערקט גאַנץ ערנסט. אויב מיר שקצים ווילן טרייבן די אָקסן, מוזן מיר זען, אַז די אָקסן זאָלן בלייבן אָקסן. די אָקסן, אויב זיי ווילן פּטור ווערן פון די שקצים, וועלכע טרייבן זיי לכתחילה אין פעלד אַריין צו דער פּאַשע און צוריק אַהיים און דערנאָך אין שלאַכט־הויז אַריין, דאַרפן ניט גיין און פאָרמולירן באַשטימ־טע געזעצן קעגן די שקצים, אַזוי אַרום, אַז מ׳זאָל געבוי וויסן ווי דיק די ווייטשע מעג זיין, וויפיל מאָל דער שייגעץ מעג דעם אָקס קאַטעווען. אַלץ, וואָס די אָקסן דאַרפן, איז זיך נעמען אַביסל צום שכל, ווייל כוח האָבן זיי גענוג, איבערגענוג, און דאָרטן, וואו עס איז דאָ כוח, איז דאָ רעכט. ווען כוח פאַראייניקט זיך מיט מוח, קען ער אויפטאָן אַלץ, וואָס נאָר מעגלעך.

און דאָס איז טאַקע דער ריינער, הגם ביטערער אמת. געזעצן ווערן ס׳רוב מאָל אַרויסגעגעבן מיט איין הויפּט־כוונה און דאָס איז צו באַשיצן

די פּאָזיציעס פון די רייכע אָדער פּריווילעגירטע, און איינצוטאַמעווען די אינסטינקטן אוןליידנשאַפטן פון די באַליידיקטע.

אויסער דעם.

געזעצן ווערן אַליין ניט געבוירן, זיי שפּרינגען ניט אַרויס פון קוים פון קאָכעדיקן לעבן אייגנקער אַליין. געזעצן האָבן אַלעמאָל געזעצגעבער.

און ווער זיינען אָט יענע בעל־טובות, וואָס קומען צו ראַטעווען דאָס פּאָלק און רעגולירן זיין לעבן, איינפּאַסן זיינע פאַרהעלטענישן אין אַ ראַם פון געזעצן, פון חוק־ולא־יעבור? זיי הייסן סענאַטאָרן, דעפּוטאַטן, פּאַרלאַמענט מיטגלידער, קאָמיסאַרן. נעמען אָן אַ שיעור, דער עצם זייער איז דער זעלביקער.

דאָרט, וואו עס איז נאָר דאָ אַ געזעץ־געבונג, איז אַלעמאָל אומפאַרמיידלעך פאַראַן אַ ריס אין געזעלשאַפט, אַ פאַנאַנדערשפּאַלטונג, אַ פאַנאַנדערפאַל אויף צוויי טיילן.

איין טייל, אַ קלענע מינדערהייט, פאַרנעמט זיך מיט דער „גרויסער״, „חשוב׳ער״, „שאַצבאַרער״, „וויכטיקער״ אויפגאַבע פון שאַפן, קאָדיפיצירן געזעצן און אויפּפּאַסן, אַז זיי זאָלן אָפּגעהיט ווערן, חו״ש ניט פון זיי אַליין, נאָר פון יענעם, פון גרויסן עולם.

אַ צווייטער טייל, וועלכער איז כמעט דאָס גאַנצע פאָלק, דאָס רוב פון דער באַפעלקערונג, איז מחוייב צו היטן דאָס געזעץ, לעבן לויטן געזעץ, זיך אויפפירן, ווי זיי זיינען געבאָטן.

אויף אַזאַ אופן ווערט געשאַפן אַ דיפערענצירונג אין געזעלשאַפט: איין קלאַס שאַפט געזעצן, דער צווייטער קלאַס, אָדער די מאַסן, מוזן פאָלגן די געזעצן.

און עס קען גאָר אַנדערש ניט זיין. ווייל די יעניקע, וועלכע גיבן אַרויס די געזעצן, האָבן אין זינען, בשעת זיי טוען עס, זייערע אייגענע אינטערעסן, קודם־כל. די אינטערעסן פון די מאַסן ליגן זיי ניט אפילו אין דער לינקער פּאה. די געזעצן, דערפאַר, זיינען אַלעמאָל זייער גוט און זייער נוצלעך — פאַר די געזעצגעבער, און זיינען ס׳רוב שעדלעך פאַר די יעניקע, פאַר וועמען זיי זיינען אַרויסגעגעבן.

די געזעצגעבער זיינען ניט קיין מלאכים, נאָר פּשוטע בשר ודם׳ס און זיי בילדן אַן אייגענע קאַסטע, אַן אייגענע קאָרפּאָראַציע, און זייערע אינטערעסן פאַלן ניט צוזאַמען מיט די אינטערעסן פון די ברייטע מאַסן. זיי געפינען זיך אויף אַן אַנדער שטאַפּל אין געזעלשאַפטלעכן פּאָליטישן לייטער און ווי גוט און איידל און שיין זייערע כוונות זאָלן ניט זיין בשעת זיי זיינען אויפן וועג צו דעם געזעצגעבונג־הויז, בשעת זיי שלעפּן זיך אַרום צווישן די מאַסן, בעטנדיק זיך רחמים, אַז זיי זאָלן זיי באַגנעדיקן

און זיי אָנטרויען זייער שיקזאַל און זיי געבן די געלעגנהייט צו ווערן זייערע באַשיצער און פאַרטיידיקער — מוזן זיי זיך בייטן, זיי מוזן קאַליע ווערן, זיי מוזן פאַרפרעמדט ווערן, ווייל דער אַקט פון אויס־געקליבן ווערן און ווערן באַשאָנקען מיט באַשטימטע פּריווילעגיעס, רייסט זיי אָפּ פון פאָלק, דערהויבט זיי און דערווייטערט זיי און מאַכט פון זיי שונאים פון פאָלק, שטעלט זיי אַוועק אויף יענער זייט פון דער באַריקאַדע.

איינגאַנצן אַן אַנדער פּאָזיציע פאַרנעמט דאָס עטישע געזעץ. עטיק הויבט אָן מיט זיך, ניט מיט יענעם. עטיק האָט צו טאָן מיטן אייגענעם אויפפיר. און דער אייגענער אויפפיר דאַרף דינען אַלסביישפּיל פאַרן צווייטן. עטיק פאַרמאָגט ניט קיין אַנדער סאַנקציע ווי בלויז אַן אינער־לעכע, די סאַנקציע פון געוויסן. געזעצן פון עטיק קענען ניט דיקטירט ווערן, קענען ניט אַרויפגעצוואונגען ווערן, זיי דאַרפן אָנגענומען ווערן און אויסגעפירט ווערן מיטן גוטן ווילן. אַן עטישער רעגולאַטאָר איז אַ פרייוויליקער רעגולאַטאָר. און עטישע געזעצן וועלן זיין בכוח צו רע־גולירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן בלויז דעמאָלט, ווען די מענטשן וועלן זיין מאָראַליש דערצויגן, מאָראַליש ראַפינירט, קולטורעל־מאָראַ־ליש.

זיי זיינען עס אָבער ניט און זיי מוזן אָנקומען צו די שמיץ פון גע־זעץ, פון יורידישן בייטש אין האַנט פון געזעצגעבער, דעם שמייסער.

עס איז שווער צו זאָגן וויפיל די געזעלשאַפט, — די מענטשן, וועל־כע לעבן אין דער אַזוי גערופענער ציוויליזירטער געזעלשאַפט, וועלכע איז אַ פּאָליטישע קערפּערשאַפט, ניט קיין עטישע, — צאָלט פאַר אָט־דער זינד אירער פון זיין ניט עטיש. דאָס אויפהאַלטן פון אַלע יורידישע, שטראָפנדיקע, טעראָריזירנדיקע צוואַנג־אַנשטאַלטן, קאָסט דאָך אָפּ דער געזעלשאַפט אָן אַ שיעור מי און אָנשטרענג. יעדער בירגער גיט אַוועק אַ וויכטיקן טייל פון זיין לעבן, פון זיין פּראַצע אויף דעם אויפהאַלט פון אָט־די אינסטיטוציעס, וועלכע אַן עטישע געזעלשאַפט וואָלט ניט דאַרפן, ווי, דהיינו, געפענגעענישן, ריכטער, געזעצגעבער, פּאָליציי־לייט, זעל־נער א. אַ. וו.

דאָס איז די שטראָף פאַר דער זינד, פאַר דער פּאָליטישער זינד, פאַר דער זינד, וואָס דער מענטש איז מער יורידיש ווי עטיש, בשעת ער האָט געדאַרפט זיין מער עטיש ווי יורידיש, פאָלגן דעם באַפעל פון געוויסן איידער מוזן פאָלגן, זיין געצוואונגען צו געהאָרכן דעם געזעץ פון מאַכט, פון צוואַנג. אָנשטאָט צו פאָלגן זיך, דעם אייגענעם וואַכזאַמען געוויסן, מוז ער פאָלגן אַ צווייטן, מוז ער אויספירן אַ פאַרשריפט, וועלכע, לויט איר נאַטור נאָך, קען ניט זיין פאַרפאַסט איינגאַנצן צו זיין טובה. דערפאַר,

וואָס דער מענטש שאַפט זיך ניט אײן קײן גוטע געזעצן, עטישע געזעצן, קריגט ער שלעכטע געזעצן און יענע מוז ער שוין געהאָרכן. דערפאַר וואָס ער טוט ניט מיט־גוטן דאָס, וואָס ער דאַרף טאָן, וואָס עס איז גוט פאַר אים, טוט ער מיט־בייזן דאָס, וואָס עס איז ניט גוט פאַר אים.

דער גאַנצער פאָליטישער אײנשמועל דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ געפענגעניש־רעזשים, עס איז אַ שטראָף, אַ קנס אַרויפגעלייגט אויף די מענטשן, עס איז אַן אָפּקומעניש פאַר זייער פּאָטענציעלע פאַרברעכע־רישקייט.

ווען מ׳וויל ניט פאָלגן זיך אַליין, מוז מען פאָלגן יענעם... ווען מ׳וויל ניט וועלן, מוז מען מוזן... ווען מ׳וויל ניט זיין פריי און געהאָרכן דעם מאָ־ראַלישן געבאָט, מוז מען ווערן אַ שקלאַף און פאָלגן דאָס יורידישע געזעץ.

.6

דער ווילן צו קדושה

עס איז גאָר קײן וואונדער ניט, וואָס דער אידישער געזעמל האָט ניט צו ווייזן אויף זיין רעקאָרד אַ גרויסע פאָליטישע קאַריערע, נייערט אַן עטישע. ווען מ׳לייענט דעם פינף־בוך, דעם קלאַסיק פון אידישער אי־דעאָלאָגיע, איז גרינג צו זען וואוהין דער אידישער פאַרלאַנג ציט, צו וואָס דער איד האָט זיך געוואָלט דערשלאָגן. אידישע אַמביציעס געפינען זיך אין דעם תחום פון אינטעלעקטועלער און מאָראַלער דערגרייכונג. אָט־די באַשטרעבונג צו זיין קלוג און גוט האָט אויסגעשעפּט דעם קוואַל פון דער אידישער קאָלעקטיווער געלוסטונג. אָט־דער חשק האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן אין אידישן האַרצן. דער חומש צייגט, אַז דער אידישער געזעמל באַזיצט אַ גרויסן, אומבייגזאַמען ווילן, אַ ווילן ניט צו מאַכט, ניט צו הערשאַפט, נייערט צו הייליקייט און גוטסקייט. תורת־משה איז אָפּגע־שטעמפּלט מיט דעם דאָזיקן צידקות זיגל. דער אידישער זשעני פאַר־מאָגט אײן ברענפּונקט און דאָס איז צו דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע פעלקער. דער אידישער ציבור האָט זיך געשטעלט די אויפגאַבע צו זיין אַזוי גוט, ערלעך, מאָראַליש־דערהויבן, אַז אַלע שטאַמען פון דער גרוי־סער וועלט זאָלן זיך בענטשן מיט אים.

דער חומש האַלט ניט פון קײן איזאָלאַציע, ער איגנאָרירט בשום אופן ניט די אַרומיקע פעלקער. דער שפּיגל פון זיין רעפלעקסיע איז אָנ־געשטעלט קעגן אַלע איבעריקע אומות. אים גייט אין לעבן, אַז די נאַ־ציאָנען פון דער ערד זאָלן אָנערקענען דעם אידישן געזעמל אַלס אַ גרויס

פאָלק. אָבער אין חומש „גרויס" מיינט ניט שטאַרק, מעכטיק, ווילד־קריגעריש, בלוט־דורשטיק. „גרויס" אין חומש איז אַ סינאָנים פון „קלוג" און „גוט". גרויסקייט איז קלוגשאַפט און קלוגשאַפט איז גוטסקייט.

מיר וועלן אָנהויבן פון סאַמע אָנהויב, ווען דער פונדאַמענט פאַר דעם בנין פון דער אידישער געמיינשאַפט ווערט אַוועקגעלייגט. מיר וועלן אָנפאַנגען פון אידישן בראשית, דאָס הייסט פון אברם׳ען, אברם׳ען אָן אַ ה׳.

„און יהוה האָט געזאָגט צו אברם׳ען: גיי אַרויס פון דיין לאַנד און פון דיין געבוירנפלאַץ און פון דיין פאָטערס הויז צו דעם לאַנד, וואָס איך וועל דיר ציינן. און איך וועל מאַכן דיך צו אַ גרויס פאָלק און איך וועל דיך בענטשן, און איך וועל גרויס מאַכן דיין נאָמען, און דו וועסט זיין אַ בענטשונג. און איך וועל בענטשן די, וואָס בענטשן דיך, און די, וואָס שילטן דיך, וועל איך שילטן. און עס וועלן זיך בענטשן מיט דיר אַלע פאַמיליעס פון דער ערד". (בראשית י"ב, א׳).

יהוה וועט בענטשן די, וואָס בענטשן אברם׳ען. די, וואָס שילטן אברם׳ען, וועט ער שילטן. ווען עס קומט צום בענטשן, וואַרט ניט יהוה, אַז מ׳זאָל פאַרדעם אברם׳ען בענטשן און פיין באַהאַנדלען, נייערט ער זאָגט, אַז ער וועט בענטשן אינפאָרויס, אָבער דערפאַר, ווען עס קומט צום שילטן, איילט ער זיך ניט. יהוה וועט שילטן די, וואָס שילטן אברם׳ען בלויז לאחר־מעשה, נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין אברם׳ען אָנגעשאָלטן. זעט ווי דער פסוק דריקט זיך אויס: ואברכה מברכיך ומקללך אאר. עס שטייט ניט: „איך וועל בענטשן די יעניקע, וואָס בענטשן דיך און שילטן די יעניקע, וואָס שילטן דיך". עס שטייט אויך ניט: „די וואָס בענטשן דיך וועל איך בענטשן און די וואָס שילטן דיך וועל איך שילטן", נייערט עס שטייט בפירוש, אַז ער וועט בענטשן די, וואָס בענטשן אברם׳ען און די, וואָס שילטן אברם׳ען, וועט ער שילטן. ווען עס האַנדלט זיך וועגן בענטשן, איז יהוה דער ערשטער, ווען, אָבער, מ׳דאַרף שילטן, איז ער דער לעצטער. אזוי אָפּגעהיט איז דער חומש אין זיינע שילדערונגען פון די פאַרהעלטעניש, וועלכע וועלן זיך קניפּן צווישן אברם׳ען און זיינע פריינט און פיינט.

אָבער דער הויפּט געדאַנק געפינט זיך אין סוף־פּסוק: „און עס וועלן זיך בענטשן מיט דיר אַלע פאַמיליעס פון דער ערד". עס שטייט ניט, אַז אַלע וועלן ציטערן און פלאַטערן פאַר אברם׳ען, אַזוי שרעקלעך־גרויזאַם, ראַכעדאַרשטיק וועט ער זיין. ניין. ער וועט ניט אָנוואַרפן קיין שרעק אויף זיינע אַרומיקע שכנים, נאָענטע און ווייטע. זיין אויפפיר וועט זיין פון אַזאַ מילדן כאַראַקטער, זיינע באַציאונגען צו אַנדערע שבטים וועלן זיין אַזוי הומאַניש, אַז זיי וועלן זיך אַלע בענטשן מיט אים. זיי

וועלן זיך אָפּלערנען פון זיינע מידות טובות. זיי וועלן זיך ווינטשן צו זיין אימשטאַנד אים נאָכצוטאָן, צו גיין אין זיינע הייליקע דרכים.

דאָס איז ניט קיין דאָקומענט, וועלכער פּאַסט זיך געשריבן צו זיין פון אַ פּאָליטיש פאָלק, אָן אימפּעריאַליסטיש פאָלק. בלויז אַן עטיש געזעמל האָט געקענט טראַכטן וועגן דעם, אַז ער זאָל זיין אַ ברכה פאַר דער וועלט.

אין די הבטחות, וועלכע יהוה גיט אברם׳ען, זאָגט זיך ניט וועגן לענדער־פאַרכאַפּונג, וועגן מאַכט און גדולה. און ווען עס ווערט געזאָגט: „איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק״, ווערט די צוגעזאָגטע גרויס־קייט פאַרטייטשט אַזוי, אַז מ׳זאָל קיין טעות ניט קענען מאַכן, אַז מ׳זאָל עס ניט אויסטייטשן אין אימפּעריאַליסטישע טערמינען. פעלקער פון דער ערד, אַלע פעלקער אָן אויסנאַם, וועלן אַ ברכה מאַכן אויף אברם׳ען. זיי וועלן זען אין אים אַ קוואַל פון רעליגיעז־עטישער אויסגעצייכנטקייט, פון הייליקער פולקומענהייט.

יהוה שליסט מיט אברם׳ען אַ בונד, אַן אייביקייט־בונד. ער בייט, ביי דער געלעגנהייט, זיין נאָמען. ער גיט אים צו אַ ה׳. ער זאָגט אים צו: „אַ פאָטער פון אַ מענגע פעלקער וועל איך דיך מאַכן... איך וועל דיך פרוכפּערן זייער און זייער און וועל דיך מאַכן צו פעלקער און קעניגן וועלן פון דיר אַרויסקומען״ (בראשית י״ז, ו״).

אין חומש רעדט זיך וועגן ביאָלאָגישער פרוכטבאַרקייט, ניט וועגן מיליטערישע נצחונות. מלכים וועלן פון אים אָפּשטאַמען. דער חומש זאָגט ניט, אַז אברהם וועט איינגעמען מדינות מיט זייערע קיסרים, אַז ער וועט זיי אונטעריאָכן, זיי צווינגען צו צאָלן אים צינזן.

די פאַרשפּרעכונג פון פעלקער־בענטשונג איז ניט קיין צופעליקער שפּרוך. זי אַנטהאַלט אַ קלאָרע אויסגעדריקטע טענדענץ, ווי עס איז לייכט צו זען פון דעם, וואָס דער חומש ווידערהאָלט אָט־די צוזאָגעניש עטלעכע מאָל אין פאַרבינדונג מיט אברהם׳ס און יצחק׳ס קאַריערע.

„און אברהם — זיין וועט ער זיין אַ פאָלק אַ גרויס אַ מעכטיקס״ (בראשית י״ח, י״ח). וואָס מיינט אויף חומש-לשון „גרויס און מעכטיק״ אין אָט־די פלעצער ווייסן מיר שוין פון פריער, דאָך זאָגט עס אונדז דער סוף־פּסוק נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל: „און עס וועלן זיך בענטשן מיט אים אַלע פעלקער פון דעם לאַנד״ (דאַרטן).

זיי וועלן אים ניט אָפּגעבן איבערגעוואָלד זייערע נחלאות, זייערע שע־צער. זיי וועלן צו אים ניט שיקן זייערע זין און טעכטער אַלס אויסקויף־געלט. ניט דאָס. זיי וועלן אים שיקן זייערע גוטע צוואווינטשונגען, זייערע זעגנונגען.

דאָס איז אַן אַמביציע פון אַ פאָלק, וואָס וויל זיין און גילטן פאַר אַ צדיק, צו וועמען מ׳קומט זיך בענטשן.

און אויב עס איז נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ חשד אויף דעם צוזאָג צו זיין „גרויס און מעכטיק״, קומט דער פאָלגנדיקער פסוק און גיט אונדז דעם ריכטיקן מיין און פּינקטלעכן פשט.

„און זיי וועלן היטן דעם יהוה־וועג צו טאָן גערעכטיקייט און גע־ריכט״ (דאָרטן י״ח, י״ט).

דער וועג פון יהוה — וואוהין פירט ער? ער פירט ניט צו קיין פּאַלאַצן, וועלכע זיינען פול מיט טייערקייטן און קאָסאַבאַרקייטן. ער פירט ניט צו קיין טראָנען. ער פירט ניט צו קיין הערשאַפט און געוועלטי־קונג. דער וועג פון יהוה פירט דירעקט צו גערעכטיקייט, קודם־כל, און ערשט דערנאָך צום געריכט. לכתחילה דאַרף מען זיך פירן לפנים־משורת־הדין, פון דער אינעווייניקסטער זייט פון דער געריכט־ליניע. מ׳דאַרף האַנדלען ריין עטיש. נאָר בלית־ברירה, אַז די זיטלעכע אַקציע איז אויס־געשלאָסן דורך אומקאָנטראָלירבאַרע אומשטענדן, דעמאָלט דאַרף מען זיך נוהג־זיין יורידיש קאָרעקט. עטיק קומט אויף דעם ערשטן פּלאַן אין דער מענטשישער הנהגה. דאָס געזעץ פאַרנעמט אַ צווייטן פּלאַץ. דער חומש זאָגט דייטלעך, אַז דער יהוה־וועג איז צו טאָן צדקה און ערשט דערנאָך אָנקומען צום געריכט, צום געזעץ. די ערשטע פליכט איז די זיטלעכע פאַרבינדונג. און דאָס איז דער פשט פון דעם זאָג, אַז אברהם וועט זיכער זיין אַ גרויס און מעכטיק פאָלק. זיין גרויסקייט, זיין גדולה און גבורה באַשטייט אין זיין יהוה־וועג, אין זיינע יהוה׳ישע זיטן, אין זיין מאָראַלישער זויבערקייט, אין זיין עטישער עקסעלענץ. אויף אָט־דעם געביט פון זיטלעכן אויפפיר וועט אברהם אַריבערשטייגן אַלע פעל־קער פון דער וועלט. ער וועט זיין די עטישע פערזענלעכקייט.

ווייטער, בשעת דער עקידה, וואָס זאָגט צו דער מלאך פון יהוה? נאָכאַמאָל דאָס אייגענע: „און עס וועלן זיך בענטשן מיט דיין זוימען אַלע פעלקער פון דער וועלט״ (בראשית כ״ב, י״ז־י״ח).

„און עס וועלן זיך בענטשן מיט דיין זוימען אַלע פעלקער פון דער וועלט״ (בראשית כ״ו, ה׳).

דאָס רעדט יהוה צו יצחק׳ן. די ליניע אין דעם בילד פון דער צו־קונפט איז אויסגעהאַלטן. זי איז געצויגן אָן אַן אָפּנייג, אָן אַן אָפּווייך. זי רירט זיך ניט פון דעם בענטשעניש פּונקט. דער וואונטש איז דער פאָטער פון דער פאַרויסזעאונג און זאָגונג.

נאָך קלערער צייגט זיך אַרויס די טענדענץ פון חומש בנוגע דער אָפּמאָלונג פון דער צוקינפטיקער אידישער מערכה אין די ברכות, מיט

וועלכע יצחק, דער אַלטער בלינדער טאַטע, בענטשט זיינע צוויי בנים, עשו׳ן און יעקב׳ן.

ווען יצחק גאַרט זיך אָפּ און נעמט אָן יעקב׳ן פאַר עשו׳ן און ער מיינט, אַז ער בענטשט עס עשו׳ן, גיט ער אים אָט־די אימפעריאַליסטיש־קלינגענדיקע ברכה:

„עס וועלן דיך דינען פעלקער און עס וועלן זיך בוקן צו דיר נאַ־ציאָנען" (בראשית כ"ז, כ"ט).

צו וועמען רעדט ער עס? צו עשו׳ן, ד. ה. צו יעקב׳ן, וועלכער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר עשו׳ן.

רבקה איז דורכגעפאַלן. איר ליסטיקייט האָט ניט געהאָלפן. זי האָט געהאָפט, אַז יעקב, איר ליבלינג, וועט אויסכאַפּן די ברכה, וועלכע יצחק האָט געהאַלטן פאַר עשו׳ן. אָבער יעקב האָט די עשו׳שע ברכה ניט גע־קענט איבערנעמען. די ברכה האָט זיך ניט געפּאַסט פאַר אים, פאַר זיין לעבנסשטייגער אַלס „געצעלטן זיצער" (בראשית כ"ה, כ"ז).

די פּאַסנדיקע ברכה קריגט יעקב, ווען יצחק בענטשט אים פאַר זיין אַפּציען קיין פדן ארם צום פעטער לבנ׳ען, וואוהין רבקה שיקט אים, בכדי זיך אויסצובאַהאַלטן פון עשו׳ן, וועלכער וויל אים שלעכטס טאָן.

ווען יצחק ווייסט, אַז יעקב שטייט פאַר אים און עס איז בפירוש יעקב און ניט עשו, וועלכער גייט קריגן זיין בענטשונג, דעמאָלט איז יצחק׳ס ברכה גאָר פון אַן אַנדער אינהאַלט און נוסח. ווי באַשיידן און אומשולדיק זי קלינגט אין פאַרגלייך מיט דער פאַרדעמדיקער.

„דער אל־שדי וועט דיך בענטשן און וועט דיך פּרוכפּערן, און וועט דיך מערן, און דו וועסט ווערן אַ מענגע פון פעלקער" (בראשית כ"ח, ג׳).

דאָ ווערט שוין ניט דערמאָנט, אַז פרעמדע פעלקער וועלן אים דינען, אַז נאַציאָנען וועלן זיך בוקן צו אים. „אַזעלכע גליקן", אַזוינע דעראָבע־רונגען פּאַסן זיך פאַר עשו׳ן, ניט פאַר יעקבן. יעקב דאַרף אַליין ווערן צו אַ מענגע פון פעלקער. אָבער באַזיגן פעלקער, איינגעמען לענדער — דאָס איז אַן עסק פאַר עשו׳ן.

די זעגנונג פון פרוכטבאַרקייט דאַרף מען פאַרשטיין אַלס אַ צוזאָג און אָנזאָג, אַז דער צוואוקס פון דעם יעקב־געזינדל וועט פאַרקומען פון אינעווייניק, דורך אייגענע כוחות, אַז דער פאַרגרעסער פון דער באַפעל־קערונג וועט רעאַליזירט ווערן דורך דעם פּראָצעס פון קינדער־געבוירן, קינדער־האָדעווען און ניט דורך איינשאַפּן זיך שקלאַפן. דער פאַרמער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ בענטשונג. די גרעסערע מיטגלידערשאַפט איז שטאַרק צוניץ געקומען אין פאַרטיידיקונג, אין אָפּשלאָגונג פון באַ־

פאַלנדיקע שונאים ווי אויך אין אַרבעט, אין פּיצוכט, אין יעטוועדן אויפ־טו. שטאַמען פלעגן וואַקסן ניט אויפן אייגענעם חשבון אויסשליסלעך, נייערט אויף דעם חשבון פון פרעמדע שבטים, וועלכע מ'פלעגט באַדרענגען, צונעמען ביי זיי זייערע קינדער. דער פאַרגרעסער איז געווען ניט קיין ביאָלאָגישער. סאָציאָלאָגישע „פריה־ורביה", ד. ה. שקלאַפעריי, איז פּראַקטיצירט געוואָרן. דער חומש קוויקט זיך ניט מיט אַזעלכע פּערספּעקטיוון, דעריבער בענטשט ער כסדר סיי אברהם'ען, סיי יצחק'ן און סיי יעקב'ן מיט פּרוכטבאַרקייט. דאָס הויזגעזינד פון ישראל וועט זיך פאַרמערן דורך פאָרטפּלאַנצונג ניט דורך אַדאָפּטאַציע און פרעמד פלייש־און־בלוט אָנאייגענונג.

אויך דער צוזאָג פון לאַנד און די שבועה, וואָס ווערן אַזוי אָפט דערמאָנט אין חומש, פאַרפאָלגן די כוונה צו געבן אָנצוהערן, אַז בלויז אָט דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, בלויז אין לאַנד, וועלן די קינדער פון ישראל פאַרנעמען. זיי וועלן אָבער ניט פאַרכאַפּן קיין אַנדערע לענדער, קיין ניט־צוגעזאָגטע געגנטן.

העכסט דייטלעך און בולט קומט אַרויס דעם חומש'ס באַנעם מכוח ישראל'ס אַספּיראַציעס אַלס אַ „גרויס פאָלק" אין דער תוכחה.

דער חומש, אויסער אַלע זאַכן, איז אַ קלאַסיש ווערק אין דער קונסט פון שילטן זיך. איך צווייפל צי עס איז דאָ אַ צווייט בוך, וועלכעס זאָל זיך קענען אַזוי גוט פלוכן און קאָרעגייען ווי דער חומש. די פאַרפאַסער האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אין דעם פּרט אומאיבערטרעפלעכע מייסטער. ווען מ'לייענט די תוכחה גייט אַזש אַ סקרוך אַדורך איבערן לייב. ניט אומזיסט פלעגט קיינער ניט וועלן עולה־לתורה־זיין ווען מ'האָט געלייענט אָט־די פּרשה, וועלכע איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַזוינע אויסטערלישע, דריי־גאָרנדיקע קללות און חרמות פון אַן אינדיווידועלן און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

וואָס אונדז אינטערעסירט, איז די פאַרהעלטעניש פון די קללות צו די ברכות. אָט־די שייכות וועט אונדז געבן אַ קלאָרן אָנדייט וועגן דער ריכטונג פון חומש ווען ער נעמט זיך צום מאָלן דאָס צוקונפט־בילד פון אידישן וואוילשטאַנד.

ער שילט:

„און דו וועסט דינען דיינע פיינט... אין הונגער און אין דאָרשט, און אין נאַקעטקייט, און אין אַלעם מאַנגל. און ער וועט אַרויפטאָן אַן אייזערנעם יאָך אויף דיין נאַקן ביז ער וועט דיך פאַרטיליקן" (דברים כ"ח, מ"ח).

„דיינע זין און טעכטער זיינען איבערגעגעבן צו אַן אַנדער פאָלק

און דיינע אויגן זעען עס און גייען אויס צו זיי אַ גאַנצן טאָג און דו קענסט זיך ניט העלפן" (דאָרטן כ"ח, ל"ב).

„און איר וועט זיך פאַרקויפן דאָרט צו אייערע פיינט פאַר קנעכט און דינסטן — און קיינער קויפט ניט" (דאָרט, כ"ח, ס"ח).

„דיין אָקס איז געשאָכטן פאַר דיינע אויגן און דו וועסט ניט עסן פון אים" (דאָרט כ"ח, ל"א).

„יהוה וועט אַוועקפירן דיך און דיין קיניג, וועלכן דו וועסט אַוועק־שטעלן איבער זיך, צו אַ פאָלק, פון וועמען ניט דו און ניט דיינע עלטערן האָבן געוואוסט" (דאָרטן, כ"ח, ל"ו).

ווען עס קומט צו שילטן, ווייסט דער חומש גאַנץ גוט פון אונטער־יאָכונג, פון ראַבירונג, פון פאַרשקלאַפן, פון פאַרכאַפן זין און טעכטער, פון גנב'ענען, גזל'ענען פרעמד האָב־און־גוטס. על־פי־שכל הישר האָט דאָך געדאַרפט אויסקומען, אַז ווען דער אייגענער חומש, אין דער איי־גענער פרשה, נעמט בענטשן די קינדער פון ישראל, וועט ער געברויכן די אייגענע קללות, נאָר אין אַ פאַרקערטן וועג, צונעמען זיי פון ישראל און זיי אויסשיטן אויף די קעפּ פון די שונאי־ישראל. אָבער, מערק־ווירדיק, דער חומש טוט עס ניט.

ער זאָגט ניט צו די קינדער פון ישראל, אַז ווען זיי וועלן זיך אויפ־פירן ווי־געהעריק, וועלן זיי פאַרשקלאַפן די זין און די טעכטער פון זייערע שונאים, אַז זיי וועלן פאַרכאַפּן די גיטער פון זייערע פיינט, אַז זיי וועלן אַרויפטאָן אויף זייערע שכנים אַ יאָך ביז זיי וועלן פאַרטיליקט ווערן.

אין די ברכות האַלט זיך דער חומש גאָר אין אַנדערע ראַמען.

„דו וועסט זיין געבענטשט אין שטאָט און דו וועסט זיין געבענטשט אין פעלד... דו וועסט זיין געבענטשט אין דיין קומען און דו וועסט זיין געבענטשט אין דיין אַרויסגיין. יהוה וועט מאַכן דיינע שונאים, וואָס שטייען אויף אויף דיר, אַז זיי זאָלן געשטרויכלט ווערן פאַר דיר: אין איין וועג וועלן זיי אַרויסקומען און אין זיבן וועגן וועלן זיי אַנטלויפן פון־פאַר־דיר" (דברים כ"ח, ב־ז").

די שונאים זיינען אַגרעסיוו, אָפענסיוו. זיי באַפאַלן ישראל'ס לאַנד. זיי שטייען אויף אויף אים. אין איין וועג וועלן זיי אַרויס אים צו באַפאַלן. אין זיבן וועגן וועלן זיי אַנטלויפן. ישראל וועט אָפּשלאָגן אַלע זייערע אַטאַקעס. דאָס איז די ברכה. עס ווערט ניט געזאָגט, אַז ישראל וועט זיין דערפאָלגרייך אין זיינע מיליטערישע עקספּעדיציעס, אין זיינע אינוואַ־זיעס.

„און יהוה וועט דיך איבערלאָזן צום גוטן אין דער פרוכט פון דיין

בויך און אין דער פרוכט פון דיין בהמה, און אין דער פרוכט פון דיין ערד אויף דער ערד, וואָס יהוה האָט געשוואוירן צו דיינע עלטערן דיר עס צו געבן" (דאָרט כ"ח, י"א).

ישראל וועט האָבן אַן איבערפלוס פון פרוכט פון אייגענער געבורט סיי פון פרוי, סיי פון פי און סיי פון באָדן. אָבער פון וועלכן באָדן? איר זעט ווי דער חומש איז פּראַקטיש, ווי ער וואָלט מורא געהאַט מ'זאָל אים ניט שלעכט אינטערפּרעטירן: „אין דער פרוכט פון דער ערד, אויף דער ערד, וואָס יהוה האָט געשוואוירן צו דיינע עלטערן דיר צו געבן", בלויז פון אָט־דער פרוכט פון אייגענעם באָדן און אייגענעם לאַנד, וועט ישראל געניסן. ער וועט זיך ניט פּאַזשיווען מיט פרוכט פון אַ פרעמדן באָדן.

די ברכות זיינען באַשיידן, איינגעהאַלטן אין די גרענעצן פון פריד־לעכן לעבן אין אייגן לאַנד, אָן אָנפאַלן אויף שונאים, אויף שכנים. אַלץ וואָס ישראל וויל איז, אַז מ'זאָל אים לאָזן צורו.

דאָס ישראל־פאָלק האָט אַפילו ניט געטראַכט צו ווערן אַ פּאָליטי־שער כוח, צו אַנטוויקלען „אייזערנע מוסקולן" אַזוי, אַז ער זאָל אָנוואַרפן אַ פחד און פּאַניק אויף זיינע שכנים.

משה, דער גרעסטער אידישער אידעאָלאָג — אַ היסטאָרישע אָדער לעגענדאַרע פּערזענלעכקייט — זאָגט צו זיי:

„זע, איך האָב אייך געלערנט געזעצן און סטאַטוטן, ווי עס האָט מיך באַפוילן יהוה, מיין אלהים... און איר זאָלט עס אָפּהיטן און טאָן, ווייל דאָס איז אייער קלוגשאַפט און פאַרשטענדעניש פאַר די אויגן פון די פעלקער, וועלכע וועלן הערן אָט־די אַלע געזעצן און וועלן זאָגן בלויז אַ קלוגעס און פאַרשטענדלעכעס איז דאָס דאָזיקע גרויסע פאָלק" (דברים ד', ה'־ו').

דאָ האָט איר אין קורצן געפאַסט משה'ס אויפפאַסונג פון דער אידי־שער „אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק". די פעלקער וועלן אָנערקענען און צוגעבן, אַז די אידן זיינען אַ קלוג און פאַרשטענדלעך פאָלק. די געזעצן וועלן פאַרשטעלן די קלוגשאַפט, די חכמה פון ישראל, אין די אויגן פון די פעלקער. קלוגשאַפט, פאַרשטענדעניש... שאַצן דען פעלקער אָפּ בלויזע קלוגשאַפט, בלויזע פאַרשטענדעניש, אָן דעם צולייג פון אַ געפּאַנ־צערטן פויסט? פעלקער האָבן רעספּעקט פאַר ברוטאַלן כוח, פאַר אכזריות, פאַר קריגערישקייט, פאַר באַוואָפענונג, ניט פאַר קלוגשאַפט און פאַר־שטענדעניש, וועלכע זיינען הויל און נאַקעט. אָבער ניט וועגן גבורה, וועגן ניצחונות אין מלחמות טרוימט דער אידישער זשעני. משה שטעלט זיך פאַר, אין זיין נביא'ישן עקסטאַז, אַז אים וועט זיך איינגעבן צו עטאַב־

לירן די פאַרהעלטעניש צווישן דעם אידישן פאָלק און די אומות־העולם אויף דעם יסוד פון דרך־ארץ, וואָס די פעלקער וועלן האָבן פאַרן אידישן יושר, פאַר די אידישע הויך־עטישע געזעצן.

מ׳זעט פון דעם באַשייַנפערלעך, אַז דער אידישער געזעמל האָט זיך ניט געגרייט צו פאַרנעמען אַ שטאַרקע פּאָליטיש־מאַטעריעלע פּאָזיציע צווישן די פעלקער. אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט איז צו פאַרפעסטיקן זיין מאָראַלישן מצב.

„מיין הויז וועט הייסן דאָס געבעט־הויז פאַר אַלע פעלקער״ (ישעיה, נ״ו, ז׳).

דער זיג פון ישראל איז אַ מאָראַלישער זיג.

אַלע פעלקער וועלן אָנערקענען די גערעכטיקייט און גלויבנריכטיקייט, דעם עטישן קולטור אמת פון דער אידישער תורה. אַלע פעלקער וועלן באַגרייפן די חשיבות פון ישראל׳ס אייַנציקע אינסטיטוציע, זיין געבעט־הויז.

„שטיי אויף און לייכט, וואָרום דייַן ליכט איז געקומען״ (דאָרט, ס׳, א׳).

„און פעלקער וועלן גייַן צו דייַן ליכט״ (דאָרט, ס׳ ג׳).

דאָס ליכט פון גערעכטיקייט וועט פאַרטרייבן דעם חושך פון אומרעכט.

„בכדי עס זאָלן וויסן אַלע פעלקער פון דער ערד דייַן נאָמען צו האָבן פאָרכט פאַר דיר, ווי דייַן פאָלק ישראל״ (מלאכים א׳, ח׳, מ״ג).

אַלע פעלקער וועלן סוף־כל־סוף אָננעמען די רעליגיעז־עטישע לערע פון פאָלק־ישראל.

מיט אַזעלכע אידייען, וויזיעס, דערוואַרטונגען, מיט אַזאַ אידעאָלאָגיע, האָט דאָס אידישע פאָלק געקענט דערגרייכן בלויז עטישע צוועקן, אַרויסווייַזן עטישע אינערלעכע גבורה, אָנזאַמלען פּסיכאָלאָגישע אוצרות, אָנקלייבן רייכטימער פון הייליקייט און זעל־ריינקייט.

עס האָט אָבער בשום אופן ניט געקענט פאַרנעמען אַ בכבוד׳יקן פּלאַץ אויף דער פּאָליטישער אַרענע.

אין פּאָליטישן טעאַטער שטעלט מען כסדר די דראַמע „רויבער״ און יעדער שוישפילער איז באמת אַ גזלן, אַ רוצח, הגם ער פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פרידלעכן מענטשן, פאַר אַ ציוויליזירטן פאָלק.

וועלט־פּאָליטיק איז אַן עסק פאַר מערדער און דער „עם־נבון־וחכם״ האָט אין דער מערדערלעכער באַשעפטיקונג קיין טייל ניט געקענט נעמען...

7.

דער גערא‏ַנגל צווישן נביא און קיניג

לאָמיר זיך צוקוקן צו דעם ווערק, דעם בוך פון די ביכער, אונדזער פאַרצייטיקע אידישע ענציקלאָפּעדיע, דער שאַץ־קאַמער פון אונדזערע אַמאָליקע אוצרות, דאָרט וואו עס איז אָפּגעגאָסן, ווי אין אַלע שאַפונגען, די פּסיכאָלאָגיע און זשעני פון אידישן פאָלק.

אינטערעסאַנט, וואָס איז דער גרונט געדאַנק, וועלכער גייט דורך דעם גאַנצן תנ״ך? וואָסער נאָמען האָט מען געגעבן דער ביבל? דער „אַלטער טעסטאַמענט״ און דער „נייער טעסטאַמענט״. מיינט ניט, אַז דאָס וואָרט „נייער טעסטאַמענט״ איז אויסגעטראַכט געוואָרן פון די קריסטן. ירמיהו הנביא נוצט עס, ער פּראָפעצייעט: עס וועלן קומען טעג און איך וועל מאַכן מיט די אידן אַ נייעם אָפּמאַך, ניט ווי יענעם קאָנטראַקט, וואָס איך האָב געשלאָסן מיט זייערע עלטערן, בשעת איך האָב זיי געהאַלטן ביי דער האַנט אַרויספירנדיק זיי פון דעם לאַנד מצרים״. (ירמיהו ל״א, ל׳ ל״א).

דער אויפטו פון ירמיהו איז נאָר, וואָס ער רעדט וועגן אַ נייעם אָפּמאַך; ער וויל מ׳זאָל פאַרוואַרפן דעם אַלטן און אָנשרייבן אַ נייעם קאָנטראַקט, אָבער דער געדאַנק פון אָפּמאַך איז אַן אָנגענומענער.

דאָס גאַנצע ווערק שוויבלט און גריבלט מיט דעם געדאַנק. דאָס איז דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס האַלט זיך די ביבל.

עס איז געשלאָסן געוואָרן אַ בונד, אַן אָפּמאַך, אַ „קאָווענאַנט״ צווישן צוויי פּאַרטייען. אויף איין זייט שטייט דער „כל־יכול״, יהוה, און אויף דער אַנדערער זייט שטייט דאָס אידישע פאָלק. זיי רעדן זיך צוזאַמען און שליסן אַ בונד, מאַכן אַ סאָציאַל־עטישן קאָנטראַקט. די אידן זיינען זיך מתחייב — פאַרשטייט זיך, עס איז לעגענדאַריש און מעטאַפיזיש, אָט אַזוי שילדערט דאָס קלאַסישע אידישע ווערק די שייכותן פון יהוה׳ן און די אידן — אָפּצוהיטן געוויסע געזעצן; יהוה פאַרפליכט זיך זיי צו געבן דערפאַר אַ לאַנד, וואו צו וואוינען, געזונט, רייכקייט, לאַנג לעבן און גליק־זעליקייט.

דאָ האָט איר — לויט דעם פאַרשטיין פון חומש — אַ געשריבענעם קאָנטראַקט. די אידן האַלטן ניט דעם אָפּמאַך, און יהוה איז ניט מחויב צו האַלטן זיינע התחייבות׳ן און מ׳טרייבט זיי אַרויס פון לאַנד א. א. וו. א. אַ. וו.

וואָס איז דער גרונט־יסוד פון אינטעראינדיווידואַליזם? אַז יעדע

געזעלשאַפט דאַרף זיין געבויט אויפן סמך פון אַן אָפּמאַך, פון אַ קאָנ־טראַקט.

לויט מיין שכל נאָך, איז עס ניט קיין צופאַל, וואָס פּרודאָן, דער „טאַטע פון אַנאַרכיזם", איז געווען אַ גרויסער ביבל־געלערנטער; ער האָט אָנגעשריבן אַ פּירוש אויף דאָס ווערק. ער האָט פאַרפאַסט אַ גלענצנ־דיקע אַרבעט מכוח שבת. — עס איז באמת אַן עוולה, וואָס קיינער האָט עס ניט איבערגעזעצט אויף אידיש.

ווער עס האָט נאָר שטודירט דעם חומש, זעט גלייך פון ערשטן קוק, אַז דאָרט זיינען אַוועקגעלייגט די גרונט־פּרינציפּן פון אַן אינטעראינדי־ווידועלער געזעלשאַפט־אָנשויאונג, הגם, פאַרשטייט זיך, אין אַ פּרימיטי־ווער פאָרמע און פאַרשלייערט אין אַ מעטאַפיזיק.

ווען איר געמט אַראָפּ דעם מלבוש, אַ פּראָדוקט פון יענער צייט און יענעם אָרט, — טאַפּט איר אָן דאָס קלאַפּעדיקע האַרץ פון דער עמי־שער לערע, אַ דאָקטרינע וועגן אַ פאַרבאַנד, אַ פאַראיין, אַ סאָציאַלער קאָנטראַקט, אַ טעסטאַמענט.

און דער שטודיום פון חומש האָט אָנגעשטויסן פּרודאָנען אויף דעם גלענצנדיקן געדאַנק פון אַ געזעלשאַפט, באַזירט אויף אַן אָפּמאַך.

דער געדאַנק מכוח דעם חומש, צו מיין באַדויערן, איז ניט מיינער קיין אָריגינעלער. איך וואָלט שטאָלצירן מיט אַזאַ רעיון. עס געהערט ניט מער און ניט ווייניקער ווי צו דעם באַרימטן יוריספּרודענט יעלעניק. אין זיינע ווערק וועגן מלוכה־וויסנשאַפט ווייזט ער אָן, אַז אַלע קאָנסטיטו־ציעס, ווי די דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקייט, די דעקלאַראַציע פון די רעכט פון מענטשן און בירגער, און די קאָנסטיטוציע אָנגעשריבן פון די פּאַטערס־פּילגרימען אויפן שיף „מעיפלאַוער", זיינען אַן אָפּקלאַנג פון דער פרייער רעליגיעזער באַוועגונג אין שאָטלאַנד און זייער לערע מכוח דעם „קאָווענאַנט", און באמת זיינען זיי, באַהויפּט ער, אַן אָפּשפּיגלונג פון דער ביבלישער לערע מכוח דעם פונדאַמענטאַלן אָפּמאַך, צווישן דאָס פאָלק ישראל און דעם שאַפער פון דער וועלט.

און דאָרטן, אין חומש, אין אידישן אַלטערטום, איז געשטאַנען און שטייט דאָס וויגעלע פון אינטעראינדיווידואַליזם, און די לערע פון אַ פרייען אָפּמאַך שיינט אַרויס פון דאָרט, מעשה זון.

און דעריבער איז מיר גאָר קיין חידוש ניט, וואָס דער חומש מעלדעט, אַז דער גאַנצער אידישער קאָדעקס איז געשאַפן געוואָרן נאָך איידער די אידן האָבן געהאַט אַ לאַנד, ווען זיי זיינען נאָך געווען אין מדבר, און איז איבערגעגעבן געוואָרן צו זיי ניט דורך אַ מלוכה־מאַן, ווי אַ מין ליקורג אָדער סאָלאָן, נאָר דורך אַ משה׳ן; און די אויטאָריטעט, וואָס האַלט דעם

געזעץ, איז ניט דער וועלטלעכער שטאַט, נאָר אַן עטישער מהות, אַן אל רחום וחנון, וואָס שליסט אַ בונד, פאַרמירט אַן אָפּמאַך מיטן פאָלק. דאָס איז לעגענדאַריש, אָבער לעגענדעס, געשאַפן פון אַ פאָלק, ווייזן אַרויס, אַנטפּלעקן זיין נשמה מער ווי היסטאָרישע רעאַליסטישע פאַקטן.

און נאַטירלעך, ווען די אידן, אַ סך שפּעטער, נעמען בעטן אַ קעניג, איז דער ערשטער נביא שמואל שטאַרק אויפגעבראַכט, ווייל ער באַטראַכט, אַז זיי גייען אַראָפּ פון וועג, און ער אַמפּערט זיך מיט זיי, טענה׳ט און ווייזט אויף, אַז מ׳דאַרף עס ניט, אַז אַ מלוכה איז אַ שעדלעכע, עקספּלואַטאַטאָרישע אינסטיטוציע.

אָט איז די ערשטע פאַבל וועגן דעם קעניג. („שופטים״, קאַפּיטל ט, פסוקים פון ח׳ ביז ט״ו):

„גיין זיינען געגאַנגען די ביימער צו זאַלבן איבער זיך אַ קעניג. און זיי האָבן געזאָגט צום אוילבערט:

— קיניג איבער אונדז.

האָט געזאָגט צו זיי דער אוילבערט:

— צי זאָל איך אויפהערן מאַכן מיין פעטס, פאַרוואָס איך ווער פאַרערט פון געטער און מענטשן, און זיך נעמען אַרומפירן מיט די ביימער?!

האָבן די ביימער געזאָגט צום פייגן־בוים:

— קום דו, קיניג איבער אונדז.

האָט געענטפערט זיי דער פייגנבוים:

— צי זאָל איך אויפגעבן מיין זיסקייט און מיין גוטע פרוכטיקייט, און זיך גיין אַרומפירן מיט די ביימער?!

האָבן די ביימער געזאָגט צום וויינשטאָק:

— קום דו, קיניג איבער אונדז.

האָט געענטפערט דער וויינשטאָק:

— צי זאָל איך אויפגעבן מיין פרישן וויין, וואָס מאַכט פריילעך געטער און מענטשן, און איך זאָל זיך גיין אַרומפירן מיט די ביימער?!

האָבן געזאָגט אַלע ביימער צום דאָרן:

— קום דו, קיניג איבער אונדז.

האָט געענטפערט דער דאָרן:

— אויב איר זאַלבט מיך באמת פאַר אַ קעניג איבער אייך, קומט, איך וועל אייך באַדעקן מיט מיין שאָטן...״

איז מעגלעך אַנצושרייבן עפּעס שענערס פון דעם, וואָס איך האָב ציטירט?! דאַרפן מיר אַ בעסערן אַנטי־טיראַניי־משל?

קיין רעכטער בוים, וואָס גיט פרוכט, האָט ניט געוואָלט זיך נעמען פאַר דער שמוציקער אַרבעט פון רעגירן, הערשן און עקספּלואַטירן.

דער איינציקער, וואָס האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם, איז געווען דער דאָרן, די פּוסטע כלי, וואָס האָט גאָרניט וואָס צו טאָן, וואָס שטעכט זיך; ער איז דער פּאַסיקער מלך.

מיינט איר, אַז אַזאַ לעגענדע, געשאַפן פון פאָלק, דריקט ניט אויס זיין פּסיכאָלאָגיע? מיינט איר, אַז אַזעלכע שיינע מלוכה־פאַרהאַסנדיקע פאָבלען פאַלן פון הימל אַראָפּ ווי „מן"? איך מיין, אַז זיי שפּרודלען אַרויף פון די טיפענישן פון דער פאָלקס־נשמה.

ווייטער — זיי זיינען געקומען צו שמואל׳ן און געבעטן.

„גיב אונדז אַ קעניג, ער זאָל אונדז משפט׳ן ווי אַלע פעלקער". (שמואל ח׳, ה׳).

איר זעט, אַז זיי שטרייכן אונטער דאָס וואָרט, „ווי אַלע פעלקער". זיי פאַרשטייען, אַז דאָס איז ניט קיין אידישע אינסטיטוציע.

„און דאָס האָט אויסגעזען שלעכט אין די אויגן פון שמואל׳ן, דאָס, וואָס זיי האָבן געזאָגט: גיב אונדז אַ קעניג. און ער האָט מתפלל געווען צו יהוה׳ן.

„און יהוה האָט געזאָגט צו שמואל׳ן: געהאָרך זיי וועגן דעם, וואָס זיי זאָגן צו דיר. ניט דיך אַליין האָבן זיי פאַרוואָרפן, נאָר מיך האָבן זיי פאַרהאַסט, פּונקט ווי זייערע אַלע טועכצן, וואָס זיי האָבן געטאָן זינט איך האָב זיי אַרויסגענומען פון מצרים ביז היינטיקן טאָג. זיי האָבן מיך פאַרלאָזן און האָבן געדינט אַנדערע געטער; אַזוי האַנדלען זיי מיט דיר אויך. פאָלג זיי, אָבער וואָרן זיי און זאָג זיי, וואָס ס׳וועט זיין דאָס געזעץ פון דעם קעניג, וואָס וועט קיניגן איבער זיי".

ווי איר זעט, שילדערט דאָס קלאַסישע ווערק, אַז יהוה אַליין איז קעגן אַ קעניג, און ער באַטראַכט עס פאַר אַ זינד, פּונקט ווי דינען געצן, פרעמדע געטער, נאָכמאַכן פרעמדע שבטים, איבערנעמען זייער שלעכטן אויפפיר, זיך אָפּלערנען פון זיי שלעכטע מידות.

לאָמיר ציטירן אַביסל ווייטער.

„און שמואל האָט זיי געזאָגט:

דאָס וועט זיין דאָס געזעץ פון קעניג, וועלכער וועט קיניגן איבער אייך.

אייערע זין וועט ער נעמען און זיי איינשפּאַנען אין זיינע קאַרעטן און זיי מאַכן פאַר פאַר־רייטערס, און זיי וועלן לויפן פאַר זיין רייט־וואָגן.

און ער וועט באַשטימען האַרן איבער טויזנט, איבער פופציק, און זיי

וועלן אַקערן זיינע פעלדער און שניידן זיין שניט און מאַכן קריג־געווער און רייט־געפעס.

און אייערע טעכטער וועט ער נעמען און זיי מאַכן פאַר קעכינס, פרעגלערינס און בעקערינס.

אייערע פעלדער און אייערע וויינגערטנער און אייערע אוילבערטן די גוטע, וועט ער אַוועקנעמען און עס אַוועקשענקען זיינע דינער.

און אייערע געזייעכצן און אייערע וויינטרויבן וועט ער מעשר'ן און עס אַוועקגעבן זיינע סריסים און זיינע משרתים.

און אייערע קנעכט און אייערע דינסטן און אייערע יונגע לייט און אייערע אייזלען וועט ער צונעמען, און ער וועט זיי צווינגען אַרבעטן פאַר אים.

אייער שאָף וועט ער צונעמען, און איר וועט זיין צו אים קנעכט.

און איר וועט יאָמערן אין יענעם טאָג צוליבן קעניג, וואָס איר האָט זיך אויסגעקליבן, און יהוה וועט אייך ניט ענטפערן אין יענעם טאָג".

און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. דער סוף איז ביטער און שטעכעדיק.

זיי זיינען צוגעשטאַנען צו שמואל'ן, ער מוז זיי שאַפן אַ קעניג.

און די לעגענדע גיט אַ בילד, ווי אַ פּאַטש אין פנים.

ביי שאול'ן זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אייזלען. איז ער געגאַנגען זיי זוכן. ער איז געקומען צו שמואל'ן פרעגן, אפשר ווייסט ער, וואו געפינט מען די אייזלען, וואָס ער האָט פאַרלוירן.

דו זוכסט אייזלען? קום, אָט איז דאָ אַ גאַנץ פאָלק מיט חמורים, ווער זייער קעניג!...

דער זוכער פון אייזלען האָט געפונען אַ קעניגרייך פון חמורים.

דאַרף מען האָבן אַ בעסערן סימבאָל! האָט מען געקענט מאַכן מער חוכא וטלולא פון אַ מלוכה, ווי שמואל האָט עס געטאָן מיט דער מעשה וועגן די פאַרפאַלענע אייזלען, און די געפונענע חמורים?...

און איז עס אַ חידוש, וואָס דאָס פאָלק, וואָס האָט געשאַפן דאָס ווערק, אָנגעטרונקען עס מיט זיין מילך און בלוט, איז ניט בכוח געווען צו שאַפן אַ שטאַרקן וועלטלעכן שטאַט, און איז סוף־כל־סוף געבליבן אָן אַ מלוכה?

און איז עס אַ וואונדער, וואָס דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך דערצויגן אויף אַזעלכע ווערק, האָט געוואוסט דעם סוד, אַז מ'קען עקזיסטירן אָן אַ וועלט־לעכער מלוכה, אָן פּאָליטיק — בלויז אויף עטיק.

8.

גריכיש אָדער מאַמע-לשון

אַ וואָרט איז אַ כוח. ניט אומזיסט איז געזאָגט געוואָרן: „אין אָנ־הויב איז געווען דאָס וואָרט". לויט דעם אידישן וועלט־באַנעם איז דער גאַנצער קאָסמאָס באַשאַפן געוואָרן דורך אַ וואָרט. דורך אַ שפּרוך איז דער באַשטאַנד געקומען צו זיך, געוואָרן אַ „יש". אַ וואָרט באַזיצט, באמת, אַ מאַגישע קראַפט. ווערטער שאַפן באַגריפן. גאַר אָמאָל טוען זיי אָפּ אַ צולהכעיס, און זיי שטעלן זיך אַליין אַוועק אַנשטאָט דעם באַגריף, פאַר־שטעלן אים, פאַרטונקלען אים. זיי ווערן כמעט ווי אַ מחיצה צווישן מענטשן און די פאָרשטעלונג, וועלכע זייער שליחות איז אַרויסצורופן. ווערטער זיינען צייטנווייז גרויסע קונדייסים, אָפּטוער.

איך דערמאָן זיך ניט־ווילנדיק אַ סיפּור־המעשה, אָנגעשריבן פון בערקאָוויטשן. איך געדענק ניט דעם נאָמען פון דער מעשה'לע, אין זינען איז מיר מער ניט ווי פאַרבליבן דער אינהאַלט. דער סוזשעט איז אַן איינפאַכער, עס האַנדלט זיך וועגן אַ „אידישן ענין", ד. ה. וועגן אַ מלבוש און שניידעריי, אַ אידישער מלאכה. אַ שניידער־איינגל טראָגט אָפּ אַ גאַרניטורל פאַרן גימנאַזיסט. דער מלבוש ווערט ניט געפעלן, ער זיצט ניט גוט, ער ליגט ניט, עס קנייטשט, עס פאַלבט זיך. בקיצור, מ'האָט אים פאַרבראַקירט, און אָפּגעשיקט צוריק. דער שניידער, דער באַלעבאָס, ווערט ניט נתפעל און האָט אַליין גענומען דעם רעקל, וועסט און פאַר הויזן און זיך געלאָזט גיין. געקומען, אָנגעמאָסטן דעם גימנאַזיסט דעם יום־טוב'דיקן אָנצוג און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס איז אַ וואונדערבאַרע שטיקל־אַרבעט, אַ פּראַכט צו קוקן; אי עס איז געלעגן גוט, אי דער שניט איז געווען אויסגעצייכנט, אי די אַרבל גוט, אַלץ גוט. וואָס איז געווען די מעשה? פּשוט, דער שניידער־איינגל האָט זיך געשעמט צו רעדן אידיש, און אַזוי ווי דער גימנאַזיסט האָט גערעדט יוואַניש, איז ער, דער חייט, נעבעך געבליבן אָן לשון, אָן אותיות, און האָט ניט געקענט קיין זאַך פאַרענטפערן. עס האָט געפעלט דאָס וואָרט. דער שניידער איז אָבער געקומען באַוואָפנט ניט נאָר מיטן נאָדל און שער, נייערט אויך מיט זיין מענה לשון, און תיכף ומיד ווי ער איז אַרויס מיטן דיבור — איז אַלץ רעכט געוואָרן. אַ פאַלב, אַ קנייטש, אַ צופּ — דאַרף מען פאַרשפּרעכן, פאַררעדן, און זיי גלייכן זיך אויס. די אונ־טערשטע שורה איז געווען, אַז אַלע זיינען געבליבן צופרידן. דעם שניי־דער האָט מען באַצאָלט אויפן שענסטן אופן, באַדאַנקט, און ער איז אַוועק

אַהיים אַ צופרידענער, שטאָלץ מיטן באַוואוסטזיין, וואָס זיין אַרבעט און קונסט איז אַנגעלייגט און האָט אויסגענומען. דער גימנאַזיסט איז גע־ווען מלא שמחה, וואָס ער האָט אַן אַנצוג אויף יום־טוב, אַז זיין גלייכן איז גאַרנישט צו געפינען אין שטעטל. ער וועט האָבן מיט וואָס זיך צו באַווייזן פאַר זיינע חברים. ער וועט האָבן מיט וואָס זיך אויסצושיינען. זיי וועלן אים אַלע מקנא זיין. אַזאַ אַנצוג, עפּעס אַ קלייניקייט! אַ בחיר שבבחיר!

ווער האָט געשאַפן אָט־די פאַרוואַנדלונג?

ווער האָט באַוויזן דעם וואונדער? דאָס וואָרט, דער לשון, די פּעאי־קייט זיך אויסצודריקן פריי און פאַרשטענדלעך.

מיר דוכט, אַז אַ געוויסער אידעאָלאָגישער גאַרניטור איז ניט אָנ־גענומען געוואָרן אויף דער אידישער גאַס, מער ניט ווי דערפאַר, וואָס דער „שניידער" האָט ניט גענוצט פאַר אים דעם ריכטיקן וואָרט, ער האָט ניט גערעדט דעם געהעריקן לשון, דעם אידישן לשון. ער האָט זיך גע־פלייסט צו ריידן צו אונדז דווקא גריכיש און מיר אידן, דער „עמך", ווייזט אויס, האָבן ניט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

אַנאַרכיזם — וואָס באַדייט עס פילאָלאָגיש? אַן — מיינט די פאַר־ניינונג, ניט, אָן; אַרכיע — הייסט מאַכט, געוואַלט, רעגירונג. וואָס פאַר אַ לשון איז עס? גריכיש. אַנאַרכיזם אויף גריכיש מיינט אַ לערע, וועלכע באַהויפּט, אַז מענטשן וועלן און דאַרפן לעבן אָן רעגירונגען, אָן מאַכט.

אָבער פון ניט קען דאָך גאַרניט אַרויסקומען. די פאַרניינונג אַליין איז דאָך ניט גענוג. די סאָציאַלע נאַטור, ניט וויניקער ווי די פיזישע, האָט מורא פאַר אַ חלל, האָט פיינט פוסטקייט. שטאַטלאָזיקייט זאָגט עפּעס, אָבער גאַנץ וויניק. אויף אַ שלעכטן פריץ, זאָגט אַ אידיש ווערטל, טאָר מען ניט בעטן קיין מפּלה, ווייל נאָך אים קען קומען אַן ערגערער. מיט אינסטיטוציעס איז דאָס אייגענע. ווען מ׳לייגט פאָר אָפּצושאַפן אַן אינסטיטוציע, פרעגט זיך מיט וואָס וועט מען זי פאַרבייטן? מיט עפּעס בעסערס אָדער ערגערס, מיט עפּעס וואָס שטייט העכער אין דער אַנט־וויקלונג אָדער וואָס שטייט נידעריקער? דאָס איז די הויפּט־פראַגע. עס וועט ניט זיין קיין שטאַט... קעגנער פון שטאַט געהערן צו צוויי קאַ־טעגאָריעס מענטשן, די, וואָס האָבן אין זייער מאָראַלישער אַנטוויקלונג אַריבערגעוואַקסן דעם שטאַט, און די, וועלכע האָבן אין זייער מאָראַ־לישער הינטערשטעליקייט נאָך ניט דערוואַקסן צום שטאַט. די ערשטע זיינען עטיקער, מאָראַליסטן, צדיקים אויף דעם אַלט־רעליגיעזן לשון. די לעצטע זיינען קרימינאַליסטן, פאַרברעכער, רשעים, מנוולים.

עס איז קיינמאָל ניט אַזוי וויכטיק אָנצודייטן, וואָס עס וועט ניט זיין, ווי עס איז וויכטיק אָנצוגעבן, וואָס עס וועט יאָ זיין.

עס וועט ניט זיין קיין שטאַט.

ניחא, אָבער וואָס וועט יאָ זיין? ווי אַזוי וועלן מענטשן רעגולירן זייערע פאַרהעלטעגישן צווישן זיך? דאָס וועט געטאָן ווערן ניט דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ וועלטלעך פּאָליטישער מאַכט, וועלכע באַזירט זיך אויף טעריטאָריע, אויף לאַנד, און איגנאָרירט דעם יחיד און די גרופּע, סיי די נאַציאָנאַלע און סיי די אידעאָלאָגישע, נייערט דורך עטישער גבורה פון איבערצייגונג און פאַרבינדלעכע אָפּמאַכן, וועלכע ווערן געשלאָסן צווישן יחידים און אַסאָציאַציעס. קאָנטראַקט אינסטיטוציעס וועלן, אין דער ווייטער צוקונפט, פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון די וועלטלעך פּאָליטישע אויטאָריטאַרע אַנשטאַלטן. מיט דעם אויסבעסער פון דעם מענטשלעכן מאַטעריאַל, מיט דעם אויפשטייג פון אמת׳ער מענטשישקייט, מיט דעם וואוקס פון מאָראַלער קולטור, מיט דעם אויפהויב פון דעם עטישן רעליגיעז־וויסנשאַפטלעכן ניוואָ פון דער געזעלשאַפט וועלן איינגעפירט ווערן נייע הומאַניטאַרישע איינריכטונגען. אַ געמיינדע־לעבן וועט זיך זעלבסט־אָרגאַניזירן ניט אויפן פּרינציפּ פון טעריטאָריעלער שכנ׳־שאַפט, נייערט אויפן פּרינציפּ פון פאַרוואַנדשאַפט פון אידייען. לאָגיק און פּסיכאָלאָגיע וועלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון געאָגראַפיע אין דער געזעלשאַפטלעכער פאַרוואַלטונג. אַ קרובה׳שאַפט פון געזינונגען, פון שטאַנדפּונקטן, אַ נאָענטקייט פון לערעס, פון סיסטעמען וועט פאַרבייטן די אַמאָליקע בלוט־קרובה׳שאַפט און די היינטיקע שכנה׳שאַפט אַלס באַזע פאַר דעם פּאָליטישן צוזאַמענלעבן פון מענטשן.

דער מאָדערנער באַרבאַריש־סעקולערער איינשטעל האַלט זיך אויף דעם טעריטאָריעלן יסוד. ער איגנאָרירט הן די איבערצייגונגען פון יחיד, הן די פאָלקס־דרכים פון דעם נאַציאָנאַלן מיעוט און הן די אָנשויאונגען פון דער געזינונג־מינדערהייט. אָנשטאָט אַט־דעם איינשטעל וועט געשאַפן ווערן אַן אָרדענונג, וועלכע וועט געבן אַ מעגלעכקייט די מענטשן זיך צו גרופּירן, זיך פאַראייניקן, לויט זייערע עטישע רעליגיעז־וויסנשאַפטלעכע באַנעמונגען, און ניט לויט די וואוינפּלעצער, אין וועלכע זיי געפינען זיך. סיי די רעליגיע און סיי די וויסנשאַפט, די קירך און דער אוניווערסיטעט, וועלכע רעפּרעזענטירן די צוויי דיסציפּלינען, האָבן צו טאָן מיטן יחיד. זיי אַפּעלירן צום איינצעלנעם. זיי ווענדן זיך צו זיין פאַרשטאַנד. זייריידן צו זיין געוויסן. זיי וועקן זיינע געפילן. צייטנווייז שמייכלען זיי זיינע פאַראורטיילן אָדער אפילו אַבערגלויבערייען. אָבער זיי ווענדן זיך פאָרט צום אינדיווידואַלס צו אַ פּסיכאָלאָגישן און

לאָגישן, אינטעלעקטועלן און עטישן וועזן, און ניט אַלס צו איין איינוואוינער. וואָס איז אַן איינוואוינער? איז דען אַ מענטש בלויז אַ פֿיזישער קעגנשטאַנד, וועלכער פֿאַרנעמט פּלאַץ אין רוים! איז דען אַ מענטש בלויז אַ בירגער, אַ צוגאָב צו אַ בורג, אַ צולייג צו אַ שטאָט, אָדער אַ ציגל אין דעם מויער פֿון אַ פֿעסטונג! די צוקינפֿטיקע געזעלשאַפֿט וועט פֿאַרוואַלטעט ווערן פֿון אַן אינסטיטוציע, וועלכע וועט פֿאָרשטעלן מיט זיך אַ פֿאַר׳שלום׳ונג פֿון רעליגיע און וויסנשאַפֿט און אַ סינטעז פֿון די פּאָזיטיווע עלעמענטן פֿון די צוויי אַנשטאַלטן, וועלכע פֿאַרטרעטן אָט־די צוויי באַנעמונגען, פֿון דער קירך און דער וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע.

דער היינטיקער סאָציאַלער סדר־העולם מיט זיין וועלטלעכן שטאַט איז נידעריקער פֿון דער מענטשלעכער ווערדע. ער איז אַ פּראָדוקט פֿון באַרבאַרישקייט, ווילדקייט, פֿאַרגרעבטקייט. ער זאָגט עדות, אַז מיר זיינען פּורקי־עול, אויסגעלאַסן און אויסגעטאָן סיי פֿון די רעליגיעזע מצוות און סיי פֿון די וויסנשאַפֿטלעכע נאָרמעס. מיר פֿאַרמאָגן צוויי דיסציפּלינען, וועלכע זיינען דער שטאָלץ פֿון מענטשלעכן זשעני און זיי ביידע ווערן פֿאַרנאַכלעסיקט. די גרענדע אין דער ציוויליזירטער מענטשהייט פֿירט גאָר דער חם, דער עם־הארץ, דער וועלטלעכער גראָבער יונג, דער „שטאַטסמאַן“, דער וואולגאַרער פּאָליטיק־שווינדלער, דער פּלוידערזאַק, דער געוויסנלאָזער מאַשין־מאַן, דער אינטריגאַנט.

מישטיינס געזאָגט, ווי ציוויליזירט אונדזער ציוויליזירטע מענטשהייט איז! אַ ציוויליזירטע מענטשהייט, וועלכע באַשטייט, באמת, פֿון „באַנדעס רויבער“, וועלכע זיינען באַוואָפֿנט ביז צו די ציין און האָבן בלויז איין זאַך אין זינען, און דאָס איז ווי אַזוי איינע די אַנדערע איבערצושניידן די העלדזער, אָפּהאַקן די קעפּ, דורס זיין, אויפֿרייסן מיט באָמבעס, פּאַר׳סם׳ען מיט גיפֿטגאַזן, מיט איין וואָרט, אומברענגען פֿון דער וועלט.

די אַקאַדעמיעס פֿון דער וויסנשאַפֿט, קונסט און טעכניק פֿאַרנעמען זיך מיט מאַכן אַנטדעקונגען, דערפֿינדונגען. די וויסנשאַפֿטלער און קינסטלער אַרבעטן אין לאַבאָראַטאָריעס, אין סטודיעס — זיי שאַפֿן, זיי טוען אויף. זיי זיינען מחדש חידושים.

די קירכעס לייטערן, אָדער דאַרפֿן לייטערן, דאָס מענטשלעכע געוויסן מיט דעם, וואָס זיי האַלטן דעם פֿולשטענדיקן אידעאַל פֿון פּערפֿעקציע פֿאַר די גייסטיקע אויגן פֿון דער מענטשהייט. זיי טוען עס אויף אַ פֿאַרטאַטשקן אופֿן, עבודה־זרה׳יש. אָבער זיי דערפֿילן זייער פֿונקציע ווי־ניט־איז. די פֿרידלעכע באַפֿעלקערונג אין אירע שווערע מיליאָנען פּראַצעוועט, האָרעוועט, פּראָדוצירט דאָס אַלץ, וואָס עס פֿאָדערט זיך פֿאַר דער באַפֿרידיקונג פֿון די מענטשלעכע באַדערפֿענישן. וואָס אָט־די דריי

בשותפות בויען אויף, זאַמלען אָן און שפּאָרן אָפּ אין אַ משך פון הונ־דערטער יאָרן, קומען די רשעים, וועלכע זיינען פאַרטראַטן אין דעם וועלטלעכן אימפּעריאַליזם־שטאַטיזם, אין דער הערשאַפט פון גזלה און רציחה, און מאַכן עס חרוב אין איין יאָר פון אַ געשלעג.

וועלכע עטישע פּערזענלעכקייט, וועלכער בר־דעת, וואָס איז רעליגיעז־וויסנשאַפטלעך געשטימט, קען שלום מאַכן מיט אָט־דעם ווילדן כאַאָס, וועלכן מ׳רופט, על־פּי אַ מיספאַרשטענדעניש, סאָציאַלע אָרדע־נונג.

אָט־די קריטיק פון דעם הערשנדיקן פּאָליטישן תהו־ובהו איז ניט קיין פּנים חדשות אין דער אידיש קלאַסישער ליטעראַטור. אָט־די פאַר־דאַמונג פון דעם חושך, וואָס שוועבט איבערן געזעלשאַפטלעכן תהום, ווי אויך דער אָנזאָג פון אַ נייעם סאָציאַלן וועלט־באַשאַף מיט אַ לויטערן ׳יהי־אור׳ איז אַ טייל פון דער אידישער אמונה, פון אידישן וועלט־באַנעם, וועלכער האָט קיינמאָל ניט שלום געמאַכט מיט דער ׳ממשלת־זדון׳. אָבער אָט־די לערע, אַ טייל פון דער אידישער תורה, ווען מ׳האָט זי גע־בראַכט אויף דער אידישער גאַס, האָט מען זי איינגעוויקלט, אַנשטאָט אין אַ טלית, אין אַ גריכישן הימאַטיאָן, אין אַ גוי׳אישן מאַנטל. און דער אידישער גאַס און דעם ברענגער אַליין, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער האָט אונדז „מזכה״ געווען מיט עפּעס אַ נייעם אויפטו, מיט אַזאַ גע־דאַנק, וואָס אונדזערע אבות־אבותינו האָבן קיינמאָל ניט געהערט פון דעם. די אידישע אידן האָבן זיך אָפּגעטרייסלט פון אָט־דער פאַרזעעניש.

אין תוך אַריין, וואָס איז עס? אויף אידיש פאַרטייטשט, וואָס באַדייט אָט־די לערע?

ווען מ׳וואָלט ריידן צו די אידן אויף אידיש, וואָלטן סיי די ריידער און סיי די הערער גלייך אויפפאַסן, אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַן ענין, וואָס ניט נאָר וויסן מיר עס, ניט נאָר זיינען מיר באַקאַנט מיט דעם, נאָר עס איז שוין כמעט אַ פּאָר טויזנט יאָר, ווי מיר קעמפן דערפאַר, לעבן אַזוי. מיר זיינען פאַרפאָלגט, גע׳רודפ׳ט, פאַראַכט און פאַרשפּיגן געוואָרן דער־פאַר, וואָס מיר האָבן אַזוי געלעבט אויף־צו־להכעיס און צופּוקעניש פון דער גאַנצער גוי׳אישקער, וועלטלעך־פּאָליטישער רשעות־וועלט. די רשעים האָבן געהאַסט און האַסן דעם אידן דערפאַר, וואָס ער איז געווען, איז, און וועט פאַרבלייבן אַ איד. וואָס מיינט אַ איד זיין, ווען מ׳פאַר־טייטשט דעם וואָרט אויף שטאַט־וויסנשאַפטלעכער טערמינאָלאָגיע? אַ איד איז אַ מיטגליד פון אַ געזעמל, פון אַ כנסת־ישראל, וואָס האָט אויפ־געריכט זיין אינטעראינדיווידועלן בנין אויף יסודות פון רייפער זיטלעכ־

קייט, פון יושר, פון אַ „בונד”, אַן אַפּמאַך, אַן עטיש פאַרבינדלעכן צו־שטים אַן דעם עלעמענט פון וועלטלעכער פּאָליטיק.

אַ איד איז אַ זון פון אַן עם־קדוש, פון אַ פאָלק, וועלכעס פאָרמולירט זיין נאַציאָנאַליזם אַלס אַ באַשטרעבונג צו זיין און לעבן, זיך אויפפירן, ווי אַ הייליקער קהל און עטאַבלירן זיין עקזיסטענץ, דעם קיום־האומה, אויף דעם באַזיס פון אַ מאָראַלישער, רעליגיעז־וויסנשאַפטלעכער אינטעראינ־דיווידאָלאָגישער אויפפאַסונג.

אַ איד איז אַ מיטגליד פון אַן עם סגולה, וועלכער פאַרמאָגט אַ תורה, אַ סינטעז פון גלויבן און וויסן, אַ פאָלק, וועלכעס איז אויסדער־וויילט, איז אַן עם־עולם, אַ שליח-ציבור, אַ מיניאַטור און אַן עמבריאָן פון דער צוקינפטיקער מענטשהייט.

בערך צוויי טויזנט יאָר צוריק האָבן די אידן אָנגעוואוירן זייער שטאַט. זיי האָבן עס אָנגעוואוירן דערפאַר, ווייל זיי האָבן עס ניט געוואָלט אויפהאַלטן, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט קריגן זיך מיט די רוימער, ווייל זיי האָבן גאַנץ גוט געפילט, אַז זייער „אייגענער” הורדוס הרשע איז געווען ניט בעסער פון אַ רוימישן טיראַן. און די פאָרשטייער פון פאָלק, די חכמי התלמוד, זיינען געווען קעגן דער מלחמה; יאָ, אַזוי איז עס גע־ווען. די דעפּיטיסטן זיינען געווען די הערשנדיקע ריכטונג, און די פּאַלשע פּאַטריאָטן זיינען פון די שאַפער פון תלמוד געראָפן געוואָרן „בריונים”, אַ זידל־וואָרט, וואָס באַדייט כמעט דאָס זעלביקע וואָס באַנדיטן.

די אידן האָבן פאַרלוירן זייער שטאַט. זיי זיינען אָבער פון דעם ניט נתפעל געוואָרן. זיי האָבן גענומען אַנטוויקלען נייע פאָרמען פון געזעל־שאַפטלעכן לעבן. די אידעאָלאָגן האָבן סיי ווי סיי געשטרעבט דערצו, אַז די תורה, און ניט דער אידישער שטאַט, זאָל רעגולירן דאָס אידישע לעבן. דעריבער האָבן זיי געגרינדעט יבנה, געשאַפן אַ ישיבה אַלס צענטער פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, דערקלערט דעם בית־המדרש פאַר אַ וויכטיקערע אינסטיטוציע פון דעם טעמפּל. די אידישע געשיכטע דאַרף באַלויכטן ווערן מיט אַט־דעם אידישקייט־שיין, דעמאָלט ערשט וועט זי פאַרשטאַנען ווערן ווי געהעריק. די רדיפות און פאַרפאָלגונגען, וואָס די אידן זיינען אויסגעשטאַנען, וועלן דעמאָלט, און נאָר דעמאָלט, קריגן אַ זינען און אַ מיין. און זייערע נצחונות, וועלכע זיי האָבן אָפּגעהאַלטן איבער זייערע פאַרפאָלגער, וועלן אָננעמען אַ באַזונדער היסטאָרישע באַדיי־טונג ניט נאָר פאַר די אידן, נאָר אויך פאַר דער וועלט. דער מאָדנער פענאָמען, די אידישע רעטעניש, וועט געלייזט דורך דער אידישקייט־פילאָזאָפיע.

איך האָב אַמאָל געהאַט דעם פאַרגעניגן צו הערן אַנסקין, דעם

מחבר פון „דיבוק". דאָס איז געווען אין סמאָרגאָן, בערך אין יאָר 1910 אָדער 1911. איך געדענק ניט גענוי דעם יאָר. אַנסקי האָט זיך אויסגעדריקט, אַז מיט די אידן איז געשען, וואָס מיט יענעם לעגענדאַרן הייליקן, וועמענס סטאַטוע ער האָט געזען אין לוואוער — מ׳האָט אים דעם קאָפּ אַראָפּגענומען, האָט ער, דער קדוש, זיין אייגענעם קאָפּ אין די אייגענע הענט גענומען און זיך געלאָזט אַזוי גיין. דעם אידישן פאָלק האָט מען דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט, רואיגירנדיק זיין שטאָט, האָט ער זיך ניט ווּסנדיק געמאַכט און איז אַוועק איבער דער וועלט.

איך האָב אַנסקין געענטפערט: מיין פריינט, אַזעלכע ניסים טרעפן מער ניט ווי אין לעגענדעס; אין רעאַלן, ממשות׳דיקן לעבן, האָבן זיי קיין אָרט ניט. וואָלט מען דעם אידישן פאָלק דעם קאָפּ אַראָפּגענומען, וואָלט ער טאַקע אַוועקגעשטאָרבן, גלייך אויף אַן אָרט, און קיינע מחזקות וואָלטן אים ניט העלפן.

דאָ איז אָבער אַן אַנדער זאַך געשען: מ׳האָט אים די קעשענעס אָפּגעשניטן, האָט ער זיך נעבעך געמאַטערט. יעדערער ווייס, פון אייגענער דערפאַרונג, ווי שווער עס איז צו לעבן אויף דער זינדיקער ערד אָן אַ קעשענע, און אָן אַ בייטל אין דער קעשענע און אָן אַ שאַרפן מעסער, וועלכער איז דאָרטן פאַרבאַהאַלטן. אָבער מ׳קען פאָרט לעבן. פון דעם שטאַרבט מען ניט, סיידן מ׳רעדט זיך איין, אַז מ׳קען אָן דעם ניט אויסקומען, און דעמאָלט שטאַרבט מען פון דער איינרעדעניש.

און די אידן, אַלס אַ פאָלק, האָבן באַוויזן, אַז מ׳קען זיך באַגיין אָן אַ וועלטלעכן שטאַט און עקזיסטירן. און מער, זיי האָבן באַוויזן, אַז אומגעאַכט אויף דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן קיין שטאַט ניט פאַרמאָגט, האָבן זיי געשאַפן אַ קאָדעקס, און ניט נאָר געשאַפן עס, נאָר געפאָלגט עס, און אָן אייגענעם בית־דין געשאַפן. אויף וועלכן אופן? אויף אַ רעליגיעזעטישן שטייגער, אויף אַ רעליגיעזער סאַנקציע. זיי האָבן קאָנסטרואירט זייער לעבן אויף דעם גרונט פון געמיינדעס, און זייער צוזאַמענבונד האָבן זיי פאַרמירט ריין פעדעראַליסטיש, ניט צענטראַליזירט.

ווי האָט זיך געהאַלטן זייער בית־דין? אויף וואָס האָט זיך עס געהאַלטן? אויף פשרות, אויף אויסגלייכן סכסוכים, ניט אַראָפּדונערן ווערדיקטן, און איר — ווי איר ווילט זיך, געפעלט אייך יאָ, געפעלט אייך ניט, מוזט איר פאָלגן, ווייל אַזוי הייסט דאָס געזעץ.

גוטשקאָוו, דער קריגס־מיניסטער פון דער פּראָוויזאָרישער רעגירונג אין רוסלאַנד, גלייך נאָך דעם אומוואָרף פון טראָן, האָט געשאַפן אַ שיינעם ווערטל; ער האָט געזאָגט: „מיר האָבן געהאַט זשאַנדאַרמען פאַר דעם, און איצטער, נעבעך, האָבן מיר „אוביעזשדאַרמען" (איבערצייגער).

ער האָט פאַר דעם מורא געהאַט ווי פאַר פייער. ער האָט געמיינט די וועלט גייט אונטער. זיכער, אַז אויב מ׳קען ניט צווינגען, מוז מען צייגן, וואו מ׳קען ניט אָנווענדן דעם געבאָט און הייסן, מוז מען בעטן און איינשמועסן.

אויב מ׳קען ניט שמידן אין קייטן, מוז מען בינדן מיט קווייטן... און דאָס האָבן די אידן געטאָן, אַזוי האָבן זיי זייערע אינסטיטוציעס גע־געגרינדעט.

דער אידישער בית־דין. ווען איך בין אַ קינד געווען, האָב איך עס געזען מיט מיינע אייגענע אויגן. דעמאָלט האָט די זאַך אויסגעזען מיר פריקרע, די בעלי־דברים פלעגן קומען, זיך גוט אויסשרייען, ביז זיי פלעגן הייזעריק ווערן פון אויסגיסן זייערע אַלע טענות. עס זיינען ניט געווען דערביי קיינע אַדוואָקאַטן, סטריאַבטשעס אָדער אַנדערע אַנשיקער־נישן. מ׳האָט זיי געלאָזט אַראָפּרעדן פון האַרצן, און צום שלוס — פלעגט מען אַ פשרה מאַכן, איבעררעדן מיט איין צד, דערנאָך מיטן צווייטן, האַלטן זיי ביחידות, פאַרשטיין זייער לאַגע און תביעות און תופס־זיין וויפיל יעדער צד איז געניי‌גט נאָכצוגעבן. און צום סוף פלעגןביידע צדדים אָוועקגיין צופרידענע, איבערגעבעטענע. אַלע האַנדלונגען זיינען באַטראַכט געוואָרן פון אַ ציווילן שטאַנדפּונקט, קיינמאָל ניט פון אַ קרי־מינעלן.

עס איז ניט געווען קיין מוז־זאַך, קיין אַרויפצווינג, נאָר פרייוויליקער אויסגלייך. ס׳רוב זיינען געווען בוררים, מענטשן, וועלכע פלעגן זיך אַריינלייגן אין שלום־מאַכן. דאָס איז אַלץ. איז אָט די פאָרם פון געריכט ניט קיין אידעאַל? איז עס ניט דאָס, וואָס מאָראַליסטן האָבן געפּריידיקט בנוגע געריכט? איז עס ניט דאָס, נאָך וואָס זיי האָבן געגאַרט און געלעכצט? איז עס ניט דאָס, וואָס טאָלסטאָי אין זיינע ווערק לייגט פאָר, וואָס ער רעקאָמענדירט?

וויפיל מאָל, נאָך זייענדיק זייער יונג, אַ אינגל פון אַ יאָר פערצן, לייענענדיק טאָלסטאָיען פלעג איך קוועטשן מיט די פּלייצעס און טראַכטן ביי זיך:

איך וואָלט אָט דעם אַלטן טרוימער פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ נעמען ביי זיין באָרד און פאות און אים אַוועקפירן אין אַ אידישן קליין־שטעטל און אים באַווייזן בילדער פון אידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, און ער וואָלט זען, אַז דאָס, וואָס ער לערנט, זיינען זיי מקיים ניט וויסנדיק אַ האָר פון זיין לערע, טוענדיק עס על־פּי אינסטינקט, דורך זייער סאָציאַלן חוש. זיי זיינען געצוואונגען פון די אומשטענדן צו וועבן זייער חברה׳שן קיום לויט די מאָראַלישע פּרינציפּן, וועלכע ער פּריידיקט.

היינט מיליטאַריזם — האָבן מיר פאַר אים אַ גוט וואָרט פאַר־מאָגט? איך געדענק, איך בין אַלט געווען פינף־זעקס יאָר. דער טאַטע האָט מיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ שטול לעבן פענצטער, וואָס האָט אַרויס־געקוקט אויף אַ מאַרק אין יאַגוסטאָוו, אַ שטעטל אויפן דייטשן גרענעץ, אָנגעפּיקעוועט מיט פּיקעס און קאָזאַקן. אָנווייזנדיק מיטן האַנט אויף די זעלנער, וועלכע מ׳האָט געמושטירט, האָט ער געזאָגט:

„זעסט, אַבקע, אָט אַזוי לערנט מען מענטש דעם צווייטן ווי צו דער־הרג׳ענען אַ דריטן״.

די ווערטער זיינען מיר טיף אַריין אין זינען, ווייל איך האָב בשעת מעשה געפילט בחוש — און איך פאַרשטיי עס איצטער, נאָכן איבער־קלערן און אַריינטראַכטן זיך אין דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט — אַז דאָס איז ניט געווען אַ דעת יחיד, אַ מיינונג, אַרויסגעזאָגט פונם טאַטן, נאָר, אַז מיט זיין מויל האָט גערעדט דאָס באַוואוסטזיין פון אַ גאַנצן פאָלק, ניט פון אַ גרופּע פּערזאָנען, ראַדיקאַלן, נאָר ממש פון אַ פאָלק מיט אַלע זיינע שיכטן.

9.

דאָס אידישע לעבן אין ליכט פון מאָראַל

דאָס אידישע לעבן ביז צו דער „משכילים־עפּאָכע״, איז געווען פאַר־פאַרבט אויסשליסלעך רעליגיעז. אַלץ, וואָס אַ איד האָט געטאָן, האָט ער געדאַרפט האָבן אַ סמך אויף דעם ערגעץ־וואו אין אַ ספר. דער פּאַדים אין אידישן מלבוש האָט זיך געוועבט, לויט „ווי עס שטייט געשריבן״, אויף העברעאיש האָט עס געהייסן „ככתוב״. דער איד האָט זיך אויפ־געפירט, זיך באַנומען, סיי בנוגע איינער צום אַנדערן, סיי בנוגע דער אויסערלעכער אומגעבונג, סיי בנוגע „בין אדם למקום״, (בוכשטעבלעך דאַרף עס פאַרטייטשט ווערן „צווישן מענטשן און אָרט״, אַ געאָמעטריש־פילאָזאָפישע באַצייכענונג פון אויבערשטן) לויט די סטאַטוטן, רעגעלן, געזעצן, פאַרשרייבונגען, וועלכע זיינען געווען אויסגעאַרבעט און סיס־טעמאַטיזירט פון פאַרשיידענע רעליגיעזע געלערנטע זיינע און אויפגע־קליבן אין באַשטימטע ווערק, וואָס האָבן געהאַט אַ קאָדעקס־כאַראַקטער.

אָבער דאָס לעבן איז דאָך לויט זיין עצם מהות אַ פליסיק וואַסער, וואָס בייט זיך כסדר, אָן אויפהער, אָן אָפּשטעל. דאָ לויפט עס אין אַ גראַדער ליניע, דאָ דרייט זיך עס, דאָ רעש׳ט זיך עס, דאָ באַרואיקט זיך עס. ווער האָט עס געקענט נעמען אַ שטיק לעבן און עס איינצאַמען

אין פיר איילן פון אַ געשריבענעם טעקסט, זאָגן אים: דאָ איז דיין קורס, דאָס איז דיין בעטל, דאָ און אַזוי פּליס, גיס אוןֹ גיי ניט אַרויס פון די ברעגעס אויף אַ האָר ניט אָן אַ זייט. אפילו די קאָנסערוואַטיווסטע פאָרמע פון לעבן, פון זיין און עקזיסטירן, האַנדלען און רעאַגירן אויף אויסער־לעכע דערשיינונגען, מוז אַלעמאָל זייך פול מיט אויפטועניש, מיט אויפ־בראָכן, מיט ענדערונגען, מיט אָפּווייכונגען און אָפּנייגונגען פון די ווע־געלעך און שטעגעלעך, וואָס זיינען אויסגעטראָטן געוואָרן פון די פריער־דיקע דורות.

און דעריבער איז אפילו דער אידישער קאָנסערוואַטיווער אַרט־לעבן זייער ווייט פון צו זיין פאַרגליווערט, אָפּגעגאָסן, איין מאָל פאַר אַלעמאָל, אין אַ באַשטימטן פורעם, וואָס ווערט איבערגעגעבן בירושה פון גענעראַציע צו גענעראַציע. און אַזוי ווי דער וועבשטול אין וועבשטוב פון לעבן האָט געאַרבעט, געפלאָכטן די פעדים און געמוסטערט די צייכענונגען לויטן דין נאָך, לויט דער הייליקער אָדער פאַרהייליקטער „שריפט", האָט מען טאַקע גאַנץ אָפט געמוזט נעבעך „ברעכן" דעם דין, פאַרריכטן, איבער־נוסח'ן דעם „ככתוב" און זיך צופּאַסן צו די אויפגעקומענע באַדערפענישן און נויטווענדיקייטן, צו די פאַריאירנדיקע אומשטענדן און זיך־טוישנדיקע באַדינגונגען.

אָבער דאָס איז נאָך ווייט ניט אַלץ.

אין דער דאָזיקער שילדערונג פון אידישן רעליגיעזן לעבן, ליגט אַ גרונטאָוונער טעות.

די פראַגע איז, צי האָבן זיי טאַקע „געלעבט" ווי זיי האָבן „גע־שריבן", אָדער זיי האָבן „געשריבן" ווי זיי האָבן „געלעבט". דער אַלט־מאָדישער אָרטאָדאָקסאַל־רעליגיעזער מענטש האָט געגלויבט און גלויבט אין אָפּנבאַרונג. ביי אים איז רעליגיע ניט אַ זאַך, וואָס האָט אַרויסגע־שפּרודלט פון דעם ענגן מענטשלעכן האַרצן און באַגרענעצטן מענטשן־שכל, נאָר אַ סיסטעם, וואָס איז געווען פולקום אויסגעאַרבעט, אָפּגע־טאָקט, אויסגעשניצט אין אַלע דעטאַלן ערגעץ־וואו פון ערגעץ־וועמען, וואָס איז אַליין דער קוואַל פון ריינער קלוגשאַפט, און זי איז אַרויפגע־צוואונגען געוואָרן כמעט איבערגעוואַלט אויפן מענטשן. ווי אונדזערע טאַטעס האָבן זיך אויסגעדריקט: מ'האָט איבער זיי אַריבערגעבויגן דעם באַרג ווי אַ פעסל און געזאָגט צו זיי, אויב איר נעמט אָן די לערע, איז רעכט; אויב ניט, וועט איר אַלע דאָ אויפן אָרט באַגראָבן ווערן.

אַרויסגייענדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, האָבן זיי טאַקע געמיינט, אַז זיי לעבן און שטרעבן, טוען און עוסק'ן לויט „ווי עס שטייט געשריבן", ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז די „שרייבעכץ" איז ניט געווען זייער עסק,

זייער ענין; אַז געשריבן האָט עס אַן אַנדערער; יעדנפאַלס, האָט עס אימי־צער דיקטירט, און זיי האָבן מער ניט ווי די פען געהאַלטן אין האַנט און געשריבן אין דיקטאַנט, וואָס ער האָט געהייסן.

דאָ איז כמעט די זעלביקע חילוקי־דעות ווי אין אַסטראָנאָמיע. זיי האָבן געמיינט, אַז די זון דרייט זיך הקפות אַרום דער ערד און די ערד שטייט אין מיטן, ווי דער באַלעמער אין שול, בעת מיר האָלטן פונקט פאַרקערט, אַז די ערד ראָטירט אַרום דער זון.

בנוגע געזעץ, תורה און לעבן איז דאָס אייגענע. מיר זאָגן, אַז זיי האָבן געשריבן לויט זייער לעבן נאָך, לויט די הצטרכות׳ן פון זייער צייט און זייערע אויפפאַסונגען. און אויב דאָס „שרייבן" איז דיקטירט געוואָרן איז דאָס געטאָן געוואָרן ניט פון קיינעם, נאָר פון די לעבנס־באַדערפע־נישן פון זייער עפּאָכע.

דאָס איז אַ פּשוטער געדאַנק. אָבער ס׳איז וויכטיק עס ארויסצוזאָגן דייטלעך, אַרטיקולירט, ווייל דאָס באַגרייפן עס וועט אונדז פאַרהיטן פון אַ סך פאַרגרייזונגען, אין וועלכע פילע פון אונדז פאַלן אַריין גאַנץ אָפט, ווען מיר נעמען משפּט׳ן וועגן דאָס אידישע לעבן.

מ׳שטעלט זיך פאָר, יעדנפאַלס איז עס אויסגעדריקט געוואָרן אַ סך מאָל אין דער אידישער זשורנאַליסטיק, אַז אידן, דאָס אידישע לעבן, איז אין אַ קאַטאַסטראָפאַלן צושטאַנד דערפאַר, וואָס די שכינה פון דער אידי־שער רעליגיע, וועלכע האָט אויפגעהאַלטן די אידישע אומה ביז הייַנט, האָט זיך אָפּגעטאָן פון אונדז, האָט אונדז פאַרלאָזן און מיר בלייבן נעבעך אָרימע יתומים אויף אַ פרעמדער וועלט, צווישן פיינטלעכע שכנים, און עס איז ניטאָ צו וועמען זיך צו צוטוליען, אונטער וועמענס פאַרטוך זיך צו פאַרבאַהאַלטן פון דער שלעכטער, קאַלטער וועלט; ניטאָ מער קיין טאַטע אין הימל און קיין מאַמע אויף דער ערד, פאַר וועמען מ׳קען די „שקצים" פאַר׳מסר׳ן אָדער זיך פון האַרצן אַראָפּרעדן.

אַזאַ צוגאַנג איז אינגאַנצן אַ פאַלשער.

ווען די גאַנצע וועלט אַרום דעם אידן איז געווען רעליגיעז געזאָנען, האָט ער, דער איד, פאַרשטייט זיך, ניט געקענט זיין קיין אויסנאַם. ער איז געווען רעליגיעז. אָבער ניט נאָר איז ער געווען גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין רעליגיעז געשטימט, אַ פּינפּטער ראָד אין רעליגיעזן רייט־וואָגן. ניין, ער האָט געשאַפן זיינע אייגענע אָריגינעלע, — אויף וויפיל בכלל עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אָריגינאַליטעט, — פאָרמען פון רעליגיעזן דינסט, קולט־שטייגערס און רעליגיעזע קאָנצעפּציעס, זיין אַמאָליקע פּי־לאָזאָפיע.

דאָס אידישע לעבן האָט זיך געפאָרמט און געפורעמט אויף זיין אייגע־

נעם שטייגער, און די באַגרינדונג דערפאַר איז געגעבן געוואָרן אויסזוכנדיק געוויסע פסוקים, זאַגעכצן, טעקסטן. ס׳רוב איז עס די רעליגיעזע גע־לערנטע פון יענער צייט אָנגעקומען גאַנץ שווערלעך. זיי האָבן נעבעך געמוזט צעברעכן און צעשטעכן, צעדרוזגען און צעקרושלען, פאַרדרייען און אָפדרייען די פסוקים, ביז זיי האָבן זיי איבערגעוואַלט צוגעפּאַסט צום לעבן, אַריינגעקוועטשט אין די נייע אויפגעקומענע פאָרמען פון אידישן צוזאַמענלעבן. זיי האָבן אַ רעכט ביסל געשוויצט דערביי און גאַנץ אָפט געמוזט זיך לאָזן אויף סאָפיזמען און קאָפּ־דרייעכישן.

און אויב מ׳קוקט אויף דער זאַך אַזוי — און אַנדערש קען אַ מאָדער־נער מענטש ניט קוקן אויף די דערשיינונגען — נעמט דער גאַנצער ענין אויסזען אַ סך קלערער, צוזאַגנדיקער און אָפּטימיסטישער.

די צייט, וועלכע מיר לעבן איבער, איז אַ שווערע. מ׳פאַרפאָלגט, מ׳רודפ׳ט אידן. אָבער מ׳רודפ׳ט זיי היינט ניט מער ווי אַמאָל, ווי מיט הונדערט אָדער טויזנט יאָר צוריק. מיר האָבן דעמאָלט געהאַט פאַרשיי־דענע צייטן, בעסערע און ערגערע, און מיר האָבן עס היינט. מיר האָבן דעמאָלט געהאַט פאַרשיידענע „זאָגעס” אין דער זעלביקער צייט. אין איין אָרט האָט מען אידן מער געדריקט, אין אַנדערע ערטער ווייניקער גע־פּרעסט. דאָס אייגענע איז היינט.

אָביעקטיוו האָט זיך קיין זאַך ניט געענדערט צו ערגער.

דער אונטערשייד ליגט דאָ אין די סוביעקטיווע באַדינגונגען. דער אַלטער, פאַרצייטיקער איד האָט אַרויסגעוויזן מער פאַרשטאַנד אין אָפּ־שאַץ פון זיינע באַציאונגען צו דער אַרומיקער סביבה. ער האָט בעסער געוואוסט זיין אָרט און זיינע מעגלעכקייטן. ער האָט אויף זיך געקוקט ווי אויף אַן אינדזל אין מיטן אַ ים, וואָס בושעוועט און וויל אים איינ־שלינגען, און זיין זאַך איז אָפּצושלאָגן די כוואַליעס און בלייבן אינדזל.

פאַר אים, דעם אַמאָליקן אידן, איז געווען אַן אַקסיאָמע, אַז ער מוז שאַפן זיינע אייגענע אינסטיטוציעס און ער קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף די אַנשטאַלטן, וועלכע די אַרומיקע באַפעלקערונג האָט געשאַפן פאַר זיך, ניט פאַר אים. געוויינטלעך, אין יענע צייטן, זיינען ס׳רוב אַנשטאַלטן געווען רעליגיעז פאַרשלייערט, רעליגיעז אָנגעטאָן. ער האָט געוואוסט, אַז יענע אַנשטאַלטן זיינען קעגן אים, קעגן זיין וועלט־פאַרשטיין, מענטש־און לעבן־אויפפאַסונג, און קעגן זיינע לעבנס־אופנים.

ער האָט געהאַט אַ הונדערט פּראָצענטיקע נעגאַטיווע שטעלונג צו דער קאַטוילישער קירך. ער האָט זיך ניט איינגערעדט, אַז ער וועט זיך מיט איר איינלעבן, אַז זי וועט אים באַזאָרגן. ער האָט זי באַקעמפט, אין זיינע ווערק און אין זיין אייגן לעבן, שאַפנדיק אַנדערע פאָרמען און

אַנדערע אײנריכטונגען. ער האָט ניט געשאַפֿן קײן אידישע קירך. ער האָט ניט אָנערקענט דעם עצם פּרינציפּ, אויף װעלכן זי האָט זיך באַזירט. ער האָט געשאַפֿן װאָס ער האָט גערופֿן, אַ בית־מדרש, אַ סינטעז פֿון אַ קירך און אַן אַקאַדעמיע, אַ קהלה־לעבן א. אַ. װ. — אַן אײגענעם קולט.

און װען ער האָט געשאַפֿן זײנע פֿאָרמען און אַנשטאַלטן, האָט ער עס ניט געטאָן אין רחבות, אין װאָוילטאָג, נאָר אונטער דעם דאַמאָקל׳ס־שװערד פֿון רדיפֿות, פֿון באַגרענעצונגען און באַשרענקונגען, מיט װעלכע מ׳האָט אים געפּלאָגט און געפּײניקט. ער האָט זיך מוסר־נפש געװען און געטאָן עס.

איך װײס, אַז דער לײענער, װאָס איז דערצויגן אויף אַלט־מאָדישער רעליגיעזער ליטעראַטור, און הגם ער מײנט, אַז ער איז ניט רעליגיעז, דענקט ער נאָך אַלץ לויט דעם אַלט־פֿרענקישן רעליגיעזן קאַנאָן און טײטל — װעט, לײענענדיק די דאָזיקע שורות, זאָגן: ס׳טײטש, זײ האָבן עס געטאָן, װײל זײ האָבן געגלויבט. איך װײס, אַז זײ האָבן געגלויבט, איך װאָלט אָבער װעלן װיסן, װער האָט זײ געהײסן גלויבן. איך, איר, װער? זײ האָבן מורא געהאַט פֿאַר גאָט, אַז ער װעט זײ אָפּשמײסן, אויב זײ װעלן זיך ניט אויפֿפֿירן װי געהעריק. אָבער װער האָט זײ געהײסן גלויבן, אַז ער װעט זײ שמײסן? אַרום זײ איז געװען אַ גלויביקע װעלט — אָבער זײ האָבן געגלויבט אויף זײער אײגענעם שטײגער, װי עס האָט זיך געפּאַסט פֿאַר זײ, און װי זײ האָבן געװאָלט, און ניט װי די אַרומיקע סביבה װאָלט װעלן זײ זאָלן גלויבן און זיך אויפֿפֿירן.

װי אַמאָל אַזױ הײנט.

די אײנציקע זאַך, װעלכע האָט זיך געענדערט איז דאָס, אַנשטאָט דער טאָטאַליטאַרער קירך, דער קאַטוילישער קירך, איז אַרויפֿגעקומען דער טאָטאַליטאַרער שטאַט. ער מאָנאָפּאָליזירט דאָס גאַנצע לעבן פֿון דער געזעלשאַפֿט. און דאָס אידישע לעבן איז געצװאונגען צו נעמען אַ פּעסטע שטעלונג, אַן קװענקלעניש, אַן װאַקלעניש. אַזױ װי אונדזערע טאַטעס האָבן גענומען אַ נעגאַטיװע שטעלונג צו דער קאַטוילישער קירך, אַזױ װעט דער הײנטיקער איד מוזן נעמען, ער קען זיך ניט העלפֿן, אַן אַבסאָלוט־נעגאַטיװע שטעלונג צום הײנטיקן טאָטאַליטאַרן שטאַט.

און אַזױ װי דאָס פּאַרצײטיקע אידישע גרופּע־לעבן האָט אויסקריסטאַליזירט אײגענע סאָציאַלע פֿאָרמען, דאָס אײגענע װעט, מיט מאַטערניש, מיט בלאָנדזשעניש, מיט טאַפּן־אַ־װאַנט, מיט פּאַראַירונגען און פֿאַרװירונגען, טאָן דאָס הײנטיקע אידישע גרופּע־לעבן. די װיטאַליטעט איז ניט געמינדערט געװאָרן. די צוזאַמענהענגיקײט איז ניט שװאַכער געװאָרן. דער לעבנסלוסט, די עקשנות האָט זיך ניט אויסגעשעפּט.

עס וועט נעמען שאַפן אייגענע פּרייוויליקע רעליגיעז וויסנשאַפט־לעכע אינסטיטוציעס, סיי עקאָנאָמישע, סיי עטיש־יורידישע, סיי קול־טורעלע; אינסטיטוציעס, וואָס זיינען ניט פאַרבונדן, באַגרענעצט מיט טעריטאָריעלע גבולים, מיט וועלכע מיר האָבן קיין שייכות ניט. ס'רוב גרענעצן זיינען געצויגן געוואָרן דאָרטן, וואו דער שטיוול פון סאָלדאַט האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט ניט געקענט ווייטער בראָדזשען אין בלוט, אָדער נאָך בעסער, ווייל ער האָט זיך שוין געטרונקען אין בלוט און זיין פערד אָדער טאַנק האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר זיינען צעזייט און צע־שפּרייט איבער דער גאָרער וועלט. אָבער די וועלט, ביי היינטיקע צייטן, איז שוין ניט דאָס, וואָס זי איז אַמאָל געווען. פּאָסט, טעלעגראַף און ראַדיאָ און לופט־שיפן האָבן געשאַפן אייגנטלעך דעם קיבוץ־גליות, אונדזער צוזאַמענקלייב, וועגן וואָס אונדזערע טאַטעס האָבן געטרוימט, הגם זיי האָבן זיך עס פאַרגעשטעלט אויף אַן אַנדער אופן.

אַלץ, וואָס עס פאָדערט זיך אין אונדזער צייט איז, אַז די אידן, די ראַדיקאַלע אידן, זאָלן זיך אויסטשוכען פון שטאַטיסטישן טשאַד, וואָס האָט ביי זיי צוגענומען דעם קאָפּ און פאַרשטאַנד. דאָס אַלטע אידישע לעבן האָט זיך געפורעמט לויט אינטעראינדיווידועלע מוסטערן, און דאָס נייע וועט עס זיכער טאָן, מוזן טאָן. וואָס שטערט אָט־דער היילקיער אַר־בעט? די פאַלשע אידעאָלאָגיעס, וואָס באַהערשן דעם אידישן מוח.

די צרה איז, וואָס אַ גרויסער טייל פון דער אידישער אינטעליגענץ איז פאַרפירט, געכאַפּט אין דער „גוי'אישקער" מעשה, איז וועלטלעך שטאַטיסטיש געשטימט, און מיינט באמת, אַז מ'קען ניט לעבן, שאַפן אַן אַ וועלטלעכן שטאַט, און דערזעענדיק דאָס רואינירט, פאַר'חושכ'ט אידיש לעבן, זיינען זיי אָפּהענטיק געוואָרן. אָבער זיי וועלן אײנגי'כן צו זיך קומען און נעמען שאַפן, קאָנסטרואירן דעם פרייוויליקן עטישן רעליגיעז־וויסנשאַפטלעכן פאַרבאַנד, נעמלעך, אויפבויען אַ נייעם „בית־מדרש", וועלכער וועט פאַרנעמען דעם אָרט, וואָס ביי די אַרומיקע באַר־באַרישע שכנים אונדזערע פאַרנעמט דער שטאַט. ביי אונדז — רעליגיעז־וויסנשאַפטלעכע עטיק, ביי זיי — וועלטלעכע פּאָליטיק.

עס איז מאָדנע. עס זעט אויס, אַז דער שפּרוך פון שילערן פּאַסט זיך צו אידן בעסער ווי צו וועלכער עס איז אַנדערער גרופּע. „זאָגט דיר דיין פריינט וואָס דו ביסט, זאָגט דיר דיין פיינט וואָס דו זיין זאָלסט". אפנים, אַז די אַנטיסעמיטן פאַרשטייען בעסער די פּאָטענציאַלן פון אידישן לעבן, ווי אַ סך פון אונדזערע פאַרזאָרגער. זיי מיינען, אַז מיר פאַרמאָגן דאָס, וואָס מיר האָבן געדאַרפט פאַרמאָגן — און פאַרמאָגן ניט, ווייל מיר פאַרמאָגן ניט גענוג שכל עס צו שאַפן.

וואָס איז דער וועלטלעכער שטאַט? אַ צוואַנג־אָרגאַניזירונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכער איז באַזירט אויף אַ באַגרענעצטער טעריטאָריע. דאָס אידישע לעבן דאַרף זיך בויען אויף אַ פרייוויליקער אָרגאַניזירונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, ניט באַזירט אויף קיין טעריטאָריע, נאָר אויף איבערצייגונגען און צושטימונג. מיט אַנדערע ווערטער, מיר, אידן, וועלן שאַפן אַן אינטעראינדיווידועל־עטישע פאָרמאַציע, אַ כנסת ישראל אין פולן פשט פון וואָרט. מיר וועלן אויפריכטן דעם בית המדרש, דעם בית־דין און דאָס אידישע געמיינדע־לעבן אויף אַ רעליגיעזוויסנשאַפטלעכן באַזיס, ניט אויף אַ וועלטלעכן יסוד, ווייל אַ וועלטלעכע פאַראייניקונג פאָדערט אין דער אונטערשטער שורה אַ טעריטאָריע אַלס באַזע.

.10

די אידן־פראַגע אין ליכט פון אחרית־הימים

אויב מ׳שליסט אויס די באַהויפּטונג, אַז אידן שטעלן פאַר מיט זיך אין דער וועלט־פונקטואַציע דעם פראַגע־צייכן, און דערפאַר איז די אידן־פראַגע אַ רעטעניש, וואָס האָט ניט קיין לייזונג — מוז די אידן־פראַגע האָבן און קריגן איר ענטפער ווי אַלע סאָציאַל־פּאָליטישע אָדער אַנדערע פּראָבלעמען.

די אידישע געשיכטע, איבערניצעווענדיק אַנאַטאָל פראַנסן, קען איינגעפאַסט ווערן אין איין זאַץ: „געלעבט, געליטן און ניט געשטאָרבן״, בשעת די היסטאָריע פון ס׳רוב אַנדערע פעלקער ווערט אויסגעדריקט מיט דער פראַזע: „געלעבט, געליטן און געשטאָרבן״.

דאָס אידישע אריכות־ימים, דער לאַנגער עלטער, שטעלט ניט פאָר מיט זיך עפּעס איבערנאַטירלעכעס. די כינעזער זיינען עלטער פון אונדז, און עס זיינען דאָ אַנדערע זקנים אין דער פעלקער־משפחה. די באַזונדערקייט, די אייגנאַרטיקייט, ליגט דאָ אין דעם „געליטן״, ווייל דאָ דאַרף מען שטעלן דעם טראָפּ: געליטן, און נאָך ווי אַזוי! טאָקע אויסגעשטאַנען ברענענדיקע יסורים, זיך געבראָטן אויף שייטערהויפנס, אונטערגעוואָרפן געוואָרן אונטער כל־ערליי רדיפות און נגישות, סיי „נאַסע״, ווי פשוטע הריגות, אויסשעכטונגען, פּאָגראָמען פון כל המינים שהוא, און סיי „טרוקענע״, געזעצן אַרויסגעגעבענע קעגן אידן, באַשרענקונגען בנוגע זייער וואוינונג־פּלעצער, באַרוף, אפילו קליידונג, און גלאַט גירושים, אַרויסטרייבונגען פון אייניקע לענדער, אין וועלכע זיי זיינען געווען איינגעזעסן.

אידן האָבן גאַנץ אָפט געהאַט טיפע וואָרצלען אין דעם „פרעמדן" באָדן, טיפערע פון די יעניקע אַנגעקומענע און אויפגעקומענע פעלקער אָדער שטאַמען, וועלכע האָבן זיי אַרויסגעטריבן. אַרויסטרייבונגען אויף איין זייט און ניט אַריינלאָזונגען, פאַרוואָרענע איינוואַנדערונג אין אַנדערע מלוכות, אויף דער אַנדער זייט.

אונטער אַזעלכע אומגעהויער שווערע, כמעט אוממענטשלעכע באַדינגונגען, אין אַזאַ פלאַגעניש, אין אַזעלכע געהאַקטע וואונדן צו לעבן און זיך עלטערן און אַנגיין מיט געוויסער שאַפונגס־אַרבעט, — דאָס איז שוין כמעט אַ סאָציאַלער „קונץ". אַזאַ זאַך קען מען אין דער אַלגעמיינער געשיכטע ניט געפינען; ניטאָ קיין דופליקאַט. אין דעם פרט זיינען אידן אַ „חד־בדרא", אַן אויסנאַם אין דער היסטאָריע פון דער מענטשהייט, אָדער ווי אונדזערע טאַטעס פלעגן זאָגן שבת צו מנחה אין „שמונה עשרה": „דו ביסט איינער און דיין נאָמען איז איינער און ווער איז ווי דיין פאָלק ישראל איין נאַציאָן אויף דער וועלט". דער נוסח פון דער תפילה האָט זיין אָנלען־פונקט אין אַ פסוק אין דברי־הימים א' (י"ז, כ"א).

אויסשטיין פורעניות און זיך מאַכן ניט וויסנדיק, עס בייקומען אויף אַ פאַסיוון שטייגער; זיך באַזעצן, זיך איינוואָרצלען און ארויסגעריסן ווערן און וואַנדערן און זיך ווייטער באַזעצן און זיך ווייטער איינוואָרצלען אין אַן אַנדער לאַנד און דערנאָך ווייטער אַרויסגעריסן ווערן, און אַזוי אָן אַ סוף, ניט אָנווערנדיק דעם איינגעבוירענעם אָפטימיזם און ליכטיקע פערספעקטיוון און אויסקוקן אויף אַ זוניקער צוקונפט — דאָס איז שוין באַלד געוואָרן עפעס ספּעציעל אידישעס. מיר האָבן אויף דעם כמעט אַ פאַטענט געקענט אַרויסנעמען.

סאָלאָוויאָוו, דער גרויסער רוסישער מאָראַליסט, דער טאָלסטאָי אָן ראָמאַנען־שרייבעריי, האָט געזאָגט בנוגע דער אידן־פראַגע, אַז דאָס איז אייגנטלעך ניט קיין אידן־פראַגע, נאָר אַ קריסטלעכע פראַגע. זי באַשטייט אין דעם, צי די קריסטן וועלן זיך אויפפירן און האַנדלען ווי קריסטן אין זייערע באַציאונגען צו אידן. דער שפרוך אַנטהאַלט אַ ביטערן אמת און אַ האַרצווייטיק פון אַן עטיקער, וואָס האָט געוואָלט, אַז די קריסטן זאָלן זיך אויפפירן לויט דער עוואַנגעלישער מאָראַל פון אונטערשטעלן די צווייטע באַק, אָדער כאָטש זיך איינהאַלטן פון צו פאַטשן יענעם אין די באַקן גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. דער שפרוך זאָגט עדות וועגן דער טראַגעדיע פון קריסטנטום, אַן ארץ ישראל פרי, אַ פראָדוקט פון העכער מאָראַלישער קולטור, אַ גייסטיק טראָפּישע פלאַנצונג, אַן אידל געוויקס. אַ לערע, וואָס האָט תחילת פאַרגעשמעלט דעם שפיץ, דעם סאַמע ראַפינירטן מהות פון אידישער נבואה, איז אַריינגעפאַלן אין כאַמו־

לישע הענט, צו באַנדעס רויבער, רוצחים, וואָס האָבן געמאַכט פון איר אַ תל. קריסטנטום, אַלס אַ זיטן־לערע, האָט אַזוי געפּאַסט און פּאַסט איצט צו די אייראָפּעאישע באַרבאַרן, ווי אַ טלית־קטן אויף אַ הונט און אַ פּאָר תפילין אויף אַ דבר־אחר. אָבער דער וויציקער און פּיינפולער אויסדרוק גיסט קיין טראָפּן ליכט ניט אויף דער אידן־פראַגע. ווען אידן וואוינען צווישן קריסטן איז עס אַ קריסטלעכע פראַגע און ווען זיי וואוי־נען צווישן מאַכמעדאַנער — איז עס אַ מאַכמעדאַנישע פראַגע, און ווען זיי וואוינען צווישן בודיסטן, ווערט עס אַ בודיסטישע פראַגע, אָדער אַ קאָנפוציאַנער אָדער לאַאָ־טזע־פראַגע. דאָס זאָגט מער ניט, אַז די פראַגע געפינט זיך אין דעם געוועב פון די קעגנזייטיקע פאַרהעלטעניש, וואָס ווערן פאַרבונדן צווישן די אידן און דער אַרומיקער באַפעלקערונג.

אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט די אידן־פראַגע? און איידער מיר ענטפערן וועלן מיר זאָגן, און יעדערער וועט מיט אונדז איינשטימיק זיין, אַז די אידן־פראַגע פאַר דעם לעצטן יאָר איז אַוועקגעשטעלט גע־וואָרן פון דאָס ניי אויף אַזאַ האַרבן אופן, ווי זי איז ניט געשטאַנען אפשר פאַר די לעצטע טויזנט יאָר און מער.

פאַרוואָס ווערן אידן פאַרפאָלגט? אָסור דערפאַר, וואָס מיר, ניט אַלע פון אונדז, נאָר אַ היפּש ביסל, טראָגן קליינינקע בערגעלעך אויף אונדזערע בעזער, און מאַכן אַביסינקע צו שנעל מיט די הענט בשעת מיר רעדן, אָדער דרייען גאָר מיטן גראָבן פינגער. אָסור דערפאַר, וואָס מיר זיינען, אַ טייל פון אונדז, ברונעטן צווישן בלאָנדינען. אָסור דערפאַר, וואָס מיר זיינען סעמיטן און די אַרומיקע באַפעלקערונג איז אַן אַרישע. ווער קען עס באַווייזן, און וואו זיינען עס דאָ ריינע ראַסן? און ווי איז דער דין, ווען אַן אַראַבער צעברעכט אונדז די ביינער, און טאָקע גאַנץ געשמאַק? האָט דען מוכאַמעד ניט פאַרפאָלגט, אַרויסגעטריבן די אידן אָדער גע־צוואונגען זיי צו אָנערקענען אים אַלס „ראַסול אללאה״, גאָטס נביא? אַנדערע נאַאיווע משכילים האָבן געמיינט, אַז מ׳פאַרפאָלגט אונדז דער־פאַר, וואָס מיר טראָגן לאַנגע פאות, קאַלטענעוואַטע בערד, פאַר־שמאַלצענע זשופּיצעס, און ווי נאָר מיר נעמען און מענטשלען זיך אויס — וועט מען אונדז אויפהערן צו פאַרפאָלגן. אונדזערע היינטיקע נאַאיווע „משכילים״ מיינען, אַז דער האַס צו אידן שטאַמט פון דעם, וואָס מיר פירן זיך ניט אויף לייטיש אויפן עקאָנאָמישן געביט. אַ נעכטיקער טאָג!

מען פאַרפאָלגט אונדז דערפאַר, וואָס מיר זיינען ניט שטאַרק גענוג ניט צו דערלאָזן, אַז מ׳זאָל אונדז פאַרפאָלגן. אונדזערע צרות האָבן זייער מקור אויף דעם פּאָליטישן געביט, ניט אויף דעם עקאָנאָמישן. מיר ווערן

פאַרפאָלגט ניט דערפאַר, וואָס מיר זיינען חו״ש זינדיק, נייערט דערפאַר וואָס מיר זיינען שוואַך פּאָליטיש.

אין וואָס באַשטייט אונדזער „שוואַכקייט״? אין דעם — און עס איז פאַר קיינעם קיין סוד ניט, דאָס איבערצו׳חזר׳ן הייסט זיך ברעכן אין אָן אָפענער טיר, — אין דעם, וואָס מיר אַלס אַ געזעמל, פאַרמאָגן ניט קיין מיליטעריש פּאָליטישע אינסטיטוציע, וועלכע וואָלט אונדז געקענט שיצן און שירעמען.

לאָסקאַר האָט אַמאָל געענטפערט, ווען מ׳האָט אים געפרעגט, צי ער איז אַ גענעראַל, אַז זיין „גענעראַליזמוס״ האָט מען אים אָפּגעשניטן אויפן זיבעטן טאָג. אונדזער „גענעראַליזמוס״ אָדער ריכטיקער „שטאַטיזמוס״ האָט מען אָפּגעשניטן שוין כמעט צוויי טויזנט יאָר.

זיכער, אַ טייל פון אונדז רעדן זיך גאַנץ אָפט איין, אַז דאָ, דאָרטן קריגן מיר טיילווייז אַ שטאַט צוליב דעם, וואָס מיר נעמען אַרויס אונדזערע „בירגער״־פּאַפּירן. אָבער דאָס זיינען אילוזיעס, וועלכע צערינען און זיי־נען צערונען געוואָרן אַ סך מאָל שוין אין דער אידישער געשיכטע, און וועלן נאָך מסתמא אַ רעכט ביסל מאָל צערונען ווערן ביז דער פּשוטער אלף־בית׳עשער אמת וועט זיך אַריינקריצן מיט אומפאַרווישבאַרע און אומאָפּמעקבאַרע בוכשטאַבן אין באַוואוסטזיין פון יעדן אידן — אַז מיר זיינען „פרעמדע״ אומעטום.

מיר זיינען אַ רעטעניש און אַ ביי־וואָרט צווישן די פעלקער דערפאַר, וואָס זיי זיינען אַלע פּאָליטישע נאַציאָנען, בשעת מיר זיינען אַן עטישע נאַציאָן. און מיר זיינען אַ בייז־וואונדער פאַר זיי און אַ ציל־ברעט פאַר זייערע גיפטיקע פיילן.

פון אַלע די, וואָס האָבן געשריבן וועגן אידן, סיי אחינו בני ישראל, סיי ניט, ווייס איך ניט פון קיינעם, וואָס האָט אַזוי געטראָפן אין רעכטן פּינטל אַריין, ווי איבסען.

און אָט וואָס ער זאָגט וועגן אידן: „דער שטאַט איז די קללה פון דעם אינדיווידן. וועגנדט זיך צו דער אידישער נאַציאָן, דעם אָדל פון דער מענטשנראַסע. ווי האָט זי זיך אויפגעהאַלטן — איזאָלירט, פּאָעטיש — אויף צו־להכעיס דער באַרבאַרישקייט פון דרויסן? דאָס איז אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט ניט קיין שטאַט״.

אונדזער אומפּאָליטישקייט איז אונדזער שוואַכקייט, אָבער דאָס איז אונדזער שטאַרקייט אין דער זעלביקער צייט. אונדזער לעבן אַלס אַזוי־נער, אָן חכמות און אָן פּשט׳לעך, שטעלט פאַר מיט זיך אַן אידעאַלע פאָרמע.

מיר זיינען פאַרפאָלגט — אמת. אָבער מיר זיינען פאַרפאָלגט פאַר אַ

גרויסן אידעאַל — און דאָס איז אונדזער תורה, אונדזער עטיק. אַלס איינצלנע מענטשן האָבן זיך געגנוג אידן אַנגעשלאָסן אָן דעם וועלטלעכן שטאַט פון דעם לאַנד, וואו זיי וואוינען, אָבער די אידנשאַפט אַלס עפּעס גאַנצעס, האָט עס קיינמאָל ניט געטאָן, האָט עס ניט געקענט טאָן. וואָרום אידן זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער פאַרשיידענע לענדער, און דער־פאַר קענען מיר קיין „פּאַטריאָטן" ניט זיין אַלס אידן, אַלס מיטגלידער פון אַ גאַנצער אומה.

און ווען אַ איד זאָגט, אַז ער איז אַ פּאַטריאָט — לייגט ער פּשוט פון שלום־בית וועגן. און ס'רוב גלויבט מען אים טאַקע ניט, ווייל דער ליגן איז צו בולט, צו שרייענדיק. די פאַרבינדונגען אויסערהאַלב דעם געגעבענעם וועלטלעכן טעריטאָריעלן שטאַט זאָגן וועגן דעם עדות.

אויב מיר פּאַסן אויף ריכטיק די אידן־פּראָגע, איז אונדז גרינג צו געבן דעם ענטפער צו דער פראַגע. דאָס אייגענע ווי אין מעדיצין, די הויפּט־זאַך איז צו שטעלן דעם ריכטיקן דיאַגנאָז.

אידן ליידן דערפאַר, וואָס זיי זיינען בלויז אַן עטישע פאָרמאַציע. דער נעגאַטיוו ליגט אין דער ניט־אידישער סביבה. מיר ליידן פון דעם, וואָס די אַנדערע פעלקער זיינען גענוג „באַרבאַריש" צו שאַפן וועלטלעך פּאָליטישע פאָרמאַציעס, און זיי פאַרפאָלגן אונדז, רודפ'ן אונדז, טוען אונדז אָן צרות. זיי זעען אין אונדז אינסטינקטיוו דעם דם־שונא פון זייערע וואָכעדיק־וועלטלעכע אינסטיטוציעס.

היוצא, אַז די אידן־פּראָגע קען געלייזט ווערן נאָר דעמאָלט, ווען מאָראַל וועט טריאומפירן איבער פּאָליטיק, ווען הייליקייט וועט אָפּהאַלטן איר ניצחון איבער טומאה, ווען רעליגיע־וויסנשאַפט וועט בייקומען די וועלטלעכקייט, מיט איין וואָרט, ווען אומרעכט וועט פאַרניכטעט ווערן. דעמאָלט וועלן די איבעריקע פעלקער זיין פונקט ווי מיר אָן אונדזערע צרות, און מיר וועלן מער ניט זיין קיין אויסנאַם. דעמאָלט וועלן די גרע־נעצן פון די פּאָטערלענדער אָפּגעריבן ווערן. זיי וועלן בלייבן מער ניט ווי געאָגראַפישע באַצייכענונגען. דעמאָלט וועט דער וועלטלעכער שטאַט אַלס אַ טעריטאָריאַל־נאַציאָנאַלע אינסטיטוציע, אָפּגעווישט ווערן—ערשט דעמאָלט וועלן מיר, אידן, אויסגעלייזט ווערן. וועגן אָט־יענער צייט האָבן נביאות־געזאָגט אונדזערע פּראָפעטן. זיי האָבן געגעבן דעם איינציק־מעגלעכן ענטפער צו דער אידן־פּראָגע.

דעריבער איז עטיק פאַר אידן ניט קיין מותרות־זאַך, ניט קיין שטו־דיום, מיט וועלכן בלויז מאָראַליסטן, יחידי־סגולה, פאַרנעמען זיך. עטיק ביי אידן איז אַן אידעאַל אין דער פאַרווירקלעכונג פון וועלכן דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, אַלס אַ געזעמל, איז בלוטיק פאַראינטערעסירט. ועמך כלם צדיקים, אַלע אידן, אַלס אַזעלכע, מוזן קעמפן פאַר צידקות.

פּאַליאַטיוון, קאַלטע רפואות, אָדער לעבלעכע פאַרלייכטערונגען, זיי־נען פאַרגעלייגט געוואָרן, ווי למשל, דאָס „מינאָריטעטן־רעכט", „עמאַנצי־פּאַציע", „גלייכע רעכט" און נאָך אַזוינע מיטלען צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די אידן — אָבער קיין ראַדיקאַלע לייזונג האָט קיין אידייע ניט פאָר־געלייגט. די איינציקע, וואָס האָבן עס געטאָן, זיינען געווען די נביאים מיט זייער וויזיע פון אחרית־הימים, מיט זייער פאַרניינונג פון וועלטלע־כער פּאָליטיק, והיתה ליהוה המלוכה.

די אָפּשאַפונג פון וועלטלעך טעריטאָריעלן שטאַט וועט שליכטן די אַלטע מחלוקת, וואָס גייט אָן פאַר טויזנטער יאָרן צווישן אידן, וועלכער איז זינט מתן־תורה אַ רעליגיעזער „עטיקער" און דעם „גוי", וועלכער איז אַ וועלטלעכער „פּאָליטיקער".

11

דער דורכפאַל פון אַסימילאַציע

וואָס מיינט אַסימילאַציע ביי אידן? דאָס איז אַ פאַרלאַנג זיך אויס־צומישן מיט דער ניט־אידישער באַפעלקערונג. מיט פשוט'ע ווערטער, אַ טייל אידן ווילן ווערן גוים אָדער מיט גויים צוגלייך.

אַסימילאַציע איז אַ דערשיינונג, וועלכע באַגלייט דעם אידישן געזעמל דורך זיין גאַנצער געשיכטע.

דער חומש, אויסער זיינע אַנדערע אייגנשאַפטן, פאַרמאָגט אָן אַנט־וויקלטן פילאָזאָפישן בליק אויף דער געשיכטע פון ישראל. און עס איז העכסט אינטערעסאַנט אויסצוגעפינען, וואָס דער חומש האָט צו זאָגן מכוח אָט־דער דערשיינונג פון אַסימילאַציע, אַ דערשיינונג, וועלכע איז גאָר ניט קיין פנים־חדשות אין אידישן לעבן.

דער חומש דערציילט אונדז, אַז יוסף איז אָנגעקומען קיין מצרים צופעליק, צוליב אַ קנאה־שנאה פאַל צווישן די ברידער, יעקב'ס זין. ער איז אייגנטלעך ניט געקומען, מ'האָט אים געבראַכט אַהין אַלס אַ שקלאַף. ער האָט אָבער אַדאַנק זיינע אויסערגעוויינטלעכע פעאיקייטן און גע־שיקטקייט אין באַשיידן חלומות, אַ קענטעניש, וועלכע איז טייער גע־שאַצט געוואָרן אין יענע טעג, אַרויפגעקלעטערט זייער הויך אויפן ליי־טער פון אויסצייכענונג. ער איז געוואָרן וויצע־קעניג פון עגיפּטן, דאָס צי־וויליזירטסטע לאַנד פון אַלטערטום און איינע פון די גרעסטע מדינות אין יענער גרויער צייט. יוסף שטייגט פון שקלאַפעריי ביז נאָענט צום טראָן, פון תפיסה־קעלער ביז צום קעניגלעכן פּאַלאַץ. און אָט־די אי־בעראַשנדיקע דערהויבונג קומט אַלס אַ באַלוינונג פאַר אַ פּאָזיטיוון פאַר־

דינסט פאַר דאָס לאַנד פון געצוואונגענער איינוואַנדערונג. יוסף ראַ־טעוועט דאָס לאַנד מצרים פון אונטערגאַנג אין אַ זיבן־יאָריקן הונגער, וועלכער באַדראָט עס און האָט עס שיער ניט אומגעבראַכט. יוסף זעט פאָרויס די קאַטאַסטראָפע און פלייסט זיך זי אויסצומיידן. יוסף נעמט אָן אַלע נויטיקע מאָסרעגלען. יוסף איז דערפאָלגרייך. דאָס לאַנד איז ניט נאָר ניצול געוואָרן פון אַן אומגליק, נאָר איז נאָך רייכער און שטאַרקער געוואָרן.

וועלכע שוץ־מיטלען נעמט יוסף אָן? ער ראָט אויסצונוצן די זיבן גערעטעניש יאָרן, אָנזאַמלען פולע שפייכלערס מיט תבואה און איינפירן אַ ראַציאָנען־סיסטעם אין אויסטיילן עסנוואַרג אַזוי, אַז עס זאָל קלעקן פאַר דער באַפעלקערונג און מ׳זאָל זי קענען דורכפירן אין זעט דורך די גע־פערלעכע הונגער יאָרן. דאָ ווערט פאַרצייכנט, אפשר, איינע פון די ער־שטע, אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווירטשאַפטלעכע פלאַ־נירונג־אונטערנעמונגען, אויסגעפירט אין די גרענעצן פון אַ גאַנצער מדינה און דורכגעזעצט מיט געשיקטקייט פון יוסף׳ן, דעם געוועזענעם שקלאַף און געוואָרענעם הערשער. דער געוועזענער שקלאַף, יוסף, פירט איין אַ כמעט שטאַט־רעגימענטירטע אַגריקולטור־ווירטשאַפט און דער־ביי שאַפט ער די אינסטיטוציע פון לייבאייגנטום פאַר דעם פאַראָרימטן, פאַרהונגערטן פויערטום. אַ געוועזענער שקלאַף ברענגט אַריין אַ מילדע פאָרם פון שקלאַפעריי, שאַפט אַ מין טאָטאַליטאַרע רעגירונג, וועלכע, שפּע־טער צו, נוצט אויס איר אומגעהויערע מאַכט אין פאַרפאָלגן זיינע איי־גענע ברידער. אַזוי קייטלען זיך די געשעעניש אין דער ביבלישער דערציילונג לויט דעם מעטאָד פון מדה כנגד מדה, פון שטראָף פאָלגנדיק נאָך דער זינד...

אָבער אָט־דעם געדאַנק פון דער אומפאַרמיידלעכער פאַרקניפּונג פון פאַרברעכן און באַשטראָפונג, וועלכער איז אַריינגעפלאָכטן אין סיפור־המעשה פון דער ביבל, וועלן מיר לאָזן פאַרבייגיין. מיר וועלן זיך אָפּ־שטעלן אויף אַ צווייטער אַנצוהערעניש, וואָס דיזעלביקע דערציילונג גיט אונדז.

יוסף ברענגט אַריבער זיין טאַטן און זיינע ברידער. פּרעה נעמט זיי אויף מיט גרויס רעספּעקט, ווי עס פּאַסט זיך פאַר אַזעלכע אָנגעלייגטע געסט, דעם פאָטער און ברידער פון דעם רעטער פון לאַנד, דעם גרויסן יוסף׳ן. פּרעה גיט זיי אָפּ דאָס לאַנד גושן.

די אידן לעבן זיך איין מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג. לויט דער פאַרזיכערונג פון די מדרשים קומט אויס, אַז „די האָבן געדינט עבודה־זרה און די האָבן געדינט עבודה זרה". אויף אַ מאָדערנעם לשון מיינט עס,

אַז די אידן, וועלכע האָבן זיך אויסגעגרינט, האָבן זיך גענומען אַסימילירן מיט דער מצרי׳שער באַפעלקערונג.

עס איז אַ קליינער חילוק, צי די מעשה, וואָס דער חומש פאַרציילט איז היסטאָריע אָדער לעגענדע, צי די געשעענישן האָבן זיך טאַקע פאַר־לאָפן, אָדער זיי זיינען אַן אויסטראַכט, וואָס איז לא דובים ולא יער, וואָס האָט קיינמאָל ניט פאַסירט. אַלץ וואָס מיר ווילן איז לערנען אַ קאַפּיטל פילאָזאָפיע פון דער אידישער געשיכטע. און פאַר אַט־דעם צוועק אונדזערן איז לעגענדע נאָך וויכטיקער ווי די רעאַלע היסטאָריע. פיקציע איז דאָ וויכטיקער פון די פאַקטן. אויב די מחברים פון חומש האָבן אויסגעקלערט אַט־די מעשה שלא היה, ווייזט עס, אַז שוין אין גאָר אַלטן אַלטערטום האָבן זיי פאַרמאָגט אַ פעסט באַשטימטן, גוט־באַגרינדעטן באַגריף מכוח דעם אומפאַרמיידלעכן פועל יוצא פון דער אַסימילאַציע־פּראַקטיק ביי אידן.

וואָס האָט פאַסירט נאָכדעם, ווי דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע איז אוועק טיף און ווייט? דער חומש דערציילט עס אונדז. עס האָבן זיך אָנגעהויבן גרויזאַמע פאַרפאָלגונגען אויף אידן. אַ סעריע גזירות האָט זיך אַ שאָט געטאָן אויף די אידישע קעפּ. מ׳האָט די אידן אַזוי באַדרענגט און גע׳רודפ׳ט, אַז זיי האָבן געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וועלכעס האָט זיי, לכתחילה, אויפגענומען אַזוי ברייטהאַרציק, גוטמוטיק און גאַסט־פריינט־לעך. אין אַט דעם עפּיזאָד, וועלכער ווערט אַזוי מייסטערהאַפט געשיל־דערט אין חומש און אין די מדרשים, ליגט פאַרוויקלט די געשיכטע פון דעם שטענדיקן דורכפאַל פון אַסימילאַציע. דאָס איז אַ גאָר פאַרצייטיקע און אייביק צייטיקע געשיכטע, וועלכע ווידערהאָלט זיך מיט אַ דערעס־לעכן מאָנאָטאָן.

די אידן קומען אַריין אין לאַנד. מ׳נעמט זיי אויף גאַנץ שיין. זיי ברענגען נוצן דעם לאַנד פון איינוואַנדערונג. זיי באַזעצן זיך, ווערן אַלטע תושבים. זיי נעמען זיך אַסימילירן. זיי הויבן אָן זיך אויסצומישן מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג. זיי נעמען אָן די פרעמדע שפּראַך, די אָר־טיקע מנהגים, אויפפיר, דעם לאָקאַלן אָדער גאַנץ־לענדישן קולט, זיי הויבן זיך אָן צו מישן אין די אַנגעלעגנהייטן פון זייער וואוינלאַנד, וועלכעס זיי באַטראַכטן כמעט אַלס זייער היים־לאַנד.

וואָס אָבער קומט אַרויס פון דעם? די אָרטיקע באַפעלקערונג נעמט פּראָטעסטירן. מ׳גיט אַרויס געזעצן קעגן די אידן. אָדער זיי ווערן אַרויס־געטריבן, אָדער מ׳מאַכט זיי אַזוי ענג, אַז זיי מוזן אַליין אַנטלויפן.

אַט־דעם סיפור־המעשה האָבן די פאַרצייטיקע אידעאָלאָגן געהאַלטן פאַר איינעם פון די וויכטיקסטע טיילן פון דער גאַנצער הייליקער שריפט. פאַרוואָס? ווייל דאָ קלאַפּט דער פּולס פון דער געשיכטע פון ישראל, ווייל

אין דעם עפּיזאָד ווערט פאַרציילט ניט בלויז וועגן דער פאַרגאַנגענהייט, נייערט, וואָס איז פיל וויכטיקער, וועגן דער מערכה פון ישראל בכלל. ביי יעדער געלעגנהייט דאַרף אָט־דער עפּיזאָד פון מצרים־אַרויסגאַנג, אָדער אַרויסטרייב, דערמאָנט ווערן. דער חומש האַלט כסדר אין אָנזאָגן, אַז דער איד זאָל געדענקען יציאת מצרים, ער זאָל געדענקען, אַז ער איז געווען אַ שקלאַף אין עגיפּטן און ער איז פון דאָרטן אַרויס, צי מיט גוטן, צי מיט בייזן.

„בכדי דו זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון דיין אַרויסגאַנג פון מצרים אַלע טעג פון דיין לעבן” (דברים ט”ז, ג’) פון דעם לעבן פון דעם אידישן געזעמל, ווייל אָט־די געדעכעניש וועט אים העלפן זיך דערהאַלטן ביים לעבן.

דער חומש שפּאָרט ניט קיין מי און פלייס אויף דער עובדא פון אַריינקריצן וואָס טיפער אין אידישן זיכרון אָט־די געשעעניש. און ער טוט עס ניט מחמת דעם, וואָס די פּאַסירונג באַדייט באַפרייאונג און אויס־לייזונג אין פשוט’ן פּאָליטישן פשט פון וואָרט, נייערט מחמת דעם, וואָס די געשעעניש רעדט וועגן אַ באַפרייאונג און אויסלייזונג פון אונטער־גאַנג, פון אַסימילאַציע, פון סאָציאַלן טויט.

ווייטער, ווען דער פּאָליטישער באַפרייאונג־מאָמענט וואָלט געווען דער עיקר אין אָט־דעם עפּיזאָד, און אָ־דאָס וואָלט עס זיין, וואָס די דערציילער האָבן בדעה געהאַט צו לאָזן אונדז הערן, וואָלט דאָך דער גאַנצער סיפּור־המעשה און דער בונד, געשלאָסן אויפן סמך פון יציאת־מצרים, געהאַט פאַרלוירן זיין באַדייט גלייך נאָכן חורבן, נאָכן אַרויסגע־טריבן ווערן פון ארץ ישראל. וואָס האָט געטויגט דאָס אַרויסגיין פון מצרים, וויבאַלד דאָס אַריינגיין און באַזעצן זיך אין ארץ ישראל האָט זיך געענדיקט מיט אַזאַ פאַטאַלן דורכפאַל. און אַזוי ווי דער היסטאָרישער יסוד פון אידישקייט איז דאָך יציאת מצרים, ווי מ’זעט עס לייכט פון דעם ערשטן געבאָט, דעם אַריינפיר צו די עשרת־הדברות, וואָלט דאָך דער אידישקייט־בנין בלייבן אָן אַ פונדאַמענט אונטער זיך און די גאַנ־צע געביידע וואָלט לייכט איינפאַלן.

דער נביא ירמיה, וועלכער האָט איבערגעלעבט דעם ערשטן נאַציאָ־נאַלן קראַך, דעם ערשטן חורבן, האָט, באמת, שוין געזוכט צו שאַפן עפּעס אַ נייעם בונד, אַ נייעם טעסטאַמענט. אָט וואָס ער זאָגט בפירוש: „און איך וועל שליסן מיט דעם הויז פון ישראל און מיט דעם הויז פון יהודה אַ נייעם בונד, ניט ווי דער בונד, וועלכן איך האָב געשלאָסן מיט זייערע עלטערן אין דעם טאָג, ווען איך האָב זיי געהאַלטן ביי דער האַנט אַרויסצופירן פון לאַנד מצרים. וואָרום זיי האָבן פאַרשטערט מיין בונד

און איך האָב זיי געמוזט אונטעריאָכן" (ירמיה ל"א, ל'-ל"א). ירמיה האָט מורא, אַז דער ערשטער בונד האָט פאַרלוירן זיין גילטיקייט מחמת דעם, וואָס דאָס אידישע פאָלק איז איבעראָנייס פאַרשקלאַפט געוואָרן. אים מאַטערט דער געדאַנק, אַז דער יציאת־מצרים בונד, דער אַלטער אָפמאַך האָלט ביי אויפלייזן זיך, ביי בטל־ווערן.

דער אייגענער רעיון האָט מסתמא פאַרפאָלגט פוילוס'ן. דער זעלבי־קער פחד, אַז אידישקייט בלייבט הענגען אין־דער־לופטן, האָט פאַר־טונקלט זיין וויזיע, פאַרשאָטנט זיינע רעליגיעזע פערספעקטיוון. ער האָט דורכגעמאַכט אַן ענלעכע און נאָך אַ טיפערע אידישע קאַטאַסטראָפע, און דערפאַר האָט ער זיך אָנגעכאַפט, ווי איינער וואָס טרינקט זיך, אָן דעם רעיון פון דער מעגלעכקייט פון שליסן אַ נייעם קאָווענאַנט. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער ערשטער בונד איז באַנקראָט מחמת דעם חורבן פון לאַנד און אונטערגאַנג פון אידנשטאַט. ער האָט ניט אויפגעפאַסט דעם טיפערן, פיל טיפערן מיין פון ערשטן בונד, וועלכער באַזירט זיך אויף יציאת מצרים און וועלכער וועט זיך קיינמאָל ניט אויפלייזן, ווייל ער באַדייט די רעטונג פון פאַרטיליקונג דורך אַ פּראָצעס פון אַסימילאַציע, ניט אין שקלאַפעריי, אין פאַרפאָלגונגען און באַגרענעצונגען. די לעצטע זיינען בלויז אַ רעזולטאַט פון אַסימילאַציע. זיי דינען אַלס קעגנגיפט קעגן אָט־דעם שרעקלעכן סם־המות.

דער חומש בלייבט ס'רוב שטיין אין זיינע ווידערהאָלטע דערמאָנע־נישן ביי דעם אַרויסגאַנג פון מצרים און גייט ניט ווייטער צום אַריינ־גאַנג אין ארץ ישראל. פאַר דעם חומש איז אַמוויכטיקסטן אַריינצוקלאַפן אין דעם אידישן קאָפּ, וועלכער איז אין דעם פּרט טעמפּער פון אַ פויערשן קאָפּ, די לעקציע מכוח דעם דורכפאַל פון אַסימילאַציע.

אָט דער שיקזאַלהאַפטער דורכפאַל וועט זיך איבער'חזר'ן ביזן סאַמע סוף פון דער אידישער געשיכטע. דער דורכפאַל איז דער גרונט־טאָן פון דער ישראל־געשיכטע. דער חומש וויל, אַז דער איד זאָל עס האַלטן אין זינען. ער זאָל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. אויף יעדן טריט און שריט אין לעבן צווישן די פעלקער זאָל ר' ישראל עס גוט געדענקען און דעמאָלט ערשט וועט ער וויסן ווי אַזוי זיך אויפצופירן.

די „צען געבאָטן", דער וויכטיקסטער רעליגיעזער עטישער און פי־לאָזאָפישער דאָקומענט פון אידישן זשעני, הויבן זיך אָן מיט דער דער־מאָנונג, אַז יהוה האָט אַרויסגעפירט די אידן פון מצרים, ניט מיט אַ פאַרזיכערונג, אַז ער וועט זיי אַריינברענגען קיין ארץ ישראל. דאָס אַרויס־גיין, דאָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון מצרים, איז דער וויכטיקסטער „מעשה שהיה" פון גאַנצן אידישן ציבור־לעבן. דאָ געפינט זיך דער פאָקוס פון

אידישן באַוואוסטזיין. דער „לא יהיה לך אלהים אחרים" און עס וועלן אָדער עס זאָלן ניט זיין ביי דיר קיין פרעמדע אלהים, קומט גלייך נאָך דעם „אנכי יהוה אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים". דאָס איז אַן אָנזאָג קעגן אַסימילאַציע, קעגן דער נאַטירלעכער שטרעבונג פון אַ באַדייטנדיקן טייל פון אידנשאַפט זיך צו אַסימילירן, צו דינען פרעמדע געטער, אויפנעמען פרעמדע קולטורן, זיך אַליין צו פאַרפרעמדן, זיך אַליין צו פאַרלייקענען. מיט אַנדערע ווערטער, אויף אַ היינטיקן לשון מיינט עס: דו ביסט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים... געדענק זשע, פאַרשטיי אָט־די פּאַסירונג, חזר ניט איבער דעם טעות פון אַנאייגענען זיך פרעמדע אלהים, פרעמדע ווערטן, פרעמדע לעבנסשטייגערס. געדענק, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דיר אין מצרים.

דאָס אַרויסנעמען פון מצרים האַלט דער חומש פאַר דעם גרעסטן וואונדערבאַרסטן פאַקט פון דער אידישער געשיכטע. די אוממעגלעכקייט פון אַסימילאַציע דאָס איז לויטן חומש דער הויפּט־שטריך אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דער אידנשאַפט.

ס'רוב פעלקער גייען אונטער דורך דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע. זיי ווערן צעבראָקלט, צעקרושלט און דערנאָך איינקאָרפּאָרירט טיילנווייז אין אַנדערע סאָציאַלע קערפּערשאַפטן. זיי ווערן אַריינגעזאַפּט אין אַנדערע שטאַמען. זיי ווערן פאַרטיליקט אַלס נאַציאָנאַלע מהות'ן. ניט אַזוי די אידנשאַפט. זי קען זיך ניט אַסימילירן. קיין פרעמדער אָרגאַניזם קען זי ניט אַבזאָרבירן.

אָט ווי אַזוי דער חומש רעדט וועגן דער־דאָזיקער וואונדערבאַרער אוממעגלעכקייט, וועלכע איז איינע פון די גאַראַנטיעס פאַר דער אייביקער עקזיסטענץ פון דער אידנשאַפט אַלס אַן אייגנאַרטיקן ציבור מיט אַן אייגענעם קענטיקן פּרצוף־פּנים.

„אָדער צי האָט פּרובירט אַן אלהים צו קומען און זיך נעמען איין פאָלק פון־אינעווייניק פון אַן אַנדער פאָלק מיט פּרובירונגען, מיט צייכנס, מיט וואונדער און מיט קריג און מיט אַ שטאַרקער האַנט און אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם און גרויסע שרעקלעכקייטן, ווי עס האָט געטאָן צו אייך יהוה, אייער אלהים, אין מצרים פאַר דיינע אויגן" (דברים ד', ל"ד).

דאָס אַרויסרייסן דעם פאָלק ישראל פון צווישן די באַקציין פון אַסימילאַציע און אונטערגאַנג אין מצרים האָט געפאָדערט אַ קאָלאָסאַלע אָנשטרענגונג. און דאָס איז דער גרעסטער מופת, וואָס דער אידישער אלהים, דער היטער און וועכטער פון דער אידישער מערכה, האָט באַוויזן. די אַרבעט איז אים אָנגעקומען ניט לייכט. ער האָט עס באַוויזן צו טאָן דורך פּרוואוואונגען, צייכנס, וואונדער, קריג, שטאַרקער האַנט, אויסגעשטרעקטן

אָרעם און גרויסן טרויער. דאָס אַלץ איז אַנגעוועגדט געוואָרן ניט בכדי צו פאַרכאַפּן לענדער, באַזיגן פרעמדע פעלקער, אויפריכטן ערגעץ אַן אימפּעריע פאַר דעם אידישן פאָלק, ניין! אַט־דער אַנשטרענג איז גע־ברויכט געוואָרן אום צו באַווייזן דעם גרעסטן נס פון דער אידישער גע־שיכטע. אין וואָס באַשטייט דער נס? אין דער פאַראוממעגלעכונג פון אַסי־מילאַציע. די אידישע אומה קען ניט אַסימילירט ווערן. זי קען ניט אַראָפּ־געשלונגען און פאַרדייט ווערן פון אַן אַנדער פאָלק צווישן וועלכן זי וואוינט, און מיט וועלכן עס זעט אויס צו זיין אַזוי נאַטירלעך און איינ־פאַך־לייכט זיך אויסצומישן — און פאַרשווינדן.

דער חומש אַליין באַוואונדערט אַט־דעם אויסנאַמס־פאַל אין דער געשיכטע פון די פעלקער. ער זאָגט:

„פרעג די ערשטע טעג, וועלכע זיינען געווען פאַר דיר, פון דעם טאָג, ווען אלהים האָט באַשאַפן אַ מענטשן אויף דער ערד, צי עס האָט זיך פאַרלאָפן אַזאַ גרויסע זאַך, אָדער עס איז געהערט געוואָרן עפּעס אַזעלכעס” (דברים ד׳, ל״ב).

אַסימילאַציע איז אוממעגלעך מחמת דעם, וואָס די אידישע גרופּע ווערט געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און די סביבה, מיט וועלכער זי נעמט זיך גאַנץ פלייסיק אַסימילירן. אַט־דעם הויפּט־טעזיס לייגט דער חומש אַוועק אַלס יסוד פאַר זיין גראַנדיעזער געביידע פון אידישער אי־דעאָלאָגיע. און דעריבער ווערט דער חומש קיינמאָל ניט מיד, עס ווערט אים גאָר קיינמאָל ניט דערעסן, צו ווידערהאָלן אַט־דעם געדאַנק: גע־דענק, דו האָסט געוואוינט אין מצרים און דו האָסט געמוזט אַרויסגיין פון דאָרטן.

דער חומש מאַכט אַ היפּשע פאַר טריט אויף צוריק אין די נעפּלען פון פאַרגעשיכטע. דאָרטן, אין דער טיפעניש, פאַרפונדעוועט ער די־דאָזיקע באַהויפּטונג פון דער אידישער געשיכטע־פילאָזאָפיע, נעמלעך, די אויסגעשלאָסנקייט פון אַסימילאַציע.

יהוה שליסט אַ בונד מיט אברם׳ען, דעם ברית בין הבתרים. און דעמאָלט זאָגט אים שוין יהוה: „וויסן זאָלסטו וויסן, אַז דיין זוימען וועט זיין אַן איינוואוינער אין אַ לאַנד, וואָס איז ניט זייערס... און דערנאָך וועלן זיי פון דאָרטן אַרויס” (בראשית ט״ו, י״ג).

דער הויפּט־פּונקט איז דאָ וואָס זיי וועלן אין יענעם לאַנד ניט פאַר־בלייבן. מ׳וועט זיי פייניקן און זיי וועלן זיין געצוואונגען זיך פון דאָרטן אַרויסצוציען.

פאַרוואָס ווידערהאָלט דער חומש אַזויפיל מאָל זיין אָנזאָג און וואָר־נונג קעגן אַסימילאַציע? ווייל ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז מיט אַט־דעם פאַר־

באַט, מיט דעם־דאָזיקן באַפעל גייט ער קעגן אַ הינרייסנדיקן שטראָם פון לעבן. אַסימילאַציע איז אַ נאַטירלעכע דערשיינונג פאַר אַ גרופּע, וועלכע וואוינט צווישן אַ פרעמדן פאָלק, וואָס איז גרעסער פון איר אין צאָל און מעכטיקער אין קולטור־איינפלוס און מאַטעריעלן רייכטום. לכתחילה הייבט זיך אָן אַ פּראָצעס פון צופּאַסונג. מ׳באַקענט זיך מיט דער אומגעבונג אין וועלכער מ׳לעבט. מ׳פאָרשט אויס די אומשטענדן, אונטער וועלכע עס קומט אויס צו אַרבעטן. מ׳לערנט זיך אויס די שפּראַך פון דער באַפעלקערונג, מיט וועלכער מ׳פאַרקערט. מ׳נעמט נאָכטאָן דעם אויפפיר. אַזוי ביסלעכווייז, כמעט אומבאַמערקטערהייט, גייט צו־פּאַסונג אַריבער צו נאָכמאַכונג, און נאָכמאַכונג צו פולשטענדיקער אַסי־מילאַציע. די לעצטע ווערט שטאַרק אַרויסגעהאָלפן דורך די געמישטע חתונות, וועלכע זיינען אַ נאַטירלעכער פועל־יוצא פון די לעבנס־באַדינ־גונגען. מ׳וואוינט אין די זעלביקע שטעט, אויף די זעלביקע גאַסן, אין די אייגענע נאָכבאַרשאַפטן, אפילו אין די זעלביקע הייזער. מ׳באַזוכט די־זעלביקע שולן, אַמוזירונג־פּלעצער, קאָנצערטן, טעאַטערס. מ׳באַלאַנגט צו די זעלביקע ספּאָרט־פאַראיינען א. אַ. וו.

זיך געפינען צווישן אַ פאָלק און ניט זיין באַקאַנט מיט זיינע מנהגים, טראַדיציעס, יום־טובים, געשיכטע איז זייער אומבאַקוועם. ווען מ׳פאַר־קערט מיט מענטשן, דאַרף מען וויסן ווער און וואָס זיי זיינען. מ׳דאַרף פאַרשטיין זייער כאַראַקטער, די באַקאַנטשאַפט מיט דער אַרומיקער סביבה ווערט דיקטירט פון אַן עלעמענטאַרער באַדערפעניש פלוס אַ מין נייגיר.

דער וועג איז אָנגעצייכנט מיט אַלע זיינע עטאַפּן:

פון באַקאַנטשאַפט צו צופּאַסונג, פון צופּאַסונג צו נאָכמאַכונג, פון נאָכמאַכונג צו אויסמישונג. די לעצטע איז אָבער אַלע מאָל אַ קאַטאַסטראָ־פאַלער דורכפאַל. זי רופט אַרויס אַ רעאַקציע מצד פון דעם פאָלקסטום, מיט וועלכן אַ טייל פון דער אידנשאַפט וואָלט גערן וועלן זיך אויס־מישן.

דער חומש באַגריפט די שוועריקייטן, מיט וועלכע די אידנשאַפט וועט זיך באַגעגענען אין איר גלות־לעבן, און לאו־דווקא גלות־לעבן און גלות־לענדער. און דער חומש וואָרנט און וואָרנט קעגן אַסימילאַציע. עס איז פון־זיך־אַליין פאַרשטענדלעך, אַז דער חומש גיט אָט־די אזהרות און התראות אין זיין אייגענעם סטיל און נוסח. אפילו אין דעם אייגענעם לאַנד, האַלט דער חומש, איז די אידנשאַפט ניט פאַרזיכערט קעגן דער אַסימילאַציע־געפאַר.

„אַז דו וועסט געבוירן קינדער און קינדס־קינדער און איר וועט זיך עלטערן אין לאַנד, און איר וועט פאַרדאַרבן ווערן און מאַכן געטשן,

געשטאַלטן פון אַלצדינג, און איר וועט טאָן, וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון יהוה, אייער אלהים, אים צו דערצאָרענען, נעם איך צו אייך פאַר עדות הימל און ערד, אַז פאַרלאָרן וועט איר פאַרלאָרן גיין אויף גיך פון דעם לאַנד, וואָס איר גייט אַריבער דעם ירדן עס צו אַרבן״ (דברים ד׳, כ״ה־כ״ו).

געטשנדינסט איז געווען די הערשנדיקע קולטור פון די פעלקער צווישן וועלכע דאָס פאָלק ישראל האָט געוואוינט. מאַכן געטשן און דינען צו זיי, איז געווען אַ פאָרמע פון אַסימילאַציע פון יענער צייט, אָדער פון שעדלעכער אימיטאַציע, וועלכע מוז פירן צו אַסימילאַציע. און אַסימילאַציע וועט געבן צום סוף נעגאַטיווע קאָנסעקווענצן, ווי, דהיינו, אַ פאַרלוסט פון לאַנד, אפילו פון אייגן לאַנד. די רעאַקציע קעגן אַסימילאַציע איז אַן עקזאָדוס פון דעם לאַנד, פון צווישן דעם פאָלק, וואָס די אידנשאַפט פלייסט זיך צו אימיטירן און מיט וועלכן עס פאַרמעסט זיך אָנצוהויבן אַ ווייט־דערגרייכנדיקן פּראָצעס פון אַסימילאַציע.

די היילונג קעגן דער אַסימילאַציע־מחלה איז אַ גירוש, אַן ארויס־טרייב פון דער איינגעזעסענער אומגעבונג.

פאַרוואָס איז עס אַזוי? מיט וואָס דערקלערט זיך די אוממעגלעכ־קייט פון אידישער אַסימילאַציע?

די דערקלערונג פאַר דעם איז אָט־וואָס:

דער אידישער געזעמל, אַלס אַזעלכער, דורכשניטלעך, שטייט פּסי־כאָלאָגיש, היוצא עטיש, פיל העכער פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג. און דעריבער קען דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע ניט פאָרקומען אָן דעם באַגלייט פון אַ דעגענעראַציע־פּראָצעס. דער איד מוז פאַלן נידעריק טיף אין זיין מאָראַל און ערשט דעמאָלט קען ער זיך אַסימילירן מיט דעם פאָלקסטום, צווישן וועלכן ער וואוינט. אַזוי אַז ערנסטע אַסימי־לאַציע מוז ברענגען צו אַ שווידערלעכער דעמאָראַליזאַציע פון געוויסע טיילן פון דער אידנשאַפט. אָט־די דעמאָראַליזאַציע, וועלכע ווייזט זיך אַרויס אין אויפפיר, אין האַנדל־אָנגעלעגנהייטן, אין שווינדלעריי און ענלעכע טואונגען מצד פון די באמת אַסימילירטע עלעמענטן, רופט אַרויס אַ ווידערווילן און אַ ווידערשטאַנד מצד פון דער איינגעבוירע־נער באַפעלקערונג. די באמת אַסימילירטע אידן, די, וועלכע האָבן זיך אַסימילירט בכוונה, זיינען מענטשן אָן אַ געוויסן, אָן אַ מאָראַל, הפקר־יונגען, ביי וועמען אַלץ איז כשר־וישר, אַלץ איז רעכט און ניחא. זיי באַזיצן ניט די נויטיקע אָפּהאַלטונגען. זיי געהאָרכן ניט קיינע פאַרבאָטן. אַלץ וואָס זיי זוכן איז מאַטעריעלן דערפאָלג, פאַר וועלכן זיי זיינען גרייט צו צאָלן דעם העכסטן פּרייז אין גייסטיקע גיטער. די ניט־אידישע

באַפעלקערונג, דערזעענדיק זייער העסלעכן אויפפיר, ווערט דערצאָרנט און דערציטערט. די ניט־אידן נעמען שרייען גוואַלט און גלייך ווערן מאַסרעגלען אָנגענומען קעגן די „אומזויבערע פאַרשוינען״. די מיטלען וועלכע ווערן אָנגענומען קומען אין דער פאָרם פון באַגרענעצונגען און פאַרפאַלגונגען.

אָבער אמת־אַסימילירטע עלעמענטן צווישן דער אידנשאַפט זיינען פאַראַן אַן אומבאַדייטנדיקע צאָל. דאָס דאַרף געזאָגט ווערן צום כבוד פון דער אידנשאַפט.

ס׳רוב קומט פאַר אַ פסעוודאָ־אַסימילאַציע, אַ פאַלשע, פאַרפירנדיקע „אויסמישונג״. דאָס מיינט, אַז אַ געוויסער טייל פון דער אידישער באַ־פעלקערונג אייגענען זיך אָן די פאָרם, די אויסערלעכקייטן פון דער אַרו־מיקער ניט־אידישער סביבה. זיי לערנען זיך אויס צו געברויכן אַ פרעמד־נאַציאָנאַלן לשון. זיי שאַפן זיך איין פרעמד־נאַציאָנאַלע מאַניערן. זיי אימיטירן אַ פרעמדן אויסערלעכן אויפפיר. אָבער מער ניט. ווייטער פון דער חיצוניות גייען זיי ניט. וואָס אָט־די אַריבערלויפער שאַצן און האַלטן טייער, קודש־קדשים, איז ניט די נאַציאָנאַלע עלעמענטן פון דער אַדאָפּ־טירטער קולטור, צו וועלכער זיי שטייען מכלומרשט צו, נייערט די אַלמענטשלעכע עלעמענטן, וועלכע געפינען זיך צו אַ געוויסער מאָס אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטור.

נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכקייט פאַרמאָגן דאָך די אידן אין אַ גענוגנ־דיקער מאָס. און וויבאַלד די כלומרשט־אַסימילאַטאָרן זיינען אַוועק פון דער אידישקייט און אידנשאַפט און האָבן זיך בכוונה אָפּגעזאָגט פון די אידיש נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן, ווייזט דאָך עס, אַז זיי ציט צו דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע. זיי ווערן באַגייסטערט פון דער אידייע פון אַ מענטשהייט־קולטור, אַ פּראָדוקט, וועלכער איז לעת־עתה גאָר ניטאָ בנמצא אין אַ ריינער פאָרם. זיי זיינען אַוועק פון זייער אייגענער סביבה, פון זייערע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן צוליב דער ענגקייט און שמאָלקייט, מיט וועלכע אָט־די אייגנשאַפטן מוזן, לויט זייער מהות נאָך, זיין פאַר־קניפּט. זיי דוכט זיך אויס, אַז דאָרטן, אין דער פרעמד, אין דער גוי׳איש־קער סביבה, וועלן זיי געפינען דאָס אַלגעמיין־מענטשלעכע. אין דעם אויסדוכט ליגט אַ שטיק אמת. ווייל זיי אַליין אין דער פרעמד זיינען באמת רעפּרעזענטאַנטן, שליחי־ציבור פון דאָס איבער־נאַציאָנאַלע. דעם פאַקט פאַרהוילן זיי, זיי דעקן אים גאַנץ געשיקט צו מיט אַ פרעמד־נאַ־ציאָנאַלן דעקטוך. אָבער דאָס פרעמד־נאַציאָנאַלע נעמען אָט־די אָפּטריי־ניקע ניט אויף אַנדערש ווי אַלס עפּעס אינטערנאַציאָנאַלעס, צו אַ געוויסן גראַד. אָט־די האַנדלונג זייערע מוז פירן צו אַ פאַרדריסלעכן צוזאַמענ־

שטויס מיט דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט, צווישן וועלכן אַט־די „מענטש־הייטלעכע״ אידן געפינען זיך און באַהויפּטן זיך. זיי נעמען נאַציאָנאַלע ווערטן, נאַציאָנאַלע אָביעקטן און זיי טראַקטירן זיי אַלס אינטערנאַציאָ־נאַלע קולטור־פּראָדוקטן. זיי באַהאַנדלען זיי אַלס מיטלען, מיט דער הילף פון וועלכע מ׳קען דערגרייכן דעם מענטשן, אַלס מענטשן, אַלס באַשאַ־פענעם אין צלם פון אלהים, און ניט בלויז אַלס מיטגליד פון אַ באַ־שטימטער נאַציאָנאַלער גרופּע. אַזאַ האַנדלונג איז אומפּאַסיק און אומ־ריכטיק. און אַט־די מיסהאַנדלונג מוז, אין משך פון צייט, ווערן באַ־קאַנט און אויפרייסן די אויגן פון דער ניט־אידישער אינטעליגענץ. דאָס מוז פירן צו רייבונגען. ווייל דער ניט־אידישער אינטעליגענט זעט אין דער אידישער „מענטשהייטלעכער״ האַנדלונג אַ פאַרשוועכונג פון זיין נאַציאָנאַלער הייליקער אייגנאַרטיקייט.

אַט־די אידן זיינען „נאַציאָנאַל״ אידיש שוין צוליב דעם אַליין, וואָס זיי קענען קיינמאָל ניט זיין געזונט אינטערנאַציאָנאַל. זיי מוזן זיין אינ־טערנאַציאָנאַליסטיש. זיי מוזן זיין שרייענדיק, איבערטרייבנדיק אין זייער לאָיאַליטעט און צוגעבונדנקייט צו דער מענטשהייט בכלל. זיי „קריכן צופיל פון דער נאַציאָנאַלער הויט״. און זיי פלייסן זיך צו באַאיינפלוסן די ניט־אידישע באַפעלקערונג אָדער אַמווייניקסטן, די אינטעליגענץ. זיי ווילן די ניט־אידן צופּאַסן צו זייערע ריין־אידישע מענטשהייט־שטי־מונגען, זיי ווילן באַצווינגען גייסטיק די ניט־אידן. זיי ווילן אַרויפצווינ־גען אויף די ניט־אידן אַנשויאונגען, וועלכע זיי, די מענטשהייט־אידן קולטיווירן בלויז אַדאַנק זייער טשיקאַווער פּאָזיציע, וועלכע זיי פאַר־נעמען אַלס אַ אידישע מינדערהייט, וואָס געפינט זיך צווישן אַ ניט־אידי־שער מערהייט. די אידישע „מענטשהייט״־אויפפּאַסונגען קענען ניט קריגן קיין גינציקע אויפנאַמע צווישן דער אָרטיקער, שטייף און טיף איינגעוואָרצלטער אין נאַציאָנאַלן באָדן, אינטעליגענץ. נאָך ווייניקער שאַנסן אויף פּאָפּולאַריטעט האָבן אַט־די ריין־אידישע אַלמענטשהייט־לעכע באַנעמונגען ביי דער באַפעלקערונג אין אירע ברייטע שיכטן.

אַט־דער פאַרזוך איינצוגעבן די ניט־אידן אַ אידישע מעדיצין, וועל־כע ווערט נאָך דערצו אונטערגעטראָגן אונטער אַ געפעלשטער צעטל־אויפשריפט, מוז פירן צו מיספאַרשטענדענישן, רייבונגען, דערנאָך קרי־גערייען, נאָך שפּעטער־צו, צו שנאה און, צום סוף, צו געשלעג.

די סיטואַציע ווערט נאָך פאַרערגערט פון דעם אומשטאַנד, וואָס אַט־די פּסעוודאָ־אַסימילאַטאָרן זיינען באמת, טיף אין זייערע נשמות, אַג־רעסיווע אידן. אייגנטלעך זיינען זיי פאַרשטעלטע. זיי זיינען פאַרבאַהאַל־טענע אידן. זיי זיינען אַ מין קולטורעלע מאַראַנען. זיי בלייבן פּסיכאָ־

לאָגיש־עטיש, געמיטלעך־אינטעלעקטועל אידן. זיי פאַרשטעלן זיך בלויז פאַר גוים. אָט־דער וועלטלעך־קולטורעלער מאַראַנענטום ווירקט, גיט גוטע רעזולטאַטן פאַר די „מאַראַנען״ כל־זמן זיי זיינען אין אַ קליינער צאָל און די ניט־אידישע באַפעלקערונג נעמט זיי ערנסט, נעמט ערנסט זייער „גוי׳איזאַציע״. ווי נאָר, אָבער, זייער צאָל וואַקסט פאַרגרעסערט, אַזוי נעמט זיך זייער פּרצוף וואָס ווייטער אַלץ מער בולט אָפּצייכענען אויפן פּאַן פון דער געזעלשאַפטלעכקייט, קונסט, וויסנשאַפט, טעאַטער, ליטעראַטור וכדומה געביטן פון מענטשלעכן אָנשטרענג. און דאָ דערזעט די ניט־אידישע באַפעלקערונג, אַז מ׳האָט זי אָפּגענאַרט, אַז מ׳האָט איר אייגנטלעך פאַרגעלייגט אַ אידישן אינהאַלט אין אַ ניט־אידישער פאָרם. די צאָל פון די כלומרשט־גוי׳איזירטע מוז וואַקסן, מחמת דער מאַטעריעלער און גייסטיקער דערפאָלג פון די גליקלעכע „אַריבערגעלאָפענע״ רופט אַרויס נאָכמאַכונג מצד פון די איבעריקע, נאָענט צו זיי ליגנדיקע, שיכטן. מ׳רעדט פון זיי מיט באַוואונדערונג. מ׳איז זיי מקנא. מ׳איז מקנא זייער איינפלוס, זייער גרויסקייט, זייערע טאַלאַנטן, וועלכע וואָלטן אין־דער־היים איינגעשרומפּן געוואָרן. און אַלץ גרעסערע צאָלן פון יחידים לאָזן זיך גיין אויף אָט־דעם וועג פון פאַלסיפיצירטער אַסימילאַציע, וועלכע נעמט אויסזען כמעט ווי אַ מאַסן־דערשיינונג. און דאָ מוז קומען די קעגנווירקונג מצד פון דער ניט־אידישער באַפעלקערונג. זי כאַפּט זיך, אַז די אידן אייגנטלעך האָבן גאָר בדעה זי צו פאַרפירן, אַראָפּפירן פון גוי׳אישקן דרך־הישר, אַז אָנשטאָט זיך צו אַסימילירן, באַצוועקן גאָר די אידן צו אַסימילירן די גוים, ד. ה. „פאַראידישן״ זיי. דער איד, דער אַוועקגייער האָט מקריב געווען זיין „צורה״ מיט דעם מיין אַרויפצוצווינגען זיין תוך, זיין פסיכאָלאָגיע, זיין וועלט־באַנעם, זיין זאַכן־אויפפאַסונג, זיינע סאָציאַל־עטישע, פּאָליטיש־עקאָנאָמישע אָנשויאונגען. די גוים מאַכן אַ „ויצעקו״— און פאַרפאָלגונגען גיבן זיך אַ שאָט מיט אַ ברייטער האַנט, עשו׳ס האַנט. וואָס מעכטיקער דער שטראָם פון דער פאַלשער אַסימילאַציע איז, אַלץ שטאַרקער, גרויזאַמער איז דער קעגנשטראָם. דער סוף־פּסוק איז, אָדער אַ גירוש, אַן אַרויסטרייב פון לאַנד, אָדער אַ געצוואונגענע סעגראַגאַציע, אַן אַרויסטרייב פון לעבן־פון־לאַנד. די אידישע באַפעלקערונג ווערט איבערגעוואַלד אָפּגעזונדערט פון דער ניט־אידישער אַזוי, אַז די אידן זאָלן ניט האָבן קיין מגע־ומשא מיט די גוים, און די ערשטע זאָלן ניט קאַליע־מאַכן די לעצטע. מ׳פאַרשפּאַרט די אידן אין אַ געטאָ.

דער ניט־אידישער אָרגאַניזם קען פאַרטראָגן אַ געוויסע דאָזע פון אידיש ריינער קולטור. שטייגט די איינגעבונג אַריבער די דערלויבטע צאָל גראַנען, דעם „כזית״ אידישקייט, נעמט דער אָרגאַניזם פיבערן. עס

וואַרפט אים אין קדחת. ער ווערט „קראַנק״ פון דער אידיש־קולטורעלער, פסיכאָלאָגיש עטישער איינשפריצונג.

עס איז דאָך מערקווירדיק! אידישע ווערטן אין זייער ריינקייט זיינען קיינמאָל ניט פאַרשפרייט געוואָרן צווישן דער ניט־אידישער באַפעל־קערונג.

די אַזוי גערופענע קריסטלעכע וועלט האָט אָנגענומען דעם ספר הספרים, די ביבל, בלויז אַדאַנק דעם קריסטנטום אין פּוילוס׳עס אויס־טייטש. דאָס הייסט, בלויז נאָכדעם, ווי מ׳האָט גענומען די פּראָפעצייאונגען פון ישעיה הנביא און מ׳האָט זיי פּראָפאַנירט, פאַרמישט מיט געטשנדי־נערישער מיטאָלאָגיע. אַניט וואָלטן די ניט־אידן די דאָזיקע לערע בשום־אופן ניט אויפגענומען. אידנטום האָט זיך ניט געקענט פאַרשפרייטן. אַדאַנק דער פאַרמישעכץ, דער קאָשע, וואָס פּוילוס האָט פאַרקאָכט, איז דער קריסטנטום געוואָרן אַ דערפאָלג. פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ אידישער סעקטע אין אַ גרויסער רעליגיעזער באַוועגונג מיט אַ הערשנדיקער קירך. געטשנדינסט האָט זיך שוין מער ניט געקענט האַלטן. ער האָט געמוזט דורכפאַלן. אידנטום האָט ניט געקענט דעראָבערן די מוחות און הערצער פון די ניט־אידן. ער איז צו אַבסטראַקט, צו ראַפינירט און צופיל איינ־געוואָרצלט אין אידישער טראַדיציע, אין אידישער געשיכטע. איז גע־קומען דער קריסטנטום, אין דער פּויליאַנישער טעאָלאָגישער אינטער־פּרעטאַציע, און האָט געשאַפן אַ מין געטשנדינערישן אידנטום. אָט דער היבריד, דער כלאים־פּראָדוקט, האָט פאַרכאַפּט דעם רעליגיעזן מאַרק בלויז אַדאַנק דעם, וואָס ער איז אי אידיש און אי פּאַגאַניסטיש אויפאיינ־מאָל.

דאָס אייגענע קען מען זאָגן מכוח ספינאָציזם. ער איז אידישער מאָ־ניזם מיט אַ געמיש פון גוי׳אישקן מעכאַנאָ־נאַטוריזם, אידישע מיסטיק באַהעפט מיט גוי׳אישקער מעכאַניסטיק. אָט־דער „אידישער״ דענקער, מחמת דעם, וואָס ער איז ניט ריין־אידיש, איז אָנגענומען געוואָרן אין פילע ניט־אידישע קרייזן.

דאָס זעלביקע איז ריכטיק בנוגע מאַרקסן. ער האָט, ווידער, פאַר־בראָקט אַ מין „טשאָפּ־סוע״. אידישע אויסלייזונג־באַשטרעבונגען, פּראָ־פעטיש־פוטוריסטישע אַספּיראַציעס און איינגלויבערייען האָט ער גע־מישט מיט דער גראָבער ברוטאַליטעט פון געשלעגערייי, מיט דעם „דאַוואַי דראַטסיאַ״, וואָס הייסט „קלאַסן־קאַמף״. אָט־די קאָמבינאַציע האָט געגעבן, פאַר אַ געוויסער צייט, אומגעהויער גרויסע רעזולטאַטן. די לערע האָט זיך פאַרשפרייט, ווי פרייער־פייער, האָט פאַרכאַפּט לענ־דער, פאַרנומען מדינות. ריינער עטישער פּראָפעטיזם, ריינע אידישע

אידעאָלאָגיע, וואָלט קיינמאָל ניט געקענט ווערן אַזוי פּאָפּולער אין אַ בערך קורצער צייט. אויף דעם בעסטן פאַל וואָלט עס אַפּעלירט צו געציילטע פּערזאָנען, צו די חסידי אומות העולם.

פאַרוואָס ציטערט אַזוי די ניט־אידישע וועלט פאַר ריין אידישע ווערטן?

דאָס איז ניט שווער צו באַגרייפן. די ניט־אידן זעען די אידישע קלאָגעדיקע מערכה, און זיי ווערן פאַרציטערט פון דעם געדאַנק, אַז מיט זיי קען פּאַסירן דאָס אייגענע. פּשוט, זיי ווילן ניט צאָלן דעם פּרייז, וועלכן דער אידישער געזעמל האָט געצאָלט, צאָלט און וועט צאָלן פאַר זיין עטישער „סחורה", וועלכע ער האָט זיך איינגעהאַנדלט.

און דאָס, אפשר, מיינט טאַקע דער פּסוק, ווען ער זאָגט אונדז:

„יהוה וועט דיך אויפשטעלן פאַר אים צו אַ הייליק פאָלק, ווי ער האָט דיר צוגעשוואָרן, און עס וועלן זען די פעלקער פון דער ערד, אַז דער נאָמען פון יהוה ווערט גערופן אויף דיר, וועלן זיי מורא האָבן פאַר דיר" (דברים כ"ח, ו').

דאָ רעדט זיך פון מורא, פון שרעק, וואָס אַנדערע פעלקער פון דער ערד וועלן האָבן פאַר דעם ישראל־פאָלק. וואָס פאַר אַ סאָרט שרעק איז עס? וועלן זיי מורא האָבן, אַז ישראל זאָל זיי ניט אַנגרייפן, איבערפאַלן, זיך אַריינרייסן אין זייערע לענדער און זיי חרוב און מוחרב מאַכן? ניין, ניט דאָס מיינט דער פּסוק, ווי עס איז לייכט זיך צו דערקוונדיקן פון קאָנטעקסט. דער פּסוק זאָגט דאָך בפירוש, אַז דאָ האַנדלט זיך מכּוח אַ גייסטיקן קולטורעלן פּחד. די ניט־אידן וועלן זען, אַז דער נאָמען פון יהוה איז באַרופן אויף די קינדער פון ישראל און פאַר אָט־דעם נאָמען, פאַר אָט דער לערע, פאַר אָט־דער אידעאָלאָגיע, וועלן זיי האָבן פּחד. מיט אַנדערע ווערטער, זיי וועלן מורא האָבן פאַר די אידישע קאָנצעפּציעס, פאַר די אידישע אויפקלערונגען, פאַר די אידישע וויזיעס, פאַר דער אידישער הייליקייט. „יהוה וועט דיך אויפשטעלן פאַר אים צו אַ הייליק פאָלק" און פאַר דער־דאָזיקער קדושה וועלן די אומות־העולם זיך שרעקן...

עס איז דאָ אַ לעגענדע וועגן דעם רוסישן פירשט דעם הייליקן וולאַדימיר, וועלכער איז געווען גרייט אָוועקצוואַרפן געטשנדינסט. ער איז געשטאַנען אויף דעם שיידוועג און ניט געוואוסט, וועלכן אמונה־דרך ער זאָל אויסקלייבן. ער האָט איינגעלאַדן צו זיך פאָרשטייער פון דעם אידישן גלויבן. ער האָט זיי אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס. אים זיינען געפעלן געוואָרן זייערע פּרינציפּן, זייערע דערקלערונגען. און עס האָט געהאַלטן גאָר אויף אַ דרך. נאָר דאָ כאַפּט זיך וולאַדימיר און גיט זיי אַ פרעג, וואָס איז מכּוח זייער לאַנד, זייער שטאָט, זייער

איינגעפונדעוועטן וואָוילשטאַנד. זיי האָבן אים געענטפערט מיטן אידישן זיפץ, אַז דער איבערשטער איז אויף זיי אין כעס געוואָרן און מחמת זייערע זינד האָט ער זיי פאַרטריבן. דער רוסישער פירשט האָט זיך גלייך אָפּגעטרייסלט פון דער אידישקייט אידייע. ער האָט די אידישע פאָרשטייער משלח געווען. ער האָט זיי געזאָגט: איך וויל ניט קיין גאָט קיין כעסן.

אין דער לעגענדע ליגט אַ טיפער מיין.

וולאַדימיר, אַלס שליח־ציבור פון דער ניט־אידישער וועלט, האָט געזאָגט צו די אידן: איך וועל ניט אָננעמען אַ קולטור, אַ וועלט־אויפפאַסונג, וועלכע האָט אייך געגעבן אַזעלכע נעגאַטיווע רעזולטאַטן. איך וויל ניט צאָלן אַזאַ יקרות׳דיקן מקח, וועלכן איר צאָלט פאַר אייער תורה. איך וויל ניט איבערצאָלן. איך וויל האַנדלען אַ מציאה, אַ וואָלוועלע שטיקל סחורה.

און יעדעס ניט־אידישעס פאָלק זאָגט צו די עלעמענטן פון אידנשאַפט, וועלכע ווילן געבן אַ אידישע תורה אין אַ ניט־אידישער איבערזעצונג צו זייערע מיטגלידער, אונטער דער פאַרשטעלעכץ פון אַסימילאַציע, אַזוי צו זאָגן:

גייט זיך געזונטערהייט. מיר האָבן מורא פאַר אייך. איר וועט רויאינירן אונדזער שטאַט, פטר׳ן אונדזערע נאַציאָנאַל־מאַטעריעלע גיטער, חרוב מאַכן אונדזער מדינה און ברענגען אונדז דערצו, אַז מיר זאָלן, חלילה, דאַרפן גיין איבער די הייזער־לענדער, ווי איר טוט עס. אייערע קולטור־שאַפונגען, אייער תורה, וועלכע איז אייער בעסטע סחורה, איז צו טייער פאַר אונדז. מיר ווילן עס ניט קויפן. מיר זיינען אייך מוחל די טובה.

דער זעלביקער געדאַנק ווערט אויסגעדריקט אין דער אידישער לעגענדע מכוח מתן־תורה. דער רבונו־של־עולם איז אַרומגעגאַנגען איבער דער וועלט, זיך געשלעפּט פון פאָלק צו פאָלק. יעדן באַזונדער האָט ער אָנגעבאָטן זיין תורה. דער ענטפער איז געווען: ניין! מיר ווילן עס ניט. קיינער האָט זיין תורה ניט געוואָלט נעמען. די עטישע אימפּעראַטיוון זיינען געווען פאַר זיי צו שטרענג.

קיין ניט־אידישעס פאָלק קען ניט פאַרטראָגן צופיל אידישקייט, ד. ה. אידישע פּסעוודאָ־אַסימילאַציע, מחמת דעם, וואָס עס פילט בחוש, אַז ווען עס וועט אָננעמען די אידיש־עטישע אָנשויאונגען, וועט עס סוף כל סוף מוזן טיילן דעם אידישן שיקזאַל. עס וועט פאַרלירן אַלץ, וואָס עס פאַרמאָגט. עס וועט ניט זיין אימשטאַנד צו פירן זיין מלוכה׳שן שטאַט, וועלכער האַלט זיך, מוז זיך האַלטן, אויף רציחה און גזלה. און אַזוי ווי

עס קען ניט און וויל ניט אויפנעמען אָפן־אויסגעשפּראָכענע אידישקייט, אידישע תורה און מצוות, אידישע מאָראַל, אידישן פּראָפּעטיזם, אַזוי קען עס ניט און וויל עס ניט אָננעמען אידישע עטיק, ווען די זעלביקע ווערטן ווערן איבם אַריינגעגעבן פאַרשטעלטערהייט אין אַ קאַפּסול פון כלומרשטער אַסימילאַציע.

פּסעוודאָ־אַסימילאַציע מוז אַלע מאָל קריגן איין ענטפער מצד פ'ן דער ניט־אידישער באַפעלקערונג און דאָס איז פאַרפאָלגונגען, רדיפות אויף אידן, בכדי אויסצושניידן אָט־די אידישע פרעמדע געוויקסן, וועלכע האָבן זיך אַריינגעגעסן אין דעם פּאָליטישן און קולטורעלן ניט-אידישן אָרגאַניזם. די ניט־אידישע קערפּערשאַפטן זיינען אומ'ברחמנות'דיק, ווען זיי מאַכן אָט־די אָפּעראַציע. פאַר זיי איז עס אַ פראַגע פון לעבן און טויט אין סאָציאַל־פּאָליטישן טייטש פון וואָרט. זיי האָבן מורא, אַז זייער סאָ־ציאַל־פּאָליטישער אָרגאַניזם זאָל ניט צעפאַלן ווערן אויף שטיקער. זיי זעען פאַר זייערע אויגן דעם אידישן שיקזאַל, דעם אידישן ביישפּיל — און אַ פּאַניק באַהערשט זיי. זיי נעמען טרייבן פון זיך דעם אידן מיט זיין געוויסנוואָכזאַמקייט, מיט זיינע עטישע חששות, מיט זיינע מאָראַל־אַפּגעהיטקייטן. און דער סוף איז, אַז איבעררייס פון באַציאונגען צווישן דער אידישער און ניט־אידישער באַפעלקערונג — ד. ה. אַסימילאַציע באַנקראָטירט.

.12

דער מעטאָד פון דער אידישער געשיכטע

דער מעטאָד, וועלכן די אידישע געשיכטע ווענדט אָן אין איר באַמיען זיך מיט כל־הכוחות אויפצוהאַלטן אין גאַנצקייט, אין אינטעגריטעט, דעם אידישן ציבור, באַשטייט אין דעם, וואָס זי, פון צייט צו צייט, נאָך גע־וויסע אינטערוואַלן, טראַנספּאָרטירט דעם אידישן געזעמל פון איין לאַנד אין אַ צווייטעס.

ווען אַ סכנה באַדראָט דעם אידישן קיום פון דעם, וואָס די אידישע געמיינשאַפט לעבט זיך צופיל איין מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, נעמט זיך טיף איינוואָרצלען אין דעם איינגעזעסענעם אָרט און האַלט שוין אין אויסמישן זיך, אין אַ באַדייטנדיקער צאָל, מיט דעם פאָלק צווישן וועלכן זי געפינט זיך — דעמאָלט פּאַסירט אַ קאַטאַסטראָפע: די אי־דישע געמיינשאַפט ווערט אַרויסגעריסן, ווי דורך אַ שטורם, פון דעם אייגן־געוואָרענעם באָדן און ווערט איבערגעשיקט צו נייע פרעמדע מקומות.

דאָס איז דער דראסטישער מיטל, וועלכער איז געברויכט געוואָרן פון סאמע ראשית פון דער אידישער געשיכטע און אפילו פאָרגעשיכטע, די כראָניקעס פון וועלכע נעמען זיך כסדר איבער מיט אָט־דעם אויפטו וועלכן זיי באצייכענען אלס אן „ארויספיר".

„איך בין יהוה, וועלכער האָט דיך ארויסגעפירט פון דער שטאָט אור אין כאלדייע" (בראשית, ט"ו, ז').

דער מדרש מאָלט אין שיינע בילדער אברם'ס גייסטיקן אויפשטאנד קעגן געטשנדינסט, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין צעברעכן די געטשן, וואָס זיין פאָטער תרח פלעגט מאכן און פארקויפן. זיין פאָטער, אין כעס אויף זיין זון, וועלכער איז אראָפּ פון דרך הישר און האָט רוּאינירט דעם פארמעגן פון דער פאמיליע און געשעדיקט איר פרעסטיזש אלס כומרים, גיט אים איבער אין די הענט פון דעם קעניג פון כאלדייע נמרוד. דער לעצטער באפעלט אברם'ען זיך צו בוקן צום פייער גאָט. אברם אנטזאגט זיך, אָנדייטנדיק, אז וואסער לעשט פייער. נאָך א קורצן איבעררייד באפעלט נימרוד, אז מ'זאָל אברם'ען ארייַנוואַרפן אין א קאַלך־אויוון. אברם ראטעוועט זיך דורך א נס...

דער נס פון דער געשיכטע באשטייט אין דעם דרך־הטבע מיטל פון ארויסוואנדערן פון כאלדייע און אויף אזא אופן איבעררייסן מיט אן אַלטער טראדיציע, מיט פאמיליע־פארקניפונגען, מיט באָדן־פארבינדונגען, מיט א לאָקאלן געבוירנפלאַץ, וועלכער איז געווען פאררעכנט פאר א גאָט, און ווערן עטאבלירט אלס דער פאָטער פון א נייעם שטאם. אברם הויבט אָן פון אָנהויב אויף א נייעם אָרט צווישן פרעמדע שטאמען, אין א פרעמדער סביבה סיי געאָגראפיש, סיי פסיכאָלאָגיש־אידעאָלאָגיש...

דער מעטאָד איז אייַנפאך. עס איז א פאל פון ארויסגיין, ארויסגעפירט, ארויסגעטריבן ווערן און אזוי ארום פלוצלונג אָפּגעריסן ווערן פון דער צוגעוואוינטער סביבה, פארפרעמדט, דערווייטערט ווערן פון דער אָרטיקער באפעלקערונג. און דאָס איז דער וועג, ווי אזוי ניצול צו ווערן פון אונטערגאנג, וועלכער וואָלט קומען אלס רעזולטאט פון אַסימילאציע, וועלכע איז א פועל־יוצא פון אייַנגעזעסנקייט, אייַנגעפונדעוועטקייט.

בשעת'ן ברענגען ביכורים, די ערשטצייטיקע פרוכט, צום כהן אין טעמפל, פלעגט מען רעציטירן דעם פאָלגנדיקן פּאַסאַזש, וועלכער באַשרייבט אין א קאָנדענסירטער פאָרם די פראקטישע מעטאָדאָלאָגיע פון דער אידישער געשיכטע. אָט־די עטלעכע פסוקים אנטדעקן דעם סוד פון אידישן קיום, וועלכער באשטייט אין ארויסוואנדערן און אזוי ארום זיך ראטעווען פון דער סכנה פון אסימילאציע.

„דער אַראַמייער האָט (שיער ניט) אומגעבראַכט מיין פאָטער און

ער (מיין פאָטער) האָט געגידערט קיין עגיפּטן און ער האָט דאָרטן גע־וואוינט אין אַ קליינער צאָל, און ער איז געוואָרן דאָרט א פאָלק א גרוי־סעס, א שטארקס און א צאָלרייכס" (דברים כ"ו, ה').

יעקב מיט זיין הויזגעזינד וואָלטן אומגעקומען, זיך אויסמישן מיט דער פאמיליע פון לבן, דעם אראמייער. יעקב און זיין שטאם האָבן זיך געראטעוועט דורך דעם, וואָס ער איז אוועק קיין מצרים, צו א פרעמד פאָלק, אין א פרעמד לאנד. און כל־זמן זיי זיינען געווען „גרין" זיינען זיי, די קינדער פון ישראל, געבליבן געטריי צו זיך, צו זייער אייגענער טראדיציע און האָבן באוויזן אָפּצוהיטן זייער אידענטיטעט, זייערע אייגנ־שאפטן און אייגנארטיקייטן.

און אזוי ווי צווישן די עגיפּטיאַנער זיינען ישראל'ס קינדער געווען אויסגעזעצט צו דער זעלביקער געפאר פון אסימילאציע און אונטער־גאַנג, אלס פועל־יוצא פון פארשלונגען ווערן פון דער אָרטיקער באַפעל־קערונג, איז דאָרטן ווידעראמאָל אָנגעווענדט געוואָרן דער זעלביקער מעטאָד מיט דעם אייגענעם דערפאָלג.

„און יהוה אלהים האָט אונדז ארויסגעפירט פון מצרים" (דאָרט), און געראטעוועט פון פארטיליקונג דורך דעם, וואָס ער האָט דעם פאָלק ישראל ארויסגענומען פון מצרים און אוועקגעפירט אין א ניי לאנד.

און ווען אין ארץ ישראל האָט דעם קיום פון דער אידישער אומה באדראָט די זעלביקע געפאר פון אויסמישן זיך מיט דער איינגעבוירע־נער באפעלקערונג, איז ווייטער אָנגעווענדט געוואָרן דער אייגענער מיטל פון אויסוואנדערונג.

דער חומש זאָגט ארויס אָט־דעם געדאנק מיט צענדליקער פסוקים, ער פארזיכערט, אז דער רעזולטאט פון א שטארקער טענדענץ צו אסי־מילאציע וועט אומפארמיידלעך זיין דאָס ארויסגעטריבן ווערן.

דער תלמוד דריקט אויס דעם זעלביקן רעיון אויף זיין לשון: דער ערשטער בית איז חרוב געוואָרן צוליב עבודה זרה... וואָס דער תלמוד רופט „עבודה זרה" מיינט אין א היינטיקן סטיל אסימילאציע. דער צווייטער בית איז חרוב געוואָרן צוליב דער אייגענער סיבה, דער תלמוד רופט עס „שנאת חנם", דער פארטייען־קאמף, וועלכער האָט אויפגעפלאקערט מחמת דעם, וואָס א טייל פון דער אידנשאפט האָט זיך גענומען פלייסיק העלעניזירן. די סכנה פון העלעניזאציע איז געווען זייער גרויס, און ווען די אידנשאפט בלייבט אין ארץ ישראל, וואָלט זי צעעסן געוואָרן פון דער „רוימישער" אויסגעלאסנקייט און העלענישער קולטור. דאָס אידי־שע פאָלק האָט זיך געראטעוועט דורך דעם חורבן און גירוש פון לאנד.

און אָט־דעם געדאנק, אז דער חורבן איז געווען באמת א רעטונג־

מיטל, וועלכן די געשיכטע האָט אָנגעווענדט בכדי צו ראַטעווען דאָס אי־דישע פאָלק פון אונטערגאַנג, זאָגט דער מידרש ארויס גאַנץ דייטלעך.

„'אַ געזאַנג צו אסף'ן: אלהים גוים זיינען אריין אין דיין ערבטייל' (תהלים ע"ט), דער פסוק האָט דאָך געדאַרפט זאָגן א קלאָגליד צו אסף'ן, א געוויין צו אסף'ן, א יאָמער צו אסף'ן, וואָס זאָגט ער עפּעס א געזאַנג צו אסף'ן... אזוי האָבן זיי געזאָגט צו אסף'ן: דער הייליקער־געבענטשט־איז־ער האָט חרוב געמאַכט זיין טעמפּל, זיין בית־המקדש און דו זיצסט און זינגסט! האָט ער זיי געענטפערט: איך זינג דערפאַר, וואָס דער קדוש־ברוך־הוא האָט אויסגעגאָסן זיין כעס אויף די העלצער און שטיינער און האָט ניט אויסגעגאָסן זיין כעס אויף דעם פאָלק ישראל" (מדרש איכה רבתי, ד')".

מיט אנדערע ווערטער מיינט עס אזוי: ווען עס איז געווען אַן אלטער־נאַטיוו חרוב צו מאַכן דאָס לאַנד פון ישראל אָדער לאָזן אומקומען דאָס פאָלק ישראל, איז דער אויסוואַל געפאַלן אויף דער ערשטער העלפט: דאָס לאַנד איז פאַרוויסט געוואָרן בכדי דאָס פאָלק זאָל זיך ראַטעווען. מ'האָט אויפגעאָפּפערט דעם לאַנד, דעם פאָטערלאַנד אויפן מזבח פון עק־זיסטענץ פון פאָלק. אַזוי פאַרטייטשט דער מדרש דעם געזאַנג פון אסף'ן וועגן חורבן...

.13

פסיכאָלאָגיע כנגד געאָגראַפיע

ווען דאָס אידישע פאָלק האָט זיך געפונען אין דער פרעמד, אין „גלות", אין פאַרטריבנקייט, אין צעשפּרייטקייט, צעזייטקייט, האָט עס גע־גאַרט, געבענקט נאָך דעם אייגן לאַנד. פון דער ווייטנס, נאָכן פאַרלוסט, איז ארץ־ישראל נאָך טייערער געוואָרן. עס האָט זיך איינגעבאַקן אין דעם אידישן האַרץ. דער אידישער געזעמל אלס עפּעס גאַנצעס, אלס א רעלי־גיעז־וויסנשאַפטלעכע קולטורעלע איינהייט, האָט געוואוינט אין ארץ־יש־ראל אויך דעמאָלט, ווען עס איז שוין געווען פאַרטריבן פון לאַנד. די אידנשאַפט האָט געוואוינט אין איר היימלאַנד, אין איר הייליק לאַנד פּסיכאָלאָגיש, ניט געאָגראַפיש, טאָפּאָגראַפיש. ארץ ישראל איז געוואָרן פאַר דעם אידישן ציבור א הייליק לאַנד, א פּסי־כאָלאָגיש פאָטערלאַנד. דער אידישער גייסט, דאָס אידישע באוואוסטזיין האָט געצויגן זיין יניקה פון זיין רוחניות'דיקער היים. די אידישע נש־

מות אלע צוזאמען, אלע אינאיינעם, האָבן געגעסט אין ארץ ישראל ווי קיין חורבן, קיין גירוש וואָלט גאָר קיינמאָל ניט פאָרגעקומען.

דער אידישער געזעמל האנדלט תמיד אזוי, ער פארבייט דאָס מאַטעריעלע אויף דאָס גייסטיקע, דאָס רעאלע אויף דאָס אידעאלע, ווי מיר וועלן עס זען אין א צווייטן פאל. לשון איז אָ וויכטיקער פאקטאָר פארן קיום האומה. וואָס האָט דאָס אידישע פאָלק געטאָן בנוגע דעם אויפהאלט פון זיין שפּראַך? די אידן אין זייער צעזייטקייט זיינען געוועזן געצוואונגען צו ריידן פארשיידענע לשונות, אָבער פּסיכאָלאָגיש, אין באַוואוסטזיין, אין אָנערקענונג, האָבן די אידן פּאַרמאָגט און פאַרמאָגן בלויז איין לשון, און דאָס איז לשון־קודש, וואָס מיינט אָ הייליקע שפּראַך, אָ פּסיכאָלאָגישע, ניט קיין פּשוט פילאָלאָגישע שפּראַך.

געאָגראַפיש מאטעריעל האָבן די אידן געוואוינט אין פאַרשיידענע לענדער, קאנטן, מדינות, גייסטיק־פּסיכאָלאָגיש האָבן די אידן זיך געפונען אין דעם „ווי גוט זיינען דיינע געצעלטן, יעקב, און דיינע וואוינונגען, ישראל", אין זייער אייגן לאנד, אויבערלאנד. רעאַליסטיש, לינגוויסטיש האָבן די אידן גערעדט פאַרשיידענע שפּראַכן, אָבער אידעאַליסטיש, פּסיכאָלאָגיש, אין באדארף־זיין, האָבן זיי גערעדט אויסשליסלעך לשון־קודש, העברעאיש.

און אָט־די פּסיכאָלאָגישע איינהאלטונג פון אידישן פאָטערלאנד, וועלכעס איז געוואָרן אָ גייסט לאנד, אָן ארץ ישראל של מעלה, דערקלערט דעם טשיקאַוון, לכתחילה, פאקט, וואָס די אידן האָבן זיך ניט באַמיט, אין לאנגן דויער פון זייער גלות־לעבן, זיך איינצושאפן ערגעץ אָ טעריטאָריע, אויסגעפינען ערגעץ־וואו א ווינקל און אים קאָלאָניזירן, און זיך איינאָרדענען מיט לייטן צוגלייך. דער אידישער ציבור האָט אָ־רעם טעריטאָריאַליסטישן געדאנק קיינמאָל ניט צוגעלאָזן צו זיך. ער האָט מורא געהאט צו פארשוועכן זיין געטריישאפט צו זיין פּסיכאָלאָגיש פאָטערלאנד. ער האָט מורא געהאט, אז דאָס פארבינדן זיך, פאר׳מחותנ׳ען זיך מיט א פרעמדן באָדן זאָל אים ניט אָפּרייסן פון זיין מקור, פון אייגענעם וואָרצל, פון אייגן לאנד.

אידן האָבן אַרויסגעוויזן גרויס פּחד פאר דאָס איינגעפונדעוועט־ווערן אין דער פרעמד. ווייל אזא עווענטואליטעט וואָלט גורם זיין דערצו, אז זיי זאָלן צעשפּאָלטן ווערן אויף אזויפיל חלקים מיט וויפיל באָדנס זיי וואָלטן זיך פארקניפּט. יעדעס ניי לאנד צו וועלכן א טייל פון דער אידנשאפט וואָלט זיך צובינדן מיטן גוף און נשמה, וואָלט ציען צו זיך און בזה־האופן שעדיקן די גאנצקייט־אידייע און איינהייט־געפיל פון

כנסת ישראל, וועלכע פאַרמאָגט איין גייסט־פאָטערלאַנד, איין אייגענעם באָדן.

אזא פשוטע זאַך האָבן די אוגאַנדיסטן ניט פאַרשטאַנען בשעת זיי האָבן זיך געאַמפּערט מיט די ציוני־ציוניסטן. און די „טעריטאָריאַליסטן", די עטלעכע, וועלכע זיינען נאָך פאַרבליבן אין זייער עקשנות, פאַרשטייען עס עד־היום ניט. זיי קענען עס ניט באַגרייפן מחמת דעם, וואָס זיי טראַכטן און אורטיילן וועגן אידנשאַפט אין מאַטעריאַליסטישע טערמינען. זיי זעען די אידישע קערפּערשאַפט, זיי זעען אָבער ניט די נשמה־שאַפט פון אידישן געזעמל.

וואָס זאָגט אונדז איינער פון די תהלים־זינגער?

„אויף די טייכן פון בבל דאָרטן זיינען מיר געזעסן און געוויינט, ווען מיר האָבן זיך דערמאָנט וועגן ציון. אויף די ווערבעס דאָרטן האָבן מיר אויפגעהאָנגען אונדזערע פידלען. וואָרום דאָרטן האָבן פאַרלאַנגט פון אונדז אונדזערע פּײַניגער געזאַנג־ווערטער און אונדזערע באַדריקער — פרייד:

— זינגט אונדז א ציון־ליד!

— ווי קענען מיר זינגען א יהוה־ליד אויף פרעמדער ערד?

אויב איך וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים — זאָל מיך פאַרגעסן מיין רעכטע האַנט, זאָל מיין צונג זיך צוקלעפּן צו מיין גומען, אויב איך וועל דיך ניט געדענקען, אויב איך וועל דיך, ירושלים, ניט אַרויפּברענגען אויף דער הייך פון מיין פרייד" (תהלים קל"ז).

די פּײַניגער שטעלן זיך פאָר, אז די געפאַנגענע אידן וועלן זיך באַזעצן אין נייעם לאַנד, וועלן זיך צוגעוואוינען צו דער אַדאָפּטירטער היים און וועלן זיך אויפהערן צו פילן אַלס פרעמדע אויף אַ פרעמדן באָדן, אויף זייער לשון, זיי וועלן ווייטער אָנגיין מיט זייערע „יהוה־לידער"...

די געפאַנגענע אידן שווערן, אַז זיי וועלן קיינמאָל ניט פאַרגעסן זייער היימלאַנד. ניט נאָר אין טרויער, אין צרות, איןליידן וועלן זיי עס געדענקען. נייערט אויך אין פריידן, בשעת זייערע העכסטע שמחות און גליקן. בשעת זיי וועלן באַהאַנדלט ווערן אויף דעם בעסטן שענסטן אופן וועלן זיי נאָך אַלץ זיך פילן ווי פאַרטריבענע, פאַרוואָגלטע. זיי וועלן ניט און קענען ניט, אונטער קיינע אומשטענדן, זינגען דאָס יהוה ליד אויף דעם פרעמדן באָדן.

עס איז מערקווירדיק, וואָס זיי שווערן ניט זיך אומצוקערן אהיים ביי דער ערשטער געלעגנהייט. זיי דריקן אויך ניט אויס די האָפענונג, אַז יהוה וועט זיך אויף זיי דערבאַרימען און וועט זיי אינגיכן אומקערן פון זייער געפאַנגענשאַפט. וואָס זיי באַהויפּטן און באַטראַכטן אלס דאָס וויכטיקסטע,

איז דאָס געדענקען ציון, דאָס הייסט, דאָס בלייבן וואוינען אין ארץ־ישראל גייסטיק, מנעמיש, אין זיכרון, אין אידעאַליטעט, אפילו דעמאָלט, ווען אין רעאַליטעט וועלן זיי זיך געפינען אין דער פרעמד. וועלכע פריידן זיי זאָלן ניט האָבן, וואו זיי זאָלן ניט וואוינען, וועלן זיי אלץ בלייבן וואוינען אין געדעכעניש, נשמה׳דיק, אין ציון, אין ירושלים.

אין דער לאנגער גלות־געשיכטע האָבן זיך אונטערגערוקט געלעגנהייטן, וועלכע האָבן געגעבן אַ געוויסן טייל פון אידישן פאָלק א מעגלעכקייט זיך צו באַזעצן אין גרויסע מאַסן אויפן לאַנד און זיך איינשאַפן אַן אויטאָנאָמישן לעבן ערגעץ־וואו, ווי דהיינו, אין די פאראייניקטע שטאַטן אָדער אין אַרגענטינע, אָדער, גאָר לעצטנס, אין ביראַ־בידזשאַן. די אידן האָבן אָט־די געלעגנהייטן קיינמאָל ניט אויסגענוצט אין פולן, ווייל זיי האָבן פאַרדעכטיקט, אז אזא מין קאָלאָניזירונג וואָלט, חס־ושלום, פאַראורזאַכן א צעברעכונג פון דער גאַנצקייט פון אידישן געזעמל.

דער טעריטאָריאַליסט וויל ניט באַגרייפן, אז ארץ ישראל פאַר דער אידנשאַפט איז גאָר עפּעס אנדערש ווי א פשוטע טעריטאָריע, עס איז זיין „ארץ החיים״, זיין לעבנסלאַנד, זיין נשמה־לאַנד, עס איז די גייסטיקע באַזע פאַר דער אידישער האָפענונג אויפגעריכט צו ווערן. ארץ ישראל איז פאַרקניפּט מיט אידישער משיחיות, מיט דעם אידישן אידעאַל פון פולער אויסלייזונג.

14

דער לתקן עולם במלכות שדי און דער ציוניזם

דעם לייענער וועט אפשר אויסזען מאָדנע דאָס קעפּל. ער וועט פרעגן, וואָס פאַר אַ שייכות איז דאָ צווישן ציוניזם, וואָס איז אַ ריין־אידישער וועלטלעכער ענין, און די אויפריכטונג פון דער וועלט אין אַ שדי־קעניגרייך, וואָס איז אַן אידעאַל פאַר דער גאַרער מענטשהייט און עס איז אַ רעליגיעז מיסטישע באַשטרעבונג.

וואָס איז אייגנטלעך ציוניזם?

ציוניזם איז, קודם־כל, אַ געלינדערטע פאָרם פון משיח־בענקעניש און משיח־ברענגעניש אויסגעדריקט אין היינטיקע באַגריפן, ווערטער און טאַטן.

ציוניזם ליגט אויף די היסטאָרישע וועגן פון דעם גאַנג פון דער אידישער געמיינשאַפט. לגבי דעם ציוניזם איז גאָר ניט שייך קיין דורכפאַל. די ציון־אַספּיראַציעס, ווי משיחיות, זיינען ביי אידן קיינמאָל ניט

איינגעשרומפּן געוואָרן. הגם מ׳האָט פּילע מאָל פּרובירט אַריבערצוגיין פון דער מאַטעריעל־פּאַסיווער משיח־דערוואַרטעניש צו אַ מאַטעריעל־אַקטיווער משיח־ברענגעניש און די דאָזיקע פּאַרזוכן האָבן זיך כסדר אַרויסגעוויזן צו זיין אַבאָרטיוו.

משיחיות איז דער וויכטיקסטער ווינקלשטיין אין דעם גראַנדיעזן בנין פון אידישן בטחון און אידישן אָפּטימיזם. ציוניזם איז בלויז אַ מאָדערניזאַציע פון אַביסל אַ צוגעוואַסערטן משיחיזם. אחד־העם האָט געפּריידיקט די אידייע פון שאַפן אין ארץ ישראל אַ גייסטיקן צענטער. אָבער דער טראַדיציע־געטרייער איד האָט געהאַט צום ישראל־לאַנד גאָר אַן אַנדער באַציאונג. פאַר אים האָט ארץ ישראל געצייכנט פּסיכאָלאָגיש ניט נאָר אַ צענטער, נייערט דעם גאַנצן קרייז, צענטער און פּעריפעריע, פון זיין נשמה היימלאַנד.

ווען דער איד האָט געזאָגט אין שמונה־עשרה:

„און עס וועלן זען אונדזערע אויגן ווי דו קערסט זיך אום קיין ציון מיט דערבאַרמונג״, האָט ער, זאָגנדיק עס, מתפּלל־זייענדיק, געזען בפועל־ממש מיט זיינע גייסט־אויגן דאָ גלייך אויפן אָרט באותו שעה דעם שיבת־ציון פון רבונו־של־עולם. און ווען דער פרומער איד האָט אויסגערופן מיט התלהבות: „איבעראַיאָר אין ארץ ישראל״, האָט ער זיך פּסיכאָלאָגיש גלייך איינגעפּאַקט און זיך אַריבערגעפּעקלט אָן שהיות קיין ארץ־ישראל.

ווען אָט־די אַקציע פון פּסיכאָלאָגישער רעפּאַטריאַציע, פון שיבת־ציון, פון צוריקקערן זיך אַהיים האָט גענומען ווערן, צוליב געוויסע סיבות, שוואַכער און שוואַכער, האָט דער איד געמוזט צוגעבן כוח, ממשות, ווירקונג און פּעולה אָט־דעם פּסיכאָלאָגישן פּראָצעס דורך דעם, וואָס ער האָט צוגעלייגט צו אים אויך עפּעס מאַטעריעלעס, ערדישעס, געאָגראַפישעס. אוןביידע כוחות האָבן גענומען אַרבעטן בשותפות.

דער גלויבן אין משיח׳ן, אין דעם אָנקום פון דעם דערלייזער, איז ביי דעם אמת־פרומען אידן קיינמאָל ניט געווען בלויז אַ חלום, גלאַט אַזוי זיך אַ פּוסטער שפּיל אין דערוואַרטעניש. דער גלויבן באמונה שלמה אין ביאת־המשיח, האָט דעם טיף־רעליגיעזן אידן פאַרפליכט צו מעשים וועלכע האָבן באַצוועקט דעם דערנענטער פון אָט־דעם גליקלעכן פינאַל פון דער אידישער לעבנס־דראַמע. דער גאַנצער אויפפיר פון טראַדיציאָנעלן אידן איז געווען געצילט צו אָט־דעם פּונקט פון מקרב־זיין דעם קץ, ברענגען דעם געווינטשן סוף פון אויסלייזונג.

ער האָט זיך געדאַרפט אומקערן צו זיין טראַדיציע, צו זיין אידעאָלאָגיע, צו זיינע קולטור־אוצרות, האַלטן די תורה און אָפּהיטן די מצוות

אויף דער האָר, מקיים־זיין דעם ושבת עד יהוה אלהיך (דברים ל׳, ב׳) „און דו וועסט זיך אומקערן ביז צו יהוה דיין אלהים און דו וועסט גע־האָרכן זיין שטים ווי איך באַפעל דיך היינט, דו און דיינע זין מיט דעם גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער זעל" און ערשט דעמאָלט האָט ער זיך געפילט באַרעכטיקט צו דערוואַרטן, אַז עס וועט מקויים ווערן דער „און עס וועט אומקערן יהוה דיין אלהים דיין געפאַנגענשאַפט און וועט דיך דערבאַרימען און ער וועט דיך אומקערן און אויפזאַמלען פון אַלע פעלקער וואוהין דיין יהוה אלהים האָט דיך פאַרשפרייט דאָרטן" (דאָרטן ג׳).

ביי דעם היינטוועלטיקן אידן האָבן די מעשים, וועלכע דאַרפן פירן צו דער גאולה, געפעלט און זיין משיח־דערוואַרטונג איז געבליבן בלייז און בלוטאָרים און וואָס ווייטער האָט זיך אָט־דער לויטערער טרוים גע־נומען אויסלעשן און טונקלען.

אַזוי האָט עס לאַנג ניט געקענט אָנגיין, און משיחיות איז „רעפאָר־מירט" געוואָרן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער ליכטיקער האָפענונג, אַז דער אַלמענטשלעכער פראָגרעס וועט ברענגען מיט זיך די אויפריכ־טונג פון דער מענטשהייט און די אויסלייזונג פון ישראל אין דער גאַנ־צער אָדער אַביסל ווייטערער צוקונפט.

פילע אַנטוישונגען האָבן די „אויפגעקלערטע" אידן איבערגעלעבט אין מערב איירָאָפּע און, איבערהויפּט, אין רוסלאַנד. דער אַלגעמיינער פאָרשריט, וועלכער האָט געדאַרפט קומען פון דעם פאַרשפרייטן ביל־דונג צווישן די פאָלקסמאַסן, איז ניט געקומען מיט דעם טעמפּאָ און אין דער ריכטונג, אין וועלכער ער איז דערוואַרט געוואָרן פון די אידישע משכילים. און זיי האָבן זיך דערפילט ווי אָפּגענאַרט און אויסגעליידיקט. פון דער טראַדיציאָנעלער משיחיות זיינען זיי אַוועק און זיי זיינען געבליבן אין מיטן זייערע וואַנדערונגען אָן אַ וועגווייזער, אָן אַ קאָמפּאַס און אָן אַ לייכטנדיקן שטערן. און זיי האָבן זיך גענומען, מיט פלייס און ענטו־זיאַזם פון שיער־ניט פאַרצווייפלטע, שאַפן אַ סעריע רעאַליסטישע אונ־טערנעמונגען, די אויפגאַבע פון וועלכע איז געווען צו מאַכן נענטער די שעה פון אָנקום פון דער אידישער גאולה וישועה. זיי האָבן אָנגע־הויבן צו אַרבעטן פאַר דער ספּעציעל אידישער רעטונג, ניט פאַרלאָזנ־דיק זיך מער אויף די ניסים, וואָס דער אַלגעמיינער איבערבוי פון דער געזעלשאַפט און דער אויסבעסער פון דער מענטשלעכער נאַטור וועט זיי ברענגען. אָט־אַזוי איז אַנטשטאַנען חיבת־ציון מיט דער אידייע פון „זעלבסט־עמאַנציפּאַציע".

פון חיבת־ציון איז מען אַריבער צום פּאָליטישן ציוניזם.

חיבת־ציון איז געווען אַ באַוועגונג צו גרינדן קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל.

דער פּאָליטישער ציוניזם, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פון חיבת־ציון, איז געווען די פאָרמולירונג פון דער פאָדערונג, אַז אַ „יודן־שטאַט" זאָל געשאַפן ווערן אין פּאַלעסטינע.

עס איז גאַנץ נאַטירלעך. יעדע באַוועגונג איז אַ זאַך, וואָס גייט, וואָס פליסט. נאָך מער, אַזאַ זאַך ווי ליבע (חיבת־ציון), אָדער עס בליט, אָדער עס וועלקט. און פון דער אידייע וועגן גרינדן קאָלאָניעס האָט זיך אַרויסגעוויקלט דער פאַרלאַנג און שטרעבונג צו קאָנסטרואירן אַ אידישן שטאַט. און אויב אַ אידישן שטאַט, טאָ וואו וואָלט זיין דער פּאַסיקער אָרט, אויב ניט אין ארץ ישראל, וואו דער אידישער שטאַט האָט אַמאָל עקזיסטירט.

אין דעם פּרט איז ציוניזם ניט קיין אויסנאַם. ס׳רוב אידעאַלן ווערן אַזוי פאָרמירט, אַז זייערע באַשטאַנדטיילן ווערן גענומען סיי פון דער פאַר־גאַנגענהייט און סיי פון דער צוקונפט. פאַר די בנינים פון כמעט אַלע לעתיד־לבוא שלעסער זיינען די שטיינער און אַנדער בוי־מאַטעריאַל אַלעמאָל אַנטליען פון דעם „וואָס איז שוין געווען" און פון דעם „וואָס דאַרף נאָך ערשט זיין".

אַלזאָ, מיט קורצע ווערטער, דער פּאָליטישער ציוניזם איז אַ באַ־שטרעבונג און אַ באַוועגונג צו ברענגען די אידן קיין ארץ ישראל און דאָרטן אויפבויען אַ אידישע מלוכה, אָדער באַשיידענער, אַ נאַציאָנאַל אידישע היים.

אַן אַ שיעור פראַגן קען מען דאָ שטעלן, און מ׳האָט זיי געשטעלט. יווייל מיט די ציוניסטן האָט מען געגוג דיסקוטירט אויף דער אידישער גאַס און אין דער אידישער פּובליציסטיק.

צי קען ארץ ישראל אַריינעמען אַלע אידן? צי איז מעגלעך צו ברענגען אַלע אידן, אָדער דאָס רוב פון די אידן אַהין? וואָס וועלן די אַראַבער זאָגן? וואָס וועלן זיין די באַציאונגען פון אַנדערע שטאַטן, וועלן זיי עס דערלאָזן, צי ניט? איז ארץ ישראל פרוכטבאַר גענוג? און נאָך און נאָך.

אָבער די זייט, די פּראַקטישע זייט פון דער פראַגע, וועלן מיר פאַר־קוקן. דאָ אינטערעסירט אונדז דער ציוניזם מער ניט ווי אין אַבסטראַקט, אַלס ענטפער צו דער אידן־פראַגע אויך גענומען אַבסטראַקט.

ווען מ׳באַהאַנדלט אַ באַוועגונג און אַן אידעאַל, וואָס באַלעבט אַ באַ־שטימטע באַוועגונג, איז אַלעמאָל וויכטיק זיך צו דערטאַפּן צו דער אורזאַך פון איר און זיין אויפקום, און צו דער צייט פון אויפקום.

אידן אַלס אַ נאַציאָן, זיינען ניט קיין יונגע באַלעבעסלעך, וואָס זיינען נאָר וואָס אַראָפּ פון קעסט. אַלס אַ גרופּע האָבן זיי אַ באָרד און אַ גאַנץ שיווע דערצו, און אויב אַזוי, איז די פראַגע, וואָס עפּעס אַזוי שפּעט האָבן זיי זיך גענומען צום שכל, אַז מ׳דאַרף זען טראַכטן וועגן עפּעס אַ נאַציאָנאַלן תכלית.

דער ערשטער ענטפער איז „עבדים היינו״, אַז די אידן זיינען געווען אַזוי פאַרשקלאַפט, פאַר׳צרה׳ט, פאַר׳חושכ׳ט, אַז זיי האָבן קיין מוט און קיין דרייסט ניט געהאַט זיך צו פאַרקלערן וועגן אַ היים, וועגן אַ לאַנד און אַן אייגענער שטאַט-פירונג.

דער צווייטער ענטפער איז, אַז כל־זמן אידן זיינען געווען פאַנאַטיש רעליגיעז, האָבן זיי געוואַרט, אַז גאָט, וואָס זעט אַלץ, ווייסט אַלץ, און קען אַלץ טאָן, זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען. און אויב ער נעמט זיך ניט אָן, איז מסתמא דאַרף מען ניט, ווייל ער ווייסט בעסער, וואָס מען קען און וואָס מען קען ניט. מיט אַנדערע ווערטער, זיי האָבן געוואַרט, אַז משיח זאָל קומען און זיי ארויסנעמען פון גלות, זיי אויסלייזן פון אַלע צרות.

עס איז אמת, אַז זיי האָבן אין די לעצטע יאָרהונדערטער „געוואַרט״ כמעט ווי אינגאַנצן פּאַסיוו. אָבער עס איז ניט אמת, אַז זיי זיינען אַלע־מאָל געווען פּאַסיוו. די אידישע געשיכטע דערציילט וועגן אַ פּאָר פּאַר־זוכן צו פאַרנעמען ארץ ישראל מיט גוואַלד, מיט כוח, ביד חזקה, מיט אַן אויפשטאַנד, ווען זיי זיינען נאָך געווען אין לאַנד, און דורך אַ מילי־טערישער עקספּעדיציע, ווען זיי זיינען שוין געווען אויסערהאַלב דעם לאַנד. און דערנאָך, אַז זיי האָבן זיך מיאש געווען פון זייער גבורה, האָבן זיי געזוכט אַנדערע מיטלען. נאַטירלעכע מיטלען האָבן ניט געגאָלטן, האָבן זיי פּרובירט איבערנאַטירלעכע, און דאָ גייען אַדורך דורך דער אידישער געשיכטע פּאַסן פון רעליגיעז־מיסטישע באַוועגונגען, וועלכע ווערן באַצייכנט מיטן נאָמען „פאַלשע״ משיחיות. וואָס הייסט פאַלשע? דאָס הייסט אַקטיוו אויף אַ מיסטישן אופן. זיי האָבן געוואָלט קריגן צוריק ארץ ישראל דורך השבעות, מיט דער הילף פון גייסטער־באַשווערונג, און גאַנץ וויכטיקע, בנוגע צאָל, באַוועגונגען זיינען אַנטשטאַנען אויף דעם גרונט. עס האָט זיך גערודערט, געטומלט, מ׳האָט געהאַוועט, גע־עסק׳ט. און דערנאָך איז געקומען דער דורכפאַל, די אומפאַרמיידלעכע אַנטוישונג, די אויסטשוכונג, דאָס ניכטער ווערן. און נאָך די אַלע מוט־צונעמענדיקע, קוראַזש־דערשלאָגנדיקע דערפאַרונגען, האָבן זיי זיך באַ־שלאָסן צו „וואַרטן״, דאָס הייסט, זיין פּאַסיוו. אין אַנדערע ווערטער, כמעט שלום מאַכן מיט זייער צושטאַנד, און אָפּלייגן די לייזונג פון דער

אידן־פראַגע ניט נאָר אויף שפּעטער, נאָר בכלל עס אָנצייכענען אַלס אַן אידעאַל און לאָזן עס אַזוי.

און ווען עס איז געקומען צום מאָלן דעם אידעאַל, זיינען זיי קיין קמצנים ניט געווען. זיי האָבן ניט געזשאַלעוועט קיין פאַרבן, קאָלירן, העלקייט, לויטערקייט. אַלץ, וואָס איר ווילט, וואָס אַ מויל קען רעדן, וואָס אַ טרוים קען אויסקלערן, פון פייגל־מילך איז דאָרטן געווען. זייער אי־דעאַל איז געווען אַזוי ברייט, טיף און הויך, אַז ער האָט זיך מיט אַלץ פאַרנומען, אַלץ פאַרענטפערט, ניט איבערגעלאָזן קיין איין טונקעלן ווינקל וואוהין ער זאָל ניט האָבן אַריינגעגאַנגען מיט זיין גאָלדענעם זו־נען־בעזים און אויסגעקערט פון דאָרטן אַלע שאָטנס. עס איז געווען אַ סאָציאַלער אידעאַל, גערעכטיקייט פאַרווירקלעכט, אַ פולקומענע געזעל־שאַפטלעכע אָרדנונג, אַ פערפעקטער מענטש, אַ נייער גוף, וואָס איז ניט אונטערגעוואָרפן די אַלע שוועכעס פון וועלכע מיר, שטערבלעכע, ליידן, און אַ שלימות׳דיקע וועלט, אַ נייע ערד, אַ נייער הימל, אַ נייע זון. אַפילו די אומגערעכטיקייט, וואָס די אַסטראָנאָמיע איז באַגאַנגען בנוגע דער לבנה, האָט מען ניט פאַרגעסן צו באַזייטיקן; מ׳האָט דערפילט, דערגאָנצט די פגימה פון דער פאַרבענקטער, בלאַסער, פאַראומעטיקטער נאַכט־קעניגין — מיט איין וואָרט, אַ תיקון־עולם במלכות שדי אין פולן פשט פון די ווערטער.

און אַביסל שפּעטער, ווען פון דער פינצטערקייט פון מיטל־אַלטערישן געטאָ איז מען אַריבער צו די מאָדערנע צייטן מיט דער השכלה־באַוועגונג, האָט מען קיין סך ניט געענדערט, אַביסל עס איבערגעניצעוועט, רעפאָר־מולירט, אַוועקגעשטעלט דעם וואָרט „פראָגרעס״ און קאָנקרעטיזירט עס אין „בילדונג״.

ווען די אַבערגלויבן־במאַרעס, וואָס פאַרפינצטערן דעם מענטשלעכן שכל, וועלן פאַרטריבן ווערן, און די זון פון וויסנשאַפט, פון אויפקלערונג וועט באַלייכטן דעם מענטשלעכן פאַרשטאַנד, וועט די וועלט פאַרפלייצט ווערן מיט ליכט, און ליכט הייסט יושר, האַרמאָניע, ברידערלעכקייט, ערלעכקייט און גוטסקייט. און דער אידישער געדאַנק און חלום האָבן זיך געשפּונען זייערע גאָלדענע פעדים און געוועבט אַ קלייד פאַר דער איי־ביקער יונג־פרוי, וואָס הייסט צוקונפט און עס אויסגעצייט און אויסגע־האַפטן מיט די שענסטע טרוים־אוזאָרן.

אָבער פּלוצלונג האָט זיך דערהערט דאָס כריוקען פון דבר־אחר, דאָס בריאַזגען פון שויבן... פּאַגראָמען... און די געטלעכע אילוזיע איז צע־רונען געוואָרן, די הייליקע גאָרונגען זיינען פאַרשוועבט געוואָרן.

אַ טייל פון די אידן זיינען אומגעדולדיק געוואָרן. דער בראָך איז

געוועזן גרויס, דער פאַרדרוס און אַנטוישונג נאָך גרעסער. און דער רע־ליגיעזער באַלזאַם האָט אָנגעוואוירן זיין כישופדיקע ווירקונג. און אַ גאַנצע איבערקערעניש איז פאָרגעקומען אין אַ רעכט ביסל מוחות פון יענעם דור. און אין אַ גאַנץ נאַטירלעכער ווייזע איז אַרויפגעשוואומען די גאולה־וויזיע, וואָס מ׳האָט שוין, אמת, עטלעכע מאָל פּרובירט צו רעאַליזירן און אַלעמאָל דורכגעפאַלן, אָבער דאָס מאָל וועט געמאַכט ווערן אַ נייער פאַרזוך אויף אַ נייעם שטייגער.

ניט קיין מיליטערישע עקספּעדיציע, אויך ניט דאָס מאַרשאַלן פון קאַבאַליסטישע חיילות, ווי באַשווערונג פון גייסטער, געברויכן צירופים און שם־המפורש׳ס, נאָר דורך קאָלאָניזאַציע, אַרבעט, געלט און דיפּלאָ־מאַטיע.

אָט אַזוי איז געבוירן געוואָרן חבת־ציון און דערנאָך ציוניזם.

וואָס איך וויל אָנווייזן איז, אַז דער ציוניזם גיט ניט קיין ענטפער אויף דער אידן־פראַגע, וועלכע איז אייגנטלעך די גלות־פראַגע. ווייל דער ציוניזם אין בעסטן פאַל דאַרף באַטראַכט ווערן בלויז אַלס אַ מינימום־אויסלייז, אַן אתחלתא־דגאולה.

צוויי טויזנט יאָר זינט מיר קעמפן, פאַרטיידיקן געוויסע פּאָזיציעס. דער אידישער גלות, די אידישע ליידן פאָדערן דאָך אַ „פאַרוואָס?״ און „פאַרוועך?״ צום אַלעמערשטן דאַרף מען דאָך אַריינלייגן אַ זינען, אַ מיין אין דעם קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען, בנוגע צייט, אין אַ משך פון צוואַנציק יאָרהונדערטער, בנוגע אָרט, איבער אַ וויכטיקן טייל פון דער וועלט. און וואָס קען דאָ דער טרוקענער, פּאָליטישער, וועלטלעכער ציו־ניזם פאָרלייגן? גאָרניט. ער מאַכט זיך ניט וויסנדיק פון דעם; נאָך מער, ער טראָגט זיך אַרום מיט דעם געדאַנק פון „פאַרניינונג״ פון גלות און גאַנץ אָפט, כמעט פאַראַכטונג. אָבער אויב מ׳פאַרניינט דעם גלות לחלוטין, פאַרניינט מען דאָך די אידן, וועלכע זיינען גלות־אידן. און וואו קען דער ציוניזם נעמען דעם מענטשן־מאַטעריאַל, פון וועלכן ער וויל בויען אַ ניי פאָלק, אויף נייע יסודות. ווייטער, פאַרניינען אַ זאַך הייסט דאָך ניט פאַרענטפערן עס.

וואָס עס פאָדערט זיך איז אַ פאַרענטפער פון גלות, אַן ענטפער אויף דער „גלות פראַגע״. אַ פּשוט׳ע פאַרניינונג קען דאָך ווירקן בלויז אויף־פאַרויס, אין דער צוקונפט אַריין. דאָ פאָדערט זיך דאָך אַ מער קאָמפּלי־צירטע „פאַרניינונג״, אַן „אָפּשאַף״ פון גלות אין דער פאַרגאַנגענהייט, ד. ה. אַ סובלימירונג פון דער גלות־געשיכטע, מאַכן פון איר אַ „יש״, אַ וויכטיקע סומע פון אויפבויענדיקע אַקטן. מיר מוזן אַריינטראָגן כוונה,

תכלית און מיין אין דער אידישער געשיכטע פון די לעצטע צוויי טויזנט יאָר.

עס איז דאָ אַ אידן־פראַגע, אַ פראַגע מכוח די אידן, וועלכע ליידן, ווערן אַרויסגעריסן אין דער קעגנוואַרט. און דאָס איז אַ „רעאַליסטישעס״ פּראָבלעם.

אָבער עס איז אויך פאַראַן אַ גלות־פראַגע, אַ פראַגע, וועלכע פרעגט: וואָס טוט מען מיט די ליידן, צרות, וואָס די אידן האָבן אויסגעשטאַנען אין דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס אַן אידעאַליסטישעס פּראָבלעם.

מ׳קען דאָך דעם גלות ניט איבערלאָזן אַן אַ דערקלערונג, אָן אַ פּאַרטייטש. מ׳קען זיך דאָך ניט באַגנוגענען מיט דעם, וואָס מיר וועלן זאָגן, אַז דאָס גלות־אַפריכטן איז געווען אַן אומגליקלעכער צופאַל, און מער גאָר ניט. און פאַר אונדזער צער איז ניטאָ קיין שכר.

אחד־העם האָט באַהויפּט, אַז עס איז דאָ אַ „אידן־נויט״, אַ „אידן־צרה״ און אַ „אידישקייט־צרה״, אַ „אידישקייט־נויט״. מיר דוכט, אַז וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן איז, אַז עס איז פאַראַן אַ גלות־פראַגע, נאָר ער האָט זיך ניט פּינקטלעך אויסגעדריקט. אידישקייט אַלס אַ לערע, אַ וועלט־באַנעם ליידט ניט קיין צרות, האָט קיין צרות ניט געליטן. די איינציקע זאַך, וואָס מ׳קען פרעגן בנוגע אידישקייט, איז אָט וואָס: פאַרוואָס האָט זיך דער אידישער וועלט־באַנעם ניט פאַרשפּרייט צווישן די אומות־העולם, פאַרוואָס איז ער ניט אָנגענומען געוואָרן אין זיין זויבערקייט, נאָר דווקא אין זיינע אדאלטעראַציעס, פאַלסיפיקאַציעס? מ׳קען אויך פרעגן: פאַרוואָס האָט אידישקייט גורם־געווען דערצו, אַז די אידן זאָל זיך אַזוי שווער לעבן? מ׳קען פרעגן צי האָט באמת די אידישקייט פאַראורזאַכט דעם דורכפאַל פון דער אידישער וועלטלעך פּאָליטישער קאַריערע. אָבער די דאָזיקע פראַגן זיינען היסטאָריש טעאָרעטישע פראַגן. און דער ענט־פער דאַרף זיין אַ טעאָרעטישער, אַ פילאָזאָפיש־היסטאָרישער אָדער קול־טור־היסטאָרישער.

גאָר איינגאַנצן אַנדערש איז די מערכה פון דער „גלות־פראַגע״. דאָ קען קיין ריין טעאָרעטישער ענטפער ניט גילטן. דאָ מוז מען ענטפערן מיט אַן אידעאַל, וואָס מוז פרעטענדירן אויף רעאַליזירונג. דאָ מוז מען ענט־פערן מיט עפּעס אַזעלכעס, וואָס דאַרף קענען אויסקויפן אין לעבן אין דערוואַרטעטער ווירקלעכקייט אין דער צוקונפט די ימים טרערן און טייכן בלוט פון די אידישע קדושים, פון דעם געקרייציקטן אידישן פאָלק, וואָס זיינען פאַרגאָסן געוואָרן אין דער פאַרגאַנגענהייט און ווערן פאַרגאָסן אין דער קעגנוואַרט.

און אָט־די פראַגע איז העכסט אַקטועל, מחמת דעם, וואָס דעם אידן,

װעלכן עס קומט אויס צו טראָגן אויף די פּלײצעס דעם שװערן יאָך פון גלות, פון װאַנדערן, פון רדיפות, פון גגישות, פון דערנידערונגען, רופעט אָט די פּראַגע, מאַנט פון אים אַן ענטפער און פון דעם ענטפער הענגט אָפּ די מאָס פון װידערשטאַנד, װאָס ער קען אַרויסװײזן אין זײן צרה׳דיקן קאַמף פאַר עקזיסטענץ, די מאָס פון בטחון, פון אײנגעגלויבטקייט אין זײנע כוחות. און מער, אָט־דער ענטפער דאַרף אויך דינען אַלס אַ מין אַנאַסטעטיק, װאָס דאַרף לינדערן זײנע יסורים, אַלס אַ מין באַלזאַם פאַר זײן געבראָכן געמיט, אָט־דער ענטפער דאַרף שטאַרקן זײנע הענט, שטײפן זײנע קני און ניט לאָזן זײנע פיס געשטרויכלט װערן, ער דאַרף שאַרפן זײן בליק, קלאָר מאַכן זײן װיזיע פון דער צוקונפט, אַרײנגיסן אין אים שטאָל און אײזן פון זיכערקייט אין זײן גערעכטיקייט.

די גלות־פּראַגע איז גאָר אַ װיכטיקע פּראַגע און מ׳טאָר זי ניט פאַרקוקן.

צװײ טױזנט יאָר געקעמפט. פאַרװאָס? כדי צו גרינדן, סוף־כל־סוף, אַ פּאָר קאָלאָניעס. אפילו אַ ציוניסט פאַרשטײט, אַז דאָס איז לעכערלעך. נאָר װאָס? כדי צו גרינדן עפּעס אַ אידן־שטאַט, די חשיבות פון װעלכן װאָלט מסתמא װעגן אַזױפיל װי בולגאַריע, אָדער לאַטװיע, אָדער ליטע, אָדער אַביסל שװערער.

אויב דאָס איז דער שלוס־קאַפּיטל פון דער אידישער געשיכטע, װערט דאָך די גאַנצע מעשה־נורא פון בלוט און טרערן, מסירת נפש, הויפנס פון קדושים, אַ חוכא וטלולא. פאַרלירט דאָך די אידישע געשיכטע איר זין און טעם! עס איז דאָך צװײ טױזנט יאָר פון יסורים אַרויסגעװאָרפן, אַװעק אין ניװעץ, אומזיסט און אומנישט.

דאָס איז װאָס מיר װעלן דערלעבן אויף אונדזער עלטער! נאָך אַזױ־פיל יאָרן פון קאַמף!

אויב אָבער מיר שטעלן אַװעק די שדי־מלכות אַלס שלוס פון דער אידישער געשיכטע, דעמאָלט װאַרפט עס סנאָפּעס ליכט אויף צוריק; דע־מאָלט בלאָזט עס אַרײן אַ נשמה, אַ לעבהאַפטיקייט אין יעדער שורה און שורה פון דער אידישער מאַרטירלאָגיע. קײן אײן טראָפּן בלוט איז ניט פאַרגאָסן געװאָרן אומזיסט, קײן אײן קרעכץ איז ניט פאַרהויכט געװאָרן גלאַט אַזױ אין דער װעלט אַרײן, און די טרערן, װאָס זײנען אָנגעזאַמלט און געציילט אין אידישן לאָגל, װערן דעמאָלט פאַרװאַנדלט אין ברי־ליאַנטן צו באַצירן די קרוין, װאָס הײסט „פרײהײט״. ס׳איז געװען אַ קאַמף פאַר דאָס רעכט צו עקזיסטירן אָן אַ װעלטלעכן שטאַט, פאַר דעם סאָציאָלאָגישן עקספּערימענט, װאָס האָט אַן אומגעהויערע אַל־מענטש־לעכע װיכטיקייט.

ווי נאָר דער אידעאַל פון משיחיות רירט זיך צו צו דער מגילה פון טרערן, וואָס הייסט אידישע אנאלן — ווערן זיי באַנייט, באַגייסטערט, באַלויכטן; נעמען די שורות קדושים אידעאָלאָגיש אויפשטיין צו תחית־המתים; נעמען די מטושטשע אותיות לעבן, אָטעמען, בליען, פרוכטן און דופטן.

דעריבער מוז דער פּאָליטישער ציוניזם באַטראַכט ווערן בלויז אַלס אַ פּראָגראַם־מינימום פון דער אידישער גאולה. דאָס מאַקסימום־פּראָגראַם מוז בלייבן, ווי געווען, משיחיות, אין דעם ברייטסטן אויסטייטש פון וואָרט, אַלס אַן אויפריכט פון דער וועלט אין אַ שדי־קיניגרייך, לתקן עולם במלכות שדי.

איך פאַרשטיי, אַז פאַרצוזעצן דעם קאַמף איז שווער. עס איז שווער צו זיין אַ איד, ד. ה. עס איז שווער אַפּצולייקענען דעם שטן שטאַט און זיין רעכט אויף דער טעריטאָריע, אויף וועלכער מיר וואוינען, אים איגנאָרירן. איך פאַרשטיי, אַז אַ מיעוט פון די אידן וואָלטן וועלן אַנט־לויפן פון שלאַכטפעלד. אָבער דאָס וועט זיי ניט געלינגען. וואוהין זיי וועלן ניט לויפן, צי קיין מזרח, צי קיין מערב, וועלן זיי דאָרטן געפינען דעם זעלביקן פּראָנט, דעם זעלביקן גלות, און דעם שטן שטאַט אַלס שונא, אַלס בלוט־שונא.

דאָס אידישע גרופּע־לעבן און די אָרגאַניזירטע טעריטאָריאַלע שטן־מלכות זיינען צוויי קעגנזאַצן און זיי וועלן זיך קיינמאָל ניט פאַראייניקן.

אָדער מיר וועלן פאַרניכטן דאָס שטן־קעניגרייך, אָדער דאָס שטן־קעניגרייך וועט אונדז פאַרניכטן. און איך גלויב, אַז מיר זיינען שטאַרקער.

מיר וועלן מתקן־זיין די וועלט אין אַ מלכות־שדי.

.15

די טראַגעדיע פון קריסטנטום

דעם יעוואַנגעליע האָט זיך געוואָלט אַנהויבן דאָרטן, וואו די ביבל האָט געענדיקט. דער קריסטנטום האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אָנצופאַנגען פון סוף, פון ישעיה׳ס אלמענטשלעכן אוניווערסאַליזם. דער קריסטנטום האָט פּראָקלאַמירט, דורך דעם מויל פון אַ פּסוק אין די עפּיסטלען, אַז „עס

איז ניטאָ קיין יהודי און עס איז ניטאָ קיין העלענער" (גאַלאַטער III, 28). אָבער אָט־דער געדאַנק, אַז עס עקזיסטירן ניט קיין העלעניִשע און קיין אידישע קולטור־אונטערשיידן, האָט ניט געקענט געפינען קיין אָפּהילך אין דעם האַרצן און קיין אָפּרוף אין דעם פאַרשטאַנד פון די צוויי וויכטיקסטע קולטור־טרעגער פון יענער צייט, די שעפער פון די צוויי חשוב'סטע וועלט־באַוועגונגען. דער איד האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זיין וועלט־פאַרשטענדעניש איז היפּש אנדערש פון דער, וועלכע דער העלענער האָט אנטוויקלט און אַן וועלכער ער האַלט זיך. דער העלענער, ווייטער, האָט אויך גוט באַגריפן, אַז ער און דער עברי זיינען צוויי וועלטן, זיי פאַרמאָגן צוויי פאַרשיידענע דיסציפּלינען. ווער האָט די אידייע פון דער פאַרנייגונג פון דעם חילוק צווישן העלעניזם און יודאאיזם געקענט לייכט אָננעמען?

דער באַרבאַר, וועלכער האָט גאָרניט געוואוסט, האָט ניט געהאַט קיין אָנונג ניט מכוח דער אידישער בולט־אויסגעטאָקטער קולטורעלער אייגנאַרטיקייט און ניט מכוח דער העלעניִשער ניט ווייניקער שאַרף־אויסגעשניצטער אָריגינאַליטעט. ביי אָט־דעם עם־הארץ האָט מען אַן שוועריקייטן געקענט פּועל'ן, אַז עס זיינען טאָקע ניטאָ במצא קיינע נאַציאָנאַל־קולטורעלע באַזונדערקייטן. און ער איז עס געווען דער יעניקער, וועלכער האָט מכלומרשט אָנגענומען דעם אוניווערסאַליזם פון קריסטנטום. קיין אייגענע אנטוויקלטע נאַציאָנאַלע קולטור, פון וועלכער ער זאָל זיין באַוואוסטזיניק, האָט ער ניט פאַרמאָגט, און ער האָט אפילו זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַזאַ מין „יש" געפינט זיך ביי אימיצן אנדערש. און אָט דער באַרבאַר, דער קולטור־קבצן, איז עס געוואָרן דער טרעגער און פריידיקער, שיצער און פאַרטיידיקער פון דעם אוניווערסאַליזם פון א ישעיהו! דאָס איז די איראָניע!

לכתחילה האָט עס אויסגעזען, אַז אלץ גייט כשורה. מ'האָט ניט באַמערקט, אַז באמת ריידן ישעיה און דער באַרבאַר אויף צוויי פאַרשיידענע שפּראַכן. בשעת ישעיה'ס אוניווערסאַליזם איז אַן אוניווערסאַליזם, וועלכער האָט אריבערגעוואקסן דעם נאַציאָנאַליזם, איז אָט־דער פסעוודאָ־אוניווערסאַליזם פון באַרבאַר אַן אוניווערסאַליזם, וועלכער איז אפילו צום נאַציאָנאַליזם ניט דערוואקסן. ישעיה הנביא'ס אוניווערסאַליזם דאַרף באַצייכנט ווערן אלס אַן איבער־נאַציאָנאַליזם און דער קריסטלעך באַרבאַרישער אוניווערסאַליזם אַלס אַן אונטער־נאַציאָנאַליזם. עקסטרעמען באַגעגענען זיך, דערפאַר האָט עס אויסגעזען, אַז זיי זיינען איין און די זעלביקע זאַך.

דער באַרבאַרישער קריסט איז ניט נאָר ניט דערגאַנגען צו ישעיה'ס

אלמענטשהייט, אפילו צום פשוטן נאציאָנאַליזם האָט ער זיך ניט דער־שלעפּט.

אזוי ווי די שפּראַך פון די טויב־שטומע איז אוניווערסאַל ניט מחמת דעם, וואָס זי באזיצט איבערנאַציאָנאַלע אייגנשאפטן, מחמת דעם, וואָס זי האָט אריבערגעשפּרונגען איבער די נאציאָנאַלע ראַגאַטקעס, נאָר להיפוך, מחמת דעם, וואָס זי האָט ניט באוויזן זיך אויפצוהויבן צו יענער הייך, וואו מ'באַגעגנט די דיפערענציאַציע, וואָס ווערט רעגיסטרירט פון די יעניקע אנטוויקלטע שפּראַכן, אויף וועלכע די נאציאָנאַלע סביבה לייגט ארויף איר חתימה און אין וועלכע דער נאציאָנאַל־געאָגראַפיש היסטאָרי־שער שיקזאַל דריקט אריין זיינע קענטיקע סימנים.

פונקט אַזוי איז דער קריסטנטום־אוניווערסאַליזם. ער איז געווען אַן אילוזיע, אַ זעלבסט־אָפּנאַרעריי, וועלכע האָט געמוזט צערינען ביי דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט דער נאַציאָנען־ווירקלעכקייט. געמיינט האָט דער קריסטנטום, וועלכער האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן די באַרבאַרישע שבטים, אז ער שוועבט ארום אין די הויכע ספערן פון דעם אוניווערסאַ־ליזם פון די אידישע פּראָפעטן, בשעת באמת איז ער גאָר געלעגן טיף אין דער אדמה פון ווילדקייט און פאַרגרעבטקייט. ער איז געווען פאַר־אַנקערט אין אַ פּרימיטיווטעט, וועלכע האָט זיך נאָך אפילו צום נאַ־ציאָנאַלן באוואוסטזיין ניט דערהויבן. און דער קריסטנטום האָט געמוזט מיאוס אָפּשניידן.

אגב, אָט־די טראַגעדיע פון קריסטנטום טיילן ס'רוב אויך אנדערע אידעאַלן, וועלכע איילן זיך צו ווערן מאסן־באוועגונגען און האָבן ניט קיין געדולד צו וואַרטן ביז דער דור וועט ראוי ווערן זיי אויפצונעמען. זיי ווילן זיך ניט באַגענוגענען לעת־עתה מיט א צאַלאָרימער אַנהענגער־שאפט פון גייסטרייכע יחידים, זיי רייסן זיך אין גאס אַריין, צו דעם המון־עם צו די נידעריקע, אין עטיש־קולטורעלן פּשט פון וואָרט, שיכטן. זיי מאכן, כמעט תמיד, אַ דערפאַלג, וועלכער איז אָבער ערגער פון א דורכ־פאַל. פאַרוואָס? ווייל עס נעמען זיי אויף דווקא די, וועלכע האָבן גאָר גע־דאַרפט דורכגיין פּאַרדעם אין לעבן א צוגרייטונג־שולע, דורכמאַכן אַן הכשרה־פּעריאָד, און ערשט דערנאָך וואָלטן זיי געווען אימשטאַנד צו באַ־גרייפן די הויכע אידייען אָן וועלכע זיי כאַפּן זיך אָן.

קאָנקרעטער גערעדט:

צווישן וועלכן עולם פאַרשפּרייט זיך די אנאַרכיסטישע אידייע? צווישן די יעניקע, וועלכע זיינען אזוי עטיש קולטורעל, אז זייער אויפ־פיר אין באַצוג צו זייערע מיטמענטשן איז אָן א פּגימה, און זיי דאַרפן טאַקע, בפועל־ממש, ניט האָבן דעם שטאַט אלס רעגולירער פון זייערע

צווישנפּערזענלעכע פאַרהעלטעניש? ניין, דאָס טרעפט זייער זעלטן. דאָס זיינען די אויסנאַמפאַלן. ס׳רוב פאַרשפּרייט זיך אָט־דער אידעאַל צווישן די טיפן, וועלכע זיינען אַפילו צום שטאַט, צו אָט־דער קאַלטער סאַטאַניסטישער בעסטיע, ניט דערוואַקסן.

צווישן וועלכן עולם פאַרשפּרייט זיך דער קאָמוניזם? צווישן די עלעמענטן, וועלכע האָבן אַריבערגעוואַקסן דעם יצר־הרע פון פּערזענלעכער אַקוויזיציע און גובר געווען אין זיך די גלוסטעניש נאָך פּריוואַט־אייגנטום? ניין. אין מערסטע פאַלן, צווישן די, וועלכע זיינען ניט דערוואַקסן צו דער מאָס פון רעספּעקט און אָפּשיי פאַר דעם מיטמענטשנס רעכט אויף זיין האָב־און־גוטס. וועלכע עס ווייזט אַרויס דער דורכשניטלעכער באַלעבאַטיש־אָרנטלעכער מענטש. אַזעלכע וואָלוועלע ניצחונות מוזן זיך אַרויסשטעלן צו זיין טייערע מפּלות. און אין אָט דעם צונויפמישן פון „אויבער" און „אונטער" ליגט דער ענטפער אויף דער פראַגע פאַרוואָס די מאַסן באַוועגונגען הייבן אָן אַזויפיל־צוזאָגנדיק און ענדיקן אַזויוויניק־צאָלנדיק... זיי זיינען באַנקראָט פון ערשטן טריט זייערן, נאָר מ׳דערזעט עס ערשט שפּעטער צו.

אויף אָ־דעם לייכטן, אָבער פאַרפירערישן, וועג האָט זיך געלאָזט גיין דער קריסטנטום. ער גייט צו זיין פולן צעשמעטערט ווערן; ער גייט ניט צו זיין ציל, נאָר פון זיין ציל.

ווי נאָר די באַרבאַרישע שבטים האָבן זיך גענומען „אויסמענטשלען", ווי נאָר עס האָט גענומען טאָגן אין זייער באַוואוסטזיין, זיינען זיי געוואָרן נאַציאָנאַל געשטימט און האָבן זיך גענומען בריקעווען קעגן דעם פאַלשן אוניווערסאַליזם פון דער קאַטוילישער קירך. זיי האָבן זיך צעבונטעוועט. דער רעוואָלט פון אָט די שקלאַפן פון קוואַזי־אוניווערסאַליזם האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם „רענעסאַנס". דאָס איז געווען אַ רוף צו מאַרשירן צוריק צו דער העלענישער קולטור, פילאָזאָפיע און קונסט, אויף איין פלאַנק פון קולטור-פּראָגנט, צו די אייגענע רייד־שפּראַכן, קעגן לאַטיין, אויף דעם צווייטן פלאַנק פון זעלביקן פּראָנט.

דער אויפשטאַנד האָט זיך פאַנאַנדערגעברויזט און איז אויסגעבראָכן אין דער רעפאָרמאַציע־באַוועגונג, וועלכע איז באמת געווען אַ בונט קעגן רוים און פּויפּסט, אַ בונט, וועלכן עס האָט אינספּירירט דאָס אויפוואַכנדיקע נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין מיט זיין באַגלייטער, דער אויפשפּראָץ פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך. דער אימפּעט פון אָט־דער סטיכישער רעאַקציע קעגן דעם פאַלשן אוניווערסאַליזם פון קריסטנטום איז געוואַקסן אין אויפרייס־מאַכט ביז ער האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ ווילדער געוויטער אין דעם נאַציזם, נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם, וועלכער האָט שוין

דעם דרייסט ארויסצוטרעטן אָפן קעגן קריסטנטום און פריידיקן א פולבלו־טיקן פאגאניזם.

דער נאציזם גייט מיט אַ פאנאנדערגעוויקלטן פראָנט, מיט טאנקען און מיליאָנענקעפּיקע האָרדעס, ניט נאָר קעגן די דעמאָקראטישע רעגי־רונגען, נאָר קעגן דער גאנצער קריסטלעכער ציוויליזאציע.

נאציזם באקעמפט די קריסטלעכע מאָראל, די קריסטלעכע אָנשויי־אונגען, דעם קריסטלעכן געמיט־איינשטעל. ער בראנדמארקירט זיי אלס „אידיש".

דער פאל פון קריסטנטום ליגט פארוויקלט אין דעם גרינגן דערפאָלג וואָס ער האָט געמאכט. ער האָט זיך, גלייך פון־אָנהויב, געלאָזט גיין לויט דער ליניע פון קלענערן ווידערשטאנד, און ער האָט אומעטום אָנגע־שפּארט מיט זיינע מיסיאָנערן און פראָזעליטן־זוכער, אזוי האָט עס אויס־געזען. באמת איז ער אינערגעץ ניט אָנגעקומען. און ער לעבט איצטער איבער א געפערלעכן קריזיס, וועלכער קען אים ברענגען ביז צו די טויערן פון טויט און אפילו טרייבן אין גרוב אריין.

די פעלקער־מאַסן, וועלכע זיינען געווען כלומרשט אוניווערסאל, כלומרשט אינטערנאציאָנאל, נעמען ערשט איצט ווערן נאציאָנאל, ווילד־נאציאָנאל, אימפעריאליסטיש, שאָוויניסטיש. ווייל זייער נאציאָנאליזם איז ניט געטאמעוועט געוואָרן, ניט געלייטערט געוואָרן אין טיגל פון אן עטי־שער רעליגיע. זיי האָבן זיך, ווי משוגענע הינט, אראָפּגעריסן פון קייט, ווי ווילדע חיות זיך ארויסגעריסן פון שטייג.

עס קומט פאָר א קאַמף פאר א וועלטלעכן נאציאָנאליזם, וועלכער ווערט פארטראָטן אין דעם טאָטאַליטארן שטאַט, — ד. ה. אין ווירט־שאפט, פּאָליטיק און קולטור, — קעגן פסעוודאָ־רעליגיעזן קוואזי־אוני־ווערסאליזם פון קריסטנטום. דער אָנהויב פון אָט דעם געפעכט האָט מען געקענט זען אין דער עפּאָכע פון רענעסאנס, דעם היציקן פאנאנדערפלא־קער פון אָט־דעם געשלעג זעען מיר אין דייטשן נאַציזם, וועלכער וויל אומקערן דאָס דייטשע פאָלק, די דייטשע פאָלקס־מאַסן צוריק צו טהארן.

.16

דער רענעסאַנס

דער רענעסאַנס האָט אָנגעהויבן זיין קאמף קעגן קריסטנטום אין נאָמען פון אויפקלערונג, פון פרייהייט פון געוויסן, פון פאַרשונג, פון עקס־פערימענט, פון טאָלעראנץ. אָבער דאָס איז געווען בלויז א היסטאָרישע פארבלענדעניש. באמת האָט זיך גאָר געפירט א קאמף פאר וועלטלעכ־קייט, פאר דעם ווילד־בארבארישן נאציאָנאליזם פון בלוט און אָפּשטאם, וועלכער איז פארטראָטן אין וועלטלעכן שטאט. עס איז געווען א קאמף קעגן קריסטנטום און זיין „אידישער" אינסטיטוציע, וועלכע האָט געהייסן קירך, עקלעזיא.

אמת, די קאַטוילישע קירך איז געווען אינגאַנצן קאָרופּטירט, פּאַגאַ־ניזירט, פארוועלטלעכט. זי האָט אוזורפּירט די פונקציעס פון וועלטלעכן שטאָט. זי האָט פארנאכלעסיקט איר בארוף, זי איז געווען די שווערע בעל־עבירה׳ניצע. זי האָט געמאכט איר קאריערע דורך פארכאפּן די וועלטלעכע מאכט, א מאכט, וואָס האָט גאָרניט צו טאָן מיטן מענטשן אלס אזעלכן, נייערט מיט דעם לאנד, אויף וועלכן דער מענטש געפינט זיך, ניט זיינע איבערצייגונגען האָבן געוויכט, נייערט זיין וואוינפלאץ באשטימט זיין צוגעהעריקייט צו א געוויסער באשטימטער פּאָליטישער קערפּערשאַפט. אָבער דאָך, אין תוך גענומען, האָט זי פאָרט געהאָט צו טאָן מיט דער פּסיכאָלאָגישער דערשיינונג, וועלכע הייסט „אמונה" און וועלכע איז אַן ענין פון דעם במסתרים, וואָס געפינט זיך אין יחיד׳ישן באוואוסטזיין, און קיין אויסערלעכער פּאָליטישער כוח האָט איבער איר ניט געקענט האָבן קיין שליטה.

און ווען דער רענעסאנס האָט געזיגט, האָבן נאאיווע מענטשן גע־מיינט, אז דאָס איז געווען א זיג פון קלוגשאפט איבער נארישקייט, פון ליכט איבער פינצטערניש. די קירך איז פארשטופּט געוואָרן אין א ווינקל פון געזעלשאפטלעכן לעבן. דעם אויבן־אָן האָט אָבער איצט, נאָך דעם אָפּשטויס און פארשטויס פון דער קירך, פארנומען ניט דער אוניווערזי־טעט, ניט די אקאדעמיע פון וויסנשאפט און קונסט, נייערט דער וועלט־לעכער שטאָט און זיין פאַרשטייער דער ביוראָקראָט און מיליטאַריסט.

די וואָרטזאָגער פון דער וויסנשאפט, קונסט, ליטעראטור האָבן גע־פירט, מיט מסירת־נפש, דעם קאמף קעגן דעם פאנאטיזם פון דער אָבער־גלויבערישער קירך מיט אירע פאלשע באגריפן און פעלערהאפטע אויפ־פאסונגען, וועלכע זי האָט אונטערגעהאלטן דורך אירע אכזריותדיקע טרי־

בונאלן און אינקוויזיציעס. און זיי האָט זיך אויסגעוויזן, אז זיי זיינען עס די יעניקע, וועלכע האָבן אָפּגעהאלטן דעם זיג און זיי וועלן אליין גע־ניסן פון זיין פרוכט און זיך טיילן מיט די ברייטערע שיכטן פון פאָלק.

אָבער זיי האָבן געמאכט דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית, דעם נייעם אויפגעקומענעם בעל־גוף.

די צוויי גייסט־דיסציפּלינען און אינסטיטוציעס האָבן זיך ארומגע־ריסן צווישן זיך. דער אוניווערזיטעט האָט באקעמפט די קירך. די וויסנ־שאפט האָט באקעמפט די גלויבנשאפט. און אָט די מחלוקת האָט אויס־געניצט א דריטער. בשעת די „פּני" האָבן זיך ארומגעקריגט, איז גע־קומען דער באַד־יונג און האָט פארכאפּט די פירערשאפט פון דער גע־זעלשאַפט. בשעת דער מוח, דער פאַרשטאַנד, דאָס וויסן האָט געפירט אָן אַטאקע אויף „דאָס הארץ" און געפיל, און אַ שפּאַלטונג איז געמאכט געוואָרן אין דער הנהגה פון קערפּער, האָט זיך באוויזן דער דבר אחר ביד־חזקה, דער פויסט, אַ גראָבער מאטעריעלער כוח, און ער האָט זיך דערקלערט פאר דעם גאנצן בעל־הבית אין דעם געזעלשאפטלעכן גוף. דער וועלטלעכער שטאָט, דער עם־הארץ, האָט אויסגעניצט די קריגעריי פון די צוויי לומדים, די גייסטיקע פירער, און האָט פארכאפּט די העגעמאָניע אין געמיינשאפט־לעבן. דער היינטיקער וועלטלעכער שטאָט איז אַן אוזורפּאטאָר. ווען שם און יפת האָבן זיך קעגנ־זייטיק באקעמפט און אָפּגעשוואכט, איז חם געקומען און גענומען פירן די גרענדע. מיר מוזן זען פּטור צו ווערן פון אָט־דעם איגנאָראמוס, דעם כאמולע, דעם טעריטאָריעלן שטאָט מיט זיין דיקטאטור פון אומוויסנהייט, גראָבקייט, וועלכע הייסט „וועלטלעכקייט". דער וועלטלעכער שטאָט איז א פּאָליטישער בארבאריזם, ער וואַקלט זיך, ווי א פּאמפּעדיקל, צווישן אַן אָכלאָקראַטיע, אומפּארענטפערלעכער דעמאגאָגיע און אַ ביוראָקראַטיע, קאָמיסאראָקראטיע און „פירער"־קולט.

בכדי צו דערגרייכן אָט דעם גרויסן און הייליקן צוועק פון צעברעכן דעם יאָך פון אָט־דעם פּאָליטישן וואנדאליזם, דארפן מיר שאפן אַ פאר־אייניקונג פון די צוויי גייסט־דיסציפּלינען: גלויבן און וויסן, מאכן שלום צווישן די צוויי אנשטאלטן, וועלכע פארטרעטן זיי. די ראדיקאליזירטע קירך און וויטאליזירטע אקאדעמיע, וועלן מיט פאראייניקטע כוחות או־זורפּירן דעם אוזורפּאטאָר, באזיגן און באזייטיקן דעם וואנדאליסטישן, קאָפּלאָזן און געוויסנלאָזן שטאָט.

דער וועלטלעכער שטאָט אין מיטלאַלטערטום איז געווען מילד, מענטשיש. ער האָט געהאַט פאר זיך אזא מעכטיקן קאָנקורענט ווי די קא־טוילישע קירך און ער האָט געמוזט זיך צו'חנפ'ענען צום עולם־גולם, גע־

פעלן ווערן דער אינטעליגענץ, — וועלכע איז צייטנווייז ניט ווייניקער גולם פון פראָסטן עולם. און אַט־דער ווילדער טיגער האָט זיך פארשטעלט פאר א שטוביקער קעצעלע, א „קאָטינקע”. ער האָט פארבאהאלטן זיינע שארפע נעגל און נאָך שארפערע דורס׳דיקע אַפּעטיטן.

אָבער ווי נאָר די קירך איז אראָפּ פון איר גדולה, אַזוי האָט דער וועלטלעכער שטאַט גלייך פארכאפּט איר פּלאַץ און האָט איבערגענומען, עפּעס ווי בירושה, אלע אירע רשעות׳ן, צו וועלכע ער האָט צוגעגעבן זיינע אייגענע פארדאָרבנקייטן. א נייע אינקוויזיציע איז ארויפגעקומען, א ג. פּ. או., א געסטאַפּאָ, א נייער פאנאטיזם האָט זיך אָנגעצונדן, א ווילד בארבארישער מיליטאריזם האָט זיך צע׳שרפ׳ט. דאָס זיינען אַלץ כשר׳ע בנים פון וועלטלעכן שטאַט, וועלכער נעמט פּראָבלעמען פון וויסן און געוויסן און לייזט זיי דורך ציילן הענט אָדער פיס פון די, וואָס „ווייסן ניט פון זייערע הענט און פיס”.

אַן אומגעהערטער פאנאטיזם, א שווארצער אבסקוראנטיזם, וועלכער פארגעטערט דעם פויסט און די שפּאָרן פון יונקער, דעם קנוט און די נאַגייקע, נאַקעטע ברוטאַליטעט, האַרצלאָזע גרויזאמקייט, בעסטיאַלע אומ־מענטשלעכקייט, ווילן פארכאַפּן און דערווערגן די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט. א שטאָק־פינצטערניש פון א צעיושעטן וועלטלעכן קלעריקאליזם, וועלכער שטעלט זיך צוזאַמען פון זעלנערטום־יונקערטום און שטאַט־באַאַמטום, וואַרפט זיך, ווי אַ חושכ׳דיקע נאכט, אויף די לעבנס פון מי־ליאָנען מענטשן. אין פארגלייך מיט אַט־דער אָנקומענדיקער פינצטער־ניש וועט דער חושך פון די מיטלאלטער־יאָרהונדערטער אויסזען ווי די העלקייט פון א לויטערן זומערטאָג.

דעם פּלאַץ פון דער טאָטאַליטארער קירך (קאטוילישע קירך) פאר־נעמט דער טאָטאַליטארער שטאַט, דער „קאטוילישער” שטאַט און א מצרים־חושך נעמט איינוויקלען די מערכה פון אייראָפּע, צו־ערשט, און, דערנאָך, פון די איבעריקע קאָנטינענטן.

דער אוניווערזיטעט, די ליטעראַטור, די קונסט, די פּרעסע, דער ראַ־דיאָ, דער גערעדטער ווי דער געשריבענער וואָרט, דער געמאָלטער ווי דער געצייכנטער בילד, זיינען ווידער געוואָרן פארשקלאַפט, פארדעם פון דער קירך, איצט — פון דעם וועלטלעכן טאָטאַליטארן שטאַט. זיי מוזן דינען דעם בארבארישן שטאַט, אים העלפן אין זיינע קערפּער־מאָרד־צוועקן בשעת מלחמה, און אים שטיצן אין זיין אומפאראנטוואָרטלעכער פּראָפּאַגאַנדע און אגיטאציע ארבעט, אין זיינע גייסט־מאָרד צוועקן הן בשעת קריג און הן בשעת שלום, וועלכער איז בלויז א קורצער אינ־טערוואַל, אַ צוגרייט צום קריג. די הויכע לערנאַנשטאַלטן זיינען מחוייב

צו אינדאָרסירן און פאַרשפּרייטן אָדער מאַרקסיסטישע אַבערגלויבערײַ, אין סאָוויעטן פאַרבאַנד, אָדער ראַסיסטישע אומגעלומפּערטע בלוט־דור־שטיקע טעאָריעס, אין דייטשלאַנד, איטאַליע, שפּאַניע א. א. לענדער. דאָס אייגענע מוז טאָן דער טעאַטער, דער קאָנצערט־זאַל, די שטודיאָ, דער זשור־נאַל, די צייטונג, די דערציילונג, דאָס ליד. אַלץ און אַלע זיינע זיינע באַדינער.

אָט אַזוי צאָלט עס אָפּ דער טאָטאַליטאַרער שטאַט זיינע פאַרקעמ־פער, אַלע די, וועלכע האָבן אַזוי בראַוו, אַזוי העראָיש זיך געשלאָגן קעגן דער קירך.

.17

נאַציאָן, קלאַס און פּערזאָן

א.

נאַציאָן, קלאַס און פּערזאָן

אַ קלאַס איז אַ צאָל מענטשן, וועלכע פאַרנעמען אַ באַזונדערע פּאָ־זיציע הן אין פּראָדוקציע און הן אין דיסטריבוציע. אַ קלאַס איז אַ זיך־ניט־איבער׳חזר׳נדיקע אינדיווידואַליטעט. אַ קלאַס שניידט אָדורך די גאַנ־צע מענטשהייט לויט דעם איינציקן גרונטצייכן פון עקאָנאָמישער פּאָזיציע. קלאַסן שליסן אויס יעדן פּאַראַלעליזם און דערמיט פאַרקלענערן זיי די פּילפּאַכיקייט פון די פאַנאַנדערטיילונגען אין דער מענטשהייט. דאָס הייסט, זיי פאַרמינדערן די כאַאָטישקייט און צעוואָרפנקייט פון די סאָ־ציאַל־בנינים.

די סומע פון נאַציאָנען איז ניט קיין באַשטימטע; יעדנפאַלס ווערט זייער סך הכל באַדינגט דורך אַ שפּיל פון בלינדע היסטאָרישע און עט־נאָגראַפישע כוחות, וועלכע זיינען ניט אונטערוואָרפן אונטער קיין שום אויסרעכענונג און פּינקטלעכער פעסטגעשטעלטקייט.

אפילו די סימנים פון אַ נאַציאָן זיינען אויך צעשוואומענער איידער די סימנים פון אַ קלאַס. זיי גלימשן זיך אַרויס פונם אַנאַליז און פון דעם דורכדרינגענדיקן בליק פונם אויספאָרשער. אַ נאַציאָן איז אַ דערשיינונג פון אַ טיף־באַטירלעכן כאַראַקטער; זי האָט אירע וואָרצלען נאָך אין אַנ־טראָפּאָלאָגיע, אין דער ראַסע. זי באַזירט זיך און האַלט זיך אויפן אַרויס־קום. מיר זאָגן אַ „זון" פון דער נאַציאָן, און ריכטיק, מחמת דער אָנגע־

הער צו דער נאַציאָן ווערט באַשטימט און באַדינגט דורכן אָפּשטאַם, דורך דעם אַקט פון געבוירן ווערן.

קלאַסן זיינען מער באַגרענעצט אין צאָל. זיי זיינען בסך־הכל פאַראַן בלויז עטלעכע. גרונט־קלאַסן זיינען דאָ צוויי. די איבעריקע זיינען צווישנווענטלדיקע סאָציאַלע אויפבויעכצן. דאָ איז דער פאַנאַנדערטייל אַ ראַציאָנאַלער. דאָ שפּאַלט זיך פאַנאַנדער די גאַנצע מענטשן־געזעלשאַפט אויף צוויי העלפטן.

די צאָל פון קלאַסן און דערביי־קלאַסן איז ניט קיין ווילקיר־זאַך, נאָר אַ פּראָדוקט פון פיינער קלאַסיפיצירונג פון די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, וועלכע זיינען פאַרנומען פון פאַרשיידענע גרופּן מענטשן.

פעלקער ציילט מען אַ טויזנט, בעת קלאַסן און אונטער־קלאַסן האָבן אפילו די גרעסטע פעדאַנטן ניט געקענט אַריבערשלעפּן איבער דער צאָל צוועלף, און דאָ האָבן זיי שוין געמוזט אַריינגעבן די נישטיקסטע וואַריאַציעס און די בלייכסטע שאַטירונגען.

אַ קלאַס האָט אַ שייכות צו דער גאַנצער מענטשהייט; די צעטיילונגס־ליניע גייט דורך איבער דער גאַנצער עקאָנאָמיש־ציוויליזירטער מענטשהייט, פאַנאַנדערשניידנדיק זי אין דער לענג.

פון דעם אַליין איז שוין צו זען, אַז דער באַגריף קלאַס און עצם־קלאַס שטייען נענטער צו דער אידייע פון דער גאַנצער איינקער מענטשהייט, איידער דער באַגריף נאַציאָן.

די צעטיילונג אויף קלאַסן איז אַ ריינער סאָציאַלער פּראָדוקט.

אַ קלאַס אַלס אַן איינקייט, אַלס סאָציאַלער אַגרעגאַט, איז אַ פּראָדוקט פון געמיינשאַפט־לעבן און פון עקאָנאָמישע פאַרהעלטענישן, מענטשלעכע שייכות׳ן, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען אויפן באָדן פון געזעלשאַפטלעכער ווירטשאַפט.

אַ קלאַס איז אַ פאַראייניקונג פון אַ נייערן, פּראָגרעסיווערן און פרייערן כאַראַקטער. דער קלאַס לאָזט צו מער אָרט פאַרן איינצלנעם מענטשן, זיין מיטגליד און זיין אויסקלייב.

דער קלאַס האָט אַן אינטערעס פאַר מיין פּראָפעסיע, אָבער ניט פאַר מיינע עלטערן, בעת די נאַציאָן פרעגט אַלע מאָל דורכאויס וועגן מיינע זיידעס און עלטער־זיידעס.

דער לעצטער פאַקטאָר אין באַשטימען מיין אָנגעהעריקייט צום קלאַס בין איך אַליין, אַלס אַ וועזן מיט אַ ווילן, אַלס אַ פּראָדוצירער אָדער געברויכער, מיין אָרט, וואָס איך פאַרנעם אויפן לייטער פון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער היעראַרכיע. אין דעם געהערן צו דער נאַציאָן האָב איך אַליין גאָר קיין דעה ניט צו זאָגן; אַלץ ווענדט זיך אין מיינע אבות־

אבותי. זיי, מיין טאַטע־מאַמע, באַשטימען מיך אַלס זון פון אַ נאַציאָן.

אַ נאַציאָן האָט צו טאָן מיט קרובה'שאַפט; אַ קלאַס — מיט מיין באַשעפטיקונג, מיין אַרבעט.

אין אויסקלייב פון מיין נאַציאָן האָב איך אַזויפיל צו זאָגן, ווי אין אויסקלייב פון מיינע עלטערן. זיי, מיינע עלטערן, שאַפן מיך, ניט איך זיי.

דער אויסקלייב פון קלאַס, אויב מען קען זיך אַזוי אויסדריקן, איז אַן ענין פאַר מיר, פאַר מיין אַנשטרענגונג און מיינע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן.

ווי די אומגעבונג זאָל ניט דריקן, ווי שווער עס זאָל ניט זיין זיך צו באַפרייען פון די אַרומיקע באַדינגונגען, אָבער דאָס איז מעגלעך, כאָטש אַלס אַן אויסנאַם. וואָס איז שייך נאַציאָנאַליטעט, קען מען וועגן דעם אפילו ניט רעדן, ווייל אָט דער באַגריף איז אַ פאַר־באַשטימונג, אַ מין „אַנטיציפּאַציע"; מ'האָט מיך באַשטימט אַלס מיטגליד פון אַ נאַציאָן, ווען איך בין דערביי ניט געווען...

אַ קלאַס האַלט אין זיך אויף אַ געוויסן טייל פון ווילן, פון פריי־הייט.

נאַציאָן — דאָס איז די אַבסאָלוטע אונטערדריקונג פון מיין איך.

קלאַס, ווי געזאָגט, איז אַ נייע פאָרמאַציע. דערווייל איז עס די פרייס־טע געזעלשאַפטלעכע „נאַטירלעכע" אויסבילדונג.

אַ קלאַס איז ניט קיין פּראָדוקט פון פרייען ווילן. אַ קלאַס איז אַן עקאָנאָמישע אומפאַרמיידלעכקייט; די פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן באַ־שטימען און צעמענטירן אים. אָבער ווען מיר נעמען דעם איינצלנעם מיטגליד פון אַ קלאַס, איז הגם מיר קענען ניט זאָגן, אַז ער געהערט פרייוויליק צו אַ באַשטימטן קלאַס דאָן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַן אונטערדריקטן, פאַרטריבענעם קלאַס, פונדעסטוועגן זיינען דאָ פאָרט פאַראַן עלעמענטן פון פרייען ווילן און פרייען אויסקלייב.

דער קלאַס האָט זיך אַרויסגעשיילט, איז געשאַפן געוואָרן און אויס־געוואָקסן פון דער קאַסטע, פון דעם „שטאַנד". קאַסטעס, ווי „שטאַנדן", זיינען אַנטשטאַנען געגנטיש און אין אָנהויב זיינען זיי באַשטאַנען פון פאַרשיידענע פעלקער־קערפּערשאַפטן. לאָרדן, באַראָנען, „פּאַנען" און פירשטן האָבן אין אָנהויב ניט געהערט צו דעם אייגענעם פאָלק וואָס די אונטערשטע שיכטן. אַ קלאַס איז אַן אָפּגערייניקטער, קריסטאַליזירטער שטאַנד. דאָ זיינען אַראָפּגעפאַלן אַלע עטנאָלאָגישע און ראַסן־רעשטלעך און עס איז איבערגעבליבן דאָס ריינע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע.

דער קלאַס איז נענטער צו דער פּערזענלעכקייט, איידער די נאַציאָן, וועלכע איגנאָרירט אינגאַנצן די פּערזאָן, דעם יחיד און דעם אויסדרוק פון זיין ווילן.

דאָ רעדט זיך ניט וועגן „ווילן" אין אַ מעטאַפיזישן זין, נאָר אין דער רעאַלער באַדייטונג פון אָנשטרענגען, פון זיך־אַ־כוח־אָנטאָן, זיך אַרויס־ווייזן און אַנטפּלעקן.

די קלאַסן־לערע איז אַ סך פּראָגרעסיווער, איידער די נאַציאָנען־לערע. די קלאַסן־אויפפאַסונג פון דער געזעלשאַפט איז נענטער צו דער אינדיווידועלער השגה, איידער די נאַציאָנאַלע אויפפאַסונג פון דער גע־זעלשאַפט.

דער ליבעראַליזם האָט געבויט אַלע זיינע שטאַט־איינהייט שלעסער אויפן מירמלשטיין פון דער נאַציאָן. דער סאָציאַליזם בויט זיין צוקונפט־שטאַט, אין העראָאישן פּעריאָד זיינעם, אין מאַרקסיזם, אויפן פעלזן פונם קלאַס.

אמת, דער מאַרקסיזם סאָציאַליזם, — שאַפנדיק אַ קלאַסן־אידעאָ־לאָגיע, אַ קלאַסן־„אתה־בחרתנו", אַ קלאַסן־בכורה׳שאַפט, אַרויסרוקנדיק דעם קלאַסן־קאַמף אַלס דעם איינציקן פאַקטאָר פון פּראָגרעס און פאַר־פולקומענונג פון דער געזעלשאַפט, — זאָגט אונדז צו, אַז סוף־כל־סוף וועלן די קלאַסן פאַרשווינדן און די געזעלשאַפט וועט ווערן איינהייטלעך. אָבער וועגן דעם, וועגן דעם אָפּשטאַרב אָדער אָפּשאַף פון קלאַסן־צע־טיילונג, רעדט מען אין יום־טוב׳דיקע מאָמענטן ווי וועגן דער „צוקונפט־מוזיק". דעם צוזאָג האַלט מען ערגעץ פאַרבאַהאַלטן אין די טעאָרעטישע לוחות־הברית. מ׳זאָגט צו, אַז דאָס וועט פאַרווירקלעכט ווערן נאָך דער פולקומענער מפּלה פון דער בורזשואַזיע. איצטער אָבער, אין אַל־טעג־לעכער פּראַקטיק, אין דער אַרבעט, אין פּריידיקן און פאַרשפּרייטן דעם ראַדיקאַל סאָציאַליסטישן אידעאַל, בויט מען אויף דעם קלאַס, מ׳טאָקט אים אָפּ, מ׳שאַפט זיין אידעאָלאָגיע, מ׳לייטערט זיין באַוואוסטזיין און מ׳פאַרשטאַרקט זיינע פּאָזיציעס אויף לאַנגע יאָרן, ד. ה. מ׳רעדט וועגן קלאַס און מ׳שאַפט באמת אַ נייעם טיף און מ׳אַרבעט אויס זיין אידעאָ־לאָגיע, וועלכע באַשטייט בעיקר אין דער פאַרגעטערונג פון דעם אָר־גאַניזאַציע־פּרינציפּ.

די קלאַסן־אָפּשאַפונג, דאָס דערקלערן די געזעלשאַפט אַלס אַ קלאַסנ־לאָזע, וועט פאָרקומען אין דעם מאָמענט, ווען דער „קלאַס" וועט זיגן, ד. ה. ווען דער פּראָלעטאַריאַט וועט פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן. פּראָלעטאַריאַט מיינט דער טיפּ פון אָרגאַניזאַטאָרן, וועלכער איז געשאַפן געוואָרן פון פאַרשיידענע ברוך־שטיקלעך פון פאַר־שיידענע קלאַסן און וועלכער אַנטהאַלט אין זיך אַ סך עלעמענטן־מענטשן, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען און אַוועקגעגאַנגען פון די האָרעפּאַשנע „ני־דעריקייטן". דעמאָלט, ווען דער טיפּ וועט הערשן, וועט זיך פאָדערן אַ

ספּעציעלע טאַקטיק צו פאַרהוילן, פאַרדעקן און פאַרגלעטן די זאַך, דעם פאַקט וועגן דער הערשאַפט פון אַ באַשטימטן טיפּ, און דעמאָלט וועט מען זיך נויטיקן אין דער לערע וועגן דער איינקייט און גאַנצקייט פון דער געזעלשאַפט, פונם קאָלעקטיוו, פון דער אַרבעטנדיקער אַסאָציאַציע.

אַזוי האָט אויך געטאָן, לכתחילה, דער ליבעראַליזם. ער האָט אָנגע־הויבן צו בויען זיין בנין אויף דער מעכטיקייט פון דעם „דריטן שטאַנד", אויף דעם פּרינציפּ וואָס אָט־דער שטאַנד, וועלכער איז געווען „גאָרנישט" און איז עפּעס, וועט ווערן, וויל און דאַרף ווערן אַלץ. אָבער דאָס איז גע־טאָן געוואָרן און געזאָגט געוואָרן נאָר אין אָנהויב, אין פּעריאָד פון הע־ראָאישן קאַמף. שפּעטער־צו, נאָכן זיג, האָט ער, דער ליבעראַליזם, פאַר־לאָזנדיק זיך אויף דער אָפּשאַפונג פון די פּריווילעגיעס פון די שטאַנדן, פּראָקלאַמירט די עקזיסטענץ פון איינאַרטיקן געמיינשאַפט־לעבן, וועל־כעס ווערט פאָרגעשטעלט דורך דער נאַציאָן אַלס אַ גאַנצער. און ער האָט אונדז געוואָלט איינשמועסן, אַז די געזעלשאַפט איז סאָלידאַר דורכאויס.

נאָך מער, דער ליבעראַליזם, אַוועקגייענדיק פון דער אָפּגעשלאָסנ־קייט און קליינקייט פון פּאַרטיקולאַריזם, פון דעם „סעניאָריזם", פּאָלי־טישער גוטבאַזיצעריי פון מיטלאַלטער־צייטן, האָט געגעבן אַ שפּרונג גאָר פאָרויס. דער ליבעראַליזם האָט אָפּגעשאַפט די קליינע, ענגע גרע־נעצן, וואָס האָבן געשטיקט די פּראָדוקציע, געשטערט דעם האַנדל, דעם אויסטויש און געוואָרגן דעם געזעלשאַפטלעכן פאַרקער. ער האָט זיך געלאָזט גיין פאָרויס צו איינקייט, און איז זאָגאַר אַריבערגעשפּרונגען — אין דער פּערזאָן פון עטלעכע זיינע אידעאָלאָגן — איבער די גרענעצן און תחומים פון דער נאַציאָן. אין יענעם פּעריאָד האָט דער ליבעראַליזם געטרוימט אָפּנהאַרציק וועגן דעם טאָג, ווען די פעלקער וועלן פאַרשווינדן, ווען זיי וועלן זיך צוזאַמענגיסן אין איינס. ער האָט דעמאָלט צייטנווייז גערעדט וועגן אַן ערלעכן קאָסמאָפּאָליטיזם. איצטער זיינען אַנדערע צייטן. אין פּעריאָד פון אימפּעריאַליזם און פינאַנסיזם, איז יענער טרוים, וואָס איז געווען „שטיל ווי אַ טויב", געוואָרן אַ צודעק פאַר דער ליסטיקער אידייע מכות וועלט־הערשאַפט און וועלט רויבעריי.

פאַקטיש האָט דער ליבעראַליזם, ווי געזאָגט, אַרויסגערוקט און גע־שאַפן די גרויסקייט פון דריטן שטאַנד, ווען אָט דער שטאַנד ווערט אויפ־געפּאַסט ניט אין ברייטן זינען, אַרומנעמענדיק אַלעמען, אויסער די גייסט־לעכע און אַדל־לייט, נאָר אין ענגן אויסטייטש, אין דער געשטאַלט פון דעם פאַרמעגלעכן קלאַס. אָבער טוענדיק זיין אַרבעט, די אַרבעט פון אייגענעם „קלאַס", האָט ער גערעדט וועגן דער איינקייט פון דער נאַציאָן. דער מיין איז געווען צו מאַסקירן דעם אמת׳ן כאַראַקטער פון זיינע

מעשים. די איינִיקייט פון דער נאַציאָן! ווי אַזוי האָט זיך עס באַקומען, וואו האָט זיך גענומען די איינִיקייט? אויף דעם וואָלט דער ליבעראַליזם געענטפערט: דורך דער אָפּשאַפונג פון די פּריווילעגירטע שטאַנדן.

די קלאַסן־אויפפאַסונג, ווי מיר האָבן געזען, איז נענטער צום אינ־דיווידואַליסטישן פאַרשטיין, איידער די נאַציאָנאַלע השגה מכוח דער גע־זעלשאַפט. אַ קלאַס איז פּראָגרעסיווער פון דער נאַציאָן.

אָבער אויך אָט דער געטש מוז אַראָפּגעשליידערט ווערן פון פּיע־דעסטאַל.

מאַרקסיזם־סאָציאַליזם, ווי געזאָגט, שטעלט דעם קלאַס אָנשטאָט דער נאַציאָן; ער גיט אים אָוועק דעם אויבנאָן אין דער סאָציאָלאָגיע, אין דער עקאָנאָמיק און פּאָליטיק.

די אָוואַנסצענע ביים סאָציאַליזם, ווי ביים ליבעראַליזם, פאַרנעמט דאָס געזעמל, אַן אַגרעגאַט, אַ סאָציאַלע פאַרמאַציע.

נאָר בשעת דער לעצטער, דער ליבעראַליזם, אין זיין צווייטן פּע־ריאָד, אין דער עפּאָכע פון אַראָפּלאָזן די זעגלען און צושווימען צום באַ־שיצטן, גוט־איינגעאָרדנטן ברעג, האָט זיך געהאַלטן ביי דער נאַציאָן, האַלט זיך דער ערשטער, דער מאַרקסיזם־סאָציאַליזם, אין זיין ערשטן פּעריאָד, ווען ער איז נאָך אין גאַנג אויפן וועג צו מאַכט און גרויסקייט, ביים קלאַס, וועלכן ער וועט באַלד נאָכן נצחון, אין דער עפּאָכע פון שטילשטאַנד און רו, פאַרבייטן מיטן אַלגעמיינעם וואָרט קאָלעקטיוו, גע־זעלשאַפט.

דער ליבעראַליזם האָט געשאַפן די נאַציאָנאַלע מדינה, האָט אָפּגעַ־שטופּט די קאַטוילישע קירכע אַלס אַ ניט־נאַציאָנאַלע מלוכה׳שע פאַר־איינִיקונג, אין דער געשטאַלט פון פּאַפּיזם, און געמאַכט אַ סוף צו די פעאָדאַלן מיט דעם פּאַטרימאָנישן כאַראַקטער פון מאַכט און פאַרוואַל־טונג, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון פרעמדקייט. די חתימה פון פרעמד־פעלקערלעכקייט האָט גערעדט צום פאָלק, אַמאָל שטיל, אַמאָל העכער, אַמאָל ניט אַרטיקולירט אפילו, כמעט בזה הלשון: „מיר זיינען ווילד־פרעמדע, מיר באַהערשן אייך״, אַ זאַך, וואָס האָט געמוזט ברענגען שאָדן דער אידייע פון הערשאַפט בכלל און פון דעם הערשנדיקן קלאַס בפרט. דער ליבעראַליזם האָט זיך אַנטזאָגט פון דער אידייע פון דער וועלט־מלוכה, אין דער אַלטער אויפפאַסונג פון דער רוימישער, דערנאָך געַרמאַניש־עסטרייכישער אימפּעריע, און האָט פּראָקלאַמירט אַלס העכסטן פּרינציפּ די נאַציאָנאַלע אידייע, נאַציאָנאַלע אומאָפּהענגיקייט, נאַציאָ־נאַלע איינִיקייט, נאַציאָנאַלע קולטור, נאַציאָנאַלע שאַפונג.

דער מאַרקסיזם־סאָציאַליזם גייט נאָך דעם ליבעראַליזם טריט ביי

טריט און די איינציקע זאַך, וואָס ער טוט איז: ער שטעלט דאָס וואָרט „קלאַס" אַנשטאָט דעם וואָרט „נאַציאָן". און אויב דער ליבעראַליזם האָט געשאַפן אַ מלוכה, וועלכע איז געווען לויט דער פאָרם און נאָמען אַ נאַציאָנאַלער שטאַט און לויט דעם אינהאַלט אַ קלאַסן־מלוכה, וועט דער מאַרקסיזם־סאָציאַליזם, אין בעסטן פאַל, שאַפן אַ נאַציאָנאַליטעטן־שטאַט לויטן נאָמען און אַ קלאַסן־שטאַט לויט דער פאָרם, און לויטן וועזן אַ „טיפן־מלוכה", ד. ה. אַ מלוכה, אין וועלכער איין טיפּ מענטשן וועט געוועלטיקן איבערן צווייטן.

דער מאַרקסיזם־סאָציאַליזם שלעפּט זיך נאָך נאָכן ליבעראַליזם, קאָפּירנדיק אים, נאָכמאַכנדיק אים.

ביים ליבעראַליזם — אַ נאַציאָנאַלע קולטור. ביים סאָציאַליזם — אַ פּראָלעטאַרישע קולטור, פּראָלעטאַרישע קונסט, פּראָלעטאַרישע וויסנשאַפט, דאָס איז אויפן געביט פון גייסט. אויפן געביט פון פאַרוואַלטונג — דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט (ביים לענינּיזם־קאָמוניזם, וועלכער איז בלויז אַ שאַטירונג פון מאַרקסיזם־סאָציאַליזם).

און אין דעם פּרט איז דער קאָמוניזם־באָלשעוויזם אַ סך מער אויסגעהאַלטן, איידער דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיזם, מענשעוויזם אָדער עס־ער'אָוויזם. די לעצטע זיינען ניט קיין גאַנץ ריינע פאָרמעס; זיי האַלטן זיך מיט איין האַנט אָן דעם באַגריף און אידייע פון דער נאַציאָן, בשעת זיי שטייען אויפן קלאַסן־שטאַנדפּונקט. וואו איז דאָ די אויסגעהאַלטנקייט? אויב אַ נאַציאָן איז צעשפּאָלטן אויף קלאַסן, און דער שפּאַלט איז אַזוי טיף ווי אַן אָפּגרונט און מען קען איבער אים ניט אַריבערוואַרפן ניט קיין עקאָנאָמישן און ניט קיין פּאָליטישן בריק, וואָס זשע טוט דאָ די אידייע פון דעמאָקראַטיע, פון פאָלקס־פאָרטרעטערשאַפט, אַ געדאַנק, וואָס פאַראייניקט די צוויי קעמפנדיקע לאַגערן?

און די „אויסגעהאַלטענע" קאָמוניסטן (געוויינטלעך, אויב מען שטייט אויף אַ פאַלשן פּרינציפּ, איז בעסער ווען מען איז ניט אויסגעהאַלטן; דעמאָלט טוט מען אָן ווייניקער צרות און מען מאַכט ווייניקער גרייזן) האָבן טאַקע אָוועקגעשטעלט אויף אַן אומקאָמפּראָמיסלעכן אופן, אין פעריאָד פון קאַמף, פון ריינעם לעניניזם, דעם קלאַס אויפן אָרט פון דער נאַציאָן.

באָלשעוויזם פּראָקלאַמירט דעם קלאַס אַלס דעם איינציקן געזונטן פּאָליטישן יסוד; און אַנשטאָט דער סאָוועראַניטעט פון דער נאַציאָן, דעקלאַרירט ער די סאָוועראַניטעט פונם קלאַס.

די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט שיקט פאָרויס די סאָוועראַניטעט פונם פּראָלעטאַריאַט.

און דער גאַנצער וויכוח, וואָס עס האָבן אָנגעפירט די מענשעוויקעס אין דער פּערזאָן פון זייערע בעסטע טעאָרעטיקער, די אמת „אָרטאָדאָקסאַלע״ מאַרקסיסטן, ווי קאָוטסקי, פּלעכאַנאָוו און אַנדערע, האָט זיך געדרייט אַרום דעם אַבסאָלוטן ניט וועלן פאַרשטיין דעם באָלשעוויזם אַלס „ריינעם״ סאָציאַליזם. איך רעד דאָ ניט וועגן דעם, ווי אַזוי די באָלשעוויקעס האָבן דעם פּרינציפּ פון דיקטאַטור דורכגעפירט; איך האָב דאָ צו טאָן בלויז מיטן פּרינציפּ און אין דעם פּרט זיינען די באָלשעוויקעס „ריכטיקע״ סאָציאַליסטן; זיי שטייען מיטביידע פיס אויף דעם קלאַסן־פאַרשטיין פון דער געזעלשאַפט. פון קלאַסן־קאַמף מוזט איר קומען אומפאַרמיידלעך צו דער אידייע פון קלאַסן־דיקטאַטור. די אָנווענדונג פון דעם פּרינציפּ, זיין קאָנקרעטע פאָרם איז גאָר אַן אַנדער ענין.

דער פּראָלעטאַריאַט קען פאַרווירקלעכן זיין מאַכט אין אַ ווייכערער אָדער „האַרטערער״ פאָרם, אָנווענדנדיק ווילדע, ברוטאַלע מעטאָדן, אָדער מער הומאַנע. דאָס ווערט באַדינגט דורך די היסטאָריש־אינדיווידועלע אומשטענדן.

אָבער דער מהות איז אין פּרינציפּ — די סואווערעניטעט פון פּראָלעטאַריאַט.

סאָציאַליזם (ווען ער איז אויסגעהאַלטן) מוז צערייסן זיין בונד מיטן דעמאָקראַטיזם, מיטן ליבעראַליזם, מיט וועלכן ער שפּילט זיך; ער מוז אָפּוואַרפן די אידייע פון גאַנצן פאָלק, דעם ווילן פון פאָלק און אָנשטאָט דעם אָוועקשטעלן דעם ווילן פון קלאַס, נאָר פון קלאַס. דער סאָציאַליסטישער שטאַט דאַרף ניט זיין נאַציאָנאַל, ער דאַרף ניט זיין געגרינדעט אויפן ווילן־אויסדרוק פון גאַנצן פאָלק און די איבעריקע ליבעראַל־דעמאַגאָגישע דריידלעך. ער דאַרף זיין אַ קלאַסן־שטאַט לויט דער פאָרם און אַ טיפּן־שטאַט לויטן אינהאַלט.

אָבער ווי פאַרהאַלט זיך צו דעם די פּערזענלעכקייט, די פרייע פּערזענלעכקייט אין איר אידעאָלאָגיע?

די פּערזענלעכקייט קען ניט שלום מאַכן מיט דעם באַגריף קלאַס, ווי זי האָט עס ניט געקענט טאָן בנוגע דער נאַציאָן, הגם דער קלאַסן־באַגריף איז ניט אַזאַ אונטערדריקערישע סאָציאָלאָגישע קאַטעגאָריע, ווי די נאַציאָן־קאָנצעפּציע.

די פּערזענלעכקייט אָנערקענט זיך אַלס עפּעס גאַנצעס, אַלס אַן איינקייט.

דער קלאַס, אין מאַרקסיסטיש סאָציאַליסטישן פאַרשטיין, איז אַ דאָמינירנדיקע עקאָנאָמישע אויטאָריטעט, וועלכע אונטערדריקט די פּערזאָן, וועלכע באַטראַכט זיך אַלס אַ העכסטע ווערדע פאַר זיך.

אַנערקענענדיק דעם קלאַס, אַלס גאַנצעס, מוז מען פאַררעכענען די פערזענלעכקייט, דעם יחיד פאַר אַ טייל. דאָס גאַנצע איז וויכטיקער פון דעם חלק. דאָס גאַנצע האָט געצוואונגען און וועט ווייטער צווינגען דעם טייל צו פאָלגן, געהאָרכן און זיך אונטערוואַרפן אונטער זיין רשות.

אַ קלאַס איז אַ מער „נאַטירלעכע" פאָרמאַציע איידער די פערזענלעכקייט; דער קלאַס־טיפּ איז דער לעצטער סאָציאַלער אַגרעגאַט, וועלכער דריקט די פערזענלעכקייט.

אָט איז די ליניע פון אויסגעבורט פון „סאָציאָלאָגיע", פון דער אָפּשוואַכונג פון די סאָציאַלע פּענטעס: משפחה אָדער האָרדע, שטאַם, שבט, פעלקערשאַפט, פאָלק־נאַציאָן און קלאַס.

קלאַס — און די פון אים אַרויסגעקומענע דערשיינונג „טיפּ" — איז דער לעצטער עטאַפּ פון דער פערזאָנלאָזער סאָציאַליטעט.

אַלע איבעריקע סאָציאַלע פאַראייניקונגען וועלן טראָגן אויף זיך קלאָר און קענטיק דעם אָפּדרוק, דעם שטעמפּל פון ווילנס־אַקטן פון פערזענלעכקייטן. זיי וועלן זיין פאַראיינען, אַסאָציאַציעס, וועלכע וועלן עקזיסטירן, פונקציאָנירן און געשאַפן ווערן אַדאַנק דעם אַקטיוון, פרייוויליקן טיילנעם פון דער פערזענלעכקייט. זיי וועלן זיין פּראָדוקטן פון דירעקטער באַטייליקונג פון דער פערזענלעכקייט אין אַלע שאַפונגען, אויסבילדונגען און פאָרמירונגען פון דער געזעלשאַפט. און זיי, די פאָרמאַציעס, וועלן מחמת דעם אויפהערן צו זיין „סאָציאַלע" דערשיינונגען און וועלן ווערן אינטעראינדיווידועלע פּראָצעסן.

ב.

פ ע ר ז ע נ ל ע כ ק י י ט

אַ פערזענלעכקייט איז אַ מענטש, אָבער ניט יעדער מענטש איז אַ פערזענלעכקייט. אמת, יעדער מענטש איז אַ פּאָטענציעלע פערזענלעכקייט; ער איז בכוח צו אַנטוויקלען זיך אין אַ פערזענלעכקייט. ער איז די מעגלעכקייט, דער „בכוח", אָבער דערווייליע נאָך ניט דער „בפועל".

וואָס איז אַ פערזענלעכקייט? ווער שטעלט פאָר מיט זיך אַ פערזענלעכקייט?

די פראַגע וועגן דעם אינדיוויד אין ביאָלאָגיע האָט אָנגעמאַכט אַ סך צרות די פאָרשער. אַ שלל חקירות, אויפווייזונגען און אָפּשלאָגונגען זיינען אָנגעבערגלט געוואָרן אַרום דער פּראָבלעם. אָבער די פראַגע, ווי ניט איר מיינט מען עס, איז געבליבן עד־היום ניט פאַרענטפערט. און

עס איז קיין חידוש ניט. עס איז זייער שווער אָנצואווייזן מיט פּינקטלעכ־קייט די איבערגאַנגס־ליניע, וועלכע פירט פון דעם מין צו דעם איינצל־נעם, דעם אינדיווידו; עס איז שווער, כמעט אוממעגלעך אָנצוטאַפּן דעם איבערבראָך־פּינטל, איבערהויפּט נאָך אין די צווישן־שטופיקע סטאַ־דיעס.

דער באַגריף פון אינדיווידו איז אַ ביאָלאָגישע השגה. דער באַגריף פון פּערזענלעכקייט אָדער פּערזאָן, איז אַ ביאָ־פּסיכאָלאָגישע און סאָ־ציאַלע אויפפאַסונג. אַ מענטש איז אָן קיין ספק אַן אינדיווידו. ער פירט, ביאָלאָגיש־גענומען, אַ באַזונדערן, אָפּגעשלאָסענעם, אומאָפּהענגיקן לעבן־שטייגער. ער שטעלט פאַר מיט זיך אַ ביאָלאָגישע זעלבסט־באַגנוגנדיקע „פאַרמאַכטע" ווירטשאַפט. דער איינציקער פאַקט, וואָס ברעכט דורך די מויערן פון זיין אָפּגעזונדערטקייט, איז זיין געשלעכטס־לעבן. אָט־די פונקציע איז ער ניט אימשטאַנד אַליין צו דערליידיקן... מיר וואָלטן זאָגן, אַז דאָס געשלעכט איז די איינציקע דערשיינונג פון אַרבעט־צעטיילונג אין ביאָלאָגישער „באַלעבאַטישקייט". דאָס געשלעכט איז דער בריק, וואָס איז איבערגעוואָרפן איבערן אָפּגרונט, וועלכער טיילט אָפּ די אַרטן פון אינדיווידו, און דעריבער איז דער מענטש אין געשלעכט־לעבן ניט גאַנץ, נאָר האַלביק, אָדער צווייאיק.

דער מענטש, אַלס אַ ביאָלאָגיש־פיזיאָלאָגיש וועזן, שטעלט פאַר מיט זיך עפּעס גאַנצעס, אַ פולע אייניקייט. אונדזער פיזיאָלאָגיע דער־לאָזט ניט צו קיין שום אַרבעט־צעטיילונג, וועלכע זאָל זיך אַריבערכאַפּן איבער די תחומים פון אונדזער אָרגאַניזם. די פיזיאָלאָגיע אָנערקענט דעריבער ניט קיין ספּעציאַליזאַציע. דער מענטש, אַלס אַ פיזיאָלאָגישער מהות, באַפרידיקט אַלע זיינע באַדערפעניש אַליין, דירעקט, פּערזענלעך, ער אָטעמט מיט די אייגענע לונגען, פאַרדייעט מיטן אייגענעם מאָגן, קוקט מיט די אייגענע אויגן וכדומה.

דער מענטש ספּעציאַליזירט זיך ניט, פיזיאָלאָגיש גענומען. ער באַ־גרענעצט זיך ניט, ער ברעכט ניט אַרונטער אייניקע פונק־ציעס, בכדי אויפצוהויבן און איבער־אַנטוויקלען אין איינציקע פונקציע, זיך קאָנצענטרירנדיק אויף איר און איגנאָרירנדיק אַלע איבעריקע, זיי מאַכן צו גאָרניט. ער טוט עס ניט. וואָס ער טוט יאָ, איז דאָס: ער שוואַכט אַמאָל אָפּ איין פונקציע און פאַרשטאַרקט אויף איר חשבון און אויף איר אָרט אַן אַנדער פונקציע, אָבער דאָס ניט אויף אַזוי פיל, אַז די אָפּגעשוואַכטע, „פאַרטריבענע" פונקציע זאָל אַרויסגעשטופּט ווערן לגמרי, ווייל דאָס וואָלט פירן צו דעגענעראַציע, צו דער אויס־געבורט פון באַטראָפענעם אָרגאַניזם, אינדיווידו.

מיר האָבן שוין געזאָגט: אונדזער פיזיאָלאָגיע וויל ניט וויסן פון ספּעציאַליזאַציע. מיר אַלע הערן מיט אונדזערע אויערן, קייען מיטן מויל און ציינער. די פונקציעס־צעטיילונג איז אַן ענין פאַר אונדזערע גלידער, פאַר אונדזערע אָרגאַנען, אָבער בשום אופן ניט פאַר אונדזערע אָרגאַ־ניזמען, אַלס גאַנצע גענומען.

כדרך הטבע: עס איז ניטאָ קיין צעטיילונג דאָרטן, וואו עס הערשט דאָס גאַנצע, אין דעם רשות פון גאַנצן אָרגאַניזם.

דער שפּרוך „דער מענטש איז אַ געזעלשאַפטלעכער בעל־חי", זאָגט אונדז, אַז דער מענטש, וועלכער איז — פיזיאָלאָגיש אויפגעפאַסט — זעלבסטשטענדיק, איז מכל־וכל ניט זעלבסטשטענדיק אין סאָציאַלן זינען. ער לעבט ניט אָפּגעזונדערט פון דער געזעלשאַפט, אין התבודדות און פרישות; מ'געפינט אים ניט ביחידות, נאָר אַלעמאָל אין ציבור, אין אַ געמיינזאַמקייט פון דער אָדער יענער פאָרמירונג. מענטשן לעבן אָדער משפחות־ווייז, אָדער אין האָרדעס, אָדער אין געמיינדעס, אָבער קיינמאָל ניט פאַר זיך, איינער אַליין. דער פאָרמיטלער איז דאָס געשלעכט, דער מין־אַפּעטיט, וועלכער שאַפט די פאַמיליע. און די פאַמיליע פאָרמירט אַ געזעלשאַפט אויף איין אופן אָדער אויף אַן אַנדערן. כמעט אַלע פאָרשער זיינען היינט איינשטימיק, אַז די פאַמיליע דאַרף פאַררעכנט ווערן פאַרן יסוד און פונדאַמענט־לייגער פון אונדזער געזעלשאַפט.

און באמת קוקט אויס די פאַמיליע־לערע אַ רעכט ביסל פשוט'ער און נאַטירלעכער, איידער די לערע וועגן די האָרדעס.

דער נאָר־וואָס דערמאָנטער שפּרוך געהער'ט צו אַריסטאָטעלן, און ער זאָגט אונדז קלאָר און דייטלעך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַזאַ „באַ־שעפעניש", וואָס איז זעלבסטשטענדיק אין אַ געוויסן פּרט און פונדעסט־וועגן לעבט עס בציבור, אין צוזאַמענבונד און צוזאַמענגעם מיט אַנדערע פון זיין גלייכן.

און וואָס אייגנטלעך געפינען מיר אין איין־צאָל? כמעט ווי גאָרניט.

עס גייט אַ רעגן. טרעפן מיר דען אַ טראָפּן ביחידות? עס פאַלט אַ שניי, באַגעגענען מיר אַ „שנייעלע" איינ־ינטשקער אַליין? בערג. וואו גע־פינט איר דען אַ זאַמד־קערנדל איינ־ינקער אַליין? ביי אַזעלכע דערשיי־נונגען איז שייך דאָס וואָרט „מאַסע", וואָס מיר ווענדן אַלעמאָל אָן, בכדי זיי צו באַצייכענען. מיר געפינען זיי אַלעמאָל אין די „מאַסן", אין אַ גרויסן צוזאַמענגעם, אַנקלייב.

דאָס וואָס פאַר דער פיזישער וועלט איז „מאַסע", איז פאַר דער הויך־ביאָלאָגישער וועלט „געזעלשאַפט".

אַ געזעלשאַפט שיקט פאַרויס אַלעמאָל אַ געוויסע דאָזע פון זעלבסט־שטענדיקייט פאַר אירע מיטגלידער, פאַר אירע באַשטאַנד־טיילן.

און די „אָרגאַנישע לערע" מכוח דער סטרוקטור פון דער געזעל־שאַפט דאַרף מען אַלעמאָל אויסטייטשן — און אַזוי האָבן בפועל־ממש געטאָן אַלע יענע, וועלכע האָבן געשאַפן די דאָקטרין — אַלס אַן אויבער־אָרגאַנישע אויפפאַסונג פון דער געזעלשאַפט, אַן אָרגאַניזם פון אָרגאַ־ניזמען, אַן אייגנאַרטיקער אָרגאַניזם, וועלכער באַשטייט פון זעלבסט־שטענדיקע חלקים, וועלכע זיינען פאַר זיך אָרגאַניזמען.

אָבער אַ מענטשן אַ זעלבסטשטענדיקן, אין געזעלשאַפטלעכן זינען, געפינען מיר אין ערגעץ ניט. די השערות מכוח דער עקזיסטענץ פון אַ „נאַטירלעכן צושטאַנד" פון מענטשן, — אַ מצב, וואָס איז געווען אין וועלכער ניט־איז פאָרם, איידער די געזעלשאַפט איז אַנשטאַנען, — האָבן ניט קיין היסטאָרישן באַדן אונטער זיך, הגם וועגן דעם האָבן פילאָזאָפירט אַזעלכע דענקער ווי לאָק, האָבס, רוסאָ, פופענדאָרף א. אַ. די פיר נעמען אַליין ווייזן שוין אָן, אַז דאָ זיינען פאַרטראָטן די „דריי גרויסע" ציוויליזירטע פעלקער. לאָק און האָבבס זיינען ענגלענדער, רוסאָ איז אַ פראַנצויז און פופענדאָרף איז אַ דייטש. דער געדאַנקען־גאַנג איז געווען אין יענער צייט אַ קנין הרבים, און עס איז זייער „נאַטירלעך", וואָס זיי האָבן געזוכט דעם „נאַטירלעכן" צושטאַנד פון מענטשן. און די השערות, דאַרף מען צוגעבן, האָבן אַ גרויסן ווערט, ניט אַלס היסטאָרישע אויספאָרשונ־גען, נאָר אַלס אָנווייזונגען ווי אַזוי מענטשן, ווען זיי וואָלטן געווען זעלבסטשטענדיק און וואָלטן געווען פילאָזאָפיש־יורידיש געשולט, וואָלטן זיך געדאַרפט פאַראייניקן.

און ווען מיר וואָלטן זיך שטעלן די פראַגע: קענען מיר דענקען וועגן דעם מענטשן, גענומען איינ‏ציקער אַליין, אָן קיינע שייכות׳ן און קיינע פאַרבינדונגען מיט וועלכער ניט איז געזעלשאַפט, ניט היסטאָריש, פאַק־טיש, נאָר ריין־חקירה׳ש? אויף אַזאַ פראַגע וואָלטן מיר ענטפערן: זיכער, יאָ. מיר קענען זיך פאָרשטעלן אַ מענטשן, אַן איינציקן, איינ‏ציקער אַליין, אַרומבלאָנקענדיק איבער די וועלדער און פעלדער, אָדער, נאָך בעסער, עפּעס אויף אַן אינזל, אַ מין ראָבינזאָן קרוזאָ.

אמת, אַזאַ צושטאַנד וואָלט געווען ווייט פון נאַטירלעך. עס וואָלט געווען דער היפוך, שטאַרק אומנאַטירלעך. אַ געזעלשאַפט איז אַ געזעמל פון מענטשן. מענטשן געפינען מיר אומבאַדינגט פאַראייניקט אין קלענערע אָדער גרעסערע געמיינשאַפטן.

דער פלאָנטער פון סתירות, וועלכער וואָרט מיט געדולד, אַז מ׳זאָל קומען און אים פאַנאַנדערפלעכטן, שאַפט זיך פון דער מאָדנעקייט פון דער

מענטשלעכער נאַטור. אַ מענטש איז פון איין זייט אַ גאַנצע איינהייט, אַ זעלבסטשטענדיק וועזן, פאַרמאָגט זיך זיינע חושים, זיינע פאַרלאַנגען, זיין אייגן ביסל בלוט, זיין אייגענעם קערפּער; פון דער אַנדער זייט איז ער נאָר אַ העלפט אין געשלעכט, אין סעקסועלן לעבן, און פון דער דריטער זייט איז ער גאָר אַ ניטווירדיק טיילעכל אין דער געזעלשאַפט, אין דער קאָלאָסאַלער מענטשן־פאַמיליע. אַ גאַנצער אין איין פּרט, אַ האַלבער אין אַ צווייטן פּרט, און אַ קליין חלק׳ל, איינער פון אַ צוויי ביליאָן, אין אַ דריטן פּרט.

אָט אַזאַ פאַרוויקלטקייט איז דער מענטש.

ווען די געזעלשאַפט וואָלט געווען אַ פּראָדוקט פון באַוואוסטזיניקן שאַפן, ווי עס האָבן געמיינט די אויבנדערמאָנטע פאָרשטייער פון דער „קאָנטראַקט־טעאָריע״, וואָלט דאָ ניט געווען קיין שום ווידערשפּרוך. מיר וואָלטן דעמאָלט זיכער געהאַט אַ פאַראיין פון גלייכע, זעלבסטשטענדיקע מענטשן, אַ מין סאָרט פון אַ קאָנפעדעראַציע. אָבער די זאַך איז גאַנץ ווייטלעך פון דעם. דער מענטש וואַקסט נאָך ערשט אויס, ער נעמט דערוואַקסן צום באַוואוסטזיין פון זיין זעלבסטשטענדיקייט אין דער געזעלשאַפט. דאָס טוט ער אָפּטיילנדיק זיך פון איר, הגם בלייבנדיק אין איר תחום. און דאָ לאָזט זיך פילן יסורים׳דיק דער אָפּריס און פאַנאַנדערגיי, אי פאַרבונדן אי פאַרפרעמדט. דער מענטש בנוגע דער געזעלשאַפט, געפינט זיך אין אַ לאַגע פון יענעם, וואָס קעמפט, שלאָגט זיך פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט, פאַר זיין אויטאָנאָמיע. ער טיילט זיך אָפּ, שיידט זיך אָפּ פאַמעלעך, טריט־ביי־טריט, דערווערבנדיק זיך וואָס מער רעכט און מאַכט, און בלייבנדיק די גאַנצע צייט באַהעפט און פאַרקניפּט מיט דער געזעלשאַפט, פון וועלכער ער איז בלויז אַ חלק, אַן עלעמענט.

אינגאַנצן אַוועקגיין פון געזעלשאַפט און געזעלשאַפט־לעבן, הייסט באַגיין זעלבסטמאָרד אַלס אַ סאָציאַלעס וועזן, און דאָס קען און וועט דער מענטש ניט טאָן. ווי שטאַרק ער זאָל ניט ווערן, וועט ער אין פאַראייניקונג נאָך שטאַרקער זיין. צערייסן זיין „בונד״ מיט דער געזעלשאַפט וועט ער באַיין אופן ניט. ווי עס איז אוממעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין גאַנצן פּסיכאָלאָגישן לעבן און בלייבן בלויז אַ פיזיאָלאָגישעס וועזן, אַזוי איז אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ מענטש זאָל בידים נעמען און זיך באַרויבן זיין „חברה׳שקייט״. די „קהל׳שקייט״, די געמיינשאַפט דאַרף ניט נאָר ניט געמינערט ווערן, זי דאַרף נאָך אויפוואַקסן און געדייען. „דער פּשוטער אָפּזאָג פון געזעלשאַפט וואָלט באַטייט אַן אַראָפּפאַל פון מענטשן, ניט קיין אַרויפשטייג.

פון דער צווייטער זייט אָבער וואַקסט אַן דאָס באַוואוסטזיין פון

מענטשן, דאָס באַוואוסטזיין פון זיין איך, דאָס דערקענען פון זיין איי־ניקייט און גאַנצקייט, וואָס עס וועט אומפאַרמיידלעך פירן צום פאַנאַנ־דערברייטערן פון דער ספערע פון זיין זעלבסטשטענדיקייט, אין זין פון דירעקטן רעגולירן זיינע קעגנזייטיקע באַציאונגען און פאַרהעלטענישן.

„וואָס איז אַזוינס אַ פערזענלעכקייט? ווער איז אַ פערזענלעכקייט?" די פראַגע האָבן מיר אויבן אַוועקגעשטעלט. מיר וואָלטן ענטפערן איצ־טער, צוריק־קערנדיק זיך צו דעם, אַז קיינע באַזונדערע סימנים מובהקים, לויט וועלכע מ'זאָל קענען פעסטשטעלן דאָס פאַראַנען־זיין פון אַ פערזענ־לעכקייט, זיינען ניטאָ. אַ פערזענלעכקייט איז יענער, וועלכער באַטראַכט זיך אַלס אַזוינעם, וועלכער אַנערקענט און פילט און האַנדלט אַלס אַזוי־נער. פערזענלעכקייט איז דאָס באַוואוסטזיין פון אייניקייט, פון גאַנצ־קייט, זעלבסטשטענדיקייט, סיי אין פסיכאָלאָגישן און סיי אין סאָציאַלן זין. אַן אינדיוויד איז אַ ביאָלאָגישער זעלבסטשטענדיקער אָרגאַניזם. אַ פערזענלעכקייט איז אַ זעלבסטשטענדיקע פסיכיקע, אַ פסיכאָלאָגישער אינדיוויד און אַ פּאָליטישע פערזאָן.

פסיכאָלאָגיע, לאָמיר אָננעמען ספּענסערס קוק אויף דער זאַך, ליגט צווישן ביאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע; זי איז דער מיטעלער שטאַפּל. דאָס געשלעכט געפינט זיך אין ביאָלאָגיע, אָבער אויף אים וואַקסט אויס די סאָציאָלאָגיע — אין דער געשטאַלט פון אַן ערשטער צעל, משפּחה, שטאַם. פסיכאָלאָגיע וואַקסט אויס פון ביאָלאָגיע, פון ביאָלאָגישער זעלבסט־אויפ־היטונג (דזשעמס), און זי שטייגט אַרויף צו סאָציאָלאָגיע: עלעמענטן פון סאָציאָלאָגיע, די שפּראַך, די מיטאָלאָגיע, רעליגיע וכדומה, זיינען שטיק־לעך פון קאָנקרעטער פסיכאָלאָגיע (וואונדט, ריבאָ), פאַרהאַרטעוועטע שטיקער פסיכיק. מיר געפינען ניט קיין פסיכאָלאָגיע, אין אונדזער אויפ־פאַסונג, אויסערהאַלב דער געזעלשאַפט. פּשוט, מיר געפינען ניט דעם מענטשן אַלס אַ פסיכאָלאָגיש וועזן, אַלס אַ טראַכטנדיק, אורטיילנדיק און ליידנדיק וועזן, אויסער דער געזעלשאַפט.

אָבער דער מענטש, וואָס ווייטער אַלץ מער, באַפרייט זיך פון דער געזעלשאַפט; עס באַווייזט זיך אַ גאַנצע רייע שאַפונגען, זעלבסטשטענ־דיקע אויסערונגען. עס נעמט אַרויסשפּראַצן אַ מין אַנהויב פון אַ „פער־זענלעכן" לשון, אַ סטיל, אַ פערזענלעכן געשמאַק. דער מענטש נעמט זיך אַוועקרוקן פון דער געזעלשאַפטלעכער פסיכאָלאָגיע און ער גייט, דערנענטערט זיך צו אַן אינדיווידועלער פסיכאָלאָגיע.

דער טראַכטונגס־אַפּאַראַט, די פסיכיק איז אַ קנין, אַ באַזיץ פון איינצלנעם מענטשן, פון יחיד און ניט פון ציבור. און דאָ האָבן מיר ווייטער אַ שרייענדיקע סתירה: מחוץ פון דער געזעלשאַפט איז ניטאָ קיין

פסיכאָלאָגישע קולטור, און דער מענטש, דווקא אַלס יחיד, פאַרמאָגט אויסשליסלעך דעם אַפּאַראַט פאַר דער אויסאַרבעטונג פון פסיכאָלאָגישע פּראָדוקטן און זייער אויפנעמונג. און דעם קניפּל וועט ווייטער אויסקומען צו פאַנאַנדערפלאָנטערן.

סאָציאָלאָגיע באַזירט זיך אויף דער באַציאונג פון ציבור צום ציבור, אָדער, לאָמיר צוגעבן דאָ, הגם דאָס איז ניט פּינקטלעך, פון מענטש צום מענטשן.

פיזיאָלאָגיע בויט זיך אויף די שייכות׳ן פון מענטשן צו דער אַרומיקער סביבה, צו דער אויסווייניקסטער וועלט, ווי שפּייזן זיך, אָטעמען, פילן; די פינף חושים זיינען אייגנטלעך אַ מין קאָמוניקאַציע־מיטל זיך צו פאַרבינדן מיט דער וועלט, מיט דער אויסערלעכער אומגעבונג.

פסיכאָלאָגיע האַלט זיך אויף דער באַציאונג פון מענטשן צו זיך אַליין. דאָ איז דער תחום, אַזוי צו זאָגן, פון זיין אייגענער סאָציאָלאָגיע, די שייכות׳ן צו זיך, די פאַרבינדונג צווישן די טיילן פון אייגענעם איך. דאָ איז זעלבסט־דערקענטעניש. אין זעלבסט־דערקענטעניש שפּרייזן מיר אַריבער דעם גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ דעם „איך" פון דעם „ניט־איך". און ווי קען מען דען אַנדערש תופס זיין זיך אַליין, אויב ניט — אַנטקעגנשטעלנדיק דעם „איך" צום „ניט־איך", דאָס אינעווייניקסטע כנגד דאָס אויסווייניקסטע? אונטער דאָס אויסווייניקסטע ווערט פאַרשטאַנען די וועלט, די סאָציאַלע סביבה. די לעצטע אָפּצווייגונג, דאָס מבחין־זיין צווישן אייגענעם „איך" און דער „סאָציאַלע סביבה" איז לכתחילה ניט פאַראַנען און די אַנטקעגן־שטעלונג ווערט דורכגעפירט צווישן דער פיזישער סביבה און דער סאָציאַלער אומגעבונג, צווישן דער וועלט און דער געזעלשאַפט. די סיבה איז אַ פּשוטע, עס פעלט דאָס באַוואוסטזיין פון דער דיפערענציע, פון אונטערשיד צווישן „איך" און סאָציאַלער סביבה, אין וועלכער דער מענטש איז אויסגעוואַקסן, און דער „איך" און די סאָציאַלע אומגעבונג ווערן צום אָנהויב אידענטיפיצירט.

אין דעם בין־השמשות פון באַוואוסטזיין טיילט זיך דער מענטש ניט אָפּ פסיכיש פון זיין שטאַם, פון זיין מין, פון זיין שבט, און אונטער זיי און אין זיי נעמט ער אַריין זיך. זיין פסיכאָלאָגיע איז פאַרנעפּלט, פאַרדריקט אין דאָס סאָציאַלע, וועלכעס דאָמינירט אין די עלעמענטן פון פסיכאָלאָגישער קולטור איבער זיין פיזיאָלאָגיע. אָבער די פסיכאָלאָגיע פירט אָן אַ קאַמף, אַ פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר איר באַפרייאונג. ביאָלאָגיע, פילאָזאָפיע העלפן איר אונטער און עס ווערט געשאַפן „דער קריסטאַליזירטער איך". אויפן וועג צו דער באַפרייאונג שטויסט ער זיך צו־

זאַמען מיט פילע סאָציאַלע הינדערנישן, דער שטאַרקסטער און דער הייג־טיקסטער פון זיי איז די נאַציאָן, די נאַציאָנאַלע פּסיכאָלאָגיע, די נאַציאָנאַלע שפּראַך, נאַציאָנאַלע קולטור, נאַציאָנאַלע עסטעטיק.

דאָ פלאַקערט זיך פאַנאַנדער דער לעצטער און אַנטשיידענער שטרייט, דאָס איז אַ ראַנגל פאַר אייגענער פּסיכאָלאָגיע, פאַר דאָס פרייע באַוואוסט־ווערן פון אייגענעם איך.

די גאַנצע בורזשואַזע וועלט האָט זיך באַזירט און באַזירט זיך אויף דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט.

פּערזענלעכקייט איז אַן אָפּזאָג פון דער געזעלשאַפטלעכער פּסיכאָלאָגיע, פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דער משפּחה, שבט, קלאַן, געמיינדע, נאַציאָן, וועלכע איז דער סוף פון אַלע פריערדיקע פאָרמאַציעס.

פּערזענלעכקייט אין סאָציאַלן זינען איז דאָס בייקומען פון נאַציאָנאַלן קהל־לעבן.

משפּחה, שטאַם און א. וו. זיינען אַנטראָפּאָלאָגישע פאָרמאַציעס, זייער צעמענט איז בלוט־קרובה׳שאַפט, דער זעלביקער אַרויסקום, געמען אין ענגן פּשט פון וואָרט.

נאַציאָן איז אַן אַנטראָפּאָ־פּסיכאָלאָגישע פאָרמאַציע, אין וועלכער דער צווייטער עלעמענט, דער פּסיכאָלאָגישער, דאָמינירט און וועגט אַריבער דעם ערשטן, דעם ראַסן רודימענט. אין געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס איז אַלעמאָל אַזוי: איין עלעמענט גייט אַרויף, ווען דער צווייטער גייט אַראָפּ; איינער ווערט גרעסער, ווען דער צווייטער שרומפּט איין. אין דער נאַציאָן ווערט דער ביאָלאָגישער עלעמענט אַלץ שוואַכער, ווען דער פּסיכאָלאָגישער און סאָציאָלאָגישער ווערט אַלץ שטאַרקער און וויכטיקער, ביז עס באַקומען זיך ריינע סאָציאָלאָגישע פאָרמאַציעס.

נאַציאָן איז אַן אַנטראָפּאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגישע און סאָציאָלאָגישע פאָרמאַציע, אין וועלכער דער פּסיכאָלאָגישער עלעמענט שטייגט אַריבער די איבעריקע.

פּערזענלעכקייט, אַלס אַ פּסיכאָלאָגישע פאָרמאַציע, טרעט אַריין אין אַן אַנטשיידענעם קאַמף מיט דער נאַציאָן; זי פירט אַן אַ באַפרייאונגס־שטרייט. די פּערזענלעכקייט קעמפט פאַר פּסיכאָלאָגישע זעלבסטשטענדיקייט.

ג.

געזעל און געזעלשאַפט

פילע חידושן זיך איבער דעם מאָדנעם פאַל, וואָס די סאָציאָלאָגיע, אַלס אַ וויסנשאַפט, האָט זיך גענומען באַהויפּטן אַזוי שפּעט. די יסודות פון סאָציאָלאָגיע זיינען אַוועקגעלייגט געוואָרן פון דעם פּאָזיטיוויסטישן פילאָזאָף אויגוסט קאָנט. וואָס איז די מעשה, וואָס סאָציאָלאָגיע, וועלכע באַדייט געזעלשאַפט־וויסנשאַפט, האָט זיך אַזוי שפּעט באַוויזן אויף דער וויסנשאַפטלעכער וועלט? געזעלשאַפטן האָבן דאָך אַלעמאָל פון גראָען קדמונים אָן עקזיסטערט, דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן דערגרייכט דאָך אַרויף צו די סאַמע אָנהויבן פון מענטשלעכע צייטן, פּשוט דערפאַר אַליין וואָס קיין אַנדער מענטשן, אויסער דעם געזעלשאַפטלעכן טיפּ, קענען מיר ניט.

אויף דער פראַגע איז גרינג צו ענטפערן, ווען מיר קוקן אַריין אין תוך פון דער זאַך. סאָציאָלאָגיע ווערט ביז אַ געוויסער מאָס אָפּגעשאַטנט, הגם פאַרבאַהאַלטענערהייט, דורך אינדיווידאָלאָגיע; און דער לעצטער פונקט פון אַנטוויקלונג פון מענטשן, פונם אינדיוויד, האָט געפעלט און מ׳האָט געמוזט וואַרטן זייער לאַנג ביז דער אינדיוויד, אַלס אַזעלכער, האָט זיך גענומען אָנצייכענען אויף דעם לייוונט פון פּאָליטישן לעבן.

סאָציאָלאָגיע גיט זיך בעיקר אָפּ, אָדער דאַרף זיך אָפּגעבן, מיט די באַציאונגען, וואָס וועבן זיך צווישן איין געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם און אַ צווייטן. אָבער געזעלשאַפטן באַשטייען דאָך פון איינצלנע מענטשן, און סאָציאָלאָגיע, ווילנדיק ניט־ווילנדיק, האָט צו טאָן מיטן מענטשן, מיט מענטשן, וועלכע שטעלן צוזאַמען די געמיינשאַפט. און דער מענטש, אַלס עפּעס זעלבסטשטענדיקעס, אַלס אָן איינס, האָט זיך זייער שפּעט גענו־מען אַנטוויקלען. סאָציאָלאָגיע, אַלס אַ צוגאָב, דאַרף האָבן אַן „אינדי־ווידאָלאָגיע״, די לערע וועגן יחיד, און דער אינדיוויד, אַלס אַ סאָציאַלע פּסיכאָלאָגישע איינקייט, האָט ניט עקזיסטירט. דעריבער האָט די סאָציאָ־לאָגיע, אַלס אַ וויסנשאַפט, געלאָזט אויף זיך וואַרטן אַזוי לאַנג.

עס איז ניט ריכטיק, אַז מענטשן האָבן אַמאָל, אין דער אַלט־גרויער צייט, געלעבט ביחידות, יעדערער פאַר זיך. עס איז ניט אמת, אַז זיי האָבן איינגעזען דאָס דער „נאַטירלעכער צושטאַנד״ איז ניט זייער באַ־קוועם, און האָבן געטראַכט, אַז עס וואָלט זיין אַ פּלאַן זיך גאָר נעמען פאַראייניקן, און נאָך אַ ישוב־הדעת האָבן זיי באַשלאָסן עס צו טאָן. זיי האָבן עס טאַקע געטאָן און געשאַפן אונדזער געזעלשאַפט, אין יסוד פון וועלכער זיי האָבן אַוועקגעלייגט דעם „געזעלשאַפטלעכן קאָנטראַקט״.

און אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן די געזעלשאַפט אין דער היינטיקער פאָרמע פון אַ מלוכה. וואָלט דאָס געווען ריכטיק, אַז עס איז געווען אַמאָל אַ „נאַטירלעכער צושטאַנד״, — וועלכן רוסאָ שילדערט מיט ראָזע־אידיי־לישע פאַרבן, און האָבבס, להיפוך, מאָלט אָפּ אין גרויזאַמע בלוט־רויטע קאָלירן פון „אַ געשלעג פון אַלעמען קעגן אַלעמען״, — און מענטשן זייַנען באַוואוסטזיניק אַוועק און אויפגעבויט זייער געזעלשאַפט, — ווען דאָס וואָלט געווען דער פאַל, וואָלט די זאַך געווען באמת זייער קשה: ווי שיקט זיך עס, וואָס מענטשן האָבן געשאַנקען בערך אַזוי ווייניק אויפמערק־זאַמקייט דעם קינסטלעכן פּראָדוקט, דער געזעלשאַפטלעכער סטרוקטור, דער סאָציאַלער אַרכיטעקטור, וועלכע זיי האָבן אַליין אויפגעריכטעט מיט זייערע אייגענע הענט און ווילן און פאַרשטאַנד? וואָלט עס מעגלעך זיין, אַז אונדזער געזעלשאַפט, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן באַוואוסטזיניק, זאָל ניט ווערן אויסגעפאָרשט, באַלויכטן און באַקוקט און באַשריבן פון אַ וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט?

אָבער דער היסטאָרישער אמת איז, אַז דאָס איז ניט ריכטיק: דער מענטש איז אַ פּראָדוקט פון דער געזעלשאַפט, און ניט פאַרקערט. דער מענטש איז אויסגעוואַקסן, ווי אויבן געזאָגט, אויפן באָדן פון געזעל־שאַפטלעכקייט, אויפגעהאָדעוועט אויף די קני פון דער מוטער־חברה. און ער איז געוואָרן, און וויל ווערן, פלייסט זיך צו ווערן, זעלבסטשטענדיק. אָבער די „זעלבסט־באַשטימונג״ פון מענטשן איז אַ פּראָדוקט פון גאָר דער לעצטער צייט. (אבא גאָרדין, אידישער וועלט־באַנעם ז״ז 109—112).

און מיטן אַרויפקום פון מענטשן, אַלס אַ באַוואוסטזיניק־האַנדלענ־דיקער פאַקטאָר פון געמיינשאַפט־לעבן, מיט זיין ווערן מינדיק און זיך דערקלערן פאַר אַ „סאָציאַלן אָרגאַניזם״, און ניט נאָר אַ צעל — ערשט דעמאָלט באַווייזט זיך די וויסנשאַפט וועגן דער געזעלשאַפט.

דער מענטש נעמט זיך באַהויפּטן אַלס אַ ווערט פאַר זיך. קעגן היינטערגרונט פון דער געשיכטע נעמט זיך אָפּמאָלן, הגם מיט צעשוואָ־מענע, לאָמע, קרומע ליניעס, כאָטש מיט שוואַך־באַמערקלעכע קאָנטורן, די אויפגייענדיקע פערזענלעכקייט.

פערזענלעכקייט איז אַ פּסיכאָלאָגישער באַגריף אַלס גרונט, און אַ סאָציאָלאָגישער און פּאָליטישער באַגריף אַלס צוגאָב, אַלס אַרויספיר.

די בורזשואַזיע אָפּערירט מיטן באַגריף פון פאָלק, פון נאַציאָן. זי איז זייער באַגייסטערט פון דער אידייע וועגן שאַפן אַ נאַציאָנאַלן לשון, אַ נאַציאָנאַלע קולטור, מאָלעריי, מוזיק. און זי האָט דורכגעפירט אין לעבן, פאַרווירקלעכט, — ווערליק זי האָט פאַרשטאַנען און געקענט, לויט ווי אירע אינטערעסן האָבן איר דיקטירט, — די אידייע פון אויפריכטן אַ נאַציאָנאַלע מדינה.

אַל־דאָס בורזשואַזע שטייט אונטערן צייכן פון דער נאַציאָן.

די רייכקייט פון די נאַציאָנען („וועלטה אָוו ניישאָנס") — איז זייער עקאָנאָמישער „אני־מאמין".

די סואווערעניטעט פון פאָלק — דאָס איז זייער פּאָליטישער קרעדאָ.

און פון־דער־ווייטנס, ווי אַ שרעקלעכער שאָטן, סטראַשעט די פּער־זענלעכקייט... אָבער לעת־עתה זעט מען זי נאָך ניט, קיינער באַמערקט זי ניט. בלויז דאָ, דאָרטן, לאָזן זיך הערן שטימען מכוח די פאָדערונגען פון דער פּערזאָן, פון דער פּערזענלעכקייט, פון איינצלנעם מענטשן, אָבער די שטימען ווערן פאַרטויבט דורכן כאָר פון נאַציאָנאַלע כוחות. די נאַ־ציאָן טריאומפירט אומעטום, אויף אַלע געביטן פון טראַכטן און טאָן.

ווער איז אַ פּאָליטיש־יורידישער סוביעקט?

דאָס פאָלק. די נאַציאָן. דער ווילן פון פאָלק. דאָס באַוואוסטזיין פון פאָלק. דער נאַציאָנאַלער שטאָלץ, נאַציאָנאַלע זעלבסט־דערקענטעניש, נאַציאָנאַל אייגנטום. די באַזע פון נאַציאָנאַל־מלוכה'שן לעבן, די טערי־טאָריע, רופט זיך אָן אָדער מיט דעם ראָמאַנטישן באַליבטן ווערטל „היים", אָדער מיט דעם אימפּאָזאַנטן פּאָליטישן טערמין: פּאַטערלאַנד. ליבע צום פאַטערלאַנד. די אומאָפּהענגיקייט פון דער נאַציאָן. פּאַטריאָ־טיזם — דאָס איז די העכסטע טוגנט.

די פּערזענלעכקייט גייט מיט אַ שטייפן טריט, זיכער, שווער שפּרייזנדיק, אָבער קומט פאָרט אַלץ נענטער צו איר ענדלעכן זיג.

איר נצחון — איז דאָס אומשטירצן פון קומיר פון דער נאַציאָן, דאָס צעברעכן דעם געטש פון פאָלק.

די נאַציאָן איז גרויס, מעכטיק, שטאָלץ, קולטורעל, אָבער איך, דער יחיד, בין אָרים און גאָרניט ווערט.

די פּערזענלעכקייט נעמט זיך באַפרייען פון דעם גרויסן שווערן „נאַציאָנאַלן" אָפּנאַר און נעמט דעקלאַרירן אירע רעכט, איר זיין און אייגנטימלעכקייט.

מיר נוצן דאָס וואָרט „אָפּנאַר". מיר מיינען אָבער ניט צו זאָגן, אַז דאָ איז געווען אַ בכיוון'דיקער, בייזוויליקער שווינדל. ניין. עס האָט, פּשוט, געפעלט דאָס באַוואוסטזיין פון פאַנאַנדערשייד צווישן דער פּער־זענלעכקייט און דער נאַציאָנאַלער געמיינזאַמקייט.

כל־זמן דער מענטש, דער יחיד, האָט זיך געפילט אַלס אַ טייל, אַלס אַ צעל פון דעם גרויסן אָרגאַניזם, וואָס הייסט נאַציאָן, האָט ער זיך גע־פרייט אויף אירע שמחות, געקלאָגט אין אירע טרויערן, געלעבט ניט אַ זעלבסטשטענדיק סאָציאַל־פּסיכאָלאָגיש לעבן, נאָר דאָס נאַציאָנאַלע לעבן; האָט געפייערט ניט זיין געבורטס־טאָג, ניט זיינע נצחונות, נאָר אירע:

האָט דערמאָנט ניט זיינע אייגענע חורבנות און דורכפאַלן, נאָר באַוויינט אירע.

וואָרט, אָט נעמט זיך וועבן דאָס נייע באַוואוסטזיין, און אַלץ ענדערט זיך אַרום ווי אַ בעלעם פון אויג איז אַראָפּגעפאַלן. עס נעמט זיך אויס־קריסטאַליזירן די פּערזענלעכקייט, און דער מענטש נעמט זיך פילן אַלס זעלבסט־נאַציאָן, זעלבסט־פאָלק. עס ווערט מקויים דער „ואעשה אותך לגוי עצום" (דברים ט׳, י״ד). די פּערזענלעכקייט אַליין, דער איינצלנער, נעמט זיך פילן אַלס אַ גאַנצע נאַציאָן.

די פּערזענלעכקייט נעמט פאָדערן איר רעכט אויף פּאָליטיק. דער איינצלנער וועט נעמען זיך דאָס רעכט, וואָס האָט פאַר דעם באַלאַנגט צו דער נאַציאָן. און דעם באַגריף פון סואווערעניטעט, אַלס אַ רעכטלעכע, מלוכה־רעכטלעכע אויפפאַסונג, וויל ער זיך, פאַר זיך, דערווערבן; פאַר־שטייט זיך, אַראָפּוואַרפנדיק דעם מעטאַפיזישן עלעמענט, וואָס ליגט אין דעם באַגריף און צופאַסנדיק אים צו זיינע נויטן און באַדערפענישן פון צוזאַמענלעבן.

און דאָ איז דער גרעסטער אָנשטרענג פון דער פּערזענלעכקייט. זי וויל איינגאַנצן בייקומען די געזעלשאַפט, פון וועלכער זי איז אַרויס, אין וועלכער זי איז אַנטשטאַנען.

דאָס גאַנצע רעכט־באַוואוסטזיין, וואָס איז אויסגעוואַקסן פּאַוואָ־לינקע אין אַ משך פון פילע הונדערטער יאָרן, וואָס איז אויסגעשמידט געוואָרן אין קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיקייט, פאַר אייגנאַרטיקייט הן פון פאָרמע און הן פון אינהאַלט, מיט וועלכע עס איז באַשאַנקען די נאַציאָן, אַלס אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע אינסטיטוציע — דאָס רעכט־באַ־וואוסטזיין און די גאַנצע פּאָליטיש־יורידישע עשירות, וויל און וועט עקס־פּראָפּריאירן די פּערזענלעכקייט. די גאַנצע ירושה וועט איבערגיין צו דער פּסיכאָלאָגיש זעלבסט־ווערטיקער, זעלבסט־גענוגנדיקער פּערזענלעכקייט.

דער שריט וועט זיין די גרויסע באַלוינונג פאַר די הונדערטער־יאָריקע אָנשטרענג און אַרויפשטייג.

דעם ערשטן שפּאַלט אין מויער האָט דורכגעבראָכן דאָס רוימישע רעכט, פעסטשטעלנדיק דעם באַגריף וועגן מענטשן אַלס אַ סוביעקט פון רעכט. דעם צווייטן שפּאַלט האָט דורכגעלעכערט די „דעקלאַראַציע פון רעכט פון מענטשן און בירגער". מ'האָט גענומען רעדן וועגן יחיד, אַלס טרעגער פון עפנטלעכע פּאָליטישע רעכט, הגם די רייד זיינען ניט קלאָר, מטושטש, ניט דורכגעטראַכט, האַלב געשטאַמלט, ניט אַרטיקולירט ווי געהעריק, אָבער אין זיי לאָזט זיך שוין הערן דער „טראָט און גאַנג" פון דער געשיכטע, עס פילט זיך אַ נייער קלאַפּעדיקער פּולס. דער דריי־

טער טריט דאַרף נאָך געמאַכט ווערן; מ׳דאַרף נעמען רעדן וועגן מענטשן, וועגן יחיד אַלס וועגן אַ פּאָליטישער באַציאונג. אַ פּאָליטישער פּערזאָן, אַ טרעגער פון רעכט. עס איז שוין באַלד צייט צו נעמען רעדן וועגן איינצלנעם מענטשן אַלס שעפער פון אָביעקטיוון רעכט.

איז עס אָבער מעגלעך?

דאָס איז ניט נאָר מעגלעך, עס איז נויטווענדיק און אומפאַרמייד־לעך. דאָס איז דער וואוקס, דער „מוז׳־יקער״ אויסוואַקס פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט.

דער איינצלנער באַזירט זיך אויף ביאָלאָגיע, בויט זיך אויף פּסי־כאָלאָגיע און אָנלענענדיק זיך אויף די ביידע כוחות איז ער גובר די סאָציאָלאָגיע.

די געזעלשאַפט, פון וועלכער ער איז אַרויסגעוואַקסן, צו דער גע־זעלשאַפט קערט ער זיך אום און וויל זי בייקומען, איבערמאַכנדיק זי, צופּאַסנדיק זי צו זיינע באַדאַרפן און פאַרלאַנגען.

מ׳קען עס כמעט ווי אויסדריקן אַזוי: די אַטאָמען האָבן זיך אַנטוויקלט ביז זעלבסטשטענדיקייט און באַוואוסטזיניקערהייט טראַנספּערירן זיי די מאַטעריע, פון וועלכער זיי זיינען געווען און זיינען אַ טייל. געוויינטלעך, דאָס איז מער ניט ווי אַ בילדערישער אויסדרוק. די פּערזענלעכקייט, האָבנדיק אירע וואָרצלען אין די טיפענישן פון ביאָלאָגיע־פיזיאָלאָגיע, בילדעט אויס איר שטאַם פון פּסיכאָלאָגיע און הויבט אויף איר קאָפּ־צווייג ביזן הימל פון סאָציאָלאָגיע — פּאָליטיק.

און אַזוי אַרום מאַכט דורך דער מענטש אין זיין באַוואוסטזיין אַן אַרום־דער־וועלט־רייזע. ער „גייט אַרויס״ פון דער געזעלשאַפט און קערט זיך אום צוריק אַהין, אָבער ער איז שוין ניט מער קיין „מענטש״, אַ טראָפּן פון „לייטישן״ ים, נאָר אַ פּערזענלעכקייט, אַ גאַנצקייט און איי־ניקייט, ניט נאָר אַ ביאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישע, נאָר אַ סאָציאַל־פּאָליטישע גאַנצקייט־אָפּגעשלאָסנקייט.

אָט וואָס פאַר אַן אויפטו! אָט וואָס פאַר אַן אַרויפשטייג!

די פּערזענלעכקייט פאַרוואַרפט ניט די געזעלשאַפט, גייט ניט אַוועק פון דער געמיינשאַפט אפילו נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַרויסגעפּיקט, אַנט־פּלעקט, נאָר מאַכט איבער, שאַפט איבער די געזעלשאַפט, פאַרוואַנדלט זי אין אַ פאַראיין, וואָס כאַפּט אַרום די גאַנצע מענטשהייט.

אַ בליאַסק פון אויפגאַנג פון דער פּערזענלעכקייט זעען מיר אין דער טעאָריע וועגן „געזעלשאַפטלעכן קאָנטראַקט״ (רוסאָ, האָבבס און אַנדערע).

דאָ איז נאָך ניטאָ דער ממשות׳דיקער איבערבוי פון דער געזעלשאַפט, נאָר דער אויסגעדוכטער; ניט קיין רעאַלע איבעראַנדערשונג, נאָר אַ פאַר־

געשטעלטע, פילאָזאָפיש־פאַנטאַזירטע. אָבער אין דער „פאַנטאַזיע" לאָזט זיך פילן דער גייסט פון זעלבסטשטענדיקייט פון דער פערזענלעכקייט, פון דעם נייעם שמשון, וואָס זעענדיקערהייט וועט ער צעטרייסלען די זיילן פון דער היינטיקער געזעלשאַפט.

און דער גאַנצער מהות פון דער פערזענלעכקייט באַשטייט אין אירע אַנטפּלעקונגען, אויסערונגען, אַלס אַ זעלבסטשטענדיקער פאַקטאָר אין ציבור־לעבן, אין חברה׳שער באַוואוסטזיניקער בויאונג. איר באַזיס איז ביאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, אָבער איר אַרבעט־פּלאַץ, איר ווירקונג־ספערע, דער אָרט פון מאַקסימאַלער, העכסטער אויפטואונג, זיינען די געזעלשאַפט־לעכע פאַרהעלטענישן, און דווקא אין אויבן־אָן: אין פּאָליטיק, אין דער רעגולירונג און איינאָרדנונג פון אַלע ענינים פון צוזאַמען־לעבן.

דאָ ווייזט זיך אַרויס די פערזענלעכקייט אין איר גאַנצער פּראַכט און מאַכט.

זי גייט אַרויס פון גאַרנישט (שטירנער), ווי אַלעס שעפערישעס. צום אָנהויב עקזיסטירט זי ניט. עס איז דאָ אַ פאַמיליע, אַ האָרדע, עס איז אָבער ניטאָ קיין יחיד. משפחה, שטאַם, שבט פילן אויס מיט זיך אַלץ. דער איינצלנער מענטש איז ניטאָ בנמצא. ער טוט קיינמאָל גאָר־ניט, אַלץ טוט, ווערט צוגעשריבן צום שטאַם. צום „רבים". אָט דער באַגריף איז נאָך, צו אַ געוויסער מאָס, גאַנץ־געבליבן אין באַוואוסטזיין פון מענטשן אפילו פון היינטיקער צייט. עס קומט אויך אויס צו הערן ווי מ׳לויבט אַ פאָלק פאַר שאַפונגען, אויפטואונגען פון צוויי, דריי זין זיינע; אָדער פאַרקערט, מ׳זידלט, מ׳טאַדלט אַ גאַנצע נאַציאָן פאַר אַ פּאָר־כעריי, באַגאַנגען פון עטלעכע מענטשן, וועלכע געהערן צו דער נאַציאָן. דאָ זעט מען, אַז עד־היום קענען נאָך מאַנכע מענטשן ניט אָפּשיידן, אַרויס־טיילן די פּערזאָן פון דעם גרויסן מאַסן־ציבור.

דערנאָך באַווייזט זיך די פּערזענלעכקייט, אָבער ניט אין אַ פּאָזי־טיווער פאָרמע, נאָר אין אַ נעגאַטיווער, ניט אַלס סוביעקט פון רעכט, נאָר אַלס טרעגער פון אומרעכט, אַלס קנעכט. שפּעטער־צו טרעט זי שוין אַרויס אַלס אַ סוביעקט פון רעכט, אָבער נאָר אַלס פּריוואַט־אייגנטימער. דאָ איז נאָך ניטאָ קיין פּערזענלעכקייט, דאָ איז פאַראַן בלויז אַ פּריוואַטער אייגנטימער, דער ערשטער אַרויס־שפּראָץ, די קנאָספּע פון אינדיווידו. צום סוף באַווייזט זיך דער אונטערטאַן, ווייטער אַלס אַ נעגאַטיווע גרויס, ווי אַ ניט־סוביעקט פון עפנטלעכן רעכט. שפּעטער־צו שווימט אַרויף דער בירגער, אַלס אַ סוביעקט פון רעכט, שוין כמעט ווי אַן עפנטלעך־רעכטלעכע פּערזאָן.

דער באַגריף „בירגער" איז ניט דייטלעך, ער אַנטהאַלט אין זיך אַ סך

סתירות. דער מענטש איז אַוועקגעגאַנגען פון „אונטערטעניקייט״, פון איינזייטיקער אָפּהענגיקייט, פון פּאָליטישער קנעכטשאַפט, אָבער צו פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט איז ער נאָך ניט דערגאַנגען און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן האַלבן וועג און האָט זיך פאַרלוירן, ווי מ׳זאָגט, צווישן דריי סאָסנעס פון סוביעקט, אָביעקט פון רעכט און פאַרפליכטונג. נאָך איין טריט ווייטער, און ער, דער יחיד, וועט זיך דערקלערן אַלס פּאָליטישע פּערזענלעכקייט, אַלס דער „איבער־סואווערען״ — נוצנדיק דעם מעטאַפיזיש־יורידישן לשון — און דער גאַנצער נעפּל פון ווידערשפּרוכן וועט פאַרשווינדן ביים אויפגאַנג פון דער זון, פון דעם קלאָרן באַגריף פון פּערזענלעכקייט.

בירגער! וואָס פאַר אַ צעשוואומענער, צערונענער באַגריף! מיר וואָלטן אים בשום אופן ניט אויפגעפּאַסט, ווען מיר וואָלטן ניט וויסן, אַז זיין צעשוואומענקייט און צעקראָכנקייט איז אַ פּועל־יוצא פון דעם בין־השמשות, וואָס הערשט אין דעם היינטיקן רעכט־באַוואוסטזיין. דער באַגריף „בירגער״ איז „ניט אַהער און ניט אַהין״, ער איז אַ קינד פון אַ פאַרטאָג, און ער טראָגט אין זיך סיי די אַרויסשפּראָצונגען פון דער צוקינפטיקער, פּאָליטישער פּערזענלעכקייט, דעם זיך זעלבסט־אָרגאַניזירנדיקן מענטשן, און סיי די נאָכשלעפּעניש, איבערבלייבענישן פון דער פאַרגאַנגענער אונטערטאַנשאַפט.

בירגערשאַפט איז אַן איבערגאַנגס־צושטאַנד.

לאָמיר עס פּרואוון אַנאַליזירן:

די נאַציאָן ווערט דערקלערט אַלס סואווערען. דער נאַציאָן ווערט צוגעשריבן סואווערעניטעט. דער איינצלנער מענטש איז אַ זון, אַ טייל פון דער נאַציאָן, ער איז כמעט אַן אונטערטאַן; אָבער פון דער אַנדער זייט טיילט ער זיך אויס כלומרשט ווי כמעט אַ זעלבסטשטענדיקער חלק פון דער נאַציאָן און ער פאַרווירקלעכט זיין טייל פון סואווערעניטעט. ער פאַרמאָגט פּאָליטישע רעכט, ער האָט גרונט־זכיות, וועלכע ער קען פאָדערן פון דער נאַציאָן, אַז זי זאָל זיי ניט פאַרטשעפּען. ער איז אַ סוביעקט פון רעכט, ער דערלאַנגט זיינע פאָדערונגען צו דער נאַציאָן, דאָס הייסט אייגנטלעך צו זיך אַליין פּלוס אַלע איבעריקע בירגער, וועלכע האָבן פאַרפליכטונגען. פון דער דריטער זייט, ווייטער, איז ער אַן אָביעקט פון פאַרפליכטונג, ווייל זיין געהאָרכזאַמקייט, לאָיאַליטעט איז באמת אַן אָביעקט פון רעכט פון זיין נאַציאָן, וועלכע איז אָרגאַניזירט אין דער געשטאַלט פון אַ מלוכה.

וואָס פאַר אַ צעטומלעניש! די נאַציאָן בצורת שטאַט איז אַ סוביעקט פון רעכט און פון פאַרפליכטונגען. אָבער דאָס איז אַן אומזין. ווי קען

זי, די נאַציאָן, זיין אַ פאַרפליכטונג־סוביעקט בנוגע צו דעם, וועלכער איז באמת איר אָביעקט, מחויב איר צו געהאָרכן?

דאָס איז אַ צעמישעניש, ניט קלאָר, ניט דייטלעך פעסטגעשטעלטע באַגריפן און פאַרהעלטענישן. די צעמישעניש טראָגט אַריין דער באַגריף „בירגערשאַפט”. דאָס איז אַ כאַאָס פון באַציאונגען און רעכט־באַוואוסט־זיין־צושטאַנדן, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן אויפן וועג, אין גאַנג און דראַנג, אין דעם איינבראָך פון די אַלטע פאָרמעס און אויפריכט פון נייע.

בירגערטום איז אַ היבריד, אַ פאַרמישעכץ, אַ האַלבער קנעכט־אונ־טערטאַן און אַ האַלבע פערזענלעכקייט.

נאָך בירגערשאַפט פאָלגט חבר׳שאַפט, גענאָסנשאַפט.

נאָך גענאָסנשאַפט טרעט אַרויף אומפאַרמיידלעך די פערזענלעכקייט, דער פאַראיין פון יחידים, דער „אינטעראינדיווידואַל”.

די פערזענלעכקייט, באַפרייענדיק זיך פון דער נאַציאָן, וועט פאַר־נעמען איר אָרט אויף דער אַרענע פון פאָליטיק און וועט דעקלאַרירן איר רעכט, נוצנדיק אַן אַלטן אויסדרוק, אויף סאָוועראַניטעט, אַזוי צו זאָגן, אויף זעלבסט־באַשטימונג.

דער וואוקס פון דער פערזענלעכקייט, איר אַוועקגיין פון דער נאַציאָן, פון דער לעצטער אַנטראָפּאָ־פּסיכאָ־סאָציאַלער פאָרמאַציע, אַזוי ווי פון די פאָרדעמדיקע, ווי משפחה, שבט, געמיינדע, ווערט באַדינגט דורכן אָנ־קליב פון כוחות, דורך זעלבסטאויסערונג, זעלבסט־דערקענטעניש. נאָר אויסער דעם זיינען דאָ ספּעציעלע באַדינגונגען, וועלכע צווינגען די פער־זענלעכקייט זיך צוצואיילן, און גיין מיט גרעסערע שריט אויפן וועג פון זעלבסט־אָרגאַניזאַציע.

ד.

רעאַליטעט און פיקציע

אַ נאַציאָן, הגם זי איז אַן אמת׳ע, ממשות׳דיקע רעאַליטעט אין דעם ראַסישן, פּסיכאָלאָגישן און סאָציאָלאָגישן זינען, שטעלט פאָר מיט זיך, פונדעסטוועגן, אַ „פיקציע” אין דעם פּאָליטישן באַדייט. זי איז פיקטיוו מחמת דעם, וואָס זי איז צו גרויס, צו צאָלרייך, און מ׳קען מיט איר ניט אָפּערירן ווי מיט אַן איינס. איר פיקטיוויטעט באַשטייט ניט דערין, וואָס זי איז אַ שם־הקבוץ, און אַזוי אַרום קען איינער זאָגן, אַז עס איז גאָר קיין נאַציאָן ניטאָ, אַז עס עקזיסטירן נאָר מיטגלידער, „זין׳ פון דער נאַציאָן. אַזאַ באַהויפּטונג וואָלט הייסן צוליב די בוימער ניט זען דעם וואַלד. אַזאַ שטאַנדפּונקט איז גרייזיק, ניט ריכטיק און זאָגט עדות וועגן ניט תופס זיין דעם מהות פון נאַציאָן און דעם ניט ווי־געהעריקן אָוועקשטעל פון דעם פּראָבלעם פון דער פערזענלעכקייט.

וואָס אַמבאַלאַנגט נאַציאָן, געזעלשאַפטלעכע אַגענטורן, הן געגעטיש, אָפּשטאַמיש געגומען און הן סטאַטיש און דינאַמיש, איז דווקא דער היפוך, דער פאַרקערטער קוק, ריכטיק. דאָס הייסט, עס איז באין־ספק גע־רעכט און ריכטיק די באַהויפּטונג וואָס זאָגט אונדז, אַז די פּערזענלעכקייט, דער יחיד, איז אַ פּיקציע, אַ פּרואוו פון שפּעפערישן אויסטראַכט, אַ פּראָ־דוקט פון אַנאַליטישער אַבסטראַקציע. די פּערזענלעכקייט קריגן מיר דורכן פאַנאַנדערגלידערן, און ניט, ווי עס האָט געמיינט דער נאַאיווער אינדיווידואַליזם פון 18־טן יאָרהונדערט, אַז די געזעלשאַפט באַקומען מיר אַדאַנק דעם סינטעז. אָבער דאָס איז גערעדט סאָציאָלאָגיש. וואָס איז אָבער שייך דער פּאָליטישער ספערע, איז דווקא פאַרקערט: די פּער־זענלעכקייט, דער איינצלנער, דער יחיד שטעלט פאַר מיט זיך אַן אמת׳ע רעאַליטעט, אַ שטיק מציאות, ער איז אַן איינס, מיט וועלכן מ׳קען אָפּע־רירן. און די געזעלשאַפט, די נאַציאָן, זיינען בפועל־ממש „פיקטיוויטעטן", ניט אין ווינסשאַפטלעכן פשט, נאָר אין פּראַקטישן מיין. אַ נאַציאָן אין פּאָליטיק, אין פּראַקטישער סאָציאָלאָגיע, איז אַ בלויזע פיקציע, איז אַן אויסטראַכט, אַן איינרעדעניש. ווייל אין ממשות עקזיסטירט זי ניט. און אפילו מער, אַ נאַציאָן אין פּאָליטיק איז אַן אָפּנאַר. מען פאַרבייט זי, מען רוקט אונטער אַנשטאָט איר אַלעמאָל עפּעס אַן אַנדער זאַך.

און דער לעצטער אומשטאַנד צווינגט די פּערזענלעכקייט אַרויסצו־טרעטן אויף דער אַרענע. דער וואוקס פון חברה׳שקייט, דער פאַרגרעסער פון ציבור־לעבן, דער צאָל־פאַרמער פון די מיטגלידער פאַראוממעגלעכט לחלוטין דעם אַרויסווייז פון דערווירקלעכער, ממשות׳דיקער צורה פון דער נאַציאָן.

כל־זמן עס איז געווען אַ משפחה, אַ שטאַם, אַ שבט, אַ האָרדע, אַזוי לאַנג ווי עס האָבן עקזיסטירט קליינע געזעלשאַפטלעכע פאָרמאַציעס, זיינען זיי בכוח געווען זיך אויסצולעבן, זיך אויסצואויסערן פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעך, זיך אַרויסווייזן אַקטיוו.

איצטער אָבער מיטן אַרויפקום פון די פילע מיליאָנענדיקע פאָרמאַ־ציעס איז עס אַבסאָלוט אוממעגלעך, און אַנשטאָט דער נאַציאָן טרעטן אַלעמאָל אַרויס אירע געבעטענע אָדער ניט געבעטענע פאַרשטייער, עפּעס „אונטערגעשטעלטע" פּערזאָנען, וועלכע סימולירן דעם ווילן פון דער נאַציאָן, איר באַוואוסטזיין, אירע אינטערעסן, שאַפנדיק ווילנס אָפּנאַרע־נישן, באַוואוסטזיין־רמאות און אינטערעס־פאַרטויש. זיי, די „פאָרשטייי־ער", גיבן אַרויס זייערע אינטערעסן, זייערע פּערזענלעכע אָדער קלאַסן־אינטערעסן פאַר אירע אַלגעמיינע אינטערעסן. דאָס הייסט, זיי נעמען די אינטערעסן פון עטלעכע און פּראָקלאַמירן זיי אַלס די אינטערעסן פון

אַלעמען. זיי ווילן איינשמועסן, אַז דאָס איז דער „אַלגעמיינער אינטערעס״.

כל־זמן עס האָבן עקזיסטירט שטעט־מלוכה׳לעך איז געווען אַ דירעקטע פּאַרוואַלטונג, אַ זעלבסט־פּאַרוואַלטונג. דאָס „פאָלק״ איז אַרויס אויפן גאַס און דאָרטן האָט עס געשאַפן זיינע געזעצן. מ׳האָט ניט געקענט זאָגן, אַז דאָס פאָלק עקזיסטירט ניט. אָט איז ער אויפן אָרט! און דעריבער האָט מען אים ניט געקענט „אָנפּייפן״ פּאָליטיש. ער איז בכוח געווען זיך אויפצוקלייבן און זיך באַווייזן אַלס אַ וועזן, אַלס אַ ממשות׳דיקע זאַך, ער האָט געקענט פּאַרווירקלעכן און דורכזעצן זיין ווילן. מיט דעם דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס אין אַלטן רוים און ספּאַרטע איז געווען מער „פּרייהייט״, מער דעמאָקראַטיזם איידער אין די היינטיקע סאַמע דעמאָקראַטישסטע לענדער.

די דירעקטע באַטייליקונג פון פאָלק אין געזעצגעבונג האָט זיך דאָרטן פּאַרווירקלעכט זייער גרינג. דאָס פאָלק האָט זיך אויסגעאויסערט, אויפקלייבנדיק זיך האָט ער זיך רעאַליזירט אַלס אַ געזעלשאַפטלעכער כוח.

אַזוי־לאַנג ווי די חברה׳שע אַגרעגאַטן זיינען געווען ניט גרויס, האָבן זיי עקזיסטירט אַקטיוו אַלס פּאָליטישע ממשות׳דיקייטן. אָבער אַזוי גיך ווי זיי זיינען אָנגעשוואָלן געוואָרן און זיינען געשטיגן ביז צום ווערן פילע־מיליאָנענדיקע גיגאַנטן, האָבן זיי זיך פּאַרוואַנדלט אין פּאָליטישע פיקציעס. בכדי זיך אויסצואויסערן, דאַרפן זיי אָנקומען צום שאַפן קינסטלעכערהייט אַ „יורידישע פּערזאָן״. זיי זיינען געצוואונגען אַרויסצוטיילן פון זייער סביבה אַ קליינע גרופּע מענטשן און זיי באַטיילן מיט אַלע פּרעראָגאַטיוון פון דער נאַציאָן, פּאַרקערפּערן אין דעם הייפל די גאַנצע נאַציאָן. און אַנדערש האָבן זיי ניט געקענט טאָן, ווייל די נאַציאָן איז צו־גרויס, צו־פיל פּאַרנעמיק, אַז זי זאָל אימשטאַנד זיין זיך צו רעאַליזירן דירעקט. זיי מוזן זיך אָן עצה געבן דורך פּאַרשיידענע יורידישע איבערקליגענישן.

די „יורידישע צורה״ פון דער נאַציאָן, פון פּאָלק, איז ניט קיין אמת׳ע ממש׳דיקע צורה. אָט־דער אומשטאַנד דריקט אויף דער פּערזענלעכקייט און טרייבט זי, אַז זי זאָל וואָס גיכער אַרויסווייזן זיך אַלס אַ פּאָליטישע געזונטע רעאַליטעט, ווייל די נאַציאָן עקזיסטירט דאָך סיי ווי סיי ניט.

און ווי די בורזשואַזיע האָט עס געוואוסט ווי אויסצונוצן די פיקטיוויטעט פון דער נאַציאָן.

די אינטערעסן פון דער נאַציאָן זיינען אַלעמאָל פון דער בורזשואַזיע אויסגעטייטשט געוואָרן אַלס די אינטערעסן פון אַ הייפעלע „אויסדערוויילטע״, וועלכע ווילן אַלעמען איינשמועסן, אַז זיי שטעלן פּאַר מיט זיך די עקאָנאָמישע און יורידישע „צורה״ פון דער נאַציאָן.

די רייכקייט פון דער נאַציאָן האָט אַלעמאָל באַטייט די עשירות פון דעם שפּיץ, פון דעם „אויבן", פון דער קליינער מינדערהייט, וועלכע שטעלט פאַר מיט זיך די נאַציאָן, וואָס איז געוואָרן שוין אַ פיקציע.

דער ווילן פון דער נאַציאָן האָט באַטייט דער ווילן פון אַ קליינער קוואַנטיטאַטיוו נישטיקער, אָבער קוואַליטאַטיוו מעכטיקער גרופּע, וועלכע האָט פאַרגעשטעלט דעם קלענסטן פּראָצענט פון דער נאַציאָן. אָבער דערפאַר איז די גרופּע געווען אַ רעאַליטעט און די נאַציאָן, ווי געזאָגט, איז געווען פּאָליטיש בלויז אַ פיקציע.

די נאַציאָן איז געווען רייך, און די מערהייט פון אירע מיטגלידער האָט געהונגערט, געפרוירן אין קעלט, געלעבט אין גרויס דחקות.

און פון זייער בורזשואַזן שטאַנדפּונקט איז עס געווען ריכטיק, ווייל ניט די מאַיאָריטעט, ניט די פיל־קעפּיקע מאַסע שטעלט פאַר מיט זיך די נאַציאָן, נאָר די ווייניקע „שטאַרקע", מעכטיקע עקאָנאָמיש־פּאָליטיש.

דער אומשטאַנד, דער וואוקס פון פאַרנעם פון דער געזעלשאַפטלע־כער פאָרמאַציע, וועלכע דערגייט צו אַזאַ גרויס, אַז זי ווערט באַרויבט די יכולת דירעקט זיך אַרויסצואווייזן, דיקטירט דער פּערזענלעכקייט זיך צו איילן. שטעלט אַוועק זייער בולט די פּראָבלעם פון דעם יחיד און פאָדערט „עקסטרענע" איר פּאָליטישן פאָרענטפער.

די פּערזענלעכקייט וועט מאַכן אַ סוף צו אַלע רעאַלע פיקציעס און וועט זיך אַרויסווייזן אַלס אַ פּאָליטישע רעאַליטעט, אַלס אַ פאַקטאָר פון חברה'שן אויפטו, וועט זיך דערקלערן אַלס אַ זעלבסטשטענדיקער איינס אין דער ספערע פון קעגנזייטיקע פאַרהעלטענישן, וועט אַרויסטרעטן אַלס אַ פּערזאָן, וואָס איז באַקליידט, נוצנדיק אַן אַלטן טערמין, מיט סואווערעניטעט רעכט.

די פּערזענלעכקייט וועט אַראָפּוואַרפן די נאַציאָן, וועט פאַרנעמען איר אָרט, וועט גרינדן, אַזוי צו זאָגן, אַ „פאַראיין פון פּערזענלעכקייטן"..., אַ פאַראיין, פאַר וועמען די וועלט וועט זיין צו ענג... אַ פאַראיין, וועלכער וועט אַרומנעמען די גאַנצע מענטשהייט.

די אויבערהערשאַפט פון קלאַס איז נאָך אַ גרעסערע פיקציע איי־דער די סואווערעניטעט פון דער נאַציאָן. על כל פנים ניט קיין קלענערע.

אַ קלאַס איז גרויס אין צאָל. מ'קען מיט אים ניט אָפּערירן אין פּאָ־ליטיק, מ'דאַרף אים אַלעמאָל פאַרטוישן אויף „יורידישע פּערזאָנען", וועלכע מ'שטעלט אָנשטאָט די פיזישע, די ממשות'דיקע מענטשן. די „יורידישע פּערזאָנען" האָבן אין זינען זייערע אינטערעסן און ניט די אינטערעסן פון קלאַס.

קען מען דען געפינען אַזעלכע פּערזאָנען, וועלכע זאָלן ניט האָבן קיין אייגענע פּערזענלעכע פּניות? אַזעלכע פּערזאָנען זיינען ניטאָ, און אומ־ווילנדיק קומט פאַר אַזוי, אַז צום אָנהויב פאַרנעמט דעם אָרט פון קלאַס דער מער־באַוואוסטזיניקער טייל זיינער. פון אָנפאַנג ווערט עס געטאָן אין דער אידעאָלאָגיע, דערנאָך גייט עס אַריבער צו פּאָליטיק און עקאָ־נאָמיק. פון דעם מער באַוואוסטזיניקן טייל רוקט מען זיך צום העכסט־באַוואוסטזיניקן מעוט, צו דער פּאַרטיי, צו זיינע „אויסדערוויילטע". אָבער אַ פּאַרטיי, אַלס אַ גאַנצע, איז אויך צו גרויס און פאַרנעמיק. עס איז איר, אַלס אַזעלכער, צו שווער צו ווערן די טרעגערין פון אויבער־מאַכט און אויבער־רייכטום, און מען פאַרבייט זי, ווייטער, מיט יורידישע פּערזאָ־נען — מיט מיטגלידער פון „צענטראַלן קאָמיטעט".

עס חזר'ט זיך איבער די זעלביקע געשיכטע ווי מיט דער „נאַציאָן". די צווייטע פיקציע איז אין אַ געוויסן פּרט ערגער פון דער ערשטער, ווייל די ערשטע פיקציע, די נאַציאָן, האָט אוזורפּירט די פּערזענלעכקייט הויפּטזעכלעך אין דער ספערע פון פּאָליטיק, ווען דער קלאַס, קומענדיק צו דער מאַכט, נעמט אַריין אויך די עקאָנאָמיק, און פאַר דער פּערזענ־לעכקייט, פאַרן יחיד, בלייבט ניט קיין איין געביט וואו ער זאָל זיך קע־נען באַהויפּטן אַקטיוו, זעלבסטשטענדיק.

דעם אָפּשאַף פון שטאַנדן, אַ זאַך, וואָס איז געווען דורכגעפירט אין תחום פון רעכט, האָט מען אַרויסגעגעבן פאַר איינהייטלעכע געזעלשאַפט־לעכקייט, וועלכע מ'האָט אַ נאָמען געגעבן נאַציאָנאַליטעט.

אָנשטאָט דער נאַציאָן האָט פאַקטיש געבאַלעבאַטעוועט אַ הייפעלע מענטשן, וועלכע האָבן פּערזאָניפיצירט די נאַציאָן אַדאַנק פאַרשיידענע פּאָליטיש־יורידישע שפּיצלעך און אויס'מוח'אונגען.

אָנשטאָט דעם קלאַס, שטעלט מען עטלעכע פּערזאָנען, וועלכע שטעלן אים פאַר. דעם אָרט פון קלאַס וועט היסטאָריש, סאָציאָלאָגיש פאַרנעמען דער „טיפּ". אָבער דאָ באַטראַכטן מיר דאָס פּראָבלעם אויס־שליסלעך פון שטאַנדפּונקט פון אינדיווידאָלאָגיע, אַרויסגייענדיק פון דער פּערזענלעכקייט. אַזוי האָבן מיר אויך באַהאַנדלט די פראַגע פון דער נאַציאָן. מיר האָבן זי אַנאַליזירט ניט פון קלאַסן־קוק אויף דער זאַך, נאָר פון דעם איינצלנעם, פון יחיד. און אַזוי אַרום האָבן מיר אויפגעדעקט די סאַמע לעצטע, די טיפסטע סתירות, וועלכע ליגן דאָ פאַרבאַהאַלטע־נערהייט.

אָנשטאָט דער הערשאַפט פון קלאַס, וועט זיך אַלעמאָל באַקומען די געוועלטיקונג פון עטלעכע „פּערזענלעכקייטן", וועלכע פאַרהילן דעם פאַקט, פאַרבאַהאַלטנדיק זייער עגאָאיזם אונטער דעם „צודעקל" פון

קלאַסן־אינטערעסן. מיר וועלן האָבן צו טאָן מיט דער הערשאַפט פון דער קלאַסן־פאַרשטייערשאַפט.

און די היסטאָרישע „מיסטעריעס”, דאַרף מען אָנווייזן, זיינען כמעט ווי אומפאַרמיידלעכע איבערגאַנג פעריאָדן, אומפאַרבייגיקע עטאַפּן אויפן וועג צום פולן אַרויסוווּקס פון דער פּערזענלעכקייט.

ווי דאָס זאָל ניט זיין, אַלעמאָל האָבן מיר אָנשטאָט דעם קאָלעקטיוו געקראָגן בלויז עטלעכע „פּערזענלעכקייטן”, וועלכע האָבן אוזורפּירט דאָס רעכט און מאַכט פון ציבור.

איז דען ניט בעסער צו האַנדלען אָפן? סיי ווי סיי הערשט דער פּרינציפּ פון דער פּערזענלעכקייט, נאָר פון אַ באַגרענעצטער צאָל. זאָלן מיר בעסער פּראָקלאַמירן דעם פּערזענלכקייט־פּרינציפּ אין פּאָליטיק און דעמאָלט וועלן באַשאָנקען זיין מיט דאָס אויבער־רעכט אַלע פּערזענ־לעכקייטן, און זיי וועלן דעמאָלט זיך ניט אויסגעבוירן אין טיראַנען.

„זיי, די פירער, די פאַרשטייער פון קלאַס, וועלן פאַרווירקלעכן ניט זייער ווילן, נאָר דעם ווילן פון קלאַס, ניט זייערע אינטערעסן, נאָר די אינטערעסן פון קלאַס” — דאָס וואָלט וועלן איינווענדן דער אָפּאָנענט.

ווי געזאָגט, זייט־זשע מוחל, עקזיסטירן דען אַזעלכע בלוט און פלייש פערזאָנען, וועלכע זאָלן זיין אינגאַנצן פריי פון זיך אַליין, און זיי זאָלן פאָרשטעלן מיט זיך ניט קיין פיזישע, פּסיכאָלאָגישע רעאַליטעט, נאָר אַן אַבסטראַקציע פון קלאַס, אַ פאַרקערפּערונג פון קלאַס.

אַזעלכע נפשות האָבן קיינמאָל ניט עקזיסטירט. יאָ, זיי וועלן ניט דורכזעצן זייער אייגענעם ווילן אויף אַזוי פיל אָפן, אַז עס זאָל זיך וואַרפן אַלעמען אין די אויגן, זיי וועלן ניט פאַרפאָלגן זייערע אייגענע אַמבי־ציעס אַזוי שרייענדיק, אַז דאָס זאָל שניידן דעם אויער. זיי וועלן עס טאָן שטיל, רואיק, אויף אַן איידעלן אופן. זיי וועלן אַריינלייגן די טומאה אין דער יראה. זיי וועלן פאַררייִדן די ציין, זיי וועלן איינשמועסן דעם עולם, אַז זייערע אינטערעסן זיינען באמת זיינע אינטערעסן, און אַז זייער ווילן איז גאָר ניט זייערער, נאָר דער ווילן פון פאָלק. נאָך מער, וואָס אַלץ קומט פאַר, אַזוי צו זאָגן, אונטערן שוועל פון זעלבסטבאַוואוסטזיין. דאָ איז ניט פאַראַן קיין בייזוויליקייט. די „פאַרשטייער” גלויבן באמת, אַז זיי זיינען די „זאַלץ” פון דער וועלט, און זיי זיינען זיך מקריב פאַר דעם קאָלעקטיוו, וועלכן זיי פאַרטרעטן. זייער סוביעקטיווער אַלטרואיזם איז דער גרעבסטער אויסגעהאַלטנסטער עגאָאיזם. פאַרטיידיקנדיק זייע־רע אייגענע אינטערעסן, זיינען זיי טיף איבערצייגט, אַז זיי זיינען אויסן דעם טובת הכלל, פשוט דערפאַר, ווייל זיי פעלט דאָס באַוואוסטזיין פון דאָס ניט־צוזאַמענפאַלן פון זייערע אינטערעסן מיט די ברייטערע באַ־

דאַרפֿן פֿון ברייטן ציבור. אַזוי האָבן געמיינט, געטראַכט און געהאַנדלט אַלע הערשער, אַלע פּיזישע פּערזאָנען, וועלכע האָבן פֿאַרגעשטעלט מיט זיך יורידישע פּערזאָנען פֿון פֿעלקער קאָלעקטיוון.

אַזוי איז עס אַלעמאָל געווען, און אַנדערש האָט עס ניט געקענט זיין. כּל־זמן „דאָס יורידישע" וועט זיך ניט באַפֿרייען פֿון „דאָס פּיזישע", וועט ניט ווערן קיין ריינע אַבסטראַקציע. אַ זאַך, וואָס קען ניט געשען אַזוי־לאַנג, ווי מאַטעריע און קערפּער זיינען ניט קיין גייסט און באַגריף.

עטלעכע פּאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן מיט דער כּוונה צו באַ־פֿרייען די „יורידישע פּערזאָנען" פֿון אַל־דאָס ערדיקע, מגושמ'דיקע און עגאָאיסטישע. אָבער די געשיכטע, די איינגעשפּאַרטעווירקלעכקייט, האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון אַלע אומזיסטע־אומנישטע פּרוואוון.

די קאַטוילישע קירכע האָט פֿאַרבאָטן אירע דינער, פּריסטער, חתונה צו האָבן, בכּדי זיי זאָלן ניט פֿאַרמאָגן קיינע פֿאַמיליען פֿאַרבינ־דונגען, זיי זאָלן זיך קענען איינגאַנצן אָוועקגעבן דעם פֿאָלק, דער קהלה, וועלכע זיי דינען.

און צו וואָס האָט געפֿירט דער עקספּערימענט?

ער האָט געגעבן פֿאַרקערטע רעזולטאַטן. די ערגסטע פּריסטער־שאַפֿט איז די קאַטוילישע. זיי האָבן געבראַכט דעם פֿאָלק מער שאָדן ווי אַלע אַנדערע. און דער פּלאַן פֿון דעם גריכישן פֿילאָזאָף פּלאַטאָן, אַז דער הערשער קלאַס זאָל ניט פֿאַרמעגן ניט קיין אייגנטום און ניט קיין פֿרויען — צו וואָס וואָלט ער ברענגען, אויב מ'וואָלט אים ערגעץ־וואו אָנגעווענדט? ער וואָלט געבן נאָך ערגערע רעזולטאַטן.

קעמפֿן קעגן דער ווירקלעכקייט, קעגן דער עגאָאיסטישקייט פֿון דער קאָנקרעטער פּערזאָן, וועלכע שטעלט פֿאָר מיט זיך, על־פּי אַ היסטאָרי־שער מיספֿאַרשטענדעניש, גאַנצע געזעלשאַפֿטלעכע גרופּן, הייסט מלחמה האַלטן מיט אַ שטורעם, ראַנגלען זיך מיט די עלעמענטן, באַקעמפֿן דעם עגאָאיזם פֿון אַ גרופּע, וועלכע פּערזאָנאָפֿיצירט אַ קלאַס, אַ נאַציאָן, מיט אַזעלכע קינדערשע מיטלען, ווי פֿאַרווערן זיי חתונה האָבן, ניט דערלאָזן זיי האָבן קיין אייגנטום — האָט געקענט מער ניט ווי די פּאַרצייטיקע תּמימות.

אַ קלאַס, אַלס אַ פּאָליטישעס גאַנצעס, איז אַ פֿיקציע, אים ווען אַלע־מאָל פֿאַרבייטן קאָנקרעטע פּערזאָנען, „עגאָאיסטן", אַ גרופּקע מענטשן לעבעדיקע, פּיזישע, בלוט און פֿלייש פּערזאָנען, און זיינע אינטערעסן וועלן ווערן פֿריער אָדער שפּעטער פֿאַרביטן מיט די אינטערעסן פֿון דעם הייפֿל פֿאָרשטייער. און אַפֿילו גלייך פֿון אָנהויב מיינען זיי זייערע אינטע־רעסן ווען זיי רעדן מכלומרשט וועגן זיינע אינטערעסן. דאָס איז נאָר אַ

פראַגע פון דער מאָס. דאָס באַוואוסטזיין פון קלאַס וועט ווערן פאַרדולט, זיין ווילן וועט ווערן צעבראָכן, זייער ווילן וועט הערשן און געוועלטיקן.

אַ קלאַס איז אַ פיקציע, אים פאַרבייטן פערזאָנען.

אַ קלאַס, בכדי ער זאָל קענען פאַרווירקלעכן זיין הערשאַפט, דאַרף דאָך שאַפן אָרגאַנען, מיט דער הילף פון וועלכע ער זאָל קענען דורכזעצן זיין ווילן, זיין ממשלה.

אַ קלאַסן־מלוכה, ווי יעדע מלוכה, פאָדערט אַן אָרגאַניזאַציע, אַ מלוכה׳שע אָרגאַניזאַציע. אַ קלאַסן־שטאַט, ווי יעדער בורזשואַזער שטאַט, פאַרמאָגט דאָך ניט קיין „נאַטירלעכן", „פסיכאָלאָגישן" ווילן. זיין ווילן, זיין „מאַכט", איז דער ווילן פון איינצלנע פיזישע פערזאָנען, פון איינצלנע אינדיווידן, וועלכע ווערן קאָמבינירט אויף אַ געוויסן אופן, און אַזוי אַרום וועט די קלאַסן־מלוכה ווערן פאַרקערפערט אין אירע אָרגאַנען. די אָרגאַנען זיינען אַ טייל פון דער מלוכה. אַלע אָרגאַנען, גענומען צוזאַמען — דאָס איז די מלוכה. די אָרגאַנען דינען ניט די אינטערעסן פון דער מלוכה, ריכטיקער, ניט אַלע יענע, וועלכע דינען דער מלוכה, זיינען אירע אָרגאַנען. דינסט דריקט ניט אויס דעם מהות פון אַן אָרגאַן. דער מלוכה דינען זעלנער, רויטע אַרמייער, אָבער זיי זיינען ניט קיין מלוכה־אָרגאַנען. אָרגאַנען בילדן דעם ווילן פון דער מלוכה, שאַפן די יורידישע אַקטן, דער סך־הכל פון וועלכע שטעלט צוזאַמען די יורידישע טעטיקייט פון שטאַט. זיינען די אָרגאַנען ריינע אַבסטראַקציעס? אַ האָר ניט, זיי זיינען עכט ממשות׳דיקע וועזנס.

ווען מ׳רעדט וועגן אַן אָרגאַן, דאַרף מען באַשטימען זיין צוזאַמענשטעל. אַן אָרגאַן באַשטייט פון פיזישע פערזאָנען, וועלכע זיינען באַשאָנקען מיט באַזונדערע רעכט.

ווען מיר רעדן דאָ וועגן די אָרגאַנען, האָבן מיר אין זינען די דירעקטע אויבער־מעכטיקע אָרגאַנען פון מלוכה, אָן וועלכע קיין שטאַט קען זיך ניט באַגיין.

די אויבערשטע אָרגאַנען שטעלן זיך צוזאַמען פון פערזאָנען, וועלכע זיינען באַקליידט מיט זכיות. די פערזאָנען זיינען רעכט־סוביעקטן, סוביעקטיווע רעכט, ווי באַוואוסט, לויט דער דעפיניציע פון יערינג׳ן, איז אַן אינטערעס פאַרטיידיקט דורך דעם געזעלשאַפטלעך אָנערקענטן אָביעקטיוון רעכט. אמת, דאָ באַטייט יורידיש דער וואָרט „אינטערעס", ניט דעם אינטערעס פון דער פערזאָן, וועלכע גייט אַריין אין באַשטאַנד פון שטאַט, נאָר דעם אינטערעס פון דער מלוכה. אָבער ווער האָט דאָס רעכט צו באַשטימען, פעסטצושטעלן דעם „געזעלשאַפטלעכן אינטערעס".

מיר האָבן דאָך דאָ צו טאָן ניט מיט קיין אַקסיאָמעס. מיר פאַרנעמען

זיך דאָ מיט זייער וואַקלדיקע פּאָליטישע באַגריפן. אין וואָס ליגט דער געזעלשאַפטלעכער אינטערעס? אינטערעס מיינט דאָ דער וואוילשטאַנד פון דער געזעלשאַפט. וועגן אַזאַ ענין ווערן קיינמאָל ניט פאַרשוויגן די וויכוחים, די טענות און מענות. יעדע גרופּע פאַרשטייט די זאַך אויף איר אופן, אַמאָל האָבן אפילו איינצלנע פּערזאָנען זייערע אייגענע השגות מכוח דעם וואוילשטאַנד פון דער חברה, וועגן אירע אינטערעסן.

אמת, די באַטראָפענע פּערזאָן, וואָס איז באַשאַנקען מיט סוביעקטיוון רעכט, פאַרמאָגט אַ פאַרטיידיקטן אינטערעס ניט פון אַ פּערזענלעכן, נאָר געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

אָבער ווער באַשטימט דעם אינטערעס? ווייטער דאָך דער זעלביקער אָרגאַן, ווייטער דאָך די זעלביקע פּערזאָן אין איינצאָל אָדער מערצאָל. אַזוי אַרום זיינען גערעכט די יוריסטן, וועלכע שמועסן וועגן סוביעקטיווע רעכט פון די פיזישע פּערזאָנען פון די דירעקטע אָרגאַנען, ווייל עס איז גענוג צו האָבן די יכולת אָנצואווייזן, באַשטימען, פיקסירן דעם געזעלשאַפטלעכן אינטערעס, בכדי דורך דעם גופא זאָל ווערן פאַרטיידיקט דער אייגענער אינטערעס, מחמת דעם, וואָס דאָ פאַלט צוזאַמען, עפּעס ווי פון זיך אַליין, דער „פּערזענלעכער אינטערעס", וועלכער באַשטייט אין אָפּזוכן און אויפדעקן דעם געזעלשאַפטלעכן אינטערעס, מיט דעם פּער־זענלעכן אינטערעס בעצם, און דער געזעלשאַפטלעכער אינטערעס ווערט אידענטיפיצירט מיט דעם פּערזענלעכן. ביי די געגעבענע פּער־זאָנען, ביי די דירעקטע אָרגאַנען, קומט פאָר אַ צונויפמיש פון דאָס פּער־זענלעכע און דאָס געזעלשאַפטלעכע, ווייל די געגעבענע פּערזאָן ווערט אַ געזעלשאַפטלעכע פיגור, און די באַטראָפענע געזעלשאַפט, וואָס איז שייך אַ געוויסער ספערע פון אינטערעסן, ווערט פאַרוואַנדלט, אַזוי צו זאָגן, אין אַ פיזישער פּערזאָן.

די אָרגאַנען פון קלאַסן־הערשאַפט באַשטייען פון לעבעדיקע קאָנ־קרעטע פּערזאָנען, און דאָס איז גענוג, אַז פון זייער „קלאַסן־פּאָליטיק" זאָל גאָרניט ווערן.

דער קלאַס — ווי יענער פויער אין דער פאָלקס־מעשה, וואָס בייט־אויס זיין געפונענעם אוצר און לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער און ני־דעריקער, ביז עס בלייבט אים פון גאַנצן שאַץ בלויז אַ נאָדל — קאָנ־קרעטיזירט זיך פּאָליטיש, רעאַליזירט און פאַרקערפּערט זיך אין אָרגאַני־זאַציע־פאָרמען, און בזה האופן דערגייט ער צו איינצלנע פּערזאָנען, צו „קלאַסן־פּערזענלעכקייטן", דאָס הייסט, צו פּערזענלעכקייטן, וועלכע שטעלן פאָר פּאָליטיש דעם קלאַס, אויספירן זיין ווילן און זיינע אינ־טערעסן.

עס קומט פאַר די זעלביקע מעטאַמאָרפאָזע, פאַרשטעלעניש, וואָס מיט דער נאַציאָנאַלער מלוכה. אַנשטאָט דעם פאָלק, אָדער קלאַס, וועט זיך אַלעמאָל אַוועקשטעלן אַ ווילנספולע „גענױאַלע״ פּערזענלעכקייט, וועלכע וועט איינשמועסן, אין דעם נאַציאָנאַלן שטאַט, אַז זי איז די פאָרשטייערין פון דער נאַציאָן, אין דעם קלאַסן־שטאַט, אַז זי איז די פאָרשטייערין־אויס־דריקערין פון קלאַסן־זעלבסט־באַוואוסטזיין און קלאַסן־אינטערעס.

אַזוי לאַנג ווי עס הערשט דער קלאַס, קען ניט יענער, וועלכער אַנערקענט, אַז דער קלאַס דאַרף שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָלע, אַנער־קענען די פּערזענלעכקייט, מחמת דעם, וואָס דער קלאַס, אַלס אַ וועזן פון אַ העכערן סדר, האָט דאָס „רעכט״ זיך צו פאַרשאַפן מיטן איינצלנעם.

קיינער קען דאָך ניט זאָגן, אַז אַ קלאַס איז מער ניט ווי אַ נאָמען פאַר אַ קיבוץ, אַ באַוואוסטזיניקע, אָרגאַניזירטע ווילנספּוליקע פאַראײ־ניקונג פון זעלבסטשטענדיקע יחידים.

און מ׳דאַרף בכלל גאָר ניט זיין קיין אָנהענגער פון דער אָרגאַנישער לערע, בכדי עס ניט צו באַהויפּטן. מ׳דאַרף דאָ אורטיילן עקאָנאָמיש־פּאָליטיש און ניט ריין סאָציאָלאָגיש.

עקאָנאָמיש־פּאָליטיש דאָמינירט דער קלאַס, הויפּטזעכלעך אונטער דעם רעזשים פון אַ דיקטאַטור. דער קלאַס איז בילכער פון דער איינצלנער פּערזענלעכקייט. היוצא, אַז דער קלאַס, אין אַט־דעם פּרט, איז ווי די נאַ־ציאָן. ער געוועלטיקט איבער דער פּערזענלעכקייט, איבער זיין מיטגליד. ער גדול׳ט זיך איבער דעם איינצלנעם מענטשן.

די פּערזענלעכקייט, אַלס אַזעלכע, ווען זי קומט צו זיך, צום באַ־וואוסטזיין, קען ניט אַנערקענען די „גערעכטלעכקייט און גערעכטיקייט״ פון קלאַס.

די פּערזענלעכקייט מוז אַריבערשפּרייזן איבער דעם קלאַס, אים לאָזן הינטער זיך אויף איר וועג צו איר אויפגאַנג.

.18

די אידנשאַפט — כנסת ישראל

א.

אינטעראינדיווידועלע פאָרמאַציע

איצט, נאָכדעם ווי מיר האָבן היפש־ברייטלעך אַרומגערעדט דעם ענין נאַציאָן, קלאַס און פּערזאָן, וועלן מיר צוגיין צו דעם סאָציאַל־אידישן פּראָבלעם. מיר וועלן אָנהויבן מיט אַ פראַגע:

איז די אידנשאַפט אַ געוויינטלעכע נאַציאָן, אַ נאַטירלעך־סאָציאַלע פאָרמאַציע, אין וועלכער דער יחיד ווערט פאַרלוירן, ווערט בטל באלף, ווי דער פאַל איז מיט יעדער נאַציאָן? מיט אַנדערע ווערטער, איז דאָס אידיש פאָלק אַ פאָלק צוגלייך מיט אַלע איבעריקע פעלקער? און אויב יאָ אַזוי, דאַרפן מיר, אידן, נאָכמאַכן די ניט־אידן, נאָכטאָן די פירונגען און האַנדלונגען פון די אומות־העולם. מיר דאַרפן אימיטירן זייער נאַציאָנאַליזם, איבערנעמען זייערע נאַציאָנאַלע לערעס און זיך באַמיען איינשאַפן ענלעכע צו זייערע וועלטלעכע אינסטיטוציעס, אויף וויפיל עס לאָזט זיך נאָר. אַזאַ אימיטאַטאָרישע ריכטונג איז דאָ אויף דער אידישער גאַס, זי איז פאַרטראָטן פון ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און זיינע חסידים.

אויף דער נאָר וואָס געשטעלטער פראַגע האָט דער נביא יחזקאל מיט טויזנטער יאָרן צוריק געענטפערט מיט אַ קאַטעגאָרישן ניין. ווי עס איז צו זען, האָט אָ־די פראַגע צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אידישע דענקער נאָך אין קדמונים. און שוין אין אַלטערטום זיינען געווען „אידעאָלאָגן״, וועלכע האָבן געהאַלטן ווי אונדזערע הייַנטיקע אויסגע־שפּראָכענע וועלטלעכע נאַציאָנאַליסטן.

אָט ווי דער נביא דריקט זיך אויס:

„דאָס, וואָס גייט אַרויף אויף אייער גייסט — זיין וועט עס ניט זיין, דאָס וואָס איר זאָגט: מיר וועלן זיין ווי די פעלקער, ווי די פאַמיליעס פון דער ערד״ (יחזקאל כ׳, ל״ב).

דער פרומער טראַדיציאָנעל־פאַרוואָרצלטער איד איז געווען איבער־צייגט, אַז די אידנשאַפט איז אַן אויסנאַם, אַ חד בדרא. זי איז ניט גע־בויט ווי אַלע אַנדערע נאַציאָנען. די אידן זיינען אַנדערש פון די גויים, און ישראל־פאָלק איז ניט גלייך צו די איבעריקע אומות.

דער חומש ווידערהאָלט דעם געדאַנק פון אַן אָפּמאַך, פון אַ בונד, אַ „ברית". ווען מ'דריקט אויס דעם אייגענעם רעיון פון חומש אין היינט־צייטיקע סאָציאָלאָגישע טערמינען, מיינט עס, אַז דער חומש האַלט, אַז דאָס אידישע פאָלק, אין אונטערשייד פון אַנדערע פעלקער, איז אַן אינ־טעראינדיווידועלע פאָרמאַציע. אידנשאַפט איז אַ גרופּירונג, וועלכע האַלט זיך אויף אַ צווישנפּערזענלעכן קאָנטראַקט, וועלכן רוסאָ און די איבעריקע סאָציאַל־פילאָזאָפן און יוריספּרודענטן פון דער נאַטור־רעכט־שולע האָבן על־פּי אומפּינקטלעכקייט באַצייכנט אַלס „סאָציאַלן קאָנטראַקט".

דאָס מיינט צו זאָגן, אַז די אידנשאַפט שטעלט זיך צוזאַמען פון באַוואוסטזיניקע יחידים, פון איינצלנע פּערזאָנען, וועלכע אָנערקענען אַ תורה, וועלכע האָבן אָנגענומען אַ געוויסע לערע, אַ באַשטימטן וועלט־באַנעם. אַ באַשטימטע צאָל רייפע, זעלבסט־שטענדיקע יחידים האָבן פאַר־מירט, מיט זייער אייגענעם ווילן, אַ געוויסן געזעמל, אַ כנסת ישראל. דאָס ישראל־פאָלק האָט זיך פאַרזאַמלט, האָט זיך צונויפגענומען מיט אַ באַשטימטן פּלאַן, מיט אַ באַשטימטער כוונה. די אידנשאַפט האַלט זיך, קאָנצענטרירט זיך אַרום אַ רעליגיעז עטישער אינסטיטוציע, וועלכע האָט איר סאַנקציע אין אַ יהוה, אין אַן „איך־ער" פאַרבינדונג, אַ פאַרקניפּונג פון אַ יחיד מיט אַ יחיד. דאָס ישראל־פאָלק איז אַן אויסדערוויילט פאָלק, אַ ציבור, וועלכן די יחידים האָבן אויסדערוויילט, צו וועלכן די יחידים זיינען צוגעשטאַנען, אין וועלכן זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן און אַזוי אַרום געשאַפן במחשבה תחילה אָט־דעם ציבור. זיי האָבן פאַרמירט זייער גע־מיינשאַפט דורך אַן אַקציע פון אַפּקלייב און אויסקלייב.

„היינט צו טאָג ביסטו געוואָרן אַ פאָלק צו יהוה דיין אלהים" (דברים כ"ז, ט'). יהוה, באַדייטנדיק „איך־ער", אַנטהאַלט אין זיך אויך אַ סאָ־ציאָלאָגישע לערע און דריקט אויס דעם עצם מהות פון דער קאָנסטרוקציע פון ישראל, וועלכער איז געפורעמט לויט דעם מוסטער און דאַקטרין פון „איך־ער", פון צווישן־פּערזענלעכע, צווישנאיינצלנע פאַרהעלטענישן.

אויף דעם נאַטירלעכן אַנטוויקלונגס־שטייגער קומט דער ציבור פאַרן יחיד. דער נאַטירלעכער ציבור איז ווי אויסגעוואַקסן פון איין שטיק, מאָ־נאָליטיש; ער איז ניט קיין סינטעטישע פאָרמאַציע, ער איז ניט קיין צוזאַמענגעם פון יחידים. און דעריבער קומט פאַר אין אים אַ פּראָצעס, וואָס איז געווענדט פון רבים צום יחיד, דאָס הייסט, ער נעמט אַלץ מער און מער זיך פאַנאַנדערלייגן אויף זיינע באַשטאַנד־טיילן, די אינדיווידן, און צום סוף לויערט אויף אים דער פאַנאַנדערפאַל.

און דעריבער זיינען טאַקע אַלע נאַציאָנען פאַר'משפט צום אונטער־גאַנג. אַ דיססאלוציע־פּראָצעס מוז זיי פאַנאַנדערלייגן, צעגלידערן,

צעעסן. זיי קענען עקזיסטירן אַלס סאָציאַלע פֿאָרמאַציעס בלויז כּל־זמן זייערע יחידים געפֿינען זיך אין אַן עובֿר־צושטאַנד, אין אַן עמבריאָנעלן מצבֿ, אַזוי לאַנג ווי זיי באַגרייפֿן זיך ניט אַלס פערזענלעכקייטן. ווי נאָר זייערע מיטגלידער נעמען זיך אַנטוויקלען, קריגן פערזענלעכקייט־באַוואוסטזיין, מוזן די באַטרעפֿנדיקע נאַציאָנען אָנהייבן צעפֿאַלן צו ווערן. נאַטירלעך, נעמען זיי אָן דראַסטישע מיטלען קעגן אָט־דער פֿאַטאַלער עווענטואַליטעט. זיי באַמיען זיך מיט כּל־הכּוחות צו פֿאַרטונקלען, פֿאַרשרייען, פֿאַרטומלען, באַרוישן זייערע איינצלנע מיטגלידער אַזוי, אַז זיי זאָלן קיינמאָל צו זיך ניט קומען. זיי זאָלן זיך ניט דערוואַגן צו טראַכטן וועגן זיך אַלס אומאָפּהענגיקע פערזענלעכקייטן, אַלס ממשות'דיקע מהות'ן. דער בעסטער מיטל פֿאַר דער צונישט־מאַכונג פֿון דעם אויפֿשפּראָצנדיקן פערזענלעכקייט־באַוואוסטזיין איז מלחמה־פֿירעריי. בשעת אַ מלחמה ווערן די יחידים פֿון דעם קריגנדיקן פֿאָלק אינגאַנצן פֿאַרזונקען אין ציבור. זיי ווערן זיך אָן אין אַלגעמיינעם קאָלעקטיוו־באַוואוסטזיין. די ווילנס פֿון די איינצלנע ווערן בטל, ווי קיינמאָל גאָרניט געווען, לגבי דעם אַלגעמיינעם ווילן פֿון דער נאַציאָן, פֿון דעם שבֿט. זייערע לעבנס, אַלס יחידים, פֿאַרלירן זייער ווערט. זיי ווערן אויפֿגעאָפּפֿערט אויפֿן אַלטאַר פֿון דער גאַנצקייט, פֿון דעם פֿאָלקסטום, פֿון דער ראַסע. און מלחמות ווערן, מהאי טעמא, געפֿירט מיט אַזאַ ברענענדיקן חשק, מיט אַזאַ אומבאַגרייפֿלעכער תּאווה, פֿון די נאַציאָנען, ביי וועלכע די יחידים ווילן זיך אָפּרייסן, אָראָפּרייסן פֿון דער געמיינשאַפֿט־קייט.

מיט דעם דערקלערט זיך דער פֿאַקט, וואָס נאָך יעדער מלחמה ווערט דער נאַציאָנאַלער געפֿיל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער ביי די אימפּעריאַליסטישע קריגערישע פֿעלקער. אָט־די מעדיצין פֿון בלוט־לאָזונג, בלוט־אָפּצאַפּונג גיט זיי אַלעמאָל די געווינטשטע רעזולטאַטן. די יחידים ווערן צעטראָטן אונטער די פֿיס פֿון די מאַרשירנדיקע האָרדעס. אַזוי איז געווען דער פֿאַל נאָך די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות. אַזוי איז עס געווען נאָך דער וועלט־מלחמה פֿון 1914—1918, און אַזוי וועט עס אָן ספֿק זיין נאָך דעם איצטיקן וועלט־קריג, וועלכער וועט פֿאַרטונקלען מיט זיין ברוטאַליטעט און מענטשנאויסקוילעריי אַלע פֿאַרדעמדיקע בלוט־בעדער פֿון דער געשיכטע.

אויך דער שטאַט־סאָציאַליזם, אָדער טאָטאַליטאַרער שטאַטיזם, אַן אויסטראַכט פֿון פּרייסישן יונקערטום, אַ פּראָדוקט פֿון דייטשן קאַזאַרמעגייסט און סאָלדאַטעריי, איז געשאַפֿן געוואָרן מיט דער אויסגעשפּראָכענער כּוונה אַנטקעגן צו ווירקן די אינדיווידואַליסטישע טענדענצן פֿון דער דעמאָקראַטיע, טענדענצן, וועלכע זאָגן עדות מכּוח אַן אָנפֿאַנגלעכער

אויפוואַכונג פון דעם פּערזענלעכקייט־באַוואוסטזיין, וואָס ווערט רעפּרע־זענטירט, צו אַ געוויסער מינימאַלער מאָס, אין דער עקאָנאָמישער אינ־סטיטוציע פון פּריוואַט־אייגנטום און אין דעם פּאָליטישן אַנשטאַלט פון אוניווערסאַלע וואַלן און פּאַרלאַמענטאַריזם. און אַט־די ביידע אינסטיטו־ציעס זיינען טאַקע אַ דאָרן אין זייט פון די הונדערט־פּראָצענטיקע קאָ־לעקטיוויסטן, סיי ווען זיי פּריידיקן די דיקטאַטור פון דער נאַציאָן און איר גייסט־געזאַלבטן פירער, סיי ווען זיי פּאַרשפּרייטן די אידייע פון דער דיקטאַטור פון דעם פּראָלעטאַריאַט, דעם „קלאַס" און זיין באַוואוסט־זיניקן פירער.

די נאַציאָנאַלע פּאָרמאַציעס ציטערן, ווי אַ שד פאַר ווייראוך, פאַר דעם מאָמענט, ווען דער איינצלנער וועט זיך אויפוואַכן פון זיין טויזנט־יאָריקן שלאָף און וועט נעמען פאָדערן זיין רעכט אויף זעלבסט־באַשטימונג. דער אויפוואַך פון יחיד מוז פירן צום אומפאַרמיידלעכן אויפלייז פון דער סאָ־ציאַל־נאַציאָנאַלער קערפּערשאַפט.

„מענטשן זיינען ניט געווען פאַרדעם אינדיווידן און דערנאָך מיט־גלידער פון דער געזעלשאַפט. בלויז אין דער געזעלשאַפט זיינען זיי גע־וואָרן אינדיווידן" 1). „מענטשן עקזיסטירן ניט אַלס איזאָלירטע איינסן, נאָר אַלס מיטגלידער פון אַ משפּחה אין זייער היים; אַלס פּריינט אין אַ גרופּע; אַלס טיילן פון דער, יענער אָדער אַנדער „טשערעדע" מיט אַ גוט־באַקאַנטן היסטאָרישן אורשפּרונג" 2). „אין קעגנזאַץ צו דער אידייע, אַז דער אינ־דיווידו איז דער פאָטער פון דער געזעלשאַפט, באַהויפּטן מיר, אַז די געזעלשאַפט איז געווען די מוטער פון דעם אינדיווידו" 3).

(זע, אבא גאָרדין, אידישער וועלט־באַנעם, ז"ז 109—112).

דאָס איז אַלץ גערעדט וועגן אַ נאַטירלעכן סאָציאַלן אָרגאַניזם. די אידישע קערפּערשאַפט איז אָבער אַ „דערפונדענע" פאָרמאַציע, וועלכע האַלט זיך אויף אַ „בונד", אויף אַ מין קאָנטראַקט, דעריבער איז זי גע־בויט אויפן יחיד, אויפן צוזאַמענגעם פון אינדיווידן. די אידישע „סאָ־ציאָלאָגיע" איז באמת אַן „אינטעראינדיווידואַלאָגיע"; אַ פאַרבאַנד פון

---

1) R. M. Maciver, Society, Its Structure and Changes, p. 20. New York, 1931.

2) Karl Jaspers, Man In The Modern Age, p. 42, London, 1933.

3) Tom Swan, Fraternity and Evolution, p. 21, London, 1926.

איינצלנע, באַוואוסטזיניקע פּרטים*) — דאָס איז דער אידישער „כלל־ישראל", וועלכער איז אַ „כלל", אַ פּאַראַלגעמיינערונג, אַ צוזאַמענבונד פון אינדיווידועלע איינצלהייטן. און דאָס זאָגט דער חומש בראשית מיטן גע־וויכטפולן פּסוק: „ואעשך לגוי גדול" (בראשית י״ב, ב׳). פעלקער, אין אַלגעמיין, וואַקסן אויס ווי פון זיך אַליין. זיי ווערן ניט געמאַכט, זיי ווערן ניט דערפונדן; אַנדערש איז אָבער דער אורשפּרונג פון דער אידישער קערפּערשאַפט, וועלכע איז ניט קיין געוויקס, קיין וועגעטאַציע. אברהם ווערט אויסגעוואָרצלט פון זיין סביבה, פון זיין געבורטס־פּלאַץ, פון זיין פאָטערס הויז, און ער ווערט גענומען אַלס אינדיוויד, און פון אים ווערט פאָרמירט אַ נאַציאָן אויף אַ באַוואוסטזיניקן אופן. „לך־לך מארצך וממולדתך ומבית־אביך — ואעשך לגוי גדול"... דעריבער קומט פאָר דער אַנטוויקלונגס־גאַנג אין דער אידישער קערפּערשאַפט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג: עס גייט ניט פון רבים צום יחיד, נאָר פון יחיד צום רבים. דער אויסגאַנגס־פּונקט אין דער אידישער פאָרמאַציע, ווי אויך אין דער אידישער אידעאָלאָגיע, איז דער יחיד און דער אַריינגאַנג־פּונקט, דער צוריקקער, איז דעריבער דער רבים. דערפאַר וועט די אידישע קערפּערשאַפט, וועלכע איז געבויט אויף אינטעראינדיווידועלע יסודות, קיינ־מאָל ניט פאַנאַנדערפאַלן. מיט דעם גאַנג פון דער אַנטוויקלונג ווערט זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער.

וואָס מער די יחידים און זייער געוואָרזיין פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט און פליכט ווערן אַנטוויקלט, וואָס מער רעליגיעז־עטיש, תורה־באַוואוסט־זיניק זיי ווערן, אַלץ שטאַרקער ווערט דער אידישער ציבור. וואָרום די כנסת ישראל איז אַ טאָטאַלע סומע, אַ סך־הכל פון איינצלנע אידן. און פון דעם געוויכט, ווערט און חשיבות פון די יחידים הענגט אָפּ דער געוויכט, ווערט און חשיבות פון דעם אידישן כלל.

אָט־די פאָרמאַציע קען ניט צעפאַלן ווערן, דער נאַטירלעכער גאַנג פון דער געשיכטע קען איר דאָס לעבן ניט נעמען. פאַרקערט, מיט דעם ווייטערן גאַנג פון דער געשיכטע ווערט די צוזאַמענגעקלעפּטקייט פון די יחידים, די צענטריפּעטאַליטעט, דאָס צום־צענטער־ציען פון ישראל אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. דער כל־ישראל־חברים געפיל וואַקסט, ווערט שאַרפער, קאַטעגאָרישער.

די אידישע פאָרמאַציע קען אויך ניט צעבראָכן ווערן דורך דער

*) זע, אבא גאָרדין, אידישקייט ז״ז 180—181

„ „ „ אידישער וועלט באַנעם ז״ז 197—207.

בייזוויליקייט פון די שונאי־ישראל. די כנסת־ישראל באַשטייט פון זעלבסטשטענדיקע יחידים. יעדער איינער אַנטהאַלט אין זיך דעם גאַנצן מהות פון דעם וועזן פון כלל. דעריבער קען דער כלל ניט פאַרטיליקט ווערן, סיידן דעם שונא זאָל געלינגען אומצוברענגען, חס־ושלום, אַלע אידישע יחידים. ווי נאָר אַ פּאָר יחידים וועלן זיך ראַטעווען פון עקס־טערמינאַציע, וועלן זיי אויפדאַסניי אויפריכטן דאָס הויזגעזינד פון ישראל. די שארית־הפלטה, וועלכע ווערט ניצול, איז מציל די אידנשאַפט אַלס עפּעס גאַנצעס, אַלס אַ באַזונדערן אייגנאַרטיקן מהות.

אַט־דעם געדאַנק מכוח דער ווידערגעבורט פון ישראל דורך זיינע יחידים, געפינען מיר ביי די חכמי־התלמוד, וועלכע האָבן זייער טיף באַגריפן די אידיש־סאָציאָלאָגישע סטרוקטור.

לאָמיר איבערלייענען מיט קאָפּ און סאָציאָלאָגישער פאַרשטענ־דעניש דעם שפּרוך: „ווער עס האַלט אויף איין זעל פון ישראל, איז ווי ער וואָלט אויפהאַלטן אַ פולע וועלט". עס רעדט זיך דווקא וועגן אַ זעל פון ישראל, וועגן אַ מיטגליד פון דער אידישער אינטעראינדיווידועלער פאָרמאַציע. איין זעל, איין יחיד פון ישראל, ווען ער ווערט אויפגעהאַלטן, ווערט די פולע אידישע וועלט אויפגעהאַלטן. ווען איין איד־אינדיוויד האָט אַ קיום, קריגט די גאַנצע אידישע וועלט אַ קיום. ווייל די אידיש־קייט־באַוואוסטזיניקע פערזענלעכקייט איז ניט איין צעל אין אַן אָר־גאַניזם, נייערט ער איז דער גאַנצער אָרגאַניזם אין מיניאַטור. ער איז געגליכן צו אַ קערנדל זריעה, צו אַ זוימען, פון וועלכן אַ גאַנץ געוויקס וואַקסט אַרויס.

אַן אַנדערע פאָרמאַציע, אַ סאָציאַלע קערפּערשאַפט קען לייכט פאַר־ניכטעט ווערן, ווען מען צעגלידערט זי, מ'איז זי דן בריסוק־איברים. איין אָרגאַן, וועלכער בלייבט אומבאַשעדיקט קען ניט פון־זיך־אַרויס רעס־טאַווירן דעם גאַנצן גוף, די גאַנצע סאָציאַלע קערפּערשאַפט.

אַנדערש איז דער אידישער סטרוקטור־סטיל. דער איד איז קודם צו זיין ציבור און איז אַזוי וויכטיק, ווי דער גאַנצער ציבור, ווייל ער איז דער, וועלכער שאַפט דעם אידישן ציבור, ניט דער ציבור שאַפט אים.

אידנשאַפט איז אַ כנסת־ישראל. זי באַשטייט פון איינצלנע פערזענ־לעכקייטן. זי איז אַ צוזאַמענקלייב, אַ געזעמל.

די אידישע יחידים, די באַשטאַנדטיילן, זיינען ניט קיין פּראָדוקט, קיין פּועל־יוצא פון אַן אַנאַליטישן פּראָצעס, נאָר להיפּוך, די כנסת־ישראל איז אַ פּועל־יוצא פון אַ סינטעטישן פּראָצעס. די אידנשאַפט קאָנ־סטיטואירט אַ סינטעטישע גרופּירונג.

„אידישקייט האָט געפונען איר „אייביקן לעבן״ אויף דער ערד אונטן, דורך דעם, וואָס זי האָט פאַרשטאַרקט דעם געזעלשאַפטלעכן געפיל אין האַרצן פון איינצלנעם און האָט אים געלערנט צו קוקן אויף זיך ניט ווי אויף אַן אָפּגעזונדערט וועזן, וואָס זיין עקזיסטענץ הויבט זיך אָן מיט זיין געבוירן ווערן און ענדיקט זיך מיט זיין שטאַרבן, נאָר ווי אויף אַ טייל פון אַ גרעסערן וועזן, ווי אויף אַ גליד פון אַ געזעלשאַפטלעכן קערפּער, צו וועלכן ער האָט אַ שייכות. לויט אָט דער אָנשויאונג, גייט דער צענטער פון „איך״ אַריבער ניט פון לייב צום גייסט, נאָר פון יחיד צום כלל, און צוזאַמען מיט דעם גייט אויך אַריבער די לעבנס־פראַגע פון דעם אינדיווידועלן לעבן צום געזעלשאַפטלעכן לעבן״ 4).

די ווענדונג איז פון „איך״ פון יחיד צום „איך״ פון דעם רבים, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט פון יחידים, זעלבסט־באַוואוסטזיניקע אינדיווידן. און וויבאַלד אַזוי, דאַרף דאָך דער „איך״ פון דעם רבים האָבן פאַר זיך אַ תכלית, האַלטן קלאָר פאַר די אויגן אַן אידעאַל, האָבן אַ פאַרמולירטן צוועק, וועלכער זאָל זיין בכוח צו האַלטן צוזאַמען די פילע יחידים און זיי מאָראַליש באַצווינגען צו קאָאָפּערירן, צו קאָאָרדינירן, אַריינצוגיסן די סומע פון זייערע איינצלנע ווילנס אין אַן אַלגעמיינעם שטראָם.

„און דעריבער, ווען די אידישקייט האָט אַריבערגעטראָגן דעם לעבנס־צענטער פון יחיד צום כלל, האָט זי געמוזט זוכן און געפינען אַן ענטפער אויף דער לעבנס־פראַגע פון כלל, אַוועקשטעלן פאַר אָט דעם לעבן אַ גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבע, וועלכע וואָלט זיין אימשטאַנד צו באַגייסטערן דעם איינצלנעם מענטשן און אים טרייסטן און באַרואיקן בשעת זיין אינדיווידועלער לעבן ווערט אומדערטרעגלעך. און אַזוי אַרום איז דער אידישער כלל־ישראל געוואָרן אַ ,קעניגרייך פון כהנים און אַ הייליק פאָלק׳, אַ פאָלק, וואָס איז לכתחילה, פון זיין ערשטן אָנפאַנג אָן געהייליקט געוואָרן צו זיין אַ מוסטער מיט זיין לערע פאַר דער גאַנצער מענטשהייט״ 5).

אין וואָס באַשטייט דער מוסטער? ווי דריקט ער זיך אויס אין קאָנקרעטע אינסטיטוציאָנעלע טערמינען?

אין דעם, וואָס די אידנשאַפט האָט געשאַפן אַ רעליגיעז־עטישן אָנ־

4) אחד העם, על פרשת דרכים, חלק ג׳, עמודים רכ״ו־כ״ז.
5) דאָרטן.

שטאַלט, אַנשטאָט דעם וועלטלעכן שטאַט, אַנשטאָט אַ קיניגרייך — אַ נביא־רייך.

„אַ נביא וועל איך זיי אויפשטעלן פון זייערע ברידער, ווי דו" (דברים י"ח, י"ח).

אידנשאַפט האָט געשאַפן אַ יהוה־קיניגרייך, אַן עגאַקראַטיע, אַ געמיינדע־לעבן, וואָס האָט זיך באַזירט אויף דעם באַוואוסטזיניקן צושטים פון די יחידים, אויף זייער גלויבן און זייער אָנערקענונג פון אַ תורה, אַ סומע טעזיסן, אַ פּראָגראַם.

„איר שטייט היינט אַלע פאַר יהוה אייער אלהים... און ניט מיט אייך אַליין שליס איך דעם בונד" (דברים כ"ט, ט׳־י"ג).

דאָס אידישע ציבור־לעבן האָט זיך ניט געהאַלטן, ווי דער וועלטלעכער שטאַט, אויף דעם פּרינציפּ פון טעריטאָריע, פון לאַנד. ניט ישראל איז געווען אַ צוגאָב צום לאַנד, נייערט דאָס לאַנד איז געווען אַ צולייג צום ישראל־פאָלק.

„און עס וועט זיין, אַז דו וועסט קומען אין לאַנד" (דברים כ"ו, א׳).

דו וואַקסט ניט אויף אויף דיין לאַנד, דו וואַקסט ניט אַרויס אָרגאַניש פון דיין געאָגראַפישער סביבה, דו ביסט ניט קיין מחובר־לקרקע.

ישראל׳ס הויז פירט זיך לויט אַן אינטעראינדיווידועלן איינשטעל, לויט אַ רעגלאַמענט, וועלכער פונדעוועט אין אַן אמונה און אַ תורה, ניט אין אַ וועלטלעכער סאַנקציע. אַט־דער ישראל׳ישער אויפטו האָט דערנאָך געקראָגן זיין סאָציאַל־עטישן אויסדרוק אין די פּאַרצייטיקע ישיבות, אָנהויבנדיק מיט יבנה, אַלס דעם צענטער און רעגולירער פון די צווישנאַידישע פאַרהעלטענישן. דער תלמוד איז אַרויפגעבויט אויף דער תורה. רבי יוחנן בן זכאי מיט יבנה, וועלכע ער האָט אויסגעבעטן, אָפּגעבעטן פון דעם זיגרייכן שונא, איז ניט קיין צופאַל אין דער אידישער געשיכטע. זיין האַנדלונג איז ניט געווען קיין פאַלשער טריט פון אַ דעפּיטיסט. זיין אידישקייט און אידנשאַפט אויפפאַסונג האָט אירע וואָרצלען אין תורת־משה און די נביאים. זיי האָבן זיך אַלע פאָרגעשטעלט די אידישע פאָרמאַציע אַלס אַן אינטעראינדיווידועלן אַגרעגאַט, וועלכער איז ניט בכוח צוזאַמענצוהאַלטן זיינע יחידים סיידן דורך אַ רעליגיעז־וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוציע, אַן אינסטיטוציע, וועלכע אַפּעלירט צום געוויסן און פאַרשטאַנד פון יעדן באַזונדערן יחיד, אַן אינסטיטוציע, וועלכע שטעלט פאָר מיט זיך אַ סינטעז פון אַ קירך און אַן אַקאַדעמיע.

ווי צרה׳דיק, ווי נעבעכדיק, ווי שלים־מזל׳דיק יבנה האָט ניט אויסגעזען, ווען די אידנשאַפט האָט זיך געפונען אונטערן קנאַפּל פון רוימישן

אימפעריאַליזם, האָט זי אָבער פאַרט פאַרגעשטעלט אַ סאָציאַלאָגישן זיווג פון אַ קירך, אַ במקום פון אַ טעמפּל, און אַן אַקאַדעמיע, אַ צונויפפאָרונג, וועלכע איז געקומען צו פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם וועלטלעכן שטאָט, דערווייל ביי דער אידנשאַפט און אין דער צוקונפט ביי דער גאַנצער באמת־ציוויליזירטער מענטשהייט. דער וועלטלעכער שטאָט האַלט זיך אויף ברוטאַלער מאַכט און לענט זיך אָן אויף לאַנד־באַזיץ, לאַנד־כאַפּעריי. יבנה האָט זיך געהאַלטן אויף איבערצייגונגען.

אָן אינטעראינדיווידועלע פאָרמאַציע, ווי די כנסת־ישראל, אָן אינ־וועטיווע שאַפונג, ווי די אידנשאַפט, האָט געמוזט דערפינדן אַ נייעם אַנשטאַלט פאַר דער רעגולירונג און נאָרמירונג פון אירע יחיד׳ישע ווי אויך צווישן־יחיד׳ישע פאַרהעלטענישן. אין גרויען אַלטערטום איז עס געווען די אינסטיטוציע פון די בני־הנביאים, שפּעטער־צו איז עס געווען די אַקאַדעמיע פון די חכמי התלמוד, נאָך־שפּעטער די ישיבות פון די גאונים און צום סוף, דער בית־המדרש.

„ווער זיינען די אידישע קעניגע? דאָס זיינען די געלערנטע״.

אין אַלטערטום זיינען עס געווען די נביאים, וועלכע האָבן באַקעמפט די פּרעמד־פעלקערישע טענדענצן פון קיניגטום, וואָס האָבן זיך אַריינ־געריסן אין אידנשאַפט און האָבן עס געוואָלט פאַרדאַרבן, דעמאָראַלי־זירן. דערנאָך איז זייער פּלאַץ, אַלס פאַרטיידיקער פון אידנשאַפט און אידישקייט, איבערגעגאַנגען צו די „חברים״, די שעפער פון תלמוד, וועלכע האָבן זיך גערופן „קאַמעראַדן״ און האָבן באַהויפּט, אַז אַלע אידן זיינען ׳חברים׳. זיי האָבן אויפגעפאַסט די אידנשאַפט ווי אַ חבר׳שאַפט, ווי אַ פאַרבאַנד, וועלכער ווערט אויפגעהאַלטן פון „חברים״. און דערי־בער האָבן זיי געשאַפן אַ קאָמבינאַציע פון אַ בית־המקדש און אַ לערנ־אַנשטאַלט. און אָט־די קאָמבינירטע אינסטיטוציע האָט עס געהאַט צו זאָגן, האָט עס געהאַט די גאַנצע דעה איבער דעם אידישן לעבן.

די וועלטלעך נאַציאָנאַלע אָנשויאונגען אויף דער אידישער גאַס, וועלכע זיינען עס געקומען צו פאַרבייטן מיט זיך די רעליגיעז־פרומע אויפפאַסונגען וועגן דער אידישער אומה, זיינען רעאַקציאָנער, שעדלעך, האַפּטלאָז און דערצו נאָך לחלוטין אויסערן פּלאַץ. די אַלטע טראַדיציאָ־נעלע אידישע אָנשויאונגען האָבן זיך אָריענטירט אויף דעם יחיד און זיין גלויבן, זיין אָנערקענונג, זיין צושטימונג זיין אָנגעמונג פון דער תורה, זיין באַוואוסטזיניקע אָרויפלייגונג אויף זיינע אייגענע פליכטעס דעם יאָך פון די מצוות, פון געוויסע התחייבות׳ן און פאַרבאָטן. יעדער יחיד, אַלס אַזעלכער, איז געווען אַ מחוייב־במצוות, איז געווען אַ בר־עונשין, אַ סוביעקט פון רעכט און פון פליכט. זיינען געקומען די אַז־

אַך־און־ווי „פּראָגרעסיסטן" און האָבן אַריינגעבראַכט אין אידנשאַפט באַגריפן פון אָפּשטאַם, פון נאַציאָנאַלער צוגעהעריקייט, פון בלוט־לאָיאַליטעט. דאָס זיינען אַלץ השגות, וועלכע האָבן מיט דער פּערזענלעכקייט אין איר רייפקייט, אין איר געוואָרזיין, גאָר ניט וואָס צו טאָן. און אָט־די אבסקוראַנטישע, פינצטערלינגישע אויפפאַסונגען האָבן עס פּאַראַדירט, געפּראַנטעוועט אויף דער אידישער צעטומלטער גאַס, אַלס דאָס לעצטע וואָרט פון „ציוויליזאַציע", אַלס דער שפּיץ פון וויסנשאַפטלעכער „חכמה". עפּעס אַ שפּאַס, עפּעס אַ קלייניקייט! די תורה האָבן דאָך געבראַכט דאָקטוירים און אימפּאָרטירט זי פון דער שווייץ אָדער פון פּאַריזער בולוואַרן... און איר שפּילט זיך מיט אָט־די איבערגעשפּיצטע גדולים, וועלכע האָבן געטראָגן אויף זייערע קעפּ צוויי קרוינען, די קרוין פון וויסנשאַפט און די קרוין פון „ראַדיקאַלעכץ"...

די אימפּאָרטירער זיינען געווען פאַרפרעמדט, אָפּגעריסן פון דער אידישער אידעאָלאָגיע און זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען די אידישע סביבה, דעם געבוי פון דער אידנשאַפט, זיי האָבן ניט געוואוסט, וואָס זיי האָבן געטאָן, און אַלץ, וואָס זיי פאַרדינען, איז פאַרגעבונג. זיי האָבן געזינדיקט בשוגג, ניט במזיד... זיי האָבן געמיינט גוט. זיי זיינען אָבער געווען וואָלוועלע אימיטאַטאָרן, וועלכע זיינען ניט ווייניקער שעדלעך, ניט ווייניקער פאַרדאַרבלעך, עוכר־ישראל'דיק, ווי די אויסגעשפּראָכענע אַסימילאַטאָרן.

די אידישקייט־אידן מוזן זיך אָפּזונדערן פון אָט־דעם „שלעכטן געזינדל", זיך אָפּזונדערן אידעאָלאָגיש און זען אָפּשטעלן די וועלטלעכקייט־נאַציאָנאַליסטישע אידייען־מגפה.

ב.

דער באַנייטער בית-המדרש

אידן זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט כמעט. אַמאָליקע יאָרן, ווען די קאָמוניקאַציע־מיטלען זיינען געווען שוואַך אַנטוויקלט, איז עס געווען באמת אַן אומגעהויערע מניעה צו פאַראייניקונג און אָרגאַניזירונג. היינט אָבער, ווען דעם גאַנצן ערד־קוגל קען מען אַרומפליען אין ווייניקער ווי צוואַנציק טעג, ווערן ממילא די שטחים און ווייטענישן דערנענטערט. פון ניו־יאָרק קיין וואַרשע איז היינט אַ סך נענטער ווי אַמאָליקע יאָרן פון ווילנע קיין וואַרשע. ווייטער, די אידן האָבן ניט קיין אייגן לאַנד. דאָ איז איינס פון די ביידע. אָדער דער חסרון

איז וואָס מיר האָבן עס ניט, אָדער אפשר ריכטיקער דער אומגליק איז, וואָס אַנדערע האָבן עס יאָ. ווען מ׳קוקט זיך צו צום פּארטייל פון דעם ערד־קוגל, זעט מען, אַז די ערד איז צעטיילט געוואָרן אַזוי, אַז איינער האָט אַרייִנגעכאַפּט צופיל, אַנדערע צו־ווייניק, און מיר האָבן גלאַט גאָר־נישט.

נאָכמער, אידן, ווען עס קומט צו דער פראַגע פון עמיגראַציע, האָבן זיי זיך ניט וואוהין צו קערן און ווענדן. צוויי זאַכן קען מען דאָ טאָן. אָדער ארויסשטעלן דעם פּרינציפּ פון אָפּשאַפן טעריטאָריעס און פאָטער־לענדער אַזוי, אַז די וועלט זאָל געהערן צו דער מענטשהייט, אַלס אַ גאַנצער, און מאַכן אַ סוף פון אַלע עמיגראַציע־באַשרענקונגען, אָדער איינ־טיילן אַזוי די לענדער, אַז קיינער זאָל ניט האָבן צו־ווייניק און קיינער צופיל. ביי היינטיקער צייט איז עס אַ פראַגע פון שווערד און ביקס. ווער עס האָט פאַרכאַפּט, האַלט און וויל דעם אַנדערן גאָרניט געבן. מ׳דאַרף נעמען איינטיילן די וועלט פון דאָס־ניי, אַנווענדנדיק אַביסל יושר, ניט גלאַט כאַפּעריי, גזילה און גניבה, און שניידן גרענעצן דאָרטן, וואו די האַרמאַטן האָבן זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהערט צו שיסן. איך ווייס, עס איז אַ שווערע אַרבעט, איבער־אַ־נייס צו צעטיילן די וועלט. אָבער איך פרעג אייך, וואָס איז גרינג? גרינג איז זיך מאַכן ניט הערנ־דיק און ניט זעענדיק די עולות און רשעות פון דער וועלט, און לאָזן יעדן, וואָס ער האָט פאַרכאַפּט אַוועקגיין מיט וואָס ער האָט אָנגעראַ־בעוועט. די לענדער און טעריטאָריעס־פראַגע וועט מוזן געלייזט ווערן. און מיר, אידישע ראַדיקאַלן, האָבן דאָ געקענט זאָגן אַ הויכן, קלינגענדיקן וואָרט. די טבע פון אַ קאָנסערוואַטיוון מענטשן איז צו מיינען, אַז אַלץ, וואָס ס׳איז, מוז זיין, וועט זיין, וועט פאַרבלייבן פונקט ווי דאָס איז. אַ רעוואָלוציאָנער איז דער מענטש, וואָס ווייסט, אַז זאַכן קענען איבערגע־אַנדערשט ווערן. און דער פּרינציפּ פון גערעכטיקייט, פון יושר, דאַרף אָנגעווענדט ווערן בנוגע דעם לענדער־פּאַרטייל.

מיר וועלן אַרומשמועסן דעם ענין טעריטאָריאַליזם־אימפּעריאַליזם אַביסל ברייטער.

דער וועלטלעכער שטאַט האַלט זיך אויף דריי יסודות, ער שפּאַרט זיך אָן אויף דריי מעכטיקע זיילן. ערשטנס, מאַכט אָדער יוריסדיקציע, דאָס רעכט צו פּסק׳ענען, וואָס מ׳מעג און וואָס מ׳טאָר ניט טאָן; צווייטנס, באַפעלקערונג, די איינוואוינער, וועלכע שטעלן צוזאַמען אַן אונטער־טאַנענשאַפט אין אַ מאָנאַרכיע, און אַ בירגערטום אין אַ רעפּובליק; דריטנס, די טעריטאָריע, די שטיק לאַנד, אין די גרענעצן פון וועלכער דער וועלט־לעכער שטאַט איבט אויס זיין געזעצגעברישע און עקזעקוטיווע אוי־

טאַריטעט, יענע געגנט אָדער סומע פון געגנטן, וואו דעם געגעבענעם שטאַטס וואָרט גילט פאַר געזעץ, וואו ער האָט און זאָגט אַרויס זיין דעה, מיט אַנדערע ווערטער, איז סואווערען, איז אויבערהאַר, איז דער גאַנצער אדון הגדול, און קיינער קען זיך קעגן אים ניט שטעלן.

מיר ווילן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף דעם דריטן באַשטאַנדטייל פון דעם וועלטלעכן שטאַט — טעריטאָריע.

דער פּאָעט שילער, אין איינער פון זיינע פּאָעמעס, גיט אונדז אַ בילד, ווי אַזוי די וועלט איז צעטיילט געוואָרן.

די וועלדער, זאָגט ער, האָט יופּיטער אַוועקגעגעבן די יעגער, זיי זאָלן דאָרטן גיין אויף יאַכט.

די פעלדער — די פּויערים, זיי זאָלן זיי אַקערן, זייען און שניידן, זיי זאָלן זיי אָנקאָרמען מיט זייער פּראַצע און אָנטרינקען מיט זייער שווייס, און דערנאָך הנאה האָבן פון די פּראָדוקטן.

די וואָגשאָלן, מאָסן און אַרשינען האָט ער געגעבן די הענדלער, זיי זאָלן וועגן, מעסטן און פאַרקויפן און דערביי עפּעס פאַרדינען.

די וואַסערן, טייכן, אָזיערעס האָט ער געגעבן די פישער, זיי זאָלן דאָרטן שפּרייטן זייערע נעצן און זיך פאַרנעמען מיט כאַפּן די אומשול־דיקע פיש.

דער פּאָעט איז געקומען צום סוף, נאָכאַלעמען, ווען אַלץ איז שוין געווען צעגעבן און פאַר אים איז גאָרניט געבליבן. אָבער אַזוי ווי ער האָט געמאָנט זיין חלק, און דער גריכישער גאָט האָט אים ניט געקענט אָפּ׳פּטר׳ן מיט גאָרניט, האָט ער אים געשאָנקען אַ גרויסע מתנה, און דאָס איז פאַנטאַזיע. ער האָט אים געגעבן אַן איינבילדונגס־קראַפט. און דער פּאָעט לעבט אין אַ וועלט פון חלומות. און טרוימענדיק רעדט ער זיך איין, אַז די וועלט געהערט צו אים, אַז דער עולם־ומלואו איז זיינער, ווייל ער שאַפט עס אין דיכטונג און אָפּדוכטונג און ער, דער קלוגער נאַר און נאַאיווער חכם, איז צופרידן. ער מיינט טאַקע, אַז אַלע דאַרפן אים מקנא זיין. ווייל, באמת, וואָס טויג די ווירקלעכקייט אָן אַ טרוים? וואָס טויג די וואָרהייט אָן אַן אָפּדוכטעניש?

ווי דאָס זאָל ניט זיין, איינס איז אונדז קלאָר, אַז שילערס שיל־דערונג איז ניט אינגאַנצן ריכטיק. די פּויערים האָבן אפשר לכתחילה געקראָגן די פעלדער, אָבער די פּריצים, די לאַנד־באַזיצער האָבן עס פון זיי צוגענומען. דאָס אייגענע האָט פּאַסירט מיט די וואַסערן; די פּיראַטן האָבן עס פאַרכאַפּט. און בנוגע די וועלדער — גזלנים האָבן זיך אַהין פאַרקליבן, אַזעלכע גזלנים, וואָס אפילו דאָס געזעץ האָבן זיי באַ׳גזל׳ט. און בנוגע די סוחרים צו די שאָלן און מאָסן, מוז מען נאָך האָבן די

קלינגערס, אָן דעם קען קיין מסחר ניט אָנגיין. און וואו האָבן זיי די מטבע געקראָגן?

ווי זאָגט אַ גלייכוואָרט? די ערשטע זאַך, וואָס די ראַבירער פון דער וועלט האָבן געטאָן, איז באַראַבעווען די צען געבאָטן; זיי האָבן פון דאָרטן אַרויסגעלאַטכנט די לאַוו'ן, אָפּגע'גנב'עט די לא'ס פון די עשרת־הדברות, און בזה־האופן האָבן זיי געלייענט אין זייער תורה: (לא) תגנב, תרצח... דעם היפוך פון אונדזער טעקסט.

אָבער ניט דאָס זיינען מיר אויסן. מיר ווילן דאָ זיך ניט פאַרנעמען מיט אָט־דעם ענין. אונדז אינטערעסירט אין דעם אַרטיקל ניט די פראַגע מכוח די שייכותן פון מענטש צו מענטשן בנוגע זייער פּריוואַטן אייגנטום.

מיר ווילן דאָ אויך ניט אָנרירן די פאַרווירעניש, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען צווישן די קלאַסן, אויף וועלכע אונדזער געזעלשאַפט איז געשפּאָלטן.

דאָ ווילן מיר ציען די אויפמערקזאַמקייט צו דעם ענין פון טע־ריטאָריע.

טעריטאָריע איז אַ סומע לענדער אָדער געגנטן. דאָס איז ניט קיין זאַך פון פּריוואַט־אייגנטום, נייערט פון געזעלשאַפטלעכן באַזיץ, אָדער, ריכטיקער, ניט „געזעלשאַפטלעך", נאָר מלוכה־באַזיץ. טעריטאָריע איז מלוכה אייגנטום, אָדער נאַציאָן־אייגנטום. דאָס איז אַ שטיק לאַנד, וואָס געהערט צום קיבוץ, וועלכער איז אָרגאַניזירט אויף אַ מלוכהשן שטיי־גער. טעריטאָריע ביי היינטיקן טאָג איז די באַזע פון שטאַט־עקזיס־טענץ, פון דער גאַנצער פּאָליטישער פירונג.

און וועגן דעם וואָלטן מיר זיך וועלן דורכשמועסן.

בנוגע קאַפּיטאַל, דאָס אייגענע, וואָס איז שייך גיטער, איז הכל־מודים, אַלע גיבן צו, אַז דאָ ווערט באַגאַנגען איינע פון די גרעסטע עוולות און פעלערן. די רייכטימער פון דער וועלט זיינען איינגעטיילט ניט ווי געהעריק. אַנדערע האָבן צופיל, פאַרמאָגן אַזויפיל, אַז זיי ווייסן ניט, וואָס צו טאָן מיט דעם, און אַנדערע, וועלכע שטעלן פאָר די איבער־וועגנדיקע מערהייט, פאַרמאָגן אַזוי ווייניק, אַז זיי קענען גאָרניט טאָן מיט דעם. אַנדערע ווערן צעפּלאַצט, זיך אויסצודריקן וואולגאַר, פון צופיל פרעסן און זויפן, פון צופיל וואוילטאָג און אַנדערע ווערן געשוואָלן פון הונגער. די דאָזיקע שרייענדיקע אומגלייכהייט רואינירט אונדזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, מאַכט אָן אַלע צרות, שטערט דעם גלייכגעוויכט פון די געמיינשאַפטלעכע כוחות, און דער גאַנצער סאָציאַלער בנין אונדזע־רער שטייט דערפאַר אויף וואַקלדיקע, שאָקלדיקע יסודות; און ער האַלט

ביים איינפאַלן. אונדזער גרעסטער געזעלשאַפטלעכע געביידע איז אַ פּיראַמידע, וועלכע שטייט אויפן שפּיץ, און דער ערשטער ווינט פון רעוואָלט קערט זי איבער, וואַרפט זי אום און צעשמעטערט זי אויף שפּענדלעך.

אָבער עס איז פאַראַן נאָך אַ גרעסערע, נאָך אַ מער גוואַלדאָוונע אומגערעכטיקייט. דאָס גרעסטע פאַרברעכן ווערט באַגאַנגען אין קאָלעקטיוון לעבן.

און צום גרויסן צער אונדזערן, מוזן מיר זאָגן, אַז זייער ווינציק אויפמערקזאַמקייט איז געשאָנקען געוואָרן אַט דעם פּראָבלעם.

ווי איז די וועלט צעטיילט? בנוגע קאַפּיטאַל האָבן די קאַפּיטאַליסטיש־געזאָנענע עקאָנאָמיסטן זיך געאַמפּערט, זיך געדונגען. זיי האָבן גע'טענה'ט, אַז דער אורשפּרונג פון קאַפּיטאַל נעמט זיך ניט אין רויבעריי, אין גנבה, גזלה און רציחה, נאָר פּונקט פאַרקערט, אין די גוטע זיטן פון איינגעהאַלטנקייט, אויסגערעכנטקייט, שפּאָרזאַמקייט, פאָרזיכטיקייט און פאָרזיכט, מעסיקייט אין געברויך און כדומה מדות טובות.

יאָ, די מעשה איז אַ ליגן. די געשיכטע פון קאַפּיטאַליזם לייקנט אָפּ אַט די נאַאיווע האָניק־זיסע באַהויפּטונגען. אָבער, מ'קען ניט אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז עס זיינען פאַראַן איינצלנע אינדיווידועלע פאַלן, וואו אמת'ע שפּאָרזאַמקייט און פעאיקייט האָבן געבראַכט אַלס באַלוין עושר און כבוד. די דאָזיקע פאַלן זיינען די אויסנאַמען פון דער רעגל.

אָבער בנוגע טעריטאָריעס קען דער תירוץ אינגאַנצן ניט גילטן. איך וואָלט וועלן וויסן, ווער קען עס אָפּשפּאָרן, פאַרדינען אַ טעריטאָריע, אָדער וועלכער קאָלעקטיוו האָט עס געקענט פאַרטאַכלעווען, פאַרשווענדן אַ לאַנד?

ווי האָט אַמאָל ניקאָלאַי געזאָגט? עס איז זיך ניטאָ וואָס אָפּצועסן דאָס האַרץ פון דעם, וואָס מענטשן ווערן אומגעבראַכט בשעת'ן פאַרנעמען לענדער. מענטשן ווערן געבוירן, די באַפעלקערונג וואַקסט, אָבער לאַנד וואַקסט ניט און ווערט ניט געבוירן. מ'מוז עס פאַרכאַפּן מיט שווערד און ביקס. מ'מוז וואָיעווען דערפאַר.

יאָ, אמת, לענדער ווערן ניט געבוירן. אָבער דערפאַר שטאַרבן זיי דאָך אויך ניט. מ'קען זיי ניט פּראָדוצירן. מ'קען זיי ניט פאַבריצירן. זיי זיינען געגעבן פון ששת־ימי־בראשית און זיי זיינען פאַראַנען אַלעמאָל אין דער זעלביקער מאָס און שטח. פאַרשטייט זיך, אויסשליסנדיק פאַלן ווען דעם ים פאַרגלוסט זיך צו בייטן זיין בעט אָדער געלעגער, אָדער זיך גלאָט, פון העלער הויט, אויסציען און אויסשפּרייטן זיך און מסיג־גבול־זיין פון דער יבשה.

על־כן, לענדער ווערן ניט אָפּגעגאָסן אין הוטעס, אין קאַלך־אויוונס. קיינער האָט זיי ניט געמאַכט.

אויב אַזוי, ווער האָט אַ רעכט צו זאָגן: דאָס לאַנד איז מיינס, און דאָס יעניקע לאַנד איז מיינס? אויף וועלכן יסוד וואָלט אַזאַ רעכט זיך באַזירט?

אַזאַ רעכט קען זיך האַלטן נאָר אויף גאָלן אומרעכט, אויף גזלה, רציחה און שפיכות־דמים, אויף מלחמות.

די אָדערן אין פּאָליטישן גוף, די גרענעץ־ליניעס, זיינען אָנגעגאָסן מיט בלוט... בלוט פון די שכנים, באַזיגטע פעלקער, שבטים.

די פּאָליטישע צאַמען זיינען געמאַכט פון שאַרבנס, פון הויפנס טויטע קערפּערס דער׳הרג׳ט אין שלאַכט, אין געשלעג פאַר דאָס לאַנד.

ווי האָט אַמאָל נעקראַסאָוו, דער רוסישער פאָלקס־זינגער, געפרעגט: וואו איז מיין פאָטערלאַנד? וואו איך וואַרף מיינע אויגן, זע איך כסדר אָנגעראַבעוועטע לענדער, פאַרכאַפּטע געגנטן, פאַרגוואַלדיקטע ראַיאָנען.

די ראַדיקאַלע ליטעראַטור איז פול מיט שרייבונגען־פאַרדאַמונגען פון קאַפּיטאַל און קאַפּיטאַליזם.

טעריטאָריע און טעריטאָריאַליזם איז אַ טויזנט מאָל ערגערער פאַר־ברעכן און אומזין, אַ טויזנט מאָל גרעסערע זינד און אומ׳יושר. און דאָס איז דער גיפטיקער וואָרצל וואָס פאַר׳סם׳ט און פאַרפעסטעט דעם גאַנצן געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם פון אונדזער אַזוי אָנגערופענער ציוויליזיר־טער צייט.

אַנדערע פעלקער פאַרמאָגן אַ סך לאַנד. אַנדערע ווייניק און גאָר אַנדערע, איבערהויפּט, אידן, גאָרניט שבגאָרניט.

ניט וועגן סתם ערד רעדט זיך דאָ. דאָס איז אַן ענין פאַר די פאַר־מערס און פויערים. דאָ האַנדלט זיך וועגן טעריטאָריע, דאָס האָט צו טאָן מיט דעם אייגנטום־רעכט פון דעם קאָלעקטיוו, אָדער שטאַט.

און כל זמן די וועלט איז אויף אַזאַ אומגעלומפּערטן אופן צעטיילט, כל־זמן פּאָליטישע אינסטיטוציעס וועלן געבויט ווערן אויפן פּרינציפּ פון טעריטאָריע, כל־זמן די וועלטלעכע הערשנדיקע פעלקער שטאַטן רעדן זיך איין, אַז זיי האָבן דאָס רעכט צו ציען ליניעס, אָוועקשטעלן גבולים און זאָגן צום מענטשן, ביז אַהער מעגסטו גיין, ווייטער טאָרסטו ניט, דאָ מעגסטו וואוינען, דאָרטן טאָרסטו ניט, ווייל דאָס איז אונדזע־ריקע און מיר לאָזן אַריין נאָר יענע, וועלכע געפעלן אונדז, וועלכע זיינען ווינשנסווערט — אַזוי לאַנג וועט רשעות און געוואַלט געוועלטיקן אויף דער וועלט, אַזוי לאַנג וועט בלוט, צעהיצטע בלוט פון רוצחים בו־

שעווען און פאַרפלייצן די טריקעניש פון געזעלשאַפט-לעבן, אַזוי לאַנג וועט קיין שום טאָלק ניט זיין אין דער סאָציאַלער געמיינשאַפט.

גיט אַ קוק אויף דעם וועלט-אַטלאַס און אויב איר פאַרמאָגט אַ פונק פון יושר אין אייער האַרץ, וועט זיך עס אָנצינדן מיט פאַרדרוס און פּראָטעסט.

אָט איז איירָאָפּע.

די שוואַרצע פאַר׳מרה-שחורה׳טע נביאים זאָגן, אַז קוים-קוים וואָס אונדזער אייראָפּעאישע קולטור זשיפּעט. זי גאַרגלט, זי גוסס׳ט. זי גייט אַראָפּ און אַזיע קומט אַרויף. וואָס איז דער וואונדער?

זי ווערט פאַרשטיקט און פאַרענגט. זי איז איבער-באַוואוינט, איי-בער-באַפעלקערט. און אין גרויס ענגשאַפט און דחקות זיינען זיי באַרייט איינער דעם אַנדערן די העלדזער איבערצושניידן.

אייראָפּע פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון אַ האַלבן ביליאָן. איר שטח איז 3,879,000 קוואַדראַטנע מייל.

אַפריקע פאַרמאָגט דריי מאָל אַזויפיל לאַנד און איר באַפעלקערונג איז אַ דריטל פון דער אייראָפּעאישער.

אַזיע פאַרמאָגט קאַרגע פיר מאָל אַזויפיל לאַנד און איר באַפעלקע-רונג איז נאָר צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי די אייראָפּעאישע.

נאָרד-אַמעריקע פאַרמאָגט 9,020,000 קוואַדראַטנע מייל און אַ באַ-פעלקערונג מער ניט ווי פון איבער אַ הונדערט און פערציק מיליאָן.

קאַנאַדע האָט לאַנד כמעט ניט ווייניקער ווי גאַנץ אייראָפּע און איר באַפעלקערונג איז אַ צען מיליאָן איינוואוינער.

און פונדעסטוועגן רעדט זיך די קאַנאַדישע רעגירונג איין, אַז זי האָט אַ רעכט צו מאָנאָפּאָליזירן אַזאַ אומגעהויער-גרויסן שטח און קיי-נעם ניט אַריינלאָזן זיך באַזעצן דאָרטן אָן איר צושטימונג. בשעת אַנ-דערע פעלקער ווערן בפועל ממש דערשטיקט פון ענגשאַפט און מאַנגל פון לאַנד.

דער פאַרבאַנד פון די סאָוויעטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן פאַר-מאָגט אַ באַפעלקערונג מער ניט ווי איבער אַ הונדערט און זיבעציק מי-ליאָן און אַ שטח, וואָס ציט זיך איבער העכער 8 מיליאָן קוואַדראַטנע מייל.

און ניט ווייט ליגט יאַפּאַן, וואָס פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון בערך אַ 70 מיליאָן און לאַנד כמעט ווי גאָרניט, קלענער פון קאַליפאָרניע, וואָס פאַרמאָגט אַ באַפעלקערונג פון בערך אַ קנאַפּע פינף מיליאָן.

שטעלט אַוועק יאַפּאַן, דעם קבצן, ביי דער זייט פון עושר, דעם טעריטאָריע-מאַגנאַט, רוסלאַנד און איר וועט באַגרייפן, אַז איינע פון די

שווערסטע און גרעסטע עוולות ווערט דאָ באַגאַנגען. און קיינע אויסריידן און פאַרענטפערס און זיך מאַכן טאַמעוואַטע און ריידן וועגן רוסישן קאָמוניזם, קען דאָ ניט העלפן — דאָס איז פשוט רויבעריי און רשעות.

איך האָב געקענט ברענגען נאָך צענדליקערביישפּילן. איך וועל פאַרענדיקן מיט בראַזיליען. איר שטח איז כמעט אַזוי גרויס ווי גאַנץ אייראָפּע. איר באַפעלקערונג איז אינגאַנצן אַביסל מער פון 40 מיליאָן. און זי האַלט אויך טיר און טויער צוגעמאַכט און לאָזט קיינעם ניט אַריין. און אידן? — זיי פאַרמאָגן גאָרניט. און וואו מיר וואוינען, טענה׳ן זיי, מיר זיינען פרעמדע.

דער גרעסטער אומזין, די גרעסטע משוגעת און רשעות ווערט דאָ פּראַקטיצירט פאַר אונדזערע אַלעמענס אויגן. און מיר שווייגן. מ׳האָט געדאַרפט אויפהויבן אַ געשריי וועגן דעם אַזש דער פּאָליטיש-געאָגראַפי־שער הימל זאָל נעמען ציטערן, פאַרהילכן מיט אונדזער פּראָטעסט די אויערן פון דער מענטשהייט.

וואָס פאַר אַ ווערדע האָבן די פּאַרעווע ריידעריי מכוח פּראָגרעס, די לעבלעכע שמועסעריי מכוח ראַדיקאַלעכץ, ווען דער גאַנצער בנין פון וועלטלעכן שטאַט איז אַוועקגעשטעלט אויף אַ פונדאַמענט פון אומרעכט און גזלה, לענדער-כאַפּעריי, און טעריטאָריעס-פאַרנעמעריי.

דאָס איז איינס אַוועק. אָבער ניט דאָס איז דער עיקר, וואָס מיר ווילן דאָ זאָגן.

אידן האָבן ניט קיין אייגענעם וועלטלעכן שטאַט. דער, וואָס איז אַ סעקולאַריסט-שטאַטיסט און גלויבט, אַז קיין ציבור-לעבן איז ניט מעג־לעך צו אָרגאַניזירן אויסער די גרענעצן פון אַ וועלטלעכן שטאַט, מוז באַטראַכטן דעם פאַקט, וואָס די אידנשאַפט, ניט האָבנדיק קיין וועלט־לעכן שטאַט, האָט איבערגעלעבט יענע נאַציאָנען, וואָס האָבן יאָ פאַר־מאָגט אַ וועלטלעכן שטאַט, פאַר עפּעס כמעט איבערנאַטירלעכעס. אָבער אַן אַנטי-שטאַטיסט, אַ רעליגיעז-עטישער דענקער, האָט דאָס רעכט צו באַהויפּטן, אַז די כנסת-ישראל איז ניט אונטערגעגאַנגען אפשר אַ יישר־כוח דעם, וואָס די אידן האָבן ניט געהאַט קיין וועלטלעכן שטאַט און האָבן געבויט זייער געמיינדע-לעבן אויף דעם יסוד פון אַ בית-המדרש און ווען די אידנשאַפט איז פאַרמירט געוואָרן, איז זי לכתחילה פאַרמירט געוואָרן אַלס אַ הייליקער ציבור, אַן „עם קדוש״.

יעדנפאַלס קאָן קיינער דעם פאַקט ניט אָפּלייקענען, אַז דאָס פאָלק־ישראל האָט עקזיסטירט צוויי טויזנט יאָר אָן אַ וועלטלעכן שטאַט, און

עס האָט אַריבערגעטראָגן אַן אַ שיעור צרות, פּורעניות, אויסגעשטאַנען אַן אַ מאָס רדיפות און דאָך געבליבן לעבן.

דאָ האָבן מיר אַ סאָציאַל־עטישן, רעליגיעז־וויסנשאַפטלעכן עקס־פּערימענט, וועלכן עס האָט געמאַכט דער אידישער געזעמל אין אַ לאַ־באָראַטאָריע די גרויס ווי די וועלט, ווי דער ציוויליזירטער טייל פון דער וועלט.

פון דעם פאַקט, וואָס מיר האָבן ניט קיין וועלטלעכן שטאַט האָבן אונדזערע פאָרפּרעמדטע דענקער, די אימיטאַטאָרן, געצויגן דעם שלוס, אַז מיר קענען ניט פאַרמאָגן קיין אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל אַרומנעמען די אידנשאַפט אין איר גאַנצער פאַרשפּרייטקייט. אַ ניט־אידישער דענ־קער האָט געמעגט קומען צו אַזאַ שלוס. אָבער דאָ דאַרף דער אידישקייט־באַוואוסטזיניקער איד באַווייזן, אַז ער קען יאָ באַשאַפן אַ רעליגיעז־עטי־שע פאַראייניקונג פון כלל־ישראל, אַ פאַראייניקונג, וואָס וואָלט זיך האַלטן אויף דעם פרייען צושטים פון די יחידים אידן. און דעמאָלט וועט ער באַ־ווייזן, אַז „משה איז אמת און זיין תורה איז אמת", דאָס הייסט, אַז אידיש־קייט, אַלס אַ סאָציאַל־עטישע לערע, איז גערעכט און אַז מ'קען שאַפן אַ ציבור־צוזאַמענלעב, וועלכער וואָלט ווערן סאַנקציאָנירט פון אַ רעלי־גיעז־עטישן פּרינציפּ.

מיר דוכט, אַז די אַרבעט פון דעם אידישן אידן, פון דעם אידישן ראַדי־קאַל דאַרף באַשטיין אין דעם, וואָס ער וועט זען צו גרינדן אַן עטישן אַל־וועלטלעכן אידן־פאַרבאַנד. און אַזוי אַרום העלפן פאַרווירקלעכן דעם אידע־אַל, וועלכן די תורה האָט זיך געשטעלט, נעמלעך, דאָס פאַרמירן אַ „גוי קדוש", אַ פאָלק, וואָס ריכט אויף זיין געמיינדע־לעבן אויף דעם יסוד פון אַ רעליגיעז־עטישער לאָיאַליטעט, אַ רעליגיעז־עטישער סאַנקציע.

מיר, אידישע ראַדיקאַלן, דאַרפן זיך אָנשטרענגען און העלפן אָרגאַ־ניזירן דאָס לעבן פון דער כנסת־ישראל אויף פּריוויליקע רעליגיעז־עטישע יסודות. מיט אַנדערע ווערטער, מיר דאַרפן זיך באַמיען מיט כל־הכוחות אָבערצאַנייס אויפצובויען דאָס אידישע הויז, שאַפן אַ ראַדיקאַל־אידישקייט. רעסטאַווּרירן דעם בית־המדרש און דעם אידישן בית־דין.

דאָ האָט דער אידישער ראַדיקאַל אַ געלעגנהייט צו ווייזן דעם וועג פאַר דער שמאַכטנדיקער מענטשהייט און ווערן דער אַוואַנגאַרד פון דער סאָציאַל־עטישער באַוועגונג מיט איר פאָדערונג, אַז דער וועלטלע־כער שטאַט זאָל אָפּגעשאַפט ווערן און זיין פּלאַץ זאָל פאַרנעמען אַן אַנ־שטאַלט, וועלכער וועט געשטאַלט ווערן לויט דעם מוסטער פון יבנה מיט אירע חכמים...

עס איז דאָך זעלבסט־פאַרשטענדלעך, אַז אָפּשאַפן דעם וועלטלעכן שטאַט און אויף זיין אָרט איינפירן אַ געמיינדע לעבן, וואָס איז געבויט אויף אַן אָפּמאַך און צושטימונג, איז ניט קיין לייכטע שטיקל אַרבעט. אָבער די אידישע נאַציאָן איז דאָך אַ קערפּערשאַפט, וועלכע פאַרמאָגט ניט קיין וועלטלעכן שטאַט, און בנוגע דעם אידישן לעבן איז עס בלויז אַ פראַגע פון צוריק אויפשטעלן אַ בנין, וועלכן די משכילים און נאָך זיי די גוי'איזירטע ראַדיקאַלן, האָבן צעשטערט, חרוב־געמאַכט צוליב זייער קורצזיכטיקייט, קוצר המשיג.

מיר, אידישע ראַדיקאַלן, וועלן זיין די, וועלכע וועלן אַ וואָרף טאָן אין די אידישע מאַסן דעם גרויסן לאָזונג: „אידן, לאָמיר זיך אָרגאַני־זירן אין אַ רעליגיעז־עטישן אַלוועלטלעכן פאַרבאַנד". אונדזער פאַר־באַנד וועט מוזן זיין רעליגיעז־עטיש מחמת דעם, וואָס מיר פאַרמאָגן ניט קיין אידישע אַלוועלטלעכע פּאָליטיק.

דאָ עפנט זיך פאַר אונדז אַ גרויס פעלד פון פּרוקטבאַרער טעטי־קייט. מיר וועלן שאַפן אַן עטישן כוח, אַ געזעלשאַפטלעך צוזאַמענלעב אָן צוואַנג און דרוק. און מיר וועלן באַווייזן, אַז ראַדיקאַל־אידישקייט איז ניט קיין פּוסטע פאַנטאַזיע, נייערט האָט ממשות, סאָציאַלע ממשות, הינטער זיך.

אָט־די אויפגאַבע, וועלכע איז אויסשליסלעך בויענדיק, פּאָזיטיוו, איז אַ סך גרינגער דורכצופירן איידער די איבערצעטיילונג פון דער וועלט און די אָפּשאַפונג פון פאָטערלענדישע טעריטאָריעס. ווייל דאָרטן האָבן מיר צו טאָן מיט די אומות־העולם, מיט פעלקער, פון וועלכע מ'דאַרף עפּעס צונעמען, און וועלכע וועלן מיט גוטן זיך ניט וועלן שיידן מיט זייער רויב. בשעת דאָ, אין אידישן לעבן, האַנדלט זיך בלויז וועגן דעם ענין פון זעלבסט־אָרגאַניזאַציע. עס איז אַ פראַגע פון ווילן, פון אידישן ווילן צו לעבן און עקזיסטירן און דערלעבן צו בעסערע צייטן, צו דער צוקונפט, וועגן וועלכער עס האָבן נביאות געזאָגט אונדזערע זעער. קיינער קען אונדז ניט שטערן אין אונדזער הייליקער אַרבעט פון שאַפן אַ געמיינדע־לעבן אויף רעליגיעז־עטישע יסודות אין אַן אַל־וועלטלעכן מאַסשטאַב.

איך זאָג, אַז מיר, אידישע ראַדיקאַלן, מיר, אידישע אידן, אידיש־קייט־באַוואוסטזיניקע אידן, וועלן שאַפן, ריכטיקער וועלן צוריק אויפ־שטעלן, אַן עטיש־רעליגיעזע „בירגערשאַפט", אַ באמת הייליקע „כנסת ישראל". און דורך דעם וועלן מיר ווייזן דער בלינדער, טויבער רצחנות'־

דיקער וועלט, אַז מענטשן קענען לעבן ווי מענטשן און זיי קענען זיך באַגיין אָן גזילה און אָן רציחה, אָן אַ קנוט און אָן אַ נאַגאַיקע, און אַזוי אַרום וועלן מיר העלפן דערנענטערן דעם אָנקום פון דעם טאָג, ווען עס וועט מקויים ווערן דעם נביא׳ס פּאָרויסזאָג: „און פעלקער וועלן גיין צו דיין ליכט"...

II

די קולטור פראַגע

.1

אידישקייט אַ לעבנס־לערע

אַלגעמיינע איינלייטונג

אידישקייט איז אַ פאַרצייטיק רעליגיעזע דיסציפּלין, ד. ה. אַ דיסציפּלין, וועלכע באַשטייט פון אַ צונויפפאָרונג פון רעליגיעזע, וויסנשאַפטלעכע און טעכנישע עלעמענטן. אידישקייט אַנטהאַלט אַ סומע לערעס און אויפפאַסונגען מכוח דער אַנטשטייאונג און דעם איינשטעל פון דעם קאָסמאָס, ווי אויך וועגן דעם אָנפיר פון דער וועלט, דעם שיקזאַל פון דער מענטשהייט, דער מערכה פון ישראל און דעם מזל פון יעדן יחיד.

אידישקייט פאַרמאָגט אויך אַ רייכע ריטואַליסטיק, אַ סיסטעם פון טראַדיציאָנעלע סימבאָלן און באַשטימטע צערעמאָניעס, ווי די האַלטונג פון יום־טובים לויט אַן אייגענעם קאַלענדאַר און לויט אַן אייגענער אויסטייטשונג, וכדומה איינריכטונגען.

אידישקייט באַזיצט אויך אַ היפּש־פאַרצווייגטע און גוט־דורכגעטראַכטע יוריספּרודענץ (געזעצגעבונג) פאַר דער שליכטונג פון סיכסוכים, וועלכע אַנטשטייען אויף דעם געביט פוןווירטשאַפטלעכער טעטיקייט, ווי בכלל אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן, ווי אויך אַ קאָדעקס פאַר דער נאָרמירונג פון די פאַמיליען־אָנגעלעגנהייטן, נאָרמאַליזירונג פון די באַציאונגען פון די געשלעכטער, ווי צניעות, ריינקייט פון משפחה, וכדומה, און די איינאָרדענונג פון די פאַרהעלטענישן פון די נאָכפאָלגנדיקע דורות, די פליכטן פון עלטערן צו קינדער, און פון די קינדער צו די עלטערן, און א. וו.

צו דעם אַלעם באַזיצט נאָך אידישקייט אַ ריי אידעאַלן פון אַ גאָר הויכן שוואונג, ווי דהיינו:

1) דער איבערבאַשאַף פון גאַנצן קאָסמאָס און איבערבוי פון דעם גאַנצן וועלטן־סיסטעם אויף נייע בעסערע יסודות;

2) די געזעלשאַפטלעכע און אידעאָלאָגישע אויפריכטונג פון אידישן פאָלק, ווי אויך פון דער גאַנצער מענטשהייט;

3) דער אויסבעסער פון מענטשן, סיי פיזיאָלאָגיש, סיי פסיכאָלאָגיש און סיי מאָראַליש, אַן אויסבעסער, וועלכער באַדייט דעם אָפּשאַף פון קראַנקהייטן, אפילו פון טויט, אַן אָפּשאַף, וועלכער וועט האָבן זיין גילטיקייט אויך אויף צוריקוועגס אין דער גאָר ווייטער פאַרגאַנגענהייט אַריין, ניט נאָר פאָרויס אין דער צוקונפט; דעם אָפּמעק פון זינד, שולד און טעות, אויך די פולע ליקווידירונג פון אומוויסנקייט, פאַלשקייט, גראָבקייט, בכלל פעלערן און פלעקן.

I

דער מאָדערנער איד האָט שוין געפונען זיין אָריענטאַציע, זיין אייגענעם קוק אויף זאַכן, אַזוי אַז ער נעמט פאַרלירן זיין אָפּשיי, זיין ביטול־היש, זיין פלאטערן פאַר די העלענישע דענקענס־ארטן, פאַרטיפטער סיסטעמאטישקייט און אויסגעארבעטער מעטאָדאָלאָגיע.

דער אידישער וועלט־באַנעם, וועלכער איז הויך אבסטראַקט און טיף פסיכאָלאָגיש, האָט געקראָגן זיין אויסדרוק אין דעם גרויען אלטערטום דורך אַ סעריע מיטאָסן. זיך ארויסצואוויקלען פון די דאָזיקע ווינדעלעך, זיך צו באַפרייען פון דער כלומרשט קאָנקרעטער פאָרם און אָננעמען א וואויל־דורכגעטראַכטע עקספּרעסיע, האָט זיך דעם אידישן וועלט־באַנעם עד־היום ניט איינגעגעבן. אָבער דאָס איז ניט דערפאַר, וואָס דער אידישער געדאַנק איז נאַאיווער און פלאכער פון דעם גריכישן, נאָר פונקט פאַרקערט. דאָס נעמט זיך פון דעם, וואָס די אידישע פילאָזאָפישע מחשבה איז טיפער און חריפות׳דיקער איידער די געדאנקען, וועלכע האָבן זיך שוין לאַנג פאַרפּוצט אין שול־פילאָזאָפיע בגדים.

אַ פילאָזאָפישער געדאנק קען זיך ניט רעאַליזירן אין א ממשות׳דיקער דערגרייכונג אויף א דירעקטן אופן. ער מוז אָנקומען צו דער פאַרמיטלונג פון דער וויסנשאַפט. און די וויסנשאַפט נעמט אים אויף און טראָגט אים אריבער און פאַרווירקלעכט אים אין דער טעכניק. און בלויז ווען ער דערגרייכט יענע שטופע פון רייפער פאַרפּרוכטונג, ערשט דעמאָלט ווערט ער אָפּגעשאַצט ווי געהעריק. אָט־דעם געדאַנק האָט, מיט אַנדערע ווערטער, ארויסגעזאָגט ווילי׳אַם וואונדט. איך וויל בלויז צוגעבן, אַז איידער א געדאַנק קען ווערן פילאָזאָפיש אויסגעדריקט און אויפגעפאַסט, מוז ער אָנקומען צו די חסדים פון דעם מיטאָלאָגישן, מעטאַפאָרישן אויסדרוק, אים מוז ארויסהעלפן פון זיין שטומקייט א כלומרשט־דערציילערישע פאָרם. און וואָס טיפער און שאַרפער דער געדאנק איז, אלץ מער צייט נעמט אים דורכצומאַכן די רייע גלגולים, וועלכע ווערט געשלאָסן מיט א טעכנאָלאָגישער פאַרקערפערונג.

די אונטערשעצונג פון די אידישע גייסטיקע פּראָדוקטן און די אי־בערשעצונג פון די ניט־אידישע, וועלכע זעען אויס צו זיין וויכטיקער בלויז דערפאר, וואָס זיי זיינען מעטאָדאָלאָגיש רייכער אויסגעקליידט — איז פאר דעם אידישן דענקער א זאך פון דעם פארגאנגענעם נעכטן. די פרייזן פון די ניט־אידישע גייסטיקע שאפונגען זיינען ארויפגעשרויפט בלויז מחמת דעם, וואָס אויף זיי איז דאָ א גרעסערע נאָכפראגע אויף דעם וואולגארן גייסט־מארק. בשעת, אין תוך־געגנומען, ווען מען באטראכט זיי נאקעטערהייט, שטייען די ניט־אידישע גייסט־סחורות, אין זייער אמתן געברויך־ווערט, פיל נידעריקער פון די אידישע גייסט־שאפונגען.

דער דורכשניטלעכער אידישער אינטעליגענט האָט געמיינט, און מיינט נאָך אלץ, אז די טעכנישע רעזולטאטן, וועלכע ווערן דערגרייכט, זיי־נען א באַוויז, אַז די טעאָרעטיש־פילאָזאָפישע הנחות, — אַדאַנק וועלכע די רעזולטאטן, ווי עס שיינט, האָבן זיך באקומען, — זיינען ריכטיק. דאָס איז א פאלשער טעזיס, וועלכן די גאנצע קולטור־געשיכטע לייקנט אָפּ. אויפן סמך פון טאָטעמיזם, פארגעטערונג פון בהמות און פלאנצונגען, האָט זיך דעם פרימיטיוון מענטשן איינגעגעבן צו פארשטוביקן די בהמות און דאָמעסטיצירן די פלאנצונגען, שאפן פיצוכט, אגריקולטור און הארטי־קולטור. די פראקטישע רעזולטאטן זיינען געווען פון אומגעהויער חשי־בות — די טעאָרעטישע רעליגיעז־פילאָזאָפישע באגרינדונג, אויף וועל־כער די פּראקטיק האָט זיך געהאלטן, איז געווען דורכאויס פאלש.

דאָס איז אַן אמת, וועלכער דארף אָנגעווענדט ווערן צו דער אָפּ־שאצונג פון דער גאנצער ציוויליזאציע.

דער אידישער אויפגעקלערטער האָט איינגעזען מיט ווייטיק, אז דעם אידן האָט זיך ניט איינגעגעבן צו שאפן ניט נאָר קיין טעכנאָלאָגיע אויפן יסוד פון די עיקרים פון אידישקייט, נאָר אפילו א וויסנשאפט האָט ער אויך ניט באוויזן אויסצובילדן. און ער האָט א שפרונג־געטאָן צו דער מסקנה, אז די אידישע ווערטן זיינען באדייטלאָז אין פארגלייך מיט די העלענישע, וועלכע אייראָפּע האָט איבערגענומען און באארבעט מיט אזא גרויסן דערפאָלג. ער איז ניט געווען גענוג באהאוונט אין דער וויסנ־שאפט־מעטאָדאָלאָגיע, אז ער זאָל קענען באגרייפן, אז דאָרט, וואו מ׳געפינט די שטארקייט פון דער וויסנשאפטלעכער דיסציפלין, געפינט מען אויך איר שוואכקייט.

ווען די וויסנשאפט דארף ענטפערן פראגן בנוגע, פון איין זייט, דעם עצם־מהות פון א דערשיינונג, דאָס מיינט, וואָס אנבאטרעפט דאָס העכסט אלגעמיינע, און, פון דער צווייטער זייט, בנוגע די איינצלהייטן פון אַ פּע־נאָמען, בלייבט זי אָן אותיות, באנוגנט זיך מיט שטאמלען. אזוי־ארום קען

מען זאָגן, אז די וויסנשאַפטלעכע דיסציפּלין באַוועגט זיך ערגעץ אינמיטן, צווישן דאָס אַלגעמיינע און איינצלנע. דאָרטן, אין דער צווישן־וועלט, האָט זי זיך אָפּגעצוימט א תחום, וואו זי אָפּערירט מיט גרויס פּעולה. דער תחום איז אָבער ווילקירלעך אָפּגעגרענעצט. דער נאַאיווער מענטש, איד, מיינט אָבער, אז זי איז באמת א גאַנצער כל־יכול אויפן גרויסן געביט פון וועלט־פאַרשטיין און מענטש־אויספאָרשונג.

ביז גאָר לעצטנס האָט דעם אידישן משכיל באַהערשט א אינפעריאָ־ריטעט־געפיל. אים האָט זיך, נעבעך, אויסגעדוכט, אז ישראל סבא האָט פאַרשפּילט, פאַרלוירן ניט נאָר זיין „חלק עולם הזה״, זיין אימפּעריאַ־ליסטישע קאַריערע, נאָר אויך זיין „עולם הבא״. ער האָט ניט געשאַפן אויף דעם געביט פון גייסט א דבר של קיימא, אז דער אידישער באַנעם פון דעם וועלט־פּראָבלעם איז ניט פונדאַמענטאַל און האַפטיק.

אָט די אונטערשעצונג פון די אידישע גייסטיקע ווערטן איז אויסגע־דריקט געוואָרן אין א רייע גלייכווערטלעך, וועלכע זיינען געשאַפן גע־וואָרן אין דער משכילים עפּאָכע. מיר וועלן ברענגען בלויז א צוויי פון זיי, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר די איבעריקע.

„אויב תהלים־זאָגן וואָלט זיין א רפואה, וואָלט מען עס פאַרקויפט אין אַן אַפּטייק״...

„דער עם הדומה לחמור (דאָס פאָלק, וואָס איז געגליכן צו אַן אייזל) האָט געשאַפן אַן אייזנבאַן, א טעלעגראַף, און דער עם חכם ונבון (דאָס פאַרשטענדיקע און קלוגע פאָלק) גלאָצט מיט די אויגן און ווייסט ניט וואָס דאָס איז״.

אין די דאָזיקע שפּרוכן איז פאַרקערפּערט געוואָרן דער יאוש פון דעם „קריטיש־דענקענדיקן״ אידן, ווען ער האָט דערזען דעם דערפאָלג, וואָס די איראָפּעאישע ציוויליזאַציע האָט געמאַכט אַדאַנק דעם, וואָס זי האָט אָנגענומען, אָן קווענקלעניש, די אַרבעטנדיקע היפּאָטעזן, וועלכע קומען, הויפּטזעכלעך, פון די גריכן, פון העלעניזם.

דער יודאַאיזם האָט ניט באַוויזן אַזעלכע אותות ומופתים. ער האָט עס ניט געקענט באַווייזן. זיין רייף־ווערן־פּעריאָד, דווקא דערפאַר, וואָס ער איז אַבסטראַקט, איז פון א פיל לענגערער דוראַציע. יודאַאיזם אַלס א וועלט־באַנעם וועט טריאומפירן, אָבער אין דער גאָר ווייטער צוקונפט. אין אונדזער צייט, אויף דעם געביט פון פאָרשונג, זעען מיר בלויז א מער אָדער ווייניקער נאָענטן צוגאַנג צום אידענטום, צו דער אַבסטראַקטער אידישער וועלט־אָנשויאונג. עדות זיינען די נעאָ־פיזיק מיט איר רעלאַטי־וויטעט־סיסטעם, און די נעאָ־מאַטעמאַטיק מיט איר סימבאָליזם־לערע, און די „ען״ דימענזיעס.

און מ׳קען כמעט ווי זאָגן, אז דער געוואַלט־געשריי, וואָס די צעיושע־טע אַנטיסעמיטן האָבן אויפגעהויבן מכוח דעם, אז די אידן גרייטן זיך צו פאַרכאַפּן און באַהערשן די וועלט — איז ניט אינגאַנצן הוילער רשעות־דיקער פאַנטאַזיע־בלבול, אויב אונטערן וואָרט „וועלט" מיינט מען די „וועלט של מעלה", די וועלט פון אַבסטראַקטן געדאַנק. און ניט די אידנ־שאַפט האָט בכוונה צו דאָמינירן, נאָר „אידישקייט", אלס דער העכסטער אויסדרוק פון אַבסטראַקטן וועלט־באַנעם, גייט עס טאָן. און די רדיפות אויף אידן און דער פאַרצווייפלטער ווידערשטאַנד, וועלכן די באַרבאַרישע שונאי־ישראל ווייזן אַרויס, וועט זיי ווייניק וואָס העלפן...

אָבער די צעווילדעוועטע אידן־פיינט ווילן פּטור ווערן פון אידנטום, וועט פאַר זיי ניט גענוג זיין זיך צו באַפרייען פון קריסטנטום, וועלכן זיי האָבן פאַלסיפיצירט און כלומרשט אָנערקענט, זיי וועלן דאַרפן גיין אַ סך ווייטער. זיי וועלן דאַרפן זיך אָפּזאָגן פון דער שריפט־שפּראַך, וועל־כע, ווי דער וואָרט אַלפאַבעט זאָגט עדות, איז אַ סעמיטישער אויפטו, אַ „אידישע" דערפינדונג...

II

פאַרוואָס קומט אָן אַזוי שווער צו פאָרמולירן די פילאָזאָפישע הויפּט־יסודות פון אידישקייט? פאַרוואָס איז אַזוי שווער, כמעט ווי אוממעגלעך צו זאָגן קלאָר און דייטלעך אין וואָס עס באַשטייט דער מהות פון יהדות? פאַרוואָס איז אַזוי שווער צו געבן אַן ענדגילטיקן ענטפער אויף דער פראַ־גע, ווי אַזוי פאַרהאַלט זיך דער אידישקייט־באַוואוסטזיניקער איד צו דער וועלט, מענטשהייט, אידנשאַפט און צו זיך אַליין אלס יחיד?

דער אויבנאויפיקער ענטפער איז אָט וואָס:

די אידיש־קלאַסישע ווערק, הויפּטזעכלעך די מדרשים און תלמוד, זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון פראַגמענטן. זיי שטעלן פאָר מיט זיך באַ־ריכטן פון דיסקוסיעס. מיינונג־פאַרשיידנקייטן ווערן איבערגעגעבן מיט דער גרעסטער זאָרגפעלטיקייט. אַזוי אַז עס באַקומט זיך אַ מאָזאַאיק, אַ בינטל סתירות. די סיסטעמאַטישקייט און צוזאַמענפּאַסנדיקייט ליגט ער־גער אויפן סאַמע דעק, וואו אַלץ איז אָפּגעזעצט און רוט אין אייביקער שלווה. דער תלמוד באַצייכנט דעם צושטאַנד מיט די ווערטער: אלו ואלו דברי אלהים חיים, סיי די און סיי יענע זיינען ווערטער פון לעבעדיקן אלהים...

אויף דער אויבערפלאַך זעט מען די צוזאַמענשטויסן, די חילוקי־דעות, די רייסערייען, אַמפּערנישן. אפילו אין הלכה איז די פּוסקים אָנ־געקומען די אַרבעט פון סיסטעמאַטיזירן דאָס אידישע געזעץ און ריי־טואַליסטיק גאַנץ שווער. אַ פּשיטא שוין וואָס איז שייך אגדתא. די אידי־

שע חוקרים וועלן מוזן ארבעטן שווער און ביטער, ביז זיי וועט זיך איינ־געבן ארויסצובערענגען פון דעם עקזיסטירנדיקן תהו־ובהו אַ הארמאָניש־געפאַסטע אידישע וועלט־מענטש־אויפפאַסונג. די פרייהייט פון וואָרט און מיינונג אין די אידישע קלאסיקער איז שיעור ניט דערפירט צו כאאָ־טישקייט. און אויב די קאָדיפיצירער זיינען סוף־כל־סוף ארויס מיט נצחון פון דעם גערא‌נגל מיט דער אומאָרדנונג, וועלן עס אויך באוויזן די אי־דישע פילאָזאָפישע דענקער, אָבער אָנקומען וועט עס זיי מיט מער אָנ־שטרענג און פראצע.

III

די הויפּט־הנחות פון אידישקייט שטייען העכער און נידעריקער, פונדאמענטאלער פון ראַציאָנאַליזם, פון דעם אויבערפלעכלעכן שכל, וועל־כער הינקט גאנץ היפש אונטער, ווען אים קומט אויס זיך צו פארנעמען מיט דער פעסטשטעלונג פון ערשטע פרינציפּן. דער יסוד פון אידישקייט, דער באזיס פון אידישער קלוגשאפט, איז אמונה. אָבער דער בנין, וועלכער ווערט אויפגעריכט אויף דעם אמונה־פונדאמענט, איז ראַציאָנאַליסטיש גע־בויט. דער תלמוד, דער הלכה־טייל, איז שכל׳דיק שארף, ווי א גוט־גע־שטעלטער חלף אָן אַ פגימה.

אָט וואָס רבי נחמן ברעסלאָווער זאָגט וועגן ענין אמונה.

„הגם אמונה איז נידעריקער פון שכל, ווי עס איז באוואוסט, ווייל עס איז דאָך ניט שייך קיין גלויבן סיידן בנוגע עפּעס וואָס דער שכל קען ניט באגרייפן, פונדעסטוועגן ציט זיך דער שורש פון גלויבן פון אַ הויכן אָרט און זייער געהויבענעם פלאץ, וועלכער איז העכער פון אלע שכל־דיקייטן. מחמת אמונה איז אין דער בחינה פון „איך בין ערשט און איך בין לעצט". (ליקוטי עצות המשולש, ז. 77, ווארשע תרפ"ב).

דער ערשטער פרינציפּ איז ניט קיין פּראָדוקט פון שכל. דער שכל איז בכלל אומבאהאָלפן, ווען עס האנדלט זיך וועגן „ערשטקייטן". לויט זיין עצם מהות נאָך איז דער פארשטאנד א קאָרעקטאָר, ניט קיין אויטאָר, אַ פארריכטער, א בעל־מגיה, אן אויסגעפינער פון גרייזן, אַן אַנטדעקער פון טעות׳ן, אָבער ניט קיין אָריגינעלער בעל־מחבר. ער איז ניט קיין שאַפער.

די שאַפנדיקע ארבעט, די „ברק־המבריק־אַקציע" ווערט דורכגעפירט פון אינטואיציע. נאָך גענויער, דעם סאמע ערשטן יסוד פון מענטשלע־כער דערקענטעניש לייגט אוועק „דער ריינער גלויבן". אידישקייט איז ניט קיין קינד פון ריינעם פארשטאנד נאָר פון „ריינעם גלויבן".

דער פארשטאנד ווערט ניט פארוואָרפן. ער האָט זיין פלאץ אין דער עקאָנאָמיע פון דענקען. ער האָט פונקציעס, וועלכע ער דארף אויספילן.

און וועלכע ער וועט אויספילן בשלימות אין דער גאָר ווייטער צוקונפט. דער פאַרשטאַנד איז נאָך דערוויל קינדיש. ער וועט נאָך ערשט רייף ווערן. אָבער מ׳מוז אים געבן צייט, פיל צייט, אַ גאַנצן לעולם־ועד אים אויסקשענקען. און דעמאָלט וועט ער זיך באַווייזן אין זיין גאַנצער גבורה. אידישקייט איז ניט קורצאַטעמדיק. איר שרעקן ניט אָפּ די מרחקים פון טויזנטער יאָרן... דאָס אידישע דענקען איז געוואוינט צו אָפּערירן מיט לאַנגע צייט־שטרעקעס „ווי טויזנט דורות״ (אלף דור), אָבער דער שטרע־בונג־ציל מוז זיין פעסט און שטייף אוועקגעשטעלט, אַניט ווערט פאַר־לוירן דער גאַנצער זין און רייץ פון דער דענקענדיקער אקטיוויטעט. דער שכל איז געגעבן געוואָרן דעם מענטשן בכדי אים זאָל גוט זיין און ער זאָל האָבן לאַנגע יאָר אויף דער ערד...

„איך האָב געמאַכט די ערד און דעם מענטשן האָב איך אויף איר באשאפן״ (ישעיה, מ״ה)... „צוליב וואָס האָב איך געמאַכט די ערד, צוליב דעם מענטשן, וואָס איך האָב אויף איר באשאפן״ (זהר בראשית, ר״ה, ע״ב).

דער מענטש איז דער צוועק פון גאַנצן באשאף. דער מענטש איז דער ציל, די וועלט איז בלויז אַ מיטל פאַר אָט דעם ציל.

בכלל האָט דער פאַרצייטיקער איד געקוקט אויף דער וועלט פון ווינקל פון גוטס און שלעכטס, און ניט פון שטאַנדפּונקט פון ריכטיקייט אָדער ניט־ריכטיקייט. דער „כי טוב״ ווידערהאָלט זיך יעדעס מאָל, ווען אלהים טוט עפּעס אויף און ער באַאָבאַכטעט עס און טראָגט ארויס זיין אורטייל איבער דעם.

לויט דער קדמונים׳דיקער אידישער השגה איז דאָס וועלט־סיסטעם אַן עטישעס סיסטעם, אַ גאַנצקייט, וועלכע איז געבויט אויף פולער סאָ־לידאַריטעט און אידענטיטעט, אויף דער פאַרשמעלצונג פון סתירות און היפוכים אין איין איינציקן, אַלץ־אומפאַסנדיקן אחד. אָבער די רע־אַליזירונג פון אַזאַ סיסטעם פאָדערט אַן אייביקייט.

IV

ביז ניט לאַנג צוריק האָט אַ טייל פון אידנטום, — דווקא דער טייל, וועלכער איז געווען אפשר דער וואַכזאַמסטער, אַקטיוויסטער, — געגלויבט באמונה שלמה, אז ער האָט געפונען אַן ענדגילטיקע לייזונג, דאָס הייסט, אַ פאַרענטפער פון דער אידן־פראַגע, אויסגעדריקט אין טערמינען פון פּאָליטיק און עקאָנאָמיק. נאַטירלעך, אז די דאָזיקע קרייזן, וועלכע זיינען געווען זיכער, אז זיי האָבן אַנטדעקט דעם סוד פון דער אידישער פולער רעאַליסטישער אויסלייזונג, האָבן ארויסגעוויזן זייער אַ שוואַכן אינטע־רעס פאַר די אידעאָלאָגישע „אַנגעוויטיקטקייטן״ פון אידנטום. נאָך מער,

וואָס אָט־די עלעמענטן, וועלכע זיינען געווען טיף־איבערצייגט, אז אין זייערע הענט האַלטן זיי דעם שליסל, מיט וועלכן זיי גייען באַלד עפענען די פאַר׳חתם׳עטע טיר פון אידישן שיקזאַל, זיי־נען געווען איינגאַנצן אָדער טיילוויז היסטאָריש־מאַטעריאַליסטיש געשטימט. און זיי האָבן באַהויפּט, אַז מיט דעם עקאָנאָמיש־פּאָליטישן פאַרענטפער פון דער אידנשאַפט־פּראָבלעם, וועט במילא זיך אויסדריבלען דער גאַנצער קנויל פון די פאַרווירענישן, וועלכע גייען אונ־טערן נאָמען פון „אידישקייט” אָדער אידנטום.

אָט־די איינגעגלויבטע האָבן זיך געשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן: „בונ־דיסטן” און „ציוניסטן”, מיט זייער פולער גאַמע פון וואַריאַציעס און קאָמ־בינאַציעס.

די „בונדיסטן” (אידישע סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן) האָבן געגלויבט, אז די אַלגעמיינע גאולה קומט אָן, און ממילא, וועט זי ברענגען מיט זיך די אידישע גאולה, אלס א טייל פון דעם גאַנצן אויסלייזונג־פּראָגראַם. די ציוניסטן האָבן זיך פאַרנומען ספּעציעל מיט דער אידישער גאולה, מיט דער ספּעציפישער רעאַליזירונג פון די עלעמענטן פון משיחיות, וועל־כע זיינען געווען רעאַליסטיש, אז זיי זאָלן זיך לאָזן פאַרווירקלעכן, ווי קיבוץ גליות, שאַפן א אידישן שטאַט, אָדער אַ אידיש היימלאַנד.

אָט די צוויי לאַגערן האָבן געקעמפט, צייטנווייז גאַנץ פאַרביטערט, איינער קעגן דעם אַנדערן. אָבער איין זאַך האָט זיי פאַראייניקט. זיי זיי־נען געווען זיכער, אז זיי זיינען ביכולת צו געבן אַ ראַדיקאַלן עקאָנאָמיש־פּאָליטישן ענטפער אויף דער אידן־פראַגע אין אונדזער צייט.

די דאָזיקע האָפענונגען האָבן זיך ארויסגעוויזן צו זיין צו ראָז. עס טוט זיך ניט אזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך. און אָן אַנטוישונג האָט זיך באַוויזן, ניט אין די גרונט־פּרינציפּן, אויף וועלכע די אָפּטימיסטישע פּראָגנאָסטיקאַציעס האָבן זיך געהאַלטן, נאָר אין דער מעגלעכקייט אָרי־בערצוגיין שנעל פון דערוואַרטונג צו דערגרייכונג.

און וויבאַלד אַזוי, האָט מען זיך גענומען, הגם שעמעוודיק, צוקוקן צו די אידעאָלאָגישע ענטפערס, וואָס די אידנשאַפט איז געווען געוואוינט, אין משך פון העכער צוויי טויזנט יאָר, צו געבן אויף אירע אַנגעווייטיקטע פּראָבלעמען. מ׳האָט גענומען זיך אינטערעסירן מיט דער יכולת פון אי־בערפאָרמולירן די אַלטע צו־קאָנסערוואַטיווע ענטפערס, אַזוי אַז זיי זאָלן קענען גילטן אויך פאַר אונדזער צייט און זיי זאָלן אַפּעלירן צו דעם „היינטיקן” אידן.

V

וואָס מאכט אזוי שווער דאָס פארשטיין פון רעליגיע בכלל און אידישקייט בפרט?

דער ענטפער אויף דעם איז אָט־וואָס: די אָנשויאונגען, ווי זיי ווער. אויסגעדריקט פון די קלאַסיקער אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור, און די גלויבערייען און פּראַקטיקעס, וועלכע מ׳קען באַאָבאַכטן אויף דער רעליגיעזער גאַס, פאלן ניט צוזאמען אין אלע זייערע פונקטן. אָפט ווידערשפּרעכן זיי זיך אפילו. דער רעליגיעזער אויפפיר פון די גלויביקע מאסן איז ניט קיין קאָפּיע פון דעם פילאָזאָפיש־רעליגיעזן וואָרט, פון דער שריפט, ווי היילִיק זי זאָל ניט זיין. אָט דער „ויתרוצצו" איז ניט עפּעס ספּעציפישעס, וואָס פּלאָגט רעליגיע בפרט. דאָס איז אַן אַלגעמיינע צרה, וועלכע מיר געפינען אומעטום, וואו מ׳האָט צו טאָן מיט אַ לערע, וועלכע ווערט באַאַרבעט פון יחידים געלערנטע, און אַ באַוועגונג, וועלכע נעמט אָן א מאסן־כאראקטער.

רעליגיע, קונסט, וויסנשאפט, אפילו טעכניק, זיינען לויט זייער עצם מהות נאָך אַריסטאָקראטיש. דאָס מיינט, אַז יחידים צייכענען זיך אויס אויף די געביטן און ווייזן ארויס גרויס אויפטוערישקייט. ראָבעספּיער האָט געזאָגט: „די רעפּובליק דאַרף ניט קיינע סאַוואַנטן". מיט דעם האָט ער פארענטפערט די הינריכטונג פון גרויסן כעמיקער לאַוואַזיע. ווען אָבער רעליגיע, קונסט, וויסנשאפט ווערן פארשפּרייט צווישן די ברייטע שיכטן פון פאָלק, מוזן זיי ווערן „פאַרוואָסערט", וואולגאריזירט. מוזיק ווערט דזשעז, מאָלעריי ווערט איקאָנעס־שמירעריי, ליטעראטור ווערט בבא־מעשיות אָדער גלאַט שונד.

סאָציאַליזם אין „קאַפּיטאַל" פון מאַרקסן און סאָציאַליזם ערגעץ אויף אַ ראָג גאס, אויף דער בירזשע אין ווילנע אָדער ווארשע, אין מויל פון א דריי־גראָשענעם אגיטאטאָר, איז ניט געווען איין און די זעלבע זאך. און ווען איינער האָט געשלאָגן דעם ראָג־גאס־מארקסיזם „אזש א רויך איז געגאנגען", האָט ער לחלוטין ניט געמאכט קיין תל פון מארקסיזם, ווי ער ווערט אויסגעדריקט פון זיין געניאלן שעפער.

דאָס אייגענע איז ריכטיק בנוגע רעליגיעזן דענקען און שפירן. אויף וויפיל רעליגיע איז פּאָפּולער, אוניווערסאל אָנגענומען, אויף אזויפיל מוז זי זיין אָנגעשטאָפּט מיט אַבערגלויבערייען, מיט געצנדינערישע עלעמענטן... מיט שמירעריי, פּאטשקעריי אָנשטאָט מאָלעריי. ס׳רוב פון די בראַווע העלדן, די באקעמפער פון רעליגיע, וועלכע „ספּראַווען זיך מיט איר איינס־און־צוויי", באשטרייטן, באמת, בלויז די וואולגארע עלעמענטן פון רעליגיעזן גלויבן. זיי זיינען ניט באקאנט מיט אירע קלאסיקער, ווילן

זיך מיט זיי ניט באַקענען. זיי ווייסן גאַנץ גוט, אַז אין געראַנגל מיט די לעצטע וועט זיי זיך ניט איינגעבן אָפּצוהאַלטן אַזעלכע לייכטע נצחונות.

דער אבן־עזרא האָט געשאַפן זיין באַרימטן ווערטל מכוח די אידישע לעגענדעס, וועלכע ער טיילט איין אין זייד און זעק. אָט־די איינטיילונג זיינע איז גילטיק פאַר אַ היפּש ביסל גייסטיקער סחורה, ניט בלויז לעגענדעס. אומעטום, וואו גייסט־פּראָדוקטן ווערן פאַרשפּרייט צווישן ברייטע שיכטן פון פאָלק, זעען מיר באַשיינפּערלעך ווי זיידענע מלבושים ווערן, מעשה כישוף, פאַרוואַנדלט אין א „לבוש־שק", אין אָנטועכצן, וועלכע ווערן גענייט פון ראַגאָזשעס. אפנים עס סטאַיעט ניט קיין זיידנס פאַר אַלעמען...

איבערהויפּט איז אָט־די קלאַרמאַכונג וויכטיק ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם אידנטום, א סיסטעם, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן פון גרויסע אינטעלעקטואַליסטן און נאָך גרעסערע אינטויאַיטיוויסטן, אָבער וועלכע איז פאַרשפּרייט געוואָרן צווישן א גאַנצן פאָלק. אידישקייט, אידישע רעליגיע האָט געמוזט „פּאָגאַניזירט" ווערן, אַריינזאַפּן אין זיך אומגעוואונטשטע געצנדינערישע עלעמענטן. אמת, די אידישע דענקער, די קלאַסיקער פון דער אידיש־רעליגיעזער ליטעראַטור האָבן זיך פאַרנומען, גאַנץ פלייסיק פאַרנומען, מיט דער אַרבעט פון רייניקן, לייטערן די אידיש־רעליגיעזע ווערטן. אָבער אינגאַנצן אויסראַמען, אויסלייטערן אָט־דעם פּסולת, האָבן זיי ניט געקענט. דער תלמוד דריקט אויס דעם געדאַנק פון זייער אומבאַהאָלפנקייט פון רעליגיעזן דענקער, ווען ער שטויסט זיך צוזאַמען מיט א פאַרפונדעוועטער אבערגלויבעריי אָדער שלעכטער הנהגה, מיט די שפּרוכן: „די תורה האָט גערעדט פאַרן יצר־הרע", „די תורה האָט גערעדט די שפּראַך פון פשוטן מענטשן", „לאָז צו רו די אידן, זאָלן זיי בעסער בלייבן אומשולדיקע איידער אומישנע זינדיקער".

VI

די פראַגע מכוח די פאַרהעלטענישן פון אידנטום צום קריסטנטום און, פאַרקערט, פון קריסטנטום צום אידנטום — האָט אַלע מאָל אינטריגירט דעם אידיש־דענקענדיקן עולם, ווי אויך דעם ניט־אידישן.

די פראַגע איז פיל מאָל באַהאַנדלט געוואָרן אין דער העברעאישער און אידישער ליטעראַטור ווי, זיכער, אויך אין אַלע אַנדערע איירָאָפּעאישע (און ניט דווקא איירָאָפּעאישע) ליטעראַטורן. א צאָל געלערנטע האָבן גאַנץ אָפט פּרובירט אָנצואווייזן אונטערשיידן צווישן דער אידישער עטיק און דער קריסטלעכער עטיק. אָבער די אַלע פאַרזוכן, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זיי זיינען געמאַכט געוואָרן פון וויכטיקע קאָפּ-

מענטשן — האָבן זיך ניט איינגעגעבן. פאַרוואָס? פשוט דערפאַר, וואָס אַזעלכע אונטערשיידן זיינען כמעט ניטאָ. און אויב זיי זיינען דאָ, זיינען זיי אַזוי דין און דעליקאַט, אַז עס איז ניטאָ „וואָס אָנצונעמען".

די טעג, אין אַ פּריוואַטן שמועס, זאָגט מיר אַ אידישער זייער חשוב־ער שריפטשטעלער, אַז עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אַ אידישע עטיק, ווייל, אייגנטלעך, איז זי דאָך די אייגענע וואָס די קריסטלעכע עטיק.

דערויף האָב איך אים געענטפערט: אויב אַזוי, דאַרף מען זאָגן, אַז עס איז ניטאָ קיין קריסטלעכע עטיק, אָבער בשום אופן ניט, אַז עס איז ניט פאַראַן קיין אידישע עטיק. די קריסטן האָבן דאָך אַנטליען זייער עטיק פון די אידן און ניט פאַרקערט, די אידן פון די קריסטן. די פראַגע ווערט איינפאַך געלייזט דורך עלטערקייט. וועלכע סיסטעם איז עלטער? די אי־דישע, פאַרשטייט זיך. דער קריסטנטום האָט געבאָרגט, אויף ניט אָוועק־צוגעבן, פון אידנטום.

איבערפלעכלעך אורטיילט דער קריסטלעכער דענקער אַזוי: די אי־דישע עטיק האַלט זיך אויפן יסוד פון „אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן", בשעת די קריסטלעכע עטיק באַזירט זיך אויפן „אונטער־שטעלן די צווייטע באַק", ווען מ'פּאַטשט דיך אָן אין דער ערשטער באַק.

אַזאַ אורטייל, פון וועלכן עס ווערט געצויגן דער שלוס, אַז די קריסט־לעכע עטיק שטייט העכער פון דער אידישער, איז באָדנלאָז, ווייל ער מישט צוזאַמען די „יוצרות".

„עין תחת עין ושן תחת שן" (אויג פאַר אויג און צאָן פאַר צאָן) איז געזעץ, איז יוריספּרודענץ, בשעת דער געבאָט וועגן פאַרגעבן, נאָכ־געבן, „אונטערשטעלן די באַק", „אָוועקגעבן דעם אויבערשטן ראָק", און ענלעכע שפּרוכן, וועלכע געפינען זיך אין נייעם טעסטאַמענט, זיינען מאָראַל, ניט דער געזעץ פון וועלכן עס איז לאַנד אָדער אָרגאַניזירטן ציבור לעבן.

און דאָ זעט מען איינעם פון די הויפּט־חילוקים צווישן דעם אַלטן און נייעם טעסטאַמענט. תורת־משה אַנטהאַלט סיי געזעץ און סיי מאָראַל, בשעת דער עוואַנגעליום אַנטהאַלט ניט קיין געזעץ נאָר בלויז מאָראַל. און פאַרשטייט זיך, אַז ווען מ'נעמט און מ'פאַרגלייכט געזעץ מיט מאָראַל, וועט אַלע מאָל אויסקומען, אַז מאָראַל שטייט העכער בנוגע מענטשנליבע, מענטשנפריינטשאַפט. מאָראַל מוז זיין העכער, ווי יושר מוז זיין מילדער, ליבער, פריינטלעכער פון דין. יושר, גערעכטיקייט, מאָראַל, עטיק גע־פינען זיך אַלע מאָל אויף יענער זייט פון דער געזעץ־ליניע (לפנים משורת־הדין).

איצטער פרעגט זיך: אויב דער אונטערשייד פון אידנטום און קריסטנטום ליגט ניט אין מאָראַל, טאָ וואו ליגט ער?

איך וואָלט זאָגן, אז דער אונטערשייד צווישן אידן און ניט־אידן, אין דעם פאַל קריסטן, איז א פסיכאָלאָגישער.

און מיר וועלן באלד קלאָר מאכן אונדזער געדאנק.

אין די „מעשים פון די אפּאָסטאָלן" ווערט געגעבן א בילד. עס שילדערט זיך ווי פּויל דרשנ'ט, ריכטיקער, פאַרענטפערט זיך אין דער אָנוועזנהייט פון רוימישן גובערנאטאָר פעסטוס און אידישן „שטיקל קיניג" אַגריפּע. דער רוימער, אויסהערנדיק פּוילן, זיינע רעיונות מכוח תחיית המתים, משיח־קומען א. אַ. וו. — פּאַסט אַ באַשלוס, אַז פּויל איז אַ משוגענער און ער זאָגט עס אים: „פּויל", זאָגט דער רוימער, „דו ביסט אַראָפּ פון זינען פון צופיל לערנען" (XXVI, 24).

אַגריפּע דער איד, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט אידישער אידעאָלאָגיע, ענטפערט ווי א איד, א ביסל איראָניש און א ביסל סארקאסטיש: „דו האָסט מיך כמעט איבערצייגט..." (דאָרט, 28).

די באציאונג פון ניט־אידן צו דעם גאָט פּרינציפּ, צום משיח גלויבן, צום תחיית־המתים עיקר איז איינס פון די בידע: אָדער ער נעמט עס איינגאנצן ניט אָן, אָדער, ווען ער נעמט עס יאָ אָן, מוז עס ווערן א שטיק ממשות, עפּעס קאָנקרעטעס, א מין פאקט, א „רעאַל", א שטיק ווירקלעכקייט, בשום אופן ניט קיין „אידעאַל". עס מוז ווערן אַ פּאַסירונג, ניט קיין וואונטש.

דער איד, פאַרקערט, דענקט אבסטראַקט און ער פּאַסט אויף אָט־די ענינים ריין „אידעאַליסטיש".

בנוגע גאָט. וואָס איז זיין נאָמען? וואָס איז זיין מהות? זיין נאָמען איז „אהיה אשר אהיה", וואָס מיינט איך וועל זיין אין דער ווייטער, גאָר ווייטער צוקונפט, דערווייל בין איך כמעט ווי ניט בנמצא. „אין יענעם טאָג (ביום ההוא יהיה יהוה אחד...), וועט ער זיין..." יענער טאָג ליגט פון דעם טאָג ווייט־ווייט אוועק און צווישן זיי איז מער ווי איין תחום שבת...

בנוגע משיחן. דער איד דערוואַרט משיחן, דער איד גלויבט אין אים. אָבער ווי גאָר ער האָט זיך באוויזן, האָט שוין דער דענקענדיקער איד געוואוסט, אז ער איז א פאלשער משיח. ווייל משיחיות איז אַן אידעאַל און קען קיין „רעאל" ניט ווערן. משיחיות געהערט צו דער ווייטסטער צוקונפט, צום לעצטן טאָג, צום „אחרית הימים", ניט צום היינט. וואָס איז די ריכטיקע ליניע פון אידישן געדאנקען און געפיל־גאנג בנוגע תחיית המתים? יעדער פרומער איד האָט געגלויבט אין דעם, אז טויט וועט ביי־געקומען ווערן אפילו אין רעטראָגראַד, אויף צוריקוועגס, דאָס הייסט,

אז ניט נאָר וועלן מענטשן אויפהערן צו שטארבן אין דער צוקונפט, נאָר אפילו די, וואָס זיינען געשטאָרבן, וועלן אויך אויפשטיין, לעבעדיק ווערן. און זיי זיינען געווען געוועכט אין זייער גלויבן: ווייל אויב מיר וועלן געפינען א מיטל ווי אזוי אָפצושאפן דעם טויט (בלע המות לנצח), וועלן מיר זיך שוין אן עצה געבן מיטן טויט אויך אין דער פארגאנגענהייט. אָבער דאָס אלץ וועט פּאַסירן — ווען? אין דער גאָר ווייטער צוקונפט. די פארגאנגענהייט וועלן מיר טאקע גובר־זיין אין דער צוקונפט. אָבער אז איר וועט קומען צו א אידן פון אלטן דור, אן אמת פרומען, אן אמת גלויביקן און אים זאָגן, אז ר׳ תנחום, ר׳ יונה איז שוין אויפגעשטאנען צו תחיית־המתים, וועט ער אייך אָנקוקן ווי משוגע. ס׳טייטש, ער גלויבט דאָך, אז תחיית־המתים איז א מעגלעכקייט, טאָ פארוואָס זאָל עס זיין אוממעגלעך, אז אימיצער האָט שוין באוויזן דעם „קונץ״? דאָס בשום אופן ניט. ווייל דער איד נעמט אָן תחיית־המתים אלס „אידעאל״, אָבער קיינמאָל ניט אלס „רעאַל״. מ׳דאַרף אין דעם גלויבן, אָבער פאסירן — טאָר עס ניט, קען עס ניט.

דאָס אייגענע בנוגע גאָט־מענטש, מענטש־גאָט.

אין עוואנגעליום ווערט דערציילט, אז ישו האָט ציטירט דעם פסוק פון תהלים (אני אמרתי: אלהים אתם ובני־עליון כלכם, פ״ב, ו׳): „איך האָב געזאָגט איר זייט געטער און קינדער פון אויבערשטן זייט איר אַלע״, און מיט דעם האָט ער געוואָלט פארענטפערן זיין שטעלונג און באהויפטונג מכוח דעם זון פון גאָט (יוחנן X, 34). דער פסוק האָט אָבער אַ סוף־פסוק: „אָבער ווי מענטשן וועט איר שטאַרבן״... („אכן כאָדם תמותון״). ביים אידן האָט דער פסוק אַ סוף־פסוק, וועלכער דערגאַנצט דעם פסוק.

מיט אנדערע ווערטער, דער איד האָט אָנגענומען די לערע, דעם אידעאַל פון מענטש־גאָט, אָבער בלויז אלס „אידעאַל״, בשום אופן ניט אלס פאַקט, אלס טאטזאך. אלס דערווארטונג, אלס טרוים — יאָ, אלס וואָר — אויף קיין פאַל ניט. דער אלהים אתם — איז דער אידעאַל; דער אָכן כאָדם תמותון — איז דער רעאַל, די גרויע ווירקלעכקייט.

פאַרוואָס שפּילט זיך אַ קליין מיידעלע אין ליאַלקעס? די פּסיכאָלאָגן ענטפערן דערויף, אז זי האָט ניט קיין געדולד צו ווארטן ביז זי וועט ווערן אן אמת׳ע רייפע מוטער. דער מוטער־אינסטינקט איז שוין וואַך, אָבער די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן דעם אינסטינקט איז נאָך ניטאָ. ווארטן קען זי ניט. זי וויל ווערן מוטער און קען ניט. כאַפּט זי אַ ליאַלקע און ווערט כלומרשט א מוטער... זיך צופרידנשטעלן מיט דעם פארלאנג און זיכערקייט, אַז זי וועט פילע יאָרן שפּעטער ווערן אַ מוטער באמת, דאָס קען זי ניט.

דאָס טוט דער ניט־איד. ער וויל האָבן א דערלייזער. ווארטן האָט ער קיין געדולד ניט. ער איז ניט רייף גענוג צו באזיצן ווילנס־קראַפט. נעמט ער אַ ליאַלקע און שפּילט זיך אין א משיח, אין תחית־המתים, אין א גאָט, וועלכער קען ניט זיין ביי אים מער ווי אַ געטש.

דער איד איז פּסיכאָלאָגיש צו רייף, ער זאָל זיך קענען באפרידיקן מיט א ליאַלקע, מיט א געטשקע, מיט א פאלסיפיצירטער גאולה, מיט א געפעלשטער אויסלייזונג.

דער איד באגרייפט די צעשפּאַלטונג, וועלכע ליגט צווישן דער אי־דעאַליטעט און דער רעאַליטעט. ער זעט אָט-דעם תהום און ווייסט, אַז מ׳קען איבער אים קיין בריקל, קיין קלאטקע ניט אַריבערלייגן.

דער ניט־איד אָדער ער נעמט אינגאנצן ניט אָן אָט־די אידעאַלן און פאָרשטעלונגען מכוח א דערלייזער, אַ דערלייזונג, טויט־בייקומען, אָדער ער מוז זיך איינרעדן (אָדער מ׳מוז אים איינרעדן), אז דאָס זיינען ניט דערוואַרטונגען נאָר געשעענישן. דאָס האָט שוין פּאַסירט. עס איז שוין א „מעשה־שהיה״. און אויב ניט קיין „מעשה שהיה״, דארף ער עס אינגאַנצן ניט האָבן. וויל ער עס אינגאַנצן ניט אָנערקענען... איז עס משוגעת...

דער אונטערשייד צווישן קריסטנטום און אידנטום איז דער אונטער־שייד צווישן אומרייפקייט און רייפקייט.

ווי געזאָגט: דער איד, אין דער פּערזאָן פון זיינע בעסטע פאָרשטייער, שפּילט זיך ניט אין ליאַלקעס, אין געטשקעס. ער איז גענוג רייף צו באַ־גרייפן, אז צוקונפטס־פּאָרשטעלונגען זיינען ניט קיין קעגנוואַרט־פאַר־ווירקלעכונגען. זיי זיינען טאקע פאָרשטעלונגען, אָבער זיי זיינען פון גאָר גרויסן באדייט פאר דער קעגנווארט, וועלכע זיי באלייכטן, באשיינען און באצירן — זיי טאָרן זי אָבער ניט אוזורפּירן, און זיי קענען זיך מיט איר ניט אידענטיפיצירן.

מ׳דארף האָבן „אידעאַלן״, מ׳מוז לעבן מיט „אידעאלן״, כאָטש מ׳באַגרייפט, אַז דער אָפּגרונט, וועלכער גענוצט צווישן דעם „אידעאַל״ און דעם „רעאַל״ וועט קיינמאָל ניט פארשאָטן ווערן, דאָס הייסט, ער וועט יאָ פארשאָטן ווערן — אָבער דאָס וועט פאסירן אלע מאָל אין דער צו־קונפט...

אלע מאָל אין אַ צוקונפט, קיינמאָל ניט אין אַ קעגנווארט...

VII

אידישקייט איז דורך און דורך אָפּטימיסטיש, סיי בנוגע דער וועלט, דעם סדר־העולם, סיי בנוגע דעם מענטשן, זיין אויפפיר, זיין גלויבן,

וויסן און פאַרשטיין. העלעניזם איז הונדערט פּראָצענט פּעסימיסטיש. דער מענטש בויגט זיך אין דרייען אונטער דעם שווערן יאָך פון אומ'ברחמנות־דיקן שיקזאַל. אַליץ, וואָס דער מענטש ווייסט איז, אַז ער ווייסט גאָרניט, אַז ער קען גאָרניט וויסן. צו וואָס העלעניזם רירט זיך צו — טויט ער עס אָפּ, ער דעפינירט, ער צעברעקלט, צעאַנאַליזירט עס, צעגעמט עס אויף שטיקלעך, און פון דאָס גאַנצע לעבעדיקע ווערט אַ הויפן טויטע גלי־דער. און דער גריך האָט פאַר זיין וועלט־באַנעם און פאַר זיין מעטאַדאָלאָ־גיע באַצאָלט אַ היפּשן פּרייז — אפשר ניט אַזוי טייער נאָך אַלעמען, לויט זיין פּעסימיסטישן שטאַנדפּונקט, וועלכער קען פון לעבן ניט מאַכן אַ צו גרויסן ווען — און דאָס איז זיין עקזיסטענץ אַלס אַ סאָציאַלע און קול־טורעלע קערפּערשאַפט. דער גריך איז אונטערגעגאַנגען. דער רוימער האָט אים נאָכגעפאָלגט אין דענקען, פילן, שאַפן און אונטערגיין, אין דעגענערירן און פאַנאַנדערפאַלן. אייראָפּע פאָלגט נאָך דעם גריך און רוי־מער, אָבער שוין ניט מיטן גאַנצן האַרצן. זי האָט געפּרובירט שאַפן עפּעס אַ מין סינטעז פון אידישקייט און העלעניזם. איר וויסנשאַפט, איר קונסט איז הויפּטזעכלעך העלעניסטיש, אָבער איר גלויבן איז אַן אַמאַלגאַם פון יודאַאיזם און פּאַגאַניזם. און שטימען מעכטיקע פול מיט וואָרנונג האָבן זיך געלאָזט הערן פון צייט צו צייט אין די טעמפּלען פון דעם אייראָפּע־אישן געדאַנק. רוסאָ האָט געסטראַשעט, אַלאַרמירט, אַז אויב די אייראָ־פּעאישע קולטור וועט גיין ווייטער אויף דעם זעלביקן וועג, וועט זי זיך אָנטאָרטן. זיין ווערק, קליין אין כמות, גרויס אין איכות, מכוח דער שעד־לעכקייט פון דער וויסנשאַפט און קונסט, האָט אויפגערודערט גאַנץ פראַנקרייך און האָט אים באַרימט געמאַכט איבערנאַכט. ער האָט געקראָגן פאַר זיין שריפט דעם אַקאַדעמישן פּריז. נאָך אים איז געקומען טאָלסטאָי, וועלכער האָט ווייטער געדראָאָט און געוואָרנט אייראָפּע, אַז זי שטייט אויפן ראַנד פון אַן אָפּגרונט, און פאַרוויסטונג און פאַרניכטונג דערוואַרטן זי. רוסאָ האָט געשריען „השיבנו נאזאד”, ער האָט גערופן צוריק צו פּשטות און צום ווילדן און האַרטן לעבנסשטייגער. טאָלסטאָי האָט געפּריידיקט איינפאַכקייט, פיזישע אַרבעט און מאָראַל, ביבלישע עטיק, וועלכע ער האָט געפונען אין דעם גערייניקטן עוואַנגעליע. צי וועט די אייראָפּעאישע קול־טור אונטערגיין, ווי ספּענגלער און אַנדערע פאַר אים און נאָך אים, האָבן נביאות געזאָגט, אָדער זי וועט זיך ראַטעווען, שטייט אונטער אַ פראַגע־צייכן. זייער מעגלעך, אַז די אייראָפּעער וועלן זיך „אַרויסקאַראַבקען” פון דער געפאַר, זיי וועלן איבערקליגן דעם פּאַטוס פון די העלענער און רוימער. אָבער אויב דאָס וועט פּאַסירן, וועלן זיי עס האָבן צו פאַרדאַנ־קען דעם פאַקט, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט „אידישע פּאָקן”, וואָס זיי

האָבן זיך געמאכט אן ארײנשפריצונג פון דעם אידישן בלוט, פון אידישן גלויבן, הגם נישט אין אַ רײנער פאָרם. און זײער מעגלעך, אז דער טראָפּן אידישקײט, וואָס געפינט זיך איצטער אין דעם סיסטעם פון זײער גײסט, וועט זײ מציל־זײן פון טויט. און דאָס איז דער פשט פון דעם נאָמען פון גלויבן, וועלכן אַ פאָר אלטערטום־אידלעך האָבן זײ געגעבן און עס אָנ־גערופן „אויסלײזונג״. אויף דער אויבערפלאך זעט עס אויס צו זײן אַ קאָקעטירונג מיט אידישער משיחיות, אָבער אין תוך גענומען האָט עס אינגאנצן אן אנדער זין. „אויסלײזונג״ מײנט דאָ, בנוגע דער גוי׳עשקער אײראָפּעאישער וועלט, אויסלײזונג פון פשוטן אונטערגאנג, פון אָנט־ארטונג, פון די צײן פון דעם דראַקאָן, וועלכער האָט צעעסן און אַראָפּגע־שלונגען די העלענישע און רוימישע קולטור.

2.

אידישע וויטאַליטעט

דאָס אידישע פאָלק איז דאָס שוואַכסטע צווישן די אומות, אויב שטאַרקײט ווערט געמאָסטן מיט אַ פּאָליטישן אײל. פּאָליטיש איז די אידי־שע אומה כמעט ווי ניטאָ בנמצא. אָבער אויב שטאַרקײט ווערט געמאָסטן דורך פאָלקסלעבנס־גבורה, דורך לעבנס־רעסורסן, ענערגיע, חשק, ווילן און דראַנג זיך צו באַשטימען און באַהויפּטן, דעמאָלט איז דאָס אידישע פאָלק די שטאַרקסטע נאַציאָן, וועלכע עס איז נאָר דאָ אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײט.

הונדערטער שטאַמען און פעלקער האָבן מיט זײערע סקעלעטן פאַר־זײט די מדבריות אין די כראָניקעס פון דער אוניווערסאַל־היסטאָריע.

פאַרוואָס שטעלט פאַר דער אידישער געזעמל אין דעם פּרט פון לעב־האַפטיקײט גיכער דעם יוצא־מן־הכלל, ווי דעם כלל?

דעם ענטפער אויף דער פראַגע דאַרף מען זוכן אין דער אידישקײט, אין דער תורה. די אידישע אמונה־לערע איבט אויס אַ לעבנשענקענדיקע, חיות׳דערהאַלטנדיקע ווירקונג אויף דער אידנשאַפט. ספר דברים צום סאַמע סוף געפינט פאַר נויטיק צו זאָגן עס מיטן פולן מויל פון אַ פסוק.

„...באַפעלט אײערע קינדער צו היטן צו טאָן די אַלע ווערטער פון אָט־דער לערע, וואָרום דאָס איז ניט קײן פוסטע זאַך פאַר אײך, וואָרום דאָס איז אײער לעבן״ (דברים ל״ב, מ״ז).

אידישקײט איז אַ לעבנס־לערע, אַ תורת־חיים, אַ לערע, וועלכע גאַראַנטירט אירע אָנהענגער און נאָכפאָלגער אַן אײביק לעבן, אַן אײנ־לשער גרויסע מאָס פון לעבנסלוסט, חיות־קראַפט און זאַפט.

דורך וועלכן מעטאָד האָט די אידישקייט פאַרזיכערט דער אידנ־שאַפט דאָס אייביקע לעבן?

בכדי צו זיין אימשטאַנד צו ענטפערן אויף דער געשטעלטער פראַגע, דאַרף מען זיך צום־אַלעם־ערשטן באַמיען צו באַגרייפן דעם עצם־מהות, דאָס סאַמע וועזנטלעכסטע, וואָס אידישקייט, אַלס אַ אידישע אידעאָלאָגיע, אַנטהאַלט.

לויט אונדזער פאַרשטיין נאָך איז די קווינט־עסענץ פון תורת־משה ניט די פאַרוועדונג פון געטשנדינסט, אין דעם פשט פון פאַרבאָטן צו דינען פרעמדע געטער און געטשן, נייערט דער אָנזאָג ניט צו מאַכן קיין בילד, קיין געמעלעכץ אפילו פון דעם אייגענעם יהוה אַליין. אָט־דעם פאַרבאָט פון „לא תעשה לך פסל" (שמות כ' ד'; דברים ה', ח'), „דו זאָלסט זיך ניט מאַכן קיין געטש", דאַרף מען באַטראַכטן אַלס דעם הויפּט־פּרינציפּ פון דעם אידישן וועלט־באַנעם. דאָס איז בשום אופן ניט דאָס אייגענע, ווי דער אָנזאָג אָדער פאַרויסזאָג „לא יהיה לך אלהים אחרים", דו וועסט ניט האָבן קיין אַנדערע אלהים׳ס, דו וועסט ניט אָננעמען פרעמ־דע געטער אָדער געטשן, געטשקעס. דאָ אין דעם „לא תעשה לך פסל" ווערט באַפעלט עפּעס אַנדערעס, דאָ ווערט אָנגעזאָגט, אַז דער איד זאָל זיך ניט אַנטוועגן צו נעמען יהוה׳ן און מאַכן פון אים אַ בילד, אָפּמאָלן זיין געשטאַלט.

„וואָרום איר האָט ניט געזען קיין שום געשטאַלט בשעת יהוה האָט גערעדט צו אייך אין חורב פון פייער אַרויס" (דברים ד', ט"ו).

דאָס איז ניט קיין וואָרנונג ניט אַראָפּצוגיין פון דרך הישר, פון איי־גענעם פאָלקסוועג, און ווערן פאַרשטויסן און נעמען דינען און זיך בוקן צו פרעמדע געטער־געטשן. ניין, ניט דאָס. דאָ האַנדלט זיך וועגן דינען יהוה׳ן, פאַרגעטערן יהוה׳ן, דעם „איך־ער" פון ישראל. און דער חומש זאָגט אָן און ווידערהאָלט עס אַ סך מאָל, אַז בשום אופן זאָל דער איד, דער, וואָס אָנערקענט דעם יהוה־פּרינציפּ, ניט מאַכן קיין בילד, קיין גע־מעלעכץ פון יהוה׳ן, און אַזוי אַרום אים פאָרשטעלן, פאַרקערפּערן אין עפּעס אָביעקטיווס, קאָנקרעטעס, אין עפּעס אַ באַשעפעניש, אָדער אַן אָביעקט, אָדער אַ הימל־קערפּער. מ׳טאָר עס בשום אופן ניט טאָן. פאַר־וואָס? וואָס איז דאָ דער גרויסער אומגליק ווען מ׳מאַכט יאָ אַן איקאָנע פון רבונו־של־עולם, ווען מ׳ריכט אויף אַ סטאַטוע אָדער מאַכט אַ גע־מעלעכץ פון אָט־דעם פּרינציפּ? אָבער די תורה איז זייער שטרענג בנוגע אָט־דער גרויסער זינד, וועלכע פאַרדינט טויט־שטראָף. דער חומש וויל בשום אופן ניט דערלאָזן, אַז אָט־דער פּרינציפּ פון „אני יהוה" זאָל קאָנ־קרעטיזירט ווערן, זאָל ווערן עפּעס ממשות׳דיקעס, עפּעס מאַטעריעלעס, וואָס מ׳קען אָנטאַפּן מיט דער האַנט אָדער זען מיטן אויג.

דער אידישער יהוה, דער „איך־ער", דער איך פון אידישן געזעמל, די נשמה פון דער כנסת־ישראל איז אַ „חי אנכי לעולם", אַן איך, וועלכער לעבט אייביק. און וויבאַלד ער לעבט אייביק, טאָר ער זיך ניט מאַטע־ריאַליזירן, אָבעקטיוויזירן, זיך פאַרזאַכן. ער דאַרף בלייבן אַ ריינער סו־ביעקט. אָבער קיין ריינער סוביעקט קען דאָך ניט זיין, איז דאָך אומ־דענקבאַר, ער מוז דאָך ווערן אַן אָביעקט? אין אָט־דער אוממעגלעכקייט באַשטייט טאַקע די שוועריקייט פון דער אויפגאַבע, וואָס אידישקייט האָט זיך געשטעלט. אידישקייט איז אַ פאַרזוך צו פאַרמעגלעכן דאָס אומ־מעגלעכע, צו דערגרייכן דאָס אומדערגרייכבאַרע און דורכצופירן דאָס אומדורכפירבאַרע.

דער חומש איז ניט געגאַרט ביי זיך, ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז זיין לערע וועט מען ערשט אויפנעמען זייער שפּעט, ערשט נאָכדעם ווי די אידנשאַפט וועט זיך גענוג אָנליידן, אויסשטיין יסורים, רדיפות, גירושים, גלות־אָפּריכטונגען.

„בשעת איך לעב נאָך און איך בין מיט אייך, זייט איר ווידערשפּעני־קער מיט יהוה, אַ פשיטא שוין נאָך מיין טויט" (דברים ל"א, כ"ז). זיי פלעגן ניט אַזויפיל ווידערשפּעניקן קעגן יהוה, קעגן דעם הויפּט־פּרינ־ציפּ, ווי מיט דעם פּרינציפּ. וואָרום זיי זיינען, פּשוט, ניט געווען אינ־טעלעקטועל, פּסיכאָלאָגיש, אימשטאַנד זיך אויסצוהיטן פון דער גרויסער און שווערער זינד פון אָביעקטיוויזירן דעם יהוה־פּרינציפּ, דעם ציבור־„איך־ער" פון ישראל, דעם איך פון דער וועלט.

דער חומש ווייסט, אַז דאָס איז אַ פראַגע פון לעבן און טויט פאַר דעם אידישן געזעמל.

דער גריך האָט זיך געאויסערט, האָט אָביעקטיוויזירט זיין נשמה, ער האָט אַריינגעלייגט זיין מהות אין קאָנקרעטע שאַפונגען, אין ממשותדיקע דערגרייכונגען, איינקריצונגען, אויסהאַקונגען אין שטיין, אויסשניידונגען, אויסשניצונגען פון האָלץ, צייכענונגען מיט פאַרב. און וויבאַלד דער העלע־נישער זשעני האָט זיך אָביעקטיוויזירט, איז ער אָפּגעווישט געוואָרן און אָפּגעשטאָרבן.

ווען אַ סאָציאַ־עגאָ עקסטערנאַליזירט זיך, דאַרף מען אים שוין מער ניט האָבן, מ'דאַרף צו אים אַליין ניט אָנקומען. מ'קען זיך באַגיין אָן אים. מ'געברויכט זיין אויסערונג. אַליץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אין זיך, האָט ער דאָך אַרויסגעבראַכט אויסער זיך. אַזוי אַרום האָט ער זיך אויסגעע־זעצט דער געפאַר פון ווערן איבעריק, מחמת דעם, וואָס ער האָט זיך אויסגעליידיקט פון אינהאַלט, פון דעם לעבנסעלעקסיר. ער איז געגליכן צו אַ בוים, וועלכער האָט זיך מיט דער צייט אויסגעדופּלעוועט, און דער

טויט־שטורעם קומט און רייסט אים אַרויס מיט די וואָרצלען אָדער ברעכט אים איבער.

ניט אַזוי האָט זיך געפירט די כנסת־ישראל. זי האָט איר שכינה, איר זשעני, בשום אופן ניט דערלאָזן, אַז זי זאָל קומען צו אַ קאָנקרעטיזאַציע, צו אַ פאַרקערפערונג אין עפּעס אויסערלעכעס. די אידישע שכינה איז געבליבן עפּעס אינערלעכעס, אויסשליסלעך אינערלעכעס.

וואָס איז דער אונטערשייד צווישן רייכטום און קלוגשאַפט?

מ׳דערציילט, אַז לוקרעציוס האָט געזאָגט, אַז צווישן די רייכע מאַג־נאַטן און די אָרימע פילאָזאָפן קומט פאָר אַן אויסטויש. די חכמים גיבן צו די רייכע אַ טייל פון זייער חכמה און באַקומען אין אויסבייט אַ טייל פון דעם פאַרמעגן פון די נגידים.

האָט מען אים געפרעגט: מיט וואָס וואָלט ער דערקלערן די מאָדנע דערשיינונג, וואָס די פילאָזאָפן שלאָגן אָפּ די שוועלן פון די רייכע־לייט און ניט פאַרקערט? אויף דעם האָט ער וויציק געענטפערט, אַז די רייכע, וואָס האָבן ניט קיין שכל, ווייסן ניט וואָס זיי פעלט, בשעת די קלוגע, זייענדיק קלוג, ווייסן שוין גאָר וואָס עס מאַנגלט זיי און זיי זוכן עס צו קריגן.

אַ שאַרף ווערטל איז עס. אָבער אין דער אמת׳ן שטייט די זאַך אַנ־דערש. די געלערנטע, די אויפגעקלערטע, גייען צו די רייכע און ניט די רייכע צו געלערנטע, מחמת דעם, וואָס רייכטום איז אָביעקטיוויזירט, בשעת חכמה איז נאָך אַלץ סוביעקטיוו. מיט אַנדערע ווערטער, דעם גע־לערנטן קומט אָן לייכטער זיך צו באַנוצן מיטן געלט פון דער רייכנמאַן, איידער דעם רייכנמאַן צו געברויכן די קלוגשאַפט פון דעם געלערנטן. מאַטעריעלער רייכטום קען גרינג געברויכט ווערן, קען לייכט קאָנסומירט ווערן, בשעת גייסט־רייכטום, חכמה, איז אָנגעקליבן אינערלעך, וואו קיין מאָל, קיין מייז קענען עס ניט צעעסן, און קיין עם־הארץ אָן אַ געוויסער צוגרייטונג, קען עס ניט פאַרצערן, ער ווייסט אפילו ניט „ווי מ׳עסט עס".

חכמה איז פאַרקניפּט מיטן חכם אַ סך שטייפער, איידער רייכטום מיט דעם רייכנמאַן. געלט קען מען קאָנפיסקירן. גיטער קען מען אַפּראָפּריאירן. מיט קלוגשאַפט, מיט געלערנזאַמקייט קען מען אַזוי ניט האַנדלען. די לעצ־טע עקזיסטירט ניט אויסערהאַלב די חכמים. און די אַרבעט פון איבער־נעמען קענטעניש, געלערנזאַמקייט, איז ווייט ניט קיין לייכטע. די עשירות פון די קאַפּיטאַליסטן קען מען צונעמען. מ׳קען אָבער ניט צונעמען די גייסטיקע עשירות פון דער אינטעליגענציע, וואָרום אירע קלוגשאַפט־אוצרות זייַנען ניט אָפּטיילבאַר פון איר אַליין.

דאָס אידישע פאָלק געהערט ניט אין דער קאַפּיטאַליסטישער רובריק פון פעלקער, נייערט צו דער אינטעליגענציע.

„און זיי וועלן זאָגן בלויז אַ פאָלק אַ קלוגעס און אַ פאַרשטענדלעכעס איז אָט־דאָס גרויסע פאָלק" (דברים ד׳, ו׳).

דער איינזילביק וואָרט „בלויז" זאָגט דאָ זייער פיל. דאָס אידישע פאָלק איז אַ סוביעקטיוו פאָלק, אַ ליריש פאָלק, אַן „אינערלעך" פאָלק. ער פאַרמאָגט זייער קנאַפּע אויסערלעכקייטן, זייער ווייניק אינסטיטוציאָנעלע פאַרקערפּערונגען.

דאָס אידישע פאָלק איז בלויז קלוג, קיין זאַך ניט מער, ניט רייך, ניט שטאַרק, בלויז קלוג...

„וואָרום דאָס איז אייער קלוגשאַפט און פאַרשטענדעניש". ניט קיין אָביעקטיווע גיטער, נייערט סוביעקטיווע פאָסעסיעס, אינערלעכע נחלאות שטעלן צוזאַמען דעם אידישן רייכטום, די אידישע עשירות.

דערפאַר שעפּט זיך דאָס אידישע פאָלק ניט אויס, פאַרשווענדט ניט ביז צו דעם לעצטן טראָפּן זיין לעבנסענערגיע, טריקנט ניט אויס זיין חיות־קוואַל.

די אידישע שכינה געפינט זיך אין ערגעץ־ניט ווי בלויז אין דער תורה, אין וואָרט.

דאָס וואָרט איז, ווידעראַמאָל, אַבסטראַקט. עס איז בלויז אַ סימבאָל. דער קאָנקרעטער לשון איז די פינגער־זשעסטן שפּראַך פון די טויב־שטומע, וועלכע איז דער פרימיטיווסטער פאַרקער־מיטל פון דער גאָר פאַרצייטיקער באמת־פּאַגאַניסטישער מענטשהייט. און דער רייד־לשון, אַלס אַזעלכער, איז אַ שטיק אידישקייט. און ער איז די גאַראַנטיע, אַז אידישקייט, אַלס אַ וועלט־באַנעם, וועט מוזן סוף כל סוף זיגן. דער אָנהויב פון ניצחון איז פאַרזיגלט אין דיבור, אין לשון, אין דער קלאַנגען־שפּראַך.

דער מיטאָס מכוח מתן תורה דערציילט אונדז מיט זיינע בילדערישע שילדערונגען, אַז דער אידישער ציבור איז דער יעניקער, וועלכער האָט געמאַכט, און געהאָלפן דורכפירן אין לעבן, אָט־די גרויסע קולטור־רעוואָלוציע, וועלכע איז באַשטאַנען אין דעם פאַרבראַקירן די קאָנקרעטע העוויות־שפּראַך און איינפירן די אַבסטראַקטע רייד־שפּראַך. דאָס איז די גרעסטע גייסטיקע רעוואָלוציע, וואָס די מענטשהייט האָט ווען עס איז געמאַכט. זי איז אַוועק פון אַן אויסדרוק־מעדיום, וועלכער אַפּעלירט צום אויג און זיך געווענדט צו אַ מעדיום, וואָס אַפּעלירט צום אויער.

ווען יהוה איז נתגלה־געוואָרן, האָט ער זיך אַנטפּלעקט צום אויער, ניט צום אויג.

„אַ קול פון רייד הערט איר, אַ געשטאַלט זעט איר ניט" (דברים ד׳, י"ב).

דאָ ווערט געשילדערט דער אויפקום פון שפּראַך, פון רייד־לשון. דער דיבור איז אַנטדעקט געוואָרן, דערפונדן געוואָרן. די שפּראַך האָט פּאַרקאַסירט די קאָנקרעטע בילדער, די געמעלעכצן פון קעגנשטאַנדן, וועלכע ווערן געמאַכט אין דער לופט מיט די הענט, מיט די פינגער, מיט די תנועות, מיט די העוויות פון געזיכט, מיט דער פּאָזיציע פון קערפּער. די שפּראַך האָט אויסגעקליבן דעם יהוה־וועג, דעם וועג פון אַבסטראַקציע. זי האָט גענומען געברויכן קלאַנגען — סימבאָלן, וועלכע האָבן גאָרניט אינאַלגעמיין מיט די קאָנקרעטע קעגנשטאַנדן, וועלכע זיי באַצייכענען בלויז קאָנווענציאָנעל־סימבאָליש. (אבא גאָרדין, אידישקייט, ז"ז 161—167, 84—176).

לויט דער לעגענדע, וועלכע האָט באַצירט דעם פּאַרצייטיקן מיטאָס, קומט אויס, אַז דער אנכי יהוה אלהיך איז געזאָגט געוואָרן אין אַלע שבעים לשונות (שבת פ"ח, ע"ב; מדרש תנחומא, לך לך, י"ט). דאָס מיינט, אַז דער ערשטער געבאָט איז געזאָגט געוואָרן אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט. ווייל בשעת די רייד־שפּראַך, דאָס רעדן איז געשאַפן געוואָרן, זיינען פּאָטענציעל געשאַפן געוואָרן אַלע רייד־שפּראַכן. דער אויפטו איז געווען דאָס רעדן, די מימרא, די „דברא", דאָס געברויכן פון דער שטים, פון קלאַנגען־סימבאָלן, אַנשטאָט הענט און פינגער זשעסטן, געמעלעכצן.

דער פּסוק ווידערהאָלט זיך. ער שטעלט דעם טראָפּ אויף דער באַהויפּטונג, אַז בלויז אַ שטים האָט מען געהערט, „זולתי קול", „קול דברים", „אַ קלאַנג פון זאַכן", אַ קלאַנג, וועלכער סימבאָליזירט קעגנשטאַנדן.

מיט אַנדערע ווערטער, דער מיטאָס פאַרזיכערט אונדז, אַז די אידנשאַפט האָט בייגעטראָגן צו דעם באַשאַף פון אַלע לשונות. דאָס מיינט, אַז די אידנשאַפט האָט אָוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ רייד־שפּראַך און האָט אויף אַזאַ אופן צוגעגרייט דעם באָדן, אויף וועלכן אַזאַ אַבסטראַקטע קולטור, אַזאַ אַבסטראַקטער וועלט־באַנעם ווי די אידישקייט, האָט געקענט אַרויסוואַקסן. אין לשון ליגט דער עמבריאָן פון אידישקייט. אין דער רייד־שפּראַך ציוויליזאַציע ליגט שוין פאַרבאַהאַלטן דאָס אָפּלייקענען פון עבודה זרה, פון געטשנדינסט.

פון רעדן איז מען אַריבער צום שרייבן. די שריפט איז אַן אלהים־שריפט. שרייבעניש ווי רעדעניש זעצט פאָר די פּראַקטיק פון אַבסטראַהירן, פון סימבאָליזירן, צייכענען דערשיינונגען, פּראָצעסן אַזוי גוט ווי קעגנשטאַנדן, ניט דורך געמעלעכצן, נייערט דורך אותיות.

אָט דער גרעסטער אויפטו, דאָס גובר־זיין דעם יצר הרע פון קאָנ־

קרעטיזאַציע, בייקומען די שטאַרקע געלוסטעניש, וואָס לעבט אין דער נשמה פון אַ פאָלק, אין דער זעל פון יעדן יחיד באַזונדער, זיך צו אויי־סערן, אַט־די אינגאַוואַציע פון ניט דערלאָזן דעם „איך" צו קומען צו אַ קאָנקרעטער פּאַגאַניסטישער התגלות — העלפט עס אַרויס דער אידנ־שאַפט אין האַלטן די פאָלקס־וויטאַליטעט אומגעמינערט, אומגעשעדיקט אין איר פולער מאָס פון האָפטיקייט און פריש־יוגנטלעכער זאַפטיקייט.

אַט-דער חידוש, וואָס פאָדערט אַזויפיל גייסטיקן אָנשטרענג, וועלכער ווערט פאַרשווענדט אויף איינהאַלטן זיך און ניט באַפרידיקן דעם פאַר־לאַנג פאַר אָביעקטיוויזירונג, — אַט־דער וויכטיקער חידוש איז עס דער גורם דערצו, וואָס דער אידישער זשעני בלייבט יונג, אייביק יונג, פריש.

דער אָנפאַנגלעכער זיג פון אידישקייט, וועלכן זי האָט אָפּגעהאַלטן איבער דעם געטשנדינסט און וועלכער צייגט זיך אַרויס אין די הויפּט־עלעמענטן פון קולטור, נעמלעך, אין רעדן און שרייבן, גיט דער אידיש־קייט אַן אייזערנע פאַרזיכערונג, אַז זי וועט זיגן איבערן גאַנצן פראָנט פון קולטור־לעבן און געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענוואוינען. אידישקייט וועט זיגן, מעג דער טאָג פון ניצחון זיך פאַרזאַמען אפילו אויף טויזנטער יאָרן. אידישקייט האָט אָנגעהויבן צו ציען די ליניע פון פראָגרעס און זי וועט זי דערציען ביזן גליקלעכן סוף. די מענטשהייט קען ניט בלייבן שטיין אין מיטן וועג. זי מעג זיך פאַרקירעווען צענדליקער מאָל אויף צוריק, זי וועט מוזן נאָכפאָלגן די אידנשאַפט און אָננעמען דעם הויפּט־פּרינציפּ פון אידישקייט. וויבאַלד פּאַגאַניזם איז געבראָכן געוואָרן אויף דעם הויפּט־פראָנט פון מענטשלעכן פאַרקער, דהיינו, אין דער שפּראַך וועט ער מיט דער צייט געבראָכן ווערן אויף אַלע פראָנטן און וועט אָפּטרעטן דעם וועג פאַר דער אידישקייט אין אַלע תחומים פון מענטשלעכן אָנשטרענג, טאָן, אויפ־פיר, טראַכטן און פילן.

דער כוח פון אידנשאַפט געפינט זיך אין פּאָטענציאַל, אין דעם בכוח, בשום־אופן ניט אין אַקטואַל, אין בפועל.

דער קאַמף קעגן געטשנדינסט איז אַ קאַמף פאַר דאָס לעבן קעגן טויט. יהוה אלהים איז אַ לעבעדיקער אלהים, וואָרום ער איז אַ סוביעקט און אַן אָביעקט.

העלעניזם האָט זיך פאַרקערפּערט אין דאָס סטאַטישע טויטע, אין קונסט, אין סקולפּטור. די אידישע קונסט איז „זה ספר תולדות אדם", דאָס איז דאָס בוך פון די געבורטן פון מענטשן. דער אידישער ציבור האַלט כסדר אַלע מאָל ביי דעם סאַמע געבוירן ווערן. ווייל אַלע מינוט ווערט ער צוזאַמענגעשטעלט, אַלס עפּעס גאַנצעס, פון די באַשטאַנד־טיילן, די יחידים דורך זייערע ווילנאַקציעס.

שלמה מיימון דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, אַז ווען מ׳פלעגט אים פרעגן וואו ער האַלט, פלעגט ער ענטפערן, אַז ער האַלט נאָך אַלץ ביי דעם ערשטן פּאַטש, וועלכן דער מלמד־דרדקי האָט אים אַראָפּגעלאָזט. וואָס איז עס פאַר אַ פּאַטש? ווען ער איז געווען אַ קינד און געגאַנגען אין חדר, און דער רבי מיטן טייטל האָט גענומען לערנען מיט אים די ערשטע פּסוקים פון דער פּרשה בראשית: „אין אָנהויב האָט גאָט באַשאַפן...” האָט ער געפרעגט דעם רבי׳ן: „גאָט האָט אַלץ באַשאַפן און ווער האָט דעם גאָט באַשאַפן?” דער רבי האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, האָט ער אים געגעבן אַ פּראַסק — און גאָר. און ביי אָט־דער פראַגע, ביי אָט־דעם פּאַטש האָט שלמה מיימון געהאַלטן דאָס גאַנצע לעבן. ער איז געשטאַנען ביי דעם „בראשית”...

דאָס אידישע פאָלק איז פּונקט דאָס אייגענע: „צום אָנפאַנג האָט אלהים באַשאַפן”, „צוליב ישראל, וועלכע הייסן אָנפאַנג” (ילקוט שמעוני, בראשית, ב׳). דער אידישער געזעמל האַלט כסדר ביי דעם סאַמע אָנפאַנג. אידנשאַפט איז אַ כסדר׳דיקער אומאויפהערלעכער אָנפאַנג. עס איז אַן אָנהויב אָן אַ מיטן און, זיכער, אָן אַ סוף. אידנשאַפט טאָר ניט אַוועק פון גאָר ראשית׳דיקן פּונקט, פון ריינעם סוביעקט, ווייל ווי באַלד זי נעמט זיך דערנענטערן צום אָביעקט, צו רעאַליזאַציע, נעמט זי פאַרלירן איר חיות׳דיקייט, איר וויטאַליטעט.

ניט די אידישע אייביקייט איז אַזוי וויכטיק אונטערצושטרייכן, אויך די העלענער זיינען, זיכער, אייביק. זיי זיינען אָבער אייביק טויט. זיי לעבן אין טויטקייטן, אין טויטע סטאַטועס, אין טויטע און טויטנדיקע אויפטועונישן, אין אַ קולטור, וואָס טראָגט מיט זיך טויט, פאַרוויסטונג און פאַרשניידונג. דאָס אידישע פאָלק איז אייביק לעבעדיק. דער אידישער ציבור זאָגט עדות אויף זיך, אַז ער איז אַ „קוואַל פון לעבן”, ער איז אַן אייביק לעבעדיקער איך. דער איד טראָגט זיך אַרום מיט אַן אידעאַל, וועלכער קען ניט ווערן קיין רעאַל. ער קולטיווירט אַזאַ מין סוביעקט, וואָס וועט ניט ווערן קיין אָביעקט. דער אידישער זשעני קען, מהאי טעמא, זיך ניט רעאַליזירן. ער קען ניט אָפּטאָן זיין שליחות. דעריבער קען ער ניט אַראָפּגיין פון דער בינע. ער בלייבט שטיין אויף זיין פּאָסטן לעולם ועד. ווייל דער קאַמף קעגן געטשנדינסט איז אַן אייביקער קאַמף. עס איז אַן אייביק מיען זיך בייצוקומען מכשולים, גובר צו זיין אָבסטרוקציעס.

דער איד קלאַמערט זיך אָן דאָס עטישע און ניט דאָס עסטעטישע. דאָס ערשטע איז דינאַמיש, בשעת דאָס לעצטע איז סטאַטיש, דאָס ערשטע איז אויסשליסלעך מענטשיש, און קען פון דער עטישער פּערזאָן ניט אָפּ־

געטיילט ווערן. דאָס עטישע לעבט אין אַקציע, אין דער גוטער האַנדלונג. גוטסקייט איז פאַרבונדן מיטן גוטן מענטשן, מחוץ פון דעם מענטשלעכן אַגענט האָט עס ניט קיין ממשות. אַנדערש איז דאָס שיינע. אַ זונענ־פאַרגאַנג קען זיין שיין. אַ לאַנקע באַשפּרינקלט מיט בלימעלעך, אַ רויז, אַ בוקעט זיינען שיין, זיי קענען אָבער ניט זיין עטיש, גוט.

דער אייביקער ליריקער האָט אויסגעקליבן פאַר זיין אויסצייכענונג אָט־דעם פעלד פון אויפטו, ווייל אין דעם עטישן פיר, האָט ער באַמערקט, שפּרודלט אַ קוואַל פון אייביק לעבן.

3.

לא תעשה לך פסל — מאַך זיך ניט קיין געטש!

1.

די פּערזענלעכקייט לעבט, ניט זי שפּילט זיך אין לעבן. זי האָדע־וועט, ניאַנטשעט קינדער פון פלייש און בלוט, זי שפּילט זיך ניט מיט ליאַלקעס פון בילדער און סטאַטועס. די פּערזענלעכקייט פאַרקערפּערט ניט — זי קערפּערט. זי גופא, זי אַליין, גופ׳ט.

געמעלעכץ, סקולפּטור־קונסט און די ווילן־כאַראַקטער־פּערזענלעכ־קייט זיינען צוויי קעגנזאַצן, ווי וואָרהייט און דוכטעניש.

איך האָב דאָ געקענט ברענגען אַ צעטל פון נעמען פון קינסטלער, וואָס וואָלט זיך ציען ממצרים ועד הנה, אָנהויבנדיק פון אַלטערטום און דערפאַרנדיק צו אונדזער צייט, און וועלכער וואָלט באַשטעטיקן מיין טעזיס, אַז די טויטע קונסט און די לעבעדיקע פּערזענלעכקייט הויזן ניט. דער כלל, אַז דער מאָלער און סקולפּטאָר לעבן ניט בשלום מיטן מענטשן, וואָס געפינט זיך אין זייער פּערזאָן, האָט כמעט ניט קיין יוצא מן הכלל.

שאָפּענהויער האָט געזוכט פאַר זיך אַ מקום־מקלט אונטער די פליג־לען פון דער הוך, וואָס הייסט קונסט. דער פאַרערער פון טויט, פון פּע־סימיזם, זוכט נבלות, בר־מינן׳ס און ער געפינט זיי אין דער זיכטבאַרער קונסט. עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס זאָל זיין טויטער פון דער לייוונט, האָלץ, שטיין, מעטאַל־קונסט. קיין זאַך איז ניט לעבעדיקער, שענער, גרע־סער, אויפרופנדיקער ווי דאָס לעבן פון מאַראַל־העלד און דער עטישער אויפפיר.

„וואָס איז געווען דער מער מיט פּלאַטאָנען, וואָס ער איז פאַר׳־כישופ׳ט און באַזיגט געוואָרן פון דעם־דאָזיקן מאַן, אַן ווידערשטאַנד? ווי ער האָט אים דערזען, האָט ער אויפגעפּאַסט דעם יתרון פון דאָס גוטע

איבער דאָס שיינע. ווייל דאָס שיינע רעאַליזירט דאָס אמת׳ע בלויז אין מיראַזש פון קונסט, בשעת דאָס גוטע ווערט דורכגעזעצט אין די טיפעניש פון דער נשמה. זעלטן און מאַכטפול איז די באַציבערונג, מחמת די חושים האָבן אין דעם קיין חלק ניט. דער הדרת־פּנים פון אַ באמת אָרנטלעכן מאַן האָט געמאַכט די פאַרבלענדנדיקע פּראַקטיקייטן פון דער זיכט־באַרער קונסט צו פאַרבלייכן אין פלאַטאָנס נשמה און אָפּצוטרעטן זייער פּלאַץ צו אַ געטלעכן טרוים.

אָט־דער מאַן האָט אים געצייגט די מינדערווערטיקייט פון שיינ־קייט און רום, ווי ער האָט זי ביז איצט באַנומען, אין פאַרגלייך מיט דער שיינקייט און לויב פון דער זעל אין אַקציע, וועלכע ציט צו, אויף שטענדיק, אַנדערע זעלן צו איר אמת; בשעת דעם פּוץ פון קונסט גע־לינגט בלויז צו מאַכן, אַז דער אָפּגאַרנדיקער אמת זאָל זיך אָפּשפּיגלען אונטער דעם וואואַל פון אַן אילוזיע. אָט־די שטראַלנדיקע, אייביקע שיינ־הייט, דאָס שיינען פון דאָס אמת׳ע, האָט דער׳הרג׳עט די זיך־טוישנדיקע, אָפּנאַרנדיקע שיינקייט, וועלכע איז געווען אין פלאַטאָנס נשמה. און דערי־בער האָט פלאַטאָן, פאַרגעסנדיק און איבערלאָזנדיק אַלץ, וואָס ער האָט ביז־אַהער געליבט, זיך איבערגעגעבן מיט דער גאַנצער פּאַעזיע, וואָס אין זיין זעל, צו סאָקראַטעסן אין דעם בלי פון זיין יוגנט.

עס איז געווען אַ גרויסער ניצחון פון אמת איבער שיינהייט, אַ ניצחון גרויס מיט אומאויסרעכנבאַרע קאָנסעקווענצן אין דער געשיכטע פון דעם מענטשלעכן שכל״. *)

פלאַטאָן שטעלט פאַר מיט זיך דעם יוצא מן הכלל פון העלעניזם. אויך זיין לערער, דער חסיד צווישן די אומות העולם, דער צדיק און קדוש, סאָקראַטעס, איז דער אויסנאַם־פאַל פון גריכנטום. בשעת ביי די אידן זיינען די נביאים, די עטיקער, די קעמפער פאַר יושר און צדק, די פאַר־קעמפער און פּאַראויסזעער פון דעם טריאומף פון מאָראַל, פון אַן „אחרית־הימים״, פון אַ גאולה וישועה — געוואָרן דער כלל פון דער אידישער וויסנשאַפט־געוויסנשאַפט, פון דער אמונה און חכמה.

ווי צו די, וואָס פאַרלאָזן דעם קוואַל פון לעבעדיקן לעבן, פון דער וויטאַלער אידישקייט און לויפן אַוועק און פאַלן צו מיט זייערע פאַר־שרפ׳טע ליפּן צו די אויסגעטריקנטע בריסט פון גוי׳אישקייט, בכדי צו שטילן זייער אייביקן דאָרשט.

פינצטערע מרה שחורה, נעקראָפיליזם, טויט־ליבע, דעקאַדענץ, מאַ־

*) Eduard Schuré, The great Initiates, vol. II. pp. 195-96, London, 1912.

קאַבער באַלעט, מאָלט, שניצט, קריצט און קנעט, מאַכט געטשן און דינט געטשן.

דעזערטירער פון לעבנס־פראָגע, שונאים פון לעבנס־געווימל, אָפּ־טריניקע, פליטה־מאַכער — דאָס זיינען די עבודה־זרה׳ניקעס, די געטשנ־דינער און געטשנמאַכער, די פאַלשע קינסטלער. דער ויברח פון לעבנס־פעלד, פון טעאַטער פון עטישע מעשים — דאָס איז די עכו״ם׳ישע קונסט.

דער איך שרייבט דעם גרויסן ספר־החיים, דעם בוך פון לעבן, דאָס גראַנדיעזע קונסט־ווערק פון שפּירן, פילן און טראַכטן. דער איך שרייבט מיט זיין הויך אויף דעם פּאַרמעט פון לופט. די אַטמאָספּערע דאָס איז דער טאָפל. דער אָטעם איז דער בעסטער גריפל. דער איך מאָלט און צייכנט מיט די פיס, אויגן, אויערן, מיטן געשמאַק, געשמעק און אָנריר. מיט זיינע נאָזלעכער פאַרפאַסט ער די בעסטע הימנס. זיין בלוט־צירקו־לאַציע זינגט. זיין פולס ריטמט און האַרמאָנירט. זיין יחידות איז מתפלל בציבור. דער איך דערהויבט זיך, פאַרפיינט זיך בפועל־ממש, אין דער אמת׳ער ווירקלעכקייט, ניט אויפן געוואַנט אָדער אין מירמל־שטיין. דער אידישער איך האַקט אויס זיינע מאָנומענטן פון דעם פעלזנשטיין, וואָס הייסט אויבער־צייט. אייביקייט, דאָס איז זיין פּאַליטרע, פּענדזל און לייוונט. דער אידישער איך, דער גרויסער שרייבער, טונקט איין זיין פען אין אינסיסטענץ־עקזיסטענץ טינטער און שרייבט אָן דעם גרויסן „אז־ישיר״, דעם אייביקן „לכו נרננה״, די ניצחון־דראַמע מיטן גוטן סוף, וועלכער איז אָן אַ סוף.

ווען וועט מען שוין אויפהערן צו עבודה־זרה׳נען, שמירן און פּאַטש־קען מיט פאַרב און פּענדזל! ווען וועט מען אָנהויבן צו מאָלן מיט גע־דאַנק, געפיל, טאַט, פאַרלאַנג און געלוסטונג! ווען וועט מען שוין אָנ־הויבן צו פילן בחוש, צו לעבן אויף אַן אמת! ווען וועט מען שוין אויפ־הערן איבערצולעבן, איבערמישן דעם לעבן, איבערקרימען דעם געפיל, נאָכמאַלפעווען דעם געדוכט!

עס איז צייט צו נעמען עסן, טרינקען און פאַרדייען די לעבנס־שפּייז, דעם געדאַנקען ברויט און וויין, דעם געפיל־לחם־הפנים און יין־המשומר!

גענוג שוין איבערצוקייען, מעלה־גרה׳נען, פּראָסטיטואירן די גע־שפּירן, צעטרייבערן די עמאָציעס און צעדולן די חושים!

דער איינדרוק האָט פיינט, שנאת מות, דעם זיכטבאַרן אויסדרוק. צו מחשבות׳ן מיינט צו שטיפן און פאַרוויילן זיך מיט דעם בליק, וואָס שניידט אַדורך די נאַכט פון געדאַנקלאָזיקייט. אָבער, למען השם, גיסט ניט אָפּ דעם בליציקן רעיון, דעם דונערנדיקן רגש אין פורעמס פון פאַרגליווערטע פאָרמולעס. שטעמפּלט זיי ניט אָפּ מיט פאַרזעסענע קלישעס. מאַכט פון זיי ניט קיין טויטן נוסח פון שטיין און ביין.

דאָס געפיל פילט זיך אין־זיך, פאַר זיך. דער געדאַנק דענקט אין זיך, פאַר זיך. געפיל־דערפיל און זיין דערליידיקונג אין לייוונט, אין מירמל־שטיין זיינען דם־שונאים.

אויסדריקן, אָפּפרעסן, רעגיסטרירן, הייסט אַוועקקיילען דעם געפיל, אָפּשטעלן זיין שטראָם, מאַכן אים שטייאיק, ברודיק און זומפּיק, מאַכן אַנטאַפּבאַר און זיכטבאַר דאָס, וואָס וויל בלייבן און מוז בלייבן אַ 'רואה ואינו נראה', אַ וואונק, אַ צאַפּל, אַ ציטער. דער געדאַנק איז שוין לאַנג געקומען צו זיך, אַריין אין זיך און וועט פון דאָרטן קיינמאָל ניט אַרויס. דאָס געפיל איז ביי זיך אין הויז, אין אייגענעם לפני־ולפנים, און פונדאָרטן וועט עס ניט אַרויסגיין סיידן מ'וועט אים איבערגעוואַלד אַרויסטרייבן און צווינגען אים מגולגל צו ווערן אין לייוונט, האָלץ, שטיין און ביין. דאָס לעבן איז אין לעבן גופא און אויסערן לעבן איז עס ניטאָ גאָר בנמצא. די פּערזענלעכקייט איז אַ נסתר, איז פאַרבאָרגן אין זיך און וועט קיינמאָל ניט ווערן קיין נגלה, וועט זיך קיינמאָל ניט פאַרלאָזן, וועט זיך קיינמאָל ניט שיידן מיט זיך, וועט זיך קיינמאָל ניט אָפּטיילן פון זיך. אויסערהאַלב פון זיך האָט זי ניט קיין קיום, ניט קיין תקומה און ניט קיין תיקון.

בילדער, סטאַטועס, ביוסטן, פיגורן — זיינען נעבעכדיקע, פאַר־צרה'דיקע נאָכקרימעניש[ן] פון דער פּערזענלעכקייט, רחמנא־ליצלנ'דיקע במקום'ס פון דער פּערזענלעכקייט מיט אירע אינעווייניקסטע אַנטפּלע־קונגען. זיי זיינען מער ניט ווי שאָטנס, וועלכע פאַרשוואַרצן דעם ליכטיקן פּנים, דעם אינערלעכן פּנים, פון דער פּערזענלעכקייט. אָט־די אַלע גע־מעלעכצן, געפאַרבעכצן, געשניצעכצן און געקריצעכצן, זיינען בלויז דער זעגעכץ פון בוים פון לעבן און דערפאַרונג.

נידער מיט די ערזאַצן! לאַנג זאָל לעבן דאָס לעבן!

בילדער מאָלט מען, סטאַטועס שניצט מען נאָר דעמאָלט, ווען דאָרטן, העט־ווייט, אין די הימלען איז דער איך־שטערן פאַר'חלש'ט געוואָרן און ער גייט אויס בענקענדיק נאָך אַ שטראַל. דעמאָלט פאַרבט מען, דעמאָלט קאַרבט מען פון צרות און פּיין, פון ווייטיק און יסורים. דעמאָלט אַנשטאָט די לעבנס־קוויטן, וואָס וואַקסן אויף לייבער־בייטן, רייסט מען, צופּט מען, בלימלעך־געמעלעכצן און מ'פלעכט פון זיי קרענצלעך און קריינדלעך פאַר פּורים־שפּיל קיניגן. און מ'קרוינט זיך אויף־צופּלייסן און אין־דער־אמת'ן בלייבט מען אָן אַ קאָפּ, אָן לייב און לעבן.

.2

די אנכי־יהוה לערע דיקטירט די שאַפונג פון אַ נייער קונסט אין וואָרט. די טראַגעדיעס זיינען אַ חילול־השם, אַ מין לעסטערונג, באַליי־דיקונג פון זיין מאַיעסטעט, דעם מענטשן. אַנשטאָט דעם פּאַטום, דער

הויפּט־שטריך פון דער גריכישער טראַגעדיע, שטעלט אַוועק דער איד דעם כל־יכול, דעם פרייען ווילן. אידישע קלוגשאַפט אַנערקענט ניט קיין נאַטור־הערשאַפט און ניט קיין פאַלקס־הערשאַפט. אידישקייט אַנערקענט אַן איך־הערשאַפט, אַ מלכות־שדי. אַ נייע וואָרט־קונסט וועט געשאַפן ווערן, אַ קונסט, וואָס אָטעמט מיט מוט, איז באַזעלט מיט ליבע, פּולסירט מיט גלויבן, איז אָנגעלאָדן מיט גייסטיקער גבורה, מיט יהוה־מאַכט.

די וואָרט-קונסט קען זיין אָדער זיגעריש, אָדער גאָרניט, גאָר קיין קונסט ניט, נאָר אַ מין שוואַרצער קונץ. אין אייראָפּע געפינט זיך די קונסט אין אַ צושטאַנד פון ירידה. די אייראָפּעער קענען ניט אריבער־שטייגן די גריכן. זיי קענען זיי אפילו ניט דערגרייכן. די העלענער שטייען פיל העכער פון די אייראָפּייער אין קונסט־שאַפונגען. מיט וואָס דערקלערט זיך עס? עס איז, פשוט, דערפאַר, וואָס דער פּאַרצייטיקער גריך האָט גע־האַט אַ באַציאונג צום מענטשן ווי צו אַ גבורה, מחמת דעם, וואָס ער איז געווען אַ פּאַגאַניסט. אמת, ער האָט טאַקע אַראָפּגעלאָזט גאָט צו דער נידעריקייט פון מענטשן, און ניט אויפגעהויבן דעם מענטשן צו דער מדרגה פון אַ גאָט. אָבער אַזוי צי אַזוי, זיינען זיי אָבער דאָך געווען צו־נויפגעקניפּט. עס איז קיין מחיצה ניט געווען צווישן זיי. די פאַרבינדונג איז געמאַכט געוואָרן אויף אַ פאַרקערטן שטייגער. אָבער די ערגסטע פאַר־קניפּונג איז בעסער פון דער בעסטער סעפּאַראַציע. אין אָט־דעם צוזאַמענ־בונד, הגם אַוועקגעשטעלט קאַפּידרעך, מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף, איז געלעגן דער שעפערישער כוח, וועלכן די העלענער האָבן מאַניפעס־טירט אין זייערע קונסט־דערגרייכונגען.

די אייראָפּייער זיינען אינגאַנצן אַראָפּ פון וועג. זיי האָבן פאַרנאַכלע־סיקט דעם איך, אים געמאַכט צו גאָרניט און ניט.

„מיך האָבן זיי פאַרלאָזן, אַ קוואַל פון לעבעדיקן וואַסער צו גראָבן זיך ברינעמער, ברינעמער צעבראָכענע, וועלכע קענען דעם וואַסער ניט אייב־האַלטן" (ירמיה ב׳, י"ג).

די אייראָפּייער האָבן פאַרוואָרפן דעם קוואַל פון לעבן און פון אַל־דאָס לעבעדיקע און האָבן גענומען גראָבן גריבער, מאַכן ציסטערנעס, באַסיינען פאַר דאָס ברודיקע, מוטנע וואַסער.

קונסט קען ניט בליען דאָרטן, וואו דער מענטש וועלקט. קונסט קען ניט אויפגיין דאָרטן, וואו דער מענטש גייט אונטער. אין גריכנלאַנד איז די פאַרהעלטעניש, הגם אין אַן איבערגעקערטער פאָרמע, צווישן מענטש און גאָט געווען אַ ממשות׳דיקע. יעדנפאַלס איז דאָרטן געווען אַזאַ באַוועגטע שייכות צווישן די צוויי השגות, אַז אַ פאַרוואַנדשאַפט האָט עקזיסטירט. בשעת אין אייראָפּע איז די פאַרבינדונג כמעט ווי אינגאַנצן אויפגעלייזט

געוואָרן. און דאָס אַלץ מחמת דעם שלעכטן אויסטייטש פון אידנטום און קריסטנטום, מחמת דער פּאַגאַניזירונג פון דער ביבל. אַ פּאַגאַניזירטע ביבל איז ערגער פון אַ פולבלוטיקן פּאַגאַניזם. אַ פּאַר׳עבודה־זרה׳טער אידנטום איז ערגער פון אַן אויסגעשפּראָכענער עבודה־זרה. מחמת אויף דעם שטייגער ווערן אויפבאַוואָרט די חסרונות פוןביידע וועלט־באַנע־מונגען אָן זייערע רעספּעקטיווע מעלות. תורת משה איז די לערע מכות דעם אני־יהוה. אָבער אָט־די ריכטיקע לערע איז פאַרגרייזט געוואָרן צוליב דער שולד פון די שלעכטע אינטערפּרעטאַטאָרס, די צעטומלטע אויס־טייטשער און עם־הארצ׳ישע איבערזעצער. זיי לאָזן זיך פאַרגלייכן צו פליגן. זיי האָבן זיך גענערט מיט דער זיסקייט פון דער תורה, וועלכע איז זיסער פון האָניק׳ און אַלס באַלוינונג האָבן זיי זי פאַר׳מלאכה׳ט מיט זייערע פינטעלעך־באַמערקונגען...

די קונסט פון וואָרט און קלאַנג האָט איין איינציקע אויפגאַבע. זי באַשטייט אין דינען די גרויסע אידייע פון אייניקהייט, פון אנכי־יהוה. מחמת אמת׳ע עסטעטיק איז עטיק, מאָנאָעגאָטיק.

„די שטימע פון יהוה איז אין שיינקייט״ (תהלים, כ״ט, ג׳). די שטימע פון יהוה איז אין פראַכטפולקייט. אויסער יהוה־שיינקייט איז ניטאָ קיין שיינקייט.

די מאָדערנע קונסט, אין ס׳רוב פון אירע פּראָדוקטן, איז סם־המות. זי צעעסט די נשמה. זי פאַרצערט דעם גייסט. זי טרייבט רכילות. זי רעדט לשון־הרע אויפן מענטשן, אויפן איך, וואָס אין מענטשן. זי שענדט און טאַדלט דעם גרויסן עגאָ. זי פאַרקלענערט זיין גדולה, אַ גדולה, וועל־כע אַנטפּלעקט זיך אין דעם מאָמענט, ווען דער מענטש וואַרפט אָפּ זיין הינקענדיקע תאווה, זיינע בלינדע געלוסטעניש און ווערט אַן עטישע פּערזענלעכקייט.

אמת׳ע קונסט דאַרף זיך פאַרנעמען מיט תהלות ותשבחות, וועלכע ווערן געשפּילט אויף אַלע אינסטרומענטן פון געפיל, לכבוד דעם אני־יהוה, וואָס רוט אין מענטשן. אמת׳ע קונסט דאַרף זיין לויב און רום צו דער עטישער פּערזענלעכקייט, צו דעם מענטשן, וואָס טראָגט אויף זיך אומ־געשעדיקט דעם צלם־אלהים.

האָפענונג, קיינמאָל ניט קיין פאַרצווייפלונג; טוגנט, בשום אופן ניט קיין זינד; אויפטואונגען, גרויסע אַנטדעקונגען, וויכטיקע דערפינדונגען, מעשים טובים; קיינמאָל ניט קיין דורכפאַלן, קיינמאָל ניט קיין מעשים תעתועים; ניצחונות, קיינמאָל ניט קיין מפלות; אייביקייט, קיינמאָל ניט קיין מאָמענטן און צייטווייליקייט; אל־נשמה׳דיקע פיינקייט, שיינקייט, ניט די גראָבקייט פון מיאוס׳ן חומר; פילגעזונטקייט, ניט קיין קראַנקהייטן —

דאָס צו שילדערן אין לעבעדיקן וואָרט, אין פליסיקער האַרמאָניע, אין דינאַמישן קלאַנג (ניט אויפן טויטן לייוונט, אין שטייאיקן שטיין, אין סטאַטישן האַלץ) איז די הייליקע עובדא פון אמת׳ער קונסט.

אַ נייע פּאָעזיע וועט אויפקומען, אַ פּאָעזיע, וועלכע וועט רירן פון אָרט בערג דורך האַרמאָניע־פלעכטונגען, דורך קלאַנגען־פאַרשלייפונגען. אַ נייע פּאָעזיע און אַ נייע פּראָזע וועלן אויפקומען. זיי וועלן פלאַסטערן וועגן אין די מדבריות פון די פאַרזאַמדיקטע הערצער, פאַר די פילגרימען, וואָס זיינען עולה־לרגל צו זיך־אַליין, צו דעם אני־יהוה. זיי וועלן עפענען אויגן און דורכבויערן אויערן אין דעם בלינדן און טויבן אונטערבאַ־וואוסטזיין בכדי עס זאָל דערזען דעם שיין פון אנכי און דערהערן דעם ערשטן געבאָט פון די צען געבאָטן.

הללויה...

„לויבט דעם איך... לויבט אים אין דעם געוועלב פון זיין מאַכט. לויבט אים אין זיינע גבורות. לויבט אים לויט דער פולקייט פון גדולה. לויבט אים אין דעם בלאָזן פון טרומייטערס. לויבט אים אין האַרף און אין פידל. לויבט אים אין פויק און טאַץ. לויבט אים אין דעם סטרונעס־אינ־סטרומענט און אין דעם אָרגל. לויבט אים אין די קלאַנגען פון צימבלען, לויבט אים אין דעם שאַלן פון צימבלען. יעדער אָטעם וועט לויבן דעם איך. לויבט דעם איך! הללויה״ (תהלים קנ״ו).

עס איז ניטאָ קיין איין שורה פון ראַיעלער פּאָעזיע, פון וועלכער די אידייע פון זעלבסטהייט זאָל ניט אַרויסקוקן.

אַלץ, וואָס פאַרמעסט זיך צו פאַרקלענערן די חשיבות פון זעלבסט, אַפּצושוואַכן דעם דראַנג נאָך אנכי־יהוה, פאַרקאַרליקעווען דעם ריזיקן וואוקס פון דעם איכהייט־מענטש — איז ניט רעאַל, האָט ניט קיין געזונטע וואָרצלען אין לעבן, אין דאַזיין, אין דעם גרויסן פּאָזיטיוו. און דאָס וועט אָפּגעשיילט ווערן ווי שאָלעכץ און צעווייט ווערן ווי פּלעווועלעס. דער ערשטער ווינט וועט עס צעטראָגן, צעזייען איבער אַלע שבעה ימים. יעדע לערע, וואָס העלפט ניט דורכצופירן אָט דעם רעאַל־אידעאַל פון איינאיכהייט, יעדע באַוועגונג, וואָס איז ניט באַהילפיק דער מענטשהייט אין איר גערעאַנגל פאַר דער יהוה־הערשאַפט, דעם מלכות־שדי, דער עגאָ־קראַטיע — איז שעדלעך, איז אומגעזונט, איז פאַרדערבלעך. זי איז אַ שטרויכלונג אויפן וועגן פון פּראָגרעס. זי בלאָקאַדירט דעם דורכגאַנג צו ווייטערע, העכערע דערגרייכונגען. זי איז אַ באַריער, וואָס דעטורט דעם מענטשן פון זיין מאַרשרוט צו די פאַראויסגעשפּירטע הייכן. זי איז אַ דאַמבע, וואָס שטעלט אָפּ דעם שטראָם פון אמת־זוכונג און וואָרהייט־געפינונג. און דעריבער וועט עס באַזייטיקט ווערן אָדער צעטראָטן ווערן

אין שטויב אונטער די שווערע טריט פון דער מאַרשירנדיקער אין טריאומף אידייע — די איינאיכהייט.

דער איינצלנער מענטש גייט צו זיך אַליין, צו דעם אנכי־יהוה. די מענטשהייט, די וועלט, דער סך־הכל פון קעגנשטאַנדן, דערשיינונגען און פּראָצעסן, פאָלגן אים נאָך. זיי גייען אַלע צו דעם גרויסן צוועק, צו דעם זעלבסט־צוועק, צו דעם אני־יהוה.

אַט־דעם צוועק פון אַלע צוועקן דאַרף דינען די אמת׳ע קונסט.

אונדזער עפּאָכע איז אַן איבערגאַנגסצייט. תורת משה ווערט איבער־אַנייס יונג. זי קריגט צוריק אירע אורערשטע כוחות. די חזיונות פון די נביאים וועלן ווייזן צייכנס און וואונדער אין פאַרגלייך מיט וועלכע אַלע זייערע אויפטואונגען אין דער פאַרגאַנגענהייט וועלן אויסזען בלייך ווי אַ שאָטן, וועלן האָבן אַ פּנים ווי דאָס פּלאַפּלען פון אַ קינד לגבי דער רעטאָריק פון אַ דעמאָסטהען, וועלן האָבן אַ ווערדע ווי די חקירות פון אַ דאָרפישן ליידיק־גייער לגבי די דיאַלאָגן פון אַ פּלאַטאָן.

דעם מענטשנס הארץ ווערט אַ ים פול מיט שמחה און פרייד. זיינע שלייפן נעמען שלאָגן ווי די האַמערס אין די קוזניצעס, וואו ישועה ווערט געשמידט. זיין פאַנטאַזיע ווערט, ווי דוד׳ס פידל, אָנגעפילט מיט הללויה־טענער און פסאַלמען־מעלאָדיעס. און ער אַליין ווערט, ווי דער הימל, אָנגעפיקעוועט מיט האָפענונג־שטערן.

ווען פּאַסירט עס? דאָס פּאַסירט אין דעם מאָמענט, ווען ער רירט זיך צו מיט זיין אויג צום וואָרט פון זעלבסטהייט, אין דעם מאָמענט, ווען ער פאַרזוכט מיט זיין אויער די שטימע פון אנכי־יהוה.

הימל און ערד קומען און בוקן זיך צום מענטשנקינד. זיי קומען ניט מיט ליידיקן. אין זייערע אָרעמס טראָגן זיי געשאַנקען פון פּלאַנעטן, קאָמעטן און גאלאקסן. דער לעולם־ועד און דער אין־סוף קומען און פאַלן כורעים פאַר דעם מענטשנקינד. זיי קומען מיט פולן. זיי ברענגען אים פון כל־טוב, אלע אוצרות פון אויסטראַכט, איינטראַכט, אויסדאַכט און אויסקלער. זיי לייגן זייערע אומשעצבאַרע מתנות צו זיינע פיס.

אַט־די אייביקע סצענע צו מאָלן מיט פאַרב פון וואָרט איז די אויפ־גאַבע פון קונסט.

ווען די בשורה טובה פון תורת משה באַטרעט די בינע פון מענטש־לעכן געהירן, הערט דער מענטש אויף צו זיין אַ שטערבלעכער. אנכי־יהוה איז די אַלמעגלעכקייט. און דער מענטש, אַלס אַן אנכי, איז אַל־מעכטיק. אַט־דער טעזיס איז ניט קיין טרוים. די באַהויפּטונג איז ניט קיין אילוזיע. דאָס איז דער איינציקער אמת־ויציב, וועלכער ווערט באַ־שטעטיקט דורך דער לאַנגער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אַט־דער

אמת וועט שאַפן אַ נייע וועלט, אַ נייעם מענטשן, אַ נייע געזעלשאַפט. אַט־דער אמת וועט באַזייטיקן אַלע טעות׳ן. ער וועט ווערן דער סאַני־טאַציע־דעפּאַרטאַמענט. ער וועט אַפּראַמען דעם גאַנצן אָפּפאַל, וועלכער האָט זיך אָנגעקליבן אין משך פון די דורות, ווען די פאַרפלוכטע ציווי־ליזאַציע האָט געהערשט. דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ ציוויליזאַציע! זי האָט זיך ניט געקענט באַגיין אָן ביקסן און שווערדן, אָן גיפט־גאַזן, אָן כלי־משחית, אָן באָמבעס־שליידערער, אָן געפענגענישן און ריכטער, אָן טריבונאַלן, אינקוויזיציעס, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אָן ליגנער און פאַרפירער, אָן גנבים פון יחידים און פון גאַנצע פעלקער.

העלפן אָפּרייניקן אַט־דעם שמוץ, אויס׳כשר׳ן דעם מענטשן, מטהר־זיין זיין סביבה, איז איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן פון דער אמת׳ער קונסט.

אַ נייע קולטור וועט געשאַפן ווערן. זי וועט זיין געבויט אויף אי־בערלעכער גבורה. זי וועט זיין אויפגעריכט אויף דעם פעלזנשטיין פון אמת און גנאָד, אויף אידישקייט.

„דער הייליקער געבענטשט־איז־ער הייסט אמת... און זיין פּנים וועט גיין אַנטקעגן גנאָד און אמת. און אַלע זיינע רייד זיינען רייד פון אמת. און אַלע זיינע אורטיילן זיינען אורטיילן פון אמת, און אַלע זיינע שטיי־גערס זיינען גנאָד און אמת״ (אותיות של רבי עקיבא, אות א׳).

און אַט דעם אמת און גנאָד דאַרף אונדז זאָגן די אמת׳ע קונסט מיט וואָרט און קלאַנג.

און אויב די קונסט האָט עס ביז־אַהער ניט געטאָן, איז עס דערפאַר וואָס זי האָט ניט פאַרשטאַנען, ווי געהעריק איז, איר אויפגאַבע. און זי אַליין, אַט־די בת־כוהן, איז פאַרשוועכט געוואָרן, זי האָט געגרייזט און געבלאָנדזשעט, געאירט און געהורט.

מ׳האָט דעם מענטשן דערצויגן אין שטענדיקן פּחד, אין תמיד׳יקער ציטערניש און פלאָטערניש. דער מענטש דאַרף מורא האָבן פאַר קראַנק־הייטן, שלאַפקייטן, פאַרן טויט, פאַר אומגליקן, צופאַלן און טויזנטער אַנ־דערע בייטשן, וועלכע ווערן געפלאָכטן פון די הבלי־הבלים פון עולם־הזה. עפּעס ווי דער מענטשנפיינט האָט זיך געוואָלט פאַרהיטן קעגן דעם, אַז דער מענטש זאָל ניט אָנהייבן גיין מיט אַן אַרויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן. ער זאָל ניט נעמען און זיך אַן אויסצי טאָן צו זיין פולער הייך, צו דער אָנערקענונג פון אַלע זיינע פּאָטענציאַליטעטן. ער זאָל ניט באַגרייפן זיך און די וועלט אַלס סיסטעמען פון אַלמעגלעכקייט און אַלמעכטיקייט. דעריבער האָלט מען דעם מענטשן כסדר פאַרנומען, פאַר׳־עסק׳ט, פאַרהאַוועט, פאַרוואָרפן מיט פּעק זאָרגן מכוח זיין קערפּער, פאַר־שאָטן מיט בערג דאגות וועגן זיין געזונט, פאַרוויקלט מיט טראַכטענישן

וועגן זיין וואוילשטאַנד, מיט איבערקלערענישן וועגן חיונה, שפייז, קליי־דונג, אַ דאַך איבערן קאָפּ, קינדער־האָבן און האָדעווען וכדומה. מ׳האָט אַזוי אַרום געמאַכט פון שטאָלצן עזות׳דיקן מענטשן אַ פּלאַטערדיק בלאַט, וואָס ציטערט פאַר יעדן בלאָז.

צו העלפן באַפרייען דעם מענטשן פון אָט־די אַלע פּחד־פּחדים דאַרף זיין די אויפגאַבע פון דער אמת׳ער קונסט.

די פאַלשע קונסט האָט פאַרקלענערט דעם מענטשנס שטאַטור. זי האָט אים באַשריבן ווי אַ מלך־אביון, אַ קבצן, וואָס דאַרף אָנקומען צו קצבה, צו דער וועלט, צו דער נאַטור. אָט די מגילה פון באַליידיקונגען און שקרים, אָט דעם בינטל בלבולים און געמיינע ליגנס — וועלן מיר פאַרברענען. דעם אַש וועלן מיר צעזייען און צעוויייען איבערן גאַנצן לענג פון דעם אין־סוף — און אַ סוף זאָל נעמען צו דער מכשפה־אַרבעט, צו דער נעצנשפּינערײ פון זילזולים.

דער מענטש וועט אַראָפּוואַרפן זיין פעל פון פוילקייט און פאַרפוילט־קייט. ער וועט זיך באַפרייען פון זיין אייגענעם ביטול, פון זיין אייגענער זעלבסט־פאַרניינונג. ער וועט זיך אָננעמען מיט גייסטיקן מוט און וועט פאַרנעמען דעם כסא־הכבוד, וועלכער שטייט צוגעגרייט פאַר אים פון סאַמע קדמונים־אָן.

אין אָט־דער אַרבעט פון זיך געפינען, וועט אים העלפן די אמת׳ע גע־האָלפענע קונסט, די אידישע קונסט.

זאָל דיין אויג ניט זשאַלעווען, זאָל דיין האַרץ זיך ניט דערבאַרימען איבער דעם ליגן מכוח דעם מענטשן — ער מוז אויסגעוואָרצלט ווערן. און קוק ניט אויף דעם, וואָס די פרעמדע וועלט האָט גרויס דרך־ארץ פאַר אָט־דעם שקר, ווייזט אַרויס אַפשיי פאַר אָט־דעם כזב, צאַצקעט זיך מיט דעם זילזול, ביאַנטשעט זיך מיט דעם בילבול — אויסגעריסן מיטן וואָרצל וועט ער ווערן.

עס איז דאָ גענוג פייער און ברען, עקסטאַז און התלהבות אין דעם האַרצן פון מענטשן צו פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל־רעאַל פון אנכי־יהוה. עס איז דאָ גענוג גלויבן אין שכל פון מענטשן, אַז עס זאָל אים מאַכן זיך אַ קער צו טאָן מיטן פנים צו דער איינאיכהייט פון דער מענטשהייט און דער וועלט. עס איז דאָ גענוג גבורה און מלכות אין דעם גייסט פון מענטשן, אַז ער זאָל בכוח זיין צו דערגרייכן זיין ציל אָן קווענקלעניש, וואַקלעניש און פאַרווירעניש.

מ׳האָט אונדז געזאָגט, אַז דעם מענטשנס האַרץ איז פאַרברענט פון דער אש־זרה פון סקעפּסיס, און בלויז אַ הויפן אַש איז געבליבן ווי אַ זכר צו זיין חורבן. מ׳האָט אונדז געזאָגט, אַז דעם מענטשנס שכל איז גע־

וואַרן אַ שאַרפשטיין צו שלייפן אויף אים חלפים פון איבערגעשפּיצטער ספּעקולאַציע. מ'האָט אונדז געזאָגט, אַז דעם מענטשנס פאַרשטאַנד איז אַן איבערגעדרייטער שלעסל, אין וועלכן דער שליסל גייט אַרום הקפות, ווי אין אַ פוסטער שול מיט פּסל'ע ספרי־תורות, אָן אָן אָפּשטעל און אָן אַ זינען. דאָס אַלץ איז פאַרלוימדונג. עס איז נאָך דאָ אין מענטשנס האַרץ און קאָפּ געגנוג אינספּיראַציע, געגנוג באַגייסטערונג. אַלץ, וואָס עס פאַר־דערט זיך, איז אַן אויפבלאָז, אַן אויפוועק, אַן אויפרעג. און מיליאָנען הער־צער וועלן נעמען קלאַפּן אין אוניסאָן מיט דער אינערלעכער אָפּנבאַרונג, מיט דעם רעסטאַווירירטן באַרג־סיני און אויסגעלייזטער תורת־משה!

און העלפן אויפוועקן אָט־די איתערותא דארף זיין די אויפגאַבע פון דער אידישער קונסט.

די מענטשהייט איז ווי אַ מדבר, וואָס לעכצט נאָך אַ רעגן, וואָס גאַרט נאָך אַ קוואַל פון לעבעדיקן וואַסער. זי וויל זיך ראַטעווען פון דער זאַמ־דיקער, פאַר'חלש'טער טריקעניש. זי גייט אויס אין בענקעניש נאָך זיך־אַליין.

די ווערטער פון דער תורה, די אותיות פון די עשרת הדברות וועלן ווערן ווי פאָנטאַנען, וואָס שפּריצן מיט דערפרישונג. זיי וועלן זיך עפע־נען מיט טויזנטער קרעניצעס און זיי וועלן אָנטרינקען אַלדאָס דאַרש־טיקע. שפּייכלערס פול מיט תבואה וועלן זיך פאַנאַנדערפראַלן אין יעדער זעאונג פון די נביאים — און אַלע הונגעריקע וועלן קומען און זיך שפּייזן.

דער מענטש וועט זיך דערוואַכן ווי אַ לייב, ער וועט זיך אָפּטשוכען פון זיינע אָבערגלויבעריייען. זיין ברום און בריל וועט אָנוואַרפן אַ טויט־שרעק אויף די הבלים פון עולם־הזה און עולם־הבא... דער איינציקער אמת וועט זיך אַנטפּלעקן, און דאָס איז דער אמת פון אנכי־יהוה.

אָט־דער אמת וועט זיך צעשאַלן אין דונער־וואָרט און וועט זיך צע־שטראַלן אין בליצן־קלאַנג פון דער אידישער קונסט.

3.

צו לעבן ווי געהעריק איז די גרעסטע קונסט. לעבן איז די שענסטע, רייכסטע, קינסטלערישסטע שאַפונג. „דאָס לעבן איז אַ שפּיל, ערנסט איז די קונסט", זאָגט אונדז דער דיכטער שילער, אָבער אין זיין דעפיניציע ליגט אַ ניט־דערשאַצונג פון לעבן.

דאָס לעבן שטייט אויסערן תחום פון שפּיל און ערנסט. די גרעסטע טייערקייט איז דאָס לעבן פון אַ פּערזענלעכקייט. די רייכסטע שאַצבאַר־קייט איז דאָס לעבן אין זיין גאַנצער פול'פּנים'קייט, הגם לכתחילה זעט עס אויס, אַז עס האָט גאָר קיין פּנים ניט.

קיין זאַך איז ניט דערהויבענער פון גאַנצן, פולן לעבן.

איין אויגן־בליק פון לעבן, פון געפיל, געדאַנק, טראַכטעניש, דוכ־טעניש, אויפרעג, אויפוועק, עקסטאַז, באַגייסטערונג, — וואָס קען זיך פאַרגלייכן מיט דעם?!

לעבן איז דער שפּיץ פון באַרג פון שאַפן.

פילן איז די טיפסטע לערע.

טראַכטן איז דאָס שטיפערישסטע שפּיל.

ווי נאַריש זיינען די יעניקע, וואָס פרעפערירן אַ מאָנומענט, אַ טויטן שטיין, אַ סטאַטוע צו אַ לעבעדיקן מענטש, מער ניט דערפאַר, וואָס אַ סטאַטוע איז „אייביק”, ד. ה. אייביק טויט.

אַ מאָנומענט איז אייביק דערפאַר, וואָס ער איז אונטער דער צייט, מחוץ פון לעבן. ער האָט ניט זוכה געווען אַוועקגעשטעלט צו ווערן אין אמת׳ן „פאַנטעאָן”, אין טעמפּל פון לעבן, פון פליסן, גיסן און געניסן.

דער מענטש איז ניט אייביק, ער איז אַ וואַנדערער, אַ קומער און גייער, אַ פאַרביילויפער. היינט איז ער דאָ און מאָרגן ניטאָ — זאָגט אונדז די נאַאיווקייט.

דער מענטש, די פערזענלעכקייט פאַר זיך גענומען, איז אייביק, איז אַ זאַך פון לעולם ועד. דאָס איז איינס אַוועק. צווייטנס, איין רגע פון זיין איז דויערהאַפטער פון אין־סוף פון ניט־זיין.

לעבנס בליקן זיינען בריקן צו דער גרויסער אומענדלעכקייט.

די ערשטע מויד, וואָס איר באַגעגנט אין גאַס, האָט מער חמימות און תמימות, האַרציקייט און זעליקייט פון אַלע פרויען־דענקמעלער אָדער בילדער.

דער ערשטער בחור, אַ יונג מיט ביינער, אויף וועמען איר שטויסט זיך אָן צופעליקערהייט, אָן קלייבעניש און נישטערן, איז ווערטפולער, קונסטפולער, ממשות׳דיקער, פלייש־און־בלוטיקער פון אַלע אַפּאָלאָס, דיאַ־ניסוסן וכדומה גע׳פגר׳טע געטער.

אַז אָך און ווי צו די יעניקע, וואָס קניען און בוקן זיך פאַר אַלדאָס טויטע און פאַרמאָגן ניט אַ קאָפּ־צושאָקל, אַ גוט־מאָרגן־באַגריסונג פאַר דאָס לעבעדיקע לעבן.

לעבן! דער שעפער איז גרעסער פון זיין שאַפונג.

שוטים, וואָס מיר זיינען! פאַרוואָס ניט לעבן, פאַרוואָס ניט פילן, נאָר זיין פאַרנומען מיט „שאַפן”, וואָס הייסט אייגנטלעך זיך „פאַרשאַפן” מיט זיך, וואָס הייסט אייגנטלעך זיך פאַרנעמען מיט נאָכקרימען, נאָכלאָמען, אימיטירן איבערלעבענישן? צו וואָס און צו ווען זיין אַלע מאָל פאַר׳עסק׳ט

מיט אויסדריקן, פאַרקערפערן, פאַר׳מגושמ׳ען? אויסדריקן הייסט אונטער־דריקן.

איז דען ניט בעסער צו לעבן פון דאָס ניי?! אָנהויבן די תורת־חיים אַלע מאָל פון בראשית?!

ווען איך קוק אויף אַ בילד, אַ סקולפּטור־ווערק; ווען איך פאַר־בלאָנדזשע אין אַ מוזיי, פאַל אריין אין אַ בילדער־אויסשטעלונג — באַגיס איך זיך גייסטיק מיט זודיקע טרערן. איך האָב פּשוט רחמנות אויף די מאָלער, סקולפּטאָרן, וועלכע האָבן געגומען שטיקער לעבן, בפועל־ממש׳־דיק לעבן, גליבעס פון צאַפּלדיקן געפיל, און האָבן עס מקריב געווען צום גאָט פון טויט, צום מולך פון פאַלשער קונסט.

די איינציקע סקולפּטור, וואָס פאַרדינט אָנערקענונג איז — קינ־דער־געבורט. באַוואוסטזיניקע, עווגענישע פּריה־ורביה. דאָס הייסט באמת אויפריכטן דענקמעלער, וואָס וועלן דענקען און פילן.

און אפילו דאָס איז אונטער דער ווירדע פון דער פּערזענלעכקייט.

די פּערזענלעכקייט דאַרף און וועט לעבן אייביק אין זיך אַליין, ניט אין איר אָפּשטאַם, אין איר מיך, איר לענדן־אַרויסקום. די פּערזענלעכ־קייט וועט אַריבערשפּרייזן איבערן צוים, וואָס טיילט אָפּ לעבן פון טויט.

צו וואָס טויג אונדז די שניצערייַ און קריצערייַ מכוח ליפּ און קוש? צו וואָס די שמירערייַ און מאַלערייַ מכוח ליבע?

איז דען ניט דער אמת׳ער, פּשוט׳ער קוש, דער צוריר פון ליפּ צו ליפּ, הילכיקער, ריטמישער, מעטרישער, מער באַטאָנט און מער באַ־טעמ׳ט פון דער גאַנצער ליימענער ליריק, פּאַליטרישער עפּיק? איז דען פּשוט׳ע, אמת׳ע ליבע ניט גרויסאַרטיקער פון אַלע זאַנגען, וואָס וואַקסן אויפן פעלד פון לייוונט, ניט זאַפּטיקער פון אַלע פּירות, וואָס וואַקסן אויפן בוים פון שטיין און האָלץ, אָן וואָרצל און אָן שטאַם?! פאַרוואָס זיך ווערן איינגשמועסן אַזאַ נאַרישקייט, אַז די שאָלעכץ איז מער ווערט פון דער יאָנדרע? נאָר פּראָים פאַרוואָרפן אַ רויטן לעבן און יאָגן זיך העגדום־פּענדום, מיט פאַרקאַשערטע פּאָלקעס, נאָך זיין בלייכן שאָטן! נאָר פּראָים קענען אויפאָפּפערן אַ בולטע פּערזענלעכקייט פאַר איר אָפּגעריבענעם, דימענזיעלאָזן באַצייכן. נאָר ווילדקייט שאַצט דעם „אויסדרוק״, די פאָרמע, דעם צייכן, דעם געץ, אָבער ניט דעם עצם תוך. זיי עסן די לעכער פון די בייגל און טרינקען די יויך פון זייפן־בלעזלעך אין גלעזלעך פון הויך!

דאַרף ניט די פּערזענלעכקייט, ווי אונדזער פאָטער אברהם בשעתו, זיך אַ נעם טאָן און צעברעכן די געצן פון אַלע הייטיקע תרח׳ס?!

נאָכאַלעמען איז די הייטיקע אַזוי אָנגערופענע אייראָפּעאישע קול־טור מער ניט ווי אַ שטיק כאַמולעוואַטער באַרבאַריזם. זי שטייט אונטערן

צייכן פון געצנדינערײ. און וואו געמט מען אַ ישעיהו הנביא, ער זאָל פון זיי חוזק מאַכן!

די זון וועט אויפגיין, די זון פון דעם איינציקן כל־יכול, די גרויסע פערזענלעכקייט, פון דעם אינעווייניקסטן, תוכ׳יקן, סוביעקטיוון, אימאַ־נענטן איך. די פערזענלעכקייט וועט זיך צעשטראַלן, און די אַלע גולם׳ס און קולטוס־ליאַלקעס וועלן פאַרטונקלט און פאַרשאָטנט ווערן. מוזייען וועלן איינשרומפן, גאַלערייעס — פאַרדאַרט ווערן; קאַפּירונגען וועלן קראַ־פירן, בילדער זיך פאַרשעמען און זיך פאַרבאַהאַלטן הינטער די רוקנס פון די אָריגינאַלן. אַ צווייט מאָל וועט קלינגען די שטימע פון דעם אויפ־געריכטעטן מענטשן: „לא תעשה לך פסל״. — מאַך ניט קיין געץ, שאַף ניט קיין קונסטווערק פון שטיין, פון האָלץ, פון לייוונט, אויסערהאַלב פון דיין אייגענעם איך, נאָר אין זיך. דערנידער זיך ניט צו דער שטופע פון אַ „ווערק״. קוליע זיך ניט, ברעך זיך ניט, לאָם זיך ניט, קרים זיך ניט, צייכן זיך ניט. נאָר לעב דיין לעבן בשלימות, מיט דער פולער מאָס, מיט אַ קויב. דיין לעבן — דאָס איז דאָס גרעסטע קונסטווערק. דאָס איז דיין גרעסטער אויפטו און אויפשטייג.

און דעמאָלט וועט זיך אַנטפּלעקן אַ נייער מענטש אויף אַ נייער ערד, אַ פערזענלעכקייט, וואָס פאַרמאָגט אַ זון אין קאָפּ און אַ לבנה אין האַרצן און שטערן אין די אויגן און אַ ים פון געזאַנג אין מויל.

4.

„אידיש״ און אידישע ליטעראַטור

מיט יאָרן צוריק האָט אונדזער מאַמע־לשון געהייסן אָדער איינפאַך „מאַמע לשון״, אָדער מ׳האָט עס גערופן „זשאַרגאָן״. געמיינט האָט מען מיט דעם צו געבן אָנצוהערן, אַז דאָס איז אַ שפּראַך, וועלכע ווערט באַ־נוצט הויפּטזעכלעך פון די מאַמעס, די ווייבער, ווייל די טאַטעס, די מע־נער, האָבן געהאַט אַן אַנדער שפּראַך, וועלכע זיי האָבן גענוצט אין שרייבן און לייענען, און דאָס איז געווען העברעאיש. „זשאַרגאָן״, ווייטער, האָט באַצייכנט, אַז די שפּראַך איז ניט ריין, אַז זי באַשטייט פון פאַר־שיידענע ווערטער און אויסדרוקן, אַנטליען פון פאַרשיידענע שפּראַכן, וועלכע זיינען געווען אין אומגאַנג.

„זשאַרגאָן״ איז ניט געווען קיין זידל־וואָרט, האָט ניט געמיינט קיין פאָרוואורף. עס האָט ניט געהייסן, אַז מען מאַכט אוועק די שפּראַך אונ־טערן האַנט, נאָר עס האָט באַצייכנט אַ טאַט־זאַך. אונדזערע טאַטעס און

מאמעס האָבן ניט געמאכט קיין גרויסן ווענז פון זייער שפּראך. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט איר, אָבער קיין קולט, קיין „געטשקע״ האָבן זיי פון זייער שפּראך ניט געמאכט.

איך רעד פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. איך וואָלט זיין הונדערט פּראָצענט גערעכט, ווען איך וואָלט רעדן פון דער קעגנוואַרט.

אַ איד, ווי נאָר זיין פוס רירט זיך צו צום אמעריקאַנעם באָדן, ווי נאָר ער רוקט אריין זיין נאָז אין לאַנד, נעמט זיך גלייך צופּאַסן צום נייעם אָרט, צו דער נייער סביבה. ער טוט עס נאָך אויפן שיף. איידער זיינע לונגען נעמען אריינאָטעמען די אמעריקאַנער לופט, נעמען שוין זיין צונג און מויל אַרויסרעדן ענגלישע ווערטער.

אַ איד, אויב ער טוט עס ניט מיט א כוונה, אומישנע, רעדט ניט קיין „אידיש״, נאָר רעדט בפּועל ממש — „זשאַרגאָן״. דאָס הייסט, ער מישט צוזאמען דייטשע, העברעאישע, סלאַווישע ווערטער מיט ענגלישע. ער טוט עס אויף זיין אייגענעם שטייגער, פּונקט ווי זיינע עלטערן האָבן עס געטאָן, ווען זיי האָבן געמישט דייטש מיט העברעאיש, העברעאיש מיט אַראַמיש, מיט אראַביש, מיט אלט־שפּאַניש, אלט־פראַנצויזיש און דאָס גלייכן.

ווען איר וואָלט נעמען טענה׳ן מיט אים, זאָגן אים: ס׳טייטש, וואָס איז דער מער מיט אייך, ר׳ איד, האָט איר דען ניט קיין אידישן וואָרט, אָנ־שטאָט דעם ענגלישן, וועלכן איר נוצט, — וועט ער אייך אָנקוקן ווי משוגע. ער וועט אייך גלייך זאָגן, אז אידיש האָט קיין גראַמאַטיק ניט, אז יעדערער קען רעדן און שרייבן עס ווי ער וויל. ער מיינט ניט צו זאָגן, אז אידיש קאָן ניט האָבן קיין גראַמאַטיק, נאָר אז ער וויל ניט, אז זיין שפּראך זאָל האָבן א גראַמאַטיק. ער וויל רעדן אידיש ווי אים פאַלט איין; דאָס הייסט, ער וויל ניט און וועט ניט דערלאָזן, אז שרייבער זאָלן קומען און ארויסגעבן פאַר אים געזעצן, נעמען פּסק׳ענען וואָס ער מעג זאָגן און וואָס ער טאָר ניט זאָגן; וואָס איז „כשר״ און וואָס איז „טריפה״ אין שפּראך, אין אויסדרוק.

פאַר דעם אַלטעגלעכן אידן, פאַר דעם דורכשניט אידן איז זיין מאַ־מע־לשון א „זשאַרגאָן״, א שפּראך, וועלכע ווערט איבערגעגאָסן, איבער־געאַרבעט מיט יעדן אַריבערוואַנדער; אַ נייע לאַנד, אַ נייע שפּראַך. אָבער אלעמאָל א סאָרט זשאַרגאָן. אין רוסלאַנד האָבן די אידן גערעדט האַלב רוסיש, דאָ אין אמעריקע רעדן זיי האַלב ענגליש.

איך וואָלט וועלן וויסן, ווער רעדט „אידיש״ דאָ אין לאַנד? מיר דוכט, אז קיינער ניט, אויב מ׳שליסט אויס די, וועלכע רעדן „אידיש״ מיט א באַזונדער געשמאַק, קינסטלעך, היטן זיך אָפּ פון נוצן אַן ענגלישן

וואָרט. זיי רעדן פון בוך ארויס. זיי רעדן ניט די שפּראַך, וועלכע ווערט באַנוצט פון די אידן אין גאַס, אָדער אין שטוב. זיי רעדן אַ מין נייעם „לשון קודש״. וואָרום די אידישע גאַס רעדט און, אפשר, מוז רעדן, „זשאַרגאָן״. די אידן האָבן עס אַלעמאָל געטאָן פאַר טויזנטער יאָרן, און איך זע ניט אײן פאַרוואָס זיי זאָלן פּלוצלונג אויפהערן עס צו טאָן, זיי זאָלן פּלוצלונג אַרויפנעמען אויף זיך אַ יאָך פון אַ שפּראַך, וועלכן זיי האָבן קיינמאָל ניט געוואָלט טראָגן אויף זייערע פּלייצעס.

אידן האָבן פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר געוואוינט צווישן אַנדערע פעלקער, און עס איז נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן האָבן אָנגענומען די שפּראַך פון יענער באַפעלקערונג, צווישן וועלכער זיי האָבן זיך באַזעצט פאַר אַ לענגערער צייט. אין דייטשלאַנד האָבן זיי גערעדט דייטש. גאַנץ נאַטירלעך האָבן זיי עס פאַרבראָקט מיט העברעאיש. זיי האָבן געהאַט פאַרשיידענע מאָטיוון עס צו טאָן. קודם כל האָבן זיי ניט אַלעמאָל געוואָלט, אַז די אומגעבונג זאָל זיי פאַרשטיין. דער „גוי״ האָט ניט געדאַרפט זיין קיין „מבין בלשון״, ווייל קאָנספּיראַציע־אַרבעט, ניט נאָר וואָס אָנבאַלאַנגט קויפן און פאַרקויפן, איז אָנגעפירט געוואָרן אָן אַן אויפהער. יעדער פאַרפאָלגטער מיעוט מוז קאָנספּירירן... מוז האָבן זיין „לשון״, ווייל ער וויל ניט, אַז זיינע באַדרענגער זאָלן וויסן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין זיינע ד׳ אמות. ער צאַמט זיין לעבן ארום, און דער צאַם איז זיין לשון. זאָל זיך דער פרעמדער גיין לערנען זיין שפּראַך, וועט מען אים דעמאָלט אַריינלאָזן אין אַלקער פון לעבן. און אויב דער „פרעמדער״ וועט דורכגיין אַזאַ היפּשן הכשרה פּעריאָד, וועט ער פאַרלירן געוויסערמאַסן זיין פרעמדקייט, ווערן אויב ניט קיין אייגענער, איז כאָטש אַ פריינטלעך געשטימטער גר. טויזנטער העברעאישע ווערטער זיינען אַזוי אריינגענומען געוואָרן. אַ חוץ דעם האָבן זיי געהאַט באַגריפן, וועלכע זיי זיינען ניט געווען אימשטאַנד אויסצודריקן אין אַ גוי׳עשקער שפּראַך. אַלע הייליקע בית־המדרש זאַכן און טועכצן האָבן געבראַכט מיט זיך אַ גאַנצע רייע פון העברעאישע ווערטער און זאַצן. דערצו נאָך איז צוגעקומען דער באַגער זיך אויסצוצייכענען, אַרויסצואווייזן „למדנות״, אידישע געלערנטקייט, און זיי האָבן גענוצט ציטאַטן, שטיקלעך, ברעקלעך פון פּסוקים, פּערזן פון חומש, אָדער שפּרוכן פון גמרא. אַזוי אַרום האָט זיך אויסגעבילדעט אַזאַ סאָרט שפּראַך, וועלכע איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע עלעמענטן, ד. ה. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „זשאַרגאָן״. דערנאָך איז צוגעקומען דער פאַקט פון איבערוואַנדערן אין אַ ניי לאַנד: פון דייטשלאַנד קיין פּוילן, און פון פּוילן קיין רוסלאַנד, און ריינע סלאַווישע ווערטער און וואָרצלען זיינען אַריינגענומען געוואָרן אָן קיין שטערעניש, און אַזעלכע אויסדרוקן ווי „צען טיסיאַטשי כפרות״ זיינען דאָ אין די שווערע צענדליקער.

.1

,,היימישער אידיש"

דער אמת איז, אַז דער ,,אידיש", וועלכער ווערט געברויכט אין דער אידישער ליטעראַטור דאָ אין אַמעריקע, איז ניט דער ,,אידיש", וועלכער ווערט גערעדט פון די ברייטע שיכטן פון פאָלק. די שרייבער קענען ניט אָנהאַלטן דעם צו־שנעל פליסיקן שטראָם פון דער רייד־שפּראַך, וועלכער גייט אַדורך דעם מויל פון די ,,אידיש־שפּרעכנדע". דעם אידן, אַלס נע־ונד'ניק, קומט אָן זייער שווער אויפצובאַוואַרן, אויף אַ לענגערער צייט, זיין רייד־שפּראַך אין איר פיקסירטער פאָרם. בנוגע אומגאַנגס־שפּראַך איז דער אידישער ציבור אַן ,,עמא פזיזא" באמת. די לינגוויסטישע טראַנספאָרמאַטיווע פּראָצעסן ביי אידן אַלס אַ גלות און עמיגראַציע־פאָלק קומען פאָר מיט אַזאַ פארשנעלערטן טעמפּאָ, אַז זיי מאַכן כמעט אוממעגלעך צו שרייבן ווי מ'רעדט. און די ,,רייד־שפּראַך" ווערט ניט־ווילנדיק אַ צייטווייליקע ,,שריפט־שפּראַך". צוזאַמען מיט דער ,,תורה־שבעל־פה", וועלכע ווערט געטריבן פון אַ היסטאָרישער נויטווענדיקייט און מוז גובר־זיין אַלע מכשולים און געוויסן־חששים און פאָרט ווערן אַ ,,תורה שבכתב" פון אַ צווייטן ראַנג, ווערט אויך דער לשון פון אַט־דער תורה־שבעל־פה געצוואונגען צו ווערן אַ לשון־שבכתב פון אַ נידעריקערער שטופע; ער ווערט פון אַ גאַס און אומגאַנג־שפּראַך אַ בוך און קאַבינעט־שפּראַך. אַזוי האָט פּאַסירט מיטן אַראַמייאישן ,,אידיש", און אַזוי קומט עס אויך פאָר מיטן אידישן ,,אידיש". די שריפט, דאָס שרייבן טיילט זיך אָפּ פון דאָס ריידן. און ווען די אידישע שריפטשטעלער וואָלטן שרייבן ווי דער עולם רעדט, וואָלטן זיי געדארפט פאָרמירן אַן ,,אַמעריקאַנעם זשאַרגאָן". דאָס האָבן זיי ניט געטאָן. און די אידיש־אַמעריקאַנישע ליטעראַטור איז געשריבן אין דעם ,,אידיש", וועלכער איז געשאַפן געוואָרן אין רוסלאַנד, פוילן, גאַליציע א. אז. וו. ,,אמעריקאנער אידיש" איז פארטראָטן זייער שוואַך און זייער שפּאָרזאַם, וואו ניט וואו אין אַ דיאַלאָג, אין די שאַפונגען פון די היגע פען־מייסטער. און גאַנץ נאַטירלעך, ווייל דער גרעסטער טייל, רוב מנין און רוב בנין, פון די שאַפער פון דער אידישער ליטעראַטור דאָ אין לאַנד, האָבן פארבראַכט זייערע פאָרמאַטיווע יאָרן אין אייראָפּע. דאָס דאַרף מען זאָגן סיי וועגן די, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן נאָך אויף יענער זייט ים — אַ טייל פון זיי זיינען דאָרטן באַקאַנט געוואָרן, אַנדערע אפילו באַרימט געוואָרן, איידער זיי זיינען אָנגעקומען אהער — און סיי וועגן די, וועלכע האָבן אָנגעפאַנגען זיך צו באַהויפּטן אַלס ליטעראַטן ערשט דאָ. זיי האָבן אַלע דורכגעמאַכט די

צוגרייטונגס־פּעריאָדן זייערע אין די היים־לענדער פון וואַנעט זיי האָבן אַהער אריבערגעוואנדערט. זייער ווייניקע פון די אידיש־אַמעריקאַנישע שרייבער האָבן זיך דאָ אויסגעלערנט „אידיש". איך זאָג זייער ווייניק, מ׳קען זאָגן, אַז כמעט קיינער ניט.

.2

נייער לשון — אַלטע פּסיכאָלאָגיע — גאַנצקייט פון נשמה

ווען אַן אינדיוויד נעמט שטודירן אַ נייעם לשון, זעט עס לכתחילה אויס, אַז ער הויבט אָן זיין גייסטיקע אַנטוויקלונג ווי איבעראַנייס פון סאַמע בראשית, פון „קמץ אלף — אָ". ער איז אומבאַהאָלפן, קוים וואָס ער באַוועגט זיך אין זיינע אויסדרוקן. ער פילט זיך ווי ער וואָלט כלומר׳שט געדאַרפט אַ צווייטן מאָל דורכגיין זיין קינדהייט. אָבער דאָס איז בלויז אויסדוכט. ווי נאָר ער באַהערשט פיל־ווייניק דעם נייעם אינסטרומענט, אזוי נעמט ער קומען צו זיך. ער טשוכעט זיך אויס פון דער מענטאלער לעטאַרגיע, אין וועלכער ער האָט זיך צייטווייליק געפונען. ער ריכט אויף זיין וויסן. ער לעבט אָפּ זיינע קענטענישן, זיינע פריערדיקע דערפאַרונגען, און נעמט זיי לאָזן אין־גאַנג, ער אוטיליזירט זיין רייפקייט, זיין קלוגשאַפט, זיין געשיקטקייט. ער דעקט אויף און וועקט אויף די אוצרות פון זיין געלערזאמקייט, וועלכע זיינען געבליבן כמעט אומגעמינערט אין זיין מוח און האַרצן, נאָר ער האָט זיי געמוזט, די גאַנצע צייט פון זיין „פילאָלאָגישער" קינדהייט, אונטערדריקן צוליבן מאַנגל אין עקספּרעסיע־מיטלען. — איצטער קומען זיי „צום פסוק". אזוי ארום ווערט ער צוריק דער פאַרדעמדיקער, דער אייגענער, זעלביקער. און זיין גייסטיקער איך גלייכט אויס זיין רוקן, נעמט פאַנאַנדער זיינע געפּענטעטע הענט, פיס און פליגלען. ער שטייט צוריק אין זיין פולער שטאַטור. ער מאַכט גאַנץ דעם איבעררייס, דעם הפסק אין זיין נשמה. ביי דעם אינדיווידועלן יחיד איז דער פּראָצעס פון זיך אָנאייגענען אַ פרעמדן, נייעם לשון, שווער און פיינלעך. ער שטעלט אָפּ אויף אַ ווײַלע דעם אינטעלעקטועלן און עמאָציאָנעלן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער געגעבענער פּערזאָן. אָבער דער אָפּשטעל דויערט ניט לאַנג. עס איז אַ דוראַציע, וועלכע ווערט געמאָסטן מיט אַ יאָר צוויי, אָדער דריי, פיר, ניט לענגער.

מיט א פאָלק, א ציבור־פּערזענלעכקייט, איז די זאַך, דער שפּראַך־טויש, הגם בעצם די זעלביקע, אַביסל אַנדערש, מחמת דעם, וואָס זי דויערט אַ סך לענגער, און ממילא רופט זי אַרויס מער פאַרצווייגטע און מער פאַטאַלע קאָנסעקווענצן. לכתחילה באַקומט זיך אַ פאַרפרעמדקייט,

אן אפגעריסנקייט, כמעט א מין פראצעס פון „דיסהיסטאריזאציע", וועלכע איז א פועל־יוצא פון א שפאלטונג אין דעם איך־באוואוסטזיין פון דעם ציבור. דער אויפגעקומענער לשון שטעלט זיך אוועק ווי א מחיצה אין באוואוסטזיין צווישן דער פארגאנגענהייט און קעגנווארט פון פאלק, צווישן די אלטע טייערקייטן און די נייע ביליגקייטן. דאס פאלק זעט אויס צו האבן פארגעסן אלץ, וואס ער האט געקענט. עס נעמט זיך לערנען אלף־בית נאך דעם וואס עס איז געווען אזא למדן, א בר־אוריין. אבער דאס איז מער פסיכאלאגישע איבערפלעכלעכע אילוזיע ווי גייסטיקע טיפע ווירקלעכקייט. ווי נאר דער ציבור איז גובר די הארטנעקיקע פארם, עפענען זיך, ווי פון זיך אליין, אלע רערן פון באוואוסטזיין, וועלכע האבן אויסגעזען צו זיין פארשטאפט. און זיינע פארדעמיקע איבערלע־בונגען, נשמה־באריכערונגען, גייסט־דערוועדבונגען, אפשפארונגען און אנזאמלונגען, מיט א ווארט, זיינע היסטארישע ווערטן נעמען אריינשטרא־מען און אנפילן דעם נייעם רעזערוואר ביז צום איבערגיסן־זיך. אבער אט־דער פראצעס פון צוריק־צונויפוואקסונג, גאנץ־ווערונג, פון דער פאלקס־איכהייט קען דויערן אמאל צענדליקער, אמאל הונדערטער יארן, אויך א טויזנט יאר איז ניט אויסגעשלאסן. ווען עס האנדלט זיך וועגן אידישן פאלק דארף מען אלע מאל האבן אין זינען, אז עס איז א ציבור, וועלכער שרעקט זיך ניט, האט ניט קיין התפעלות פאר גרויסע ציפער. „טויזנט יאר זיינען אין זיינע אויגן ווי א נעכטיקער טאג, וואס גייט פאר־ביי, ווי אן אפשניט פון דער נאכט".

ווען אראמייאיש האט ארויפגעטויכט, האט אויסגעזען, אז אן איבער־בראך איז פארגעקומען אין דעם פאלקס־איך. אויפפאסונגען וועגן מענטשן און דער וועלט, וועלכע האבן ניט געהאט ניט נאר קיין סמוכים, נאר זיינען טאקע געגאנגען דיאמעטראל כנגד די אנשויאונגען, וועלכע האבן געקראגן זייער קלאסישן אויסדרוק אין דער ביבל, האבן זיך אוועק־געשטעלט אויבנאן אין פאלקס־באוואוסטזיין. מיט דעם דערקלערט זיך, וואס דער תלמוד און די מדרשים האבן גאנץ אפן געמוזט אזוי געוואלדיקן די פסוקים. עס איז אריבער א לאנגע היסטארישע פעריאדע ביז דער איך פון אידישן פאלק האט זיך צוריק פאראייניקט, איז צוריק פאמיליאר גע־ווארן מיט זיינע פארצייטיקע ווערטן, אין זייער ערשט־ווייליקן אפ־שאץ. די משכילים עפאכע — און פארדעם דער שפאנישער גאלדע־נער צייטאלטער — האט צוריק רעסטאווירט דאס שטודיום פון דער ביבל. דער משכיל איז געלאפן צוריק צום תנ"כ'ס לשון, וועלכער אונטער זיין פען האט אויסגעזען צו אויסטערליש מליצה'דיק, צו אריענטאל־אי־מאזשיסטיש. אבער א בענקעניש, א גארעניש, וועלכע האט געווארט אזוי

לאַנג אויף אַ געלעגנהייט באַפרידיקט צו ווערן, האָט ניט געקענט ניט אריבערכאַפּן די מאָס פון סאַטיספאַקציע. אַ דאַמב איז דורכגעריסן געוואָרן און די אויפגערודערטע וואַסערן פון דער תורה און נביאים שפּראַך האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן וועלן פאַרפליצן דעם גאַנצן פעלד פון אידישן באַוואוסטזיין און אויטאָקראַטיש באַהערשן דעם אויסדרוק־אַפּאַראַט. די פאַרפרעמדקייט איז אָפּגעווישט געוואָרן, ווי מיטן האַנט אַראָפּגענומען.

דאָס אייגענע וועט דער באַאָבאַכטער באַמערקן אין דער „אידישער ליטעראַטור". לכתחילה וועט מען דאָ גאַנץ אָפט און אָפן זען אַ פאַרפרעמדקייט, אַן אָפּגעריסנקייט, כמעט ווי אַ זיך־אליין פאַרלייקענונג. מיט דעם „נייעם לשון" וועט כמעט ווי ארויפשווימען אַ נייער טרעגער פאַרן לשון, אַ „קלאַס", אַ „שיכט", „מאַסן" אַנשטאָט דער אַלטער „כנסת־ישראל", דעם אידישן פאָלק. אפּנים קלאַסן, שיכטן פאַרמאָגן זייער קאָנקרעטע פּסיכאָלאָגיע, אייגענע לשונות, אַ זאַך, וואָס איז ניט ריכטיק. קיין קלאַסן־שפּראַכן עקזיסטירן ניט, עס זיינען דאָ בלויז פאָלקס־שפּראַכן, שפּראַכן, וועלכע געהערן און ווערן געשאַפן פון אַ פאָלק. און צו דער זעלביקער צייט מיט דעם „נייעם לשון" קומט כמעט אַ נייער אינהאַלט, „פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע", „סאָציאַליזם", „אַנאַרכיזם" אַנשטאָט אידישער אידעאָלאָגיע. אָבער דאָס איז אַ ציטווייליקע, פאַרבייגייענדיקע פאַרווירעניש, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון לשון־קינדישקייט. וואָס ווייטער עס גייט די אַנטוויקלונג פון לשון, וואָס שטאַרקער עס ווערט די באַהערשונג פון אויסדרוק־אינסטרומענט, אַלץ מער דערנענטערונג און פאַרשמעלצונג מיט די אַלטע אייביק־נייע אידישע ווערטן לאָזט זיך באַמערקן אין דער אידיש־אמעריקאנער ווי אין דער אידישער ליטעראַטור בכלל. דער „איך" פון פאָלק רייסט זיך אַדורך דורך די לשון־ראַגאַטקעס און פלייסט זיך צו ווערן עפּעס גאַנצעס, אויסגעהאַלטענעס.

3.

„בורזשואַז", פּראָלעטאַריש — אידיש

ווען מען דערמאָנט די בורזשואַזיע אַלס אַ קלאַס, מוז מען אלע מאָל אין זינען האָבן דאָס אלס אזעלכע, אלס א סאָציאַלע פאָרמאַציע, וואָס פאַרנעמט א באַשטימטן אָרט אין דער פּראָדוקציע און דיסטריבוציע, איז זי א „היסטאָרישע קאַטעגאָריע", דאָס הייסט איר בילד פּאַסט זיך אַריין אין א געשיכטלעכער ראַם. זי איז ניט מחוץ פון רוים און צייט. זי פאַרמאָגט טאָפּאָגראַפיע און כראָנאָלאָגיע.

די בורזשואַזיע אלס אַזוינע האָט איבערגעלעבט פאַרשיידענע עפּאָכן און דורכגעמאכט עטלעכע קאָנזעקיוטיווע אנטוויקלונגס־עטאַפּן. און אין קאָנסעקווענץ, האָט אויך די בורזשואַזע קונסט, איר ליטעראַטור, וואָס האָט איר באַגלייט אויף איר אנטוויקלונגס־וועג, דורכגעמאכט פאַרשיידענע פאַזן, וועלכע האָבן אנטשפּראָכן, זיך געפונען אין איינקלאַנג מיט די עוואָ־לוציע־שטופן, דעם אויפפיר און פּאָזיציע פון דעם קאַפּיטאַליסטישן הערשנדיקן קלאַס — און געדינט אַלס דער שאַצקאַמער, וואו אירע אי־דעאָלאָגישע טייערקייטן זיינען געווען פאַרבאהאלטן, און אַלס מינצ־פּלאַץ, וואו אירע ווערטן זיינען אָפּגעגאָסן געוואָרן און פון דאָרטן צעטיילט און פאַרשפּרייט געוואָרן.

ניט אלע מאָל איז די בורזשואַזיע געווען „צום ארויסוואַרפן”, איבער־ריק. ניט שטענדיק איז זי געווען אַן איבערבלייבעניש, וואָס דער בעזים פון געשיכטע האלטביים אויסקערן פון דעם געזעלשאַפטלעכן פּירהויז. עס איז געווען אַ צייט, ווען די בורזשואַזיע איז געווען אַגרעסיוו, קריי־געריש, שטרייטפּעאיק און שטרייטלוסטיק. זי איז אַמאָל אויך געגאַנגען באַרג־ארויף און אָנגעפירט מיט די אָפּענסיוועס פון די אויפקומענדיקע געזעלשאַפטלעכע ענערגיעס קעגן דער אָפּשטאַרבנדיקער אינערציע, צע־פאַלנדיקער אָרדנונג פון פעאָדאַליזם, וואָס האָט געהאַלטן אין אַגאָני־זירן. נאַטירלעך, איר קונסט, איר פּראָזע און פּאָעזיע אין יענע עפּאָכן, האָט אָפּגעשפּיגלט די אספּיראַציעס און באַשטרעבונגען, מיט וועלכע די בורזשואַזיע איז דעמאָלט געווען באַזעלט. און, אלס פאָלגע, איז זי דעמאָלט געווען פאָרויס־שפּרייזנדיק און „פּראָגרעסיוו”, פון איר האָט ארויסגע־רעדט א טענדענץ צו רעגענעראַציע, ניט דעגענעראַציע, ווי ביי היינטיקן טאָג. היינט גייט די בורזשואַזיע באַרג־אראָפּ, זי ווערט געטריבן אין אָפּגרונט אַריין, אין גרוב פון אונטערגאַנג. און, פאָלגלעך, אַלע אירע קינסטלעכע שאַפונגען קענען ניט זיין מער ווי פאַרקרימענישן, פאַרזעע־נישן, אָן אַן אינהאלט, אָן זאַפט, אָן האַפט, אָן לייב און לעבן. זיי שטעלן פאָר מיט זיך בלויז אויסגעוועפּטקייטן און אויסגעהוילטקייטן, וועלכע דעקן צו די שאַנד פון זייער פּוסטקייט און לערקייט מיטן פייגן־בלעטל פון אָנגעבלעזלטן קאָמעדיאַנטישן וואָרט. זייער וואָרט קוליעט זיך, דרייט זיך אויפן קאָרעק, וואַרפט זיך ווי אין קאָנוואולסיעס, שליידערט זיך, ווי אַ ניכפּע וואָלט אים כאַפּן, אויף אלע זייטן. ער קען אָבער אויף קיין פאַל ניט ארויסברעכן עפּעס געהעריקס, עפּעס וואָס איז ווירקלעך ווערט געהערט צו ווערן, געזאָגט צו ווערן.

די בורזשואַזע קונסט פון אונדזער צייט איז ניט קיין קונסט אין דעם דערהויבענעם זינען פון וואָרט. עס איז קונץ. עס איז מער נישט ווי

קונצנמאַכעריי פון פּראָזעאַלאָגיע און אָנפּילעכץ. עס איז אַן אַקראָבאַטיק פון פאָרמעס, פון פלאַכן, וואָס ברעכן זיך איבער, פאַיאַצעווען און ווילן כלומרשט שאַפן אַן „עפּעס״ פון גאָרנישט, הייסן און צווינגען סטערילישעט צו ווערן פרוכטבאַר און טראַגנדיק איבערגעוואַלט. יהודה הלוי האָט דעם מין קונסט כאַראַקטעריזירט זייער טרעפלעך באַצייכנדיק עס אַלס אַ פלאַנצונג, וואָס האָט בליעכץ, טראָגט אָבער נישט קיין פרוכט.

די בורזשואַזע קונסט און ליטעראַטור פלייסט זיך צו זשאָנגלירן, אַרויסרופן אָפּטישע געפיל־אָפּנאַרעניש. זי קען אָבער ניט אַריינאָטעמען לעבן און רעאַלע וועזנטלעכע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען. זי פילט זיי ניט — און קען זיי דעריבער ניט שילדערן ווי עס באַדאַרף צו זיין, אין זייער אַקטועלקייט, צוקינפטיקייט, און קעגנווערטיקייט.

אָבער די בורזשואַזיע, ווי שוין דערמאָנט, האָט אויך פאַרמאָגט אַ „שטורעם און דראַנג״ פעריאָד. דעמאָלט, פאַרשטייט זיך, זיינען אירע אויסערונגען אין וואָרט, טאָן און קאָליר געווען שטורמיש און, צייטנווייז, אַפילו אויך אוראַגאַניש און וואולקאַניש.

און ווען די קעגנער פון דעם „להבדיל״, פון דעם אָפּזונדער־וועגטל וואָס ווערט אויפגעשטעלט צווישן פּראָלעטאַרישער און בורזשואַזער קונסט, ווייזן אָן אויף מאַסטיטע ווערק, מאָנומענטאַלע שאַפונגען, געבוירן פון אידעאָלאָגן און קינסטלער, וואָס האָבן געהערט צו דעם בורזשואַזן לאַגער — שלאָגן זיי מיט דעם דעם צעשיידונג־טעזיס ניט אָפּ, זיי פאַר־ווירן ניט די דעמאַרקאַציע־ליניע און שעדיקן ניט דאָס רעכט עס צו ציען. ווייל זיי באַציען זיך אַלעמאָל אויף די עפּאָכן, אין וועלכע די בור־זשואַזיע איז ניט געווען דאָס, וואָס זי איז היינט־צו־טאָג, אַ נאָכשלעפּע־רין פון געזעלשאַפטלעך־היסטאָרישן צוג, א שוואַכלינג, א מוטלאָז, בלוט־לאָז גוסס. דעמאָלט איז זי געווען אין אירע „מיידלשע כוחות״, יונג און קערנדיק, אויפּטועריש אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן און געזעל־שאַפטלעכן אָנשטרענג.

„זי (די בורזשואַזיע) איז געווען די ערשטע צו ווייזן, וואָס מענטש־לעכע טעטיקייט קען אויפטאָן. זי האָט געצייגט וואונדער, וועלכע שטייגן אַריבער די עגיפּטישע פּיראַמידן, די רעמאַנישע וואַסערלייטונגען און די גאָטישע קאַטעדראַלן. זי האָט געפירט עקספּעדיציעס, וועלכע פאַרטונק־לען אַלע פריערדיקע עקזאָדוסן פון פעלקער און קרייץ־צוגן״ (קאָמוניס־טישער מאַניפעסט).

„די בורזשואַזיע, אין פאַרלויף פון איר הערשאַפט פון קנאַפּע הונ־דערט יאָר, האָט באַשאַפן פּראָדוקציע כוחות, וואָס זיינען מאַסיווער און קאָלאָסאַלער פון אַלץ, וואָס איז געלייסטעט געוואָרן פון אַלע פאַרדעמדי־

קע דורות צוזאמענגענומען. דאָס באַזיגן פון די נאַטור־קרעפטן, דאַמף־שיפעריי, אייזנבאנען, עלעקטרישע טעלעגראַפן, די קולטיווירונג פון גאַנצע קאָנטינענטן, די קאַנאַליזאציע פון טייכן, גאנצע באַפעלקערונגען זיינען ארויפגעַ׳כישופ׳ט געוואָרן פון סאמע גרונט — וועלכער פאַרדעמ־דיקער יאָרהונדערט האָט כאָטשבי אַ פאָרגעפיל געהאט, אַז אזעלכע פראָדוקטיווע כוחות דרעמלען אין שויס פון סאָציאלער פּראַצע״ (דאָרטן).

„צו קאָנצענטרירן און אויסברייטערן אָט די צעוואָרפענע און באַ־גרענעצטע פּראָדוקציע־מיטלען, צו פאַרוואַנדלען זיי אין מעכטיקע פּראָ־דוקציע־ריטשאַגן פון אונדזער צייט, דאָס איז טאקע די היסטאָרישע ראָלע פון דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָדוקציע־מאָדוס און זיין פאָרשטייע־ריך, די בורזשואַזיע״. (פרידריך ענגעלס, אַנטי־דיורינג, ז. 301, ענגלישע אויסגאַבע).

דאָס איז אַלץ אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. היינט־צו־טאָג האָט די בורזשואַזיע פאַרלוירן איר „רעזאָן־ד׳עטער״. זי האָט פאַרטאַכלעוועט איר סאָציאלן באַגאזש, זי האָט אָנגעוואוירן איר היסטאָרשין געוויכט און וויכטיקייט. און מיט דעם קומט דער פאַרלוסט פון מוט און קוראַזש. און ווי זאָגט געטהע: „מוט פאַרלוירן — אַלץ פאַרלוירן״.

און די בורזשואַזע קונסט וואַקסט איצט אויף אַ בית־עולם, און זי שמעקט מיט טויט, מיט קברים־געַרוך, מיט פליעשנע, מיט פאַנאַנדערפאַל. דער ווינט פון יאוש פייפט דורך די פּוסטקייטן פון אירע פּאַלאַצן פון עמאָציעס. זי איז פּאַטאַליסטיש און פּעסימיסטיש. בשעת די פּראָלעטאַ־רישע קונסט איז פונקט פאַרקערט — וואָלונטאַריסטיש און אָפּטימיס־טיש דורך און דורך.

פּראָלעטאַרישע קונסט איז שטייף, אפילו האַרט, ניט צעקראָכן, ניט צעכראסטעט, גאַנץ — ניט צעבראָכן, פול מיט אידייען, מיט פּלענער, מיט אויפטועניזשן, מיט אַ פאַרנעם, מיט דערגרייכונגען און דעראָבערונ־גען. זי איז אָנגעפּיקעוועט מיט קערנער, ווי אַ פרישער מילגרוים. זי האָט אַן אידעאָלאָגיע. זי איז באַלעבט פון אידעאַלן, פון אַ פוטוריטעט.

פּראָלעטאַרישע קונסט און פּאָעזיע פאַרנעמט זיך ניט מיט דער פאָרטרעטירונג אָדער פּאָטאָגראַפירונג פון אַרבעטערשאַפט־געפאַלנקייט, נידעריקייט, אָרימקייט, באַליידיקטקייט. דאָס האָבן געטאָן, געַנוג און אַמאָל אויך איבערגענוג, די בורזשואַזע אָדער קליינבירגערלעכע קינסט־לער. זייער כוונה איז געווען ארויסצופּרעסן טרערן, וועקן רחמנות־געפילן און מיט דעם יוצא־זיין די גרויסע מצוה פון הומאַניטאַריזם. מיט דעם זיך שטילן דאָס געוויסן, הייסן שוויגן דעם ווערימל, וואָס האָט געטאָ־טשעט און געסטראַשעט און געפונען זיין פאַרשטילונג אין פילאַנטראָפּיע,

אין פּושקע־קלאַפּעריי, אין פאַלשער צדקה, וועלכע האָט געדאַרפט ראַ־טעווען די הערשער — פון נקמה, פון פאָלקס־צאָרן־אויסגוס.

פּראָלעטאַרישע קונסט און פּאָעזיע פאַרנעמט זיך מיט אויפמונטערן, וועקן ניט רחמנות, נאָר אנטריסטונג, רופן צום אויפשטאַנד, צום קאַמף פאַר א נייער וועלט, א נייער איינאָרדנונג.

דאָס פּראָלעטאַרישע ליד דאַרף זיין ברויזנדיק, אָבער ניט גלאַט כעסנ'דיק, וואָס איז א סימן פון שוואַכקייט. עס דאַרף זיין פול מיט ווערדע און זיכערקייט אין אַנקום פון דעם סוף צו די פינצטערע נעכט און חושכ־דיקע טעג און דעם אויפקום פון נייעם טאָג, פון ליכטיקן טאָג.

אידישע פּאָעזיע אידעאַליזירט לאַנג אויסדויער, סבלנות, דאָס ליידן און שווייגן, ד. ה. שרייען בלויז אינעווייניק, אין אַ מין געבעט, אַ תפילה. דער זיג איבערן שונא ווערט צוגעזאָגט און געמאָלן ניט אַלס רעזולטאַט פון קאַמף און בייקומען, נאָר אַלס אַ פאָלגע פון אַריבערלעבן, אָדער, גאָר אמאָל, אפשר פון איבערצייגן, געווינען גייסטיק, פּסיכאָלאָגיש, לאָגיש.

„אַ פאָלק ווי א יונגער לייב שטעלט ער זיך און ווי א לייב הויבט ער זיך אויף. ער לייגט זיך ניט ביז ער עסט זיך אָן מיט רויב און טרינקט זיך אָן מיט בלוט פון דער'הרג'עטע" (דברים, י"ג, כ"ד).

א לייב איז ניט קיין נעבעך צווישן די חיות און עסט דערוויייל קיין שטרוי ניט... ניט אַכטנדיק אויף דעם נביא'ס פּראָפעצייאונגען.

„בנימין איז אַ וואָלף, וואָס פאַרצוקט, אין דער פרי עסט ער רויב, און אין אָוונט טיילט ער אויס בויטע" (בראשית מ', כ"ד).

„און צו דנען האָט ער געזאָגט: דן איז אַ יונגער לייב, וואָס שפּרינגט ארויס פון בשן" (דברים ל"ג, כ"ב).

„אַ יונגער לייב איז יהודה. פון פאַרצוקונג, מיין זון,האָסטו אויפ־געשטיגן. ער האָט זיך געקניט און זיך אוועקגעלייגט ווי א לייב און אַ לייביכע — ווער קען זיך קעגן אים שטעלן?!" (בראשית מ', ט').

אָט־די באַשרייבונגען פון די אמאָליקע אידן ווייזן, אז זיי זיינען גע־ווען אגרעסיוו, קריגעריש געשטימט, געווען סיי מיליטאַריסטיש און סיי מיליטאַנטיש. זיך ניט געלאָזט טרעטן אונטער די פיס.

דער חומש, שילדערנדיק די באַפרייאונג פון די אמאָליקע אידן פון זייער שקלאַפעריי, ווערט ניט מיד צו ווידערהאָלן, — ער וויל עס, מן־הסתם, אריינקריצן אין אידישן מוח, ווי דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אז מען וועט עס פאַרגעסן, — אז די באַפרייאונג איז פאָרגעקומען אַ דאַנק „דער שטאַרקער האַנט און אויסגעשטרעקטן אָרעם און גרויסן טעראָר", וועלכן זיי האָבן אָנגעווענדט קעגן זייערע פאַרשקלאַפער.

„ביד חזקה ובזרוע נטויה ובמורא גדול" (דברים ז׳, א־ט).

„און עס זאָל זיין פאר א צייכן אויף דיין האנט און אַן אָנדענק צווישן דיינע אויגן, כדי די לערע זאָל זיין אין דיין מויל, אז מיט אַ שטאַר־קער האַנט... האָט דיך יהוה אַרויסגעצויגן פון מצרים" (שמות י״ג, ט׳).

ווי עס ווייזט אויס, האָט דאָס ווערק פאַרגעשריבן איבונגען פאר דעם אָרעם און פאר די אויגן. דאָס האָט מסתמא געהאט צו טאָן מיט פיזישער קולטור צו שטאַרקן די הענט און בעסערן די אויגן אין צילן זיך.

דער חומש וואָלט עס ניט געהאט ווידערהאָלט אזוי פיל מאָל, ווען ער וואָלט ניט באטראַכט אלס אומגעהויער וויכטיק צו פארצייכענען דעם פאקט, אז די באפרייאונג איז פאַרגעקומען ניט אויף א פאסיוון אופן, אויף אַ פרידלעכן שטייגער, נייערט דורך א ביטערן קאמף, וואו דער „גרויסער שרעק", טעראָר, איז אָנגעווענדט געוואָרן.

און אפילו משה, דער געזעצגעבער און פאָטער פון אלע נביאים, ווערט געמאָלן אלס טעראָריסט. ער האָט געזען ווי א מצרי שלאָגט אַ אידן... און ער האָט דער׳הרג׳עט דעם מצרי און האָט אים באהאלטן אין זאמד (שמות ב׳, י״א־י״ב).

פארוואָס האָט משה זיך אזוי אָפּגעגעבן מיט (ערי־מקלט) די אנט־רינונג־שטעט? האָט רבי לוי געזאָגט: דער, וואָס האָט געגעסן דאָס גע־קעכטס, דער ווייסט דעם טעם דערפון. וואָס מיינט עס? ווען משה האָט דער׳הרג׳עט דעם מצרי, האָט ער אָפּגעצויגן אויפן צווייטן טאָג... (דברים רבה, פרשה ב׳, נאָענט צום סוף פרשה).

דער חומש שילדערט משה׳ן אלס טעראָריסט און פאָליטישן עמי־גראנט. ער האָט אליין געדאַרפט אנטלויפן, זיך אויסבאהאלטן.

וואָס פאר א מהלך־רב עס ליגט פון דעם „ביד חזקה ובזרוע נטויה ובמורא גדול" פון חומש ביז צו דעם „לא בחיל ולא בכוח, כי־אם ברוחי" — ניט מיט א חיל און ניט מיט כוח, נאָר מיט מיין גייסט... (זכריה ד׳, ו׳). און נאָך מער שטרעקע ליגט פון דעם אַקטיוויזם פון חומש ביז צום פּאַ־סיוויזם פון דער „דרשה אויפן באַרג":

„איר האָט געהערט מען האָט אייך געזאָגט: „אַן אויג פאר אן אויג, א צאָן פאר א צאָן"; איך זאָג אייך: איר זאָלט זיך ניט שטעלן קעגן שלעכטס; נאָר ווען אימיצער פאַטשט דיך אין רעכטן באַק, גיב אים אויך די לינקע, און ווען אימיצער משפט זיך מיט דיר און וויל אוועקנעמען דיין ראָק, לאָז אים נעמען אויך דיין מאַנטל, און ווען אימיצער נויט דיך גיין א מייל, גיי מיט אים צוויי" (מאַטהיוס 5, 38־41).

און דער מרחק, וואָס ליגט פון חומש׳ס באצייכענונג פון דאָס אי־דישע פאָלק אלס א לייב, וואָלף, און דעם מדרש׳ס סימבאָליזירן עס אלס

אַ טויב, וועלכע שטרעקט אויס איר האַלדז צו אַלעמען, וואָס ווילן זי קוילענען... („נמשלה כנסת־ישראל ליונה... שפושטת צווארה"...) איז אַזוי גרויס, אַז עס איז שווער זיך עס פאָרצושטעלן און באַגרייפן ווי די ענ־דערונג איז פאָרגעקומען. „ויהי בנסוע האָרון" האָט געהייסן מאַרשירן אין אַן אָפּענסיוו; און וואָס איז פון דעם געוואָרן אין בית־המדרש און אין קלויז?!

פארשטייט זיך, אַז די פּאָעזיע אַלס אידעאָלאָגיע איז געווען אַן אָפּ־שפּיגל פון דער אידישער הנהגה, פון דער אידיש־געזעלשאַפטלעכער, עקאָ־נאָמיש פּאָליטישער סטרוקטור. די אידישע גרופּע זייענדיק אומעטום א מינדערהייט, האָט ניט געקענט קריגן זיך, האָט ניט געקענט פאַרמעסטן זיך מיטן שונא, פּרובירן זיך ווערן, ענטפערן מיט ווידערשטאַנד. דער־פאַר האָט זי געפּריידיקט און אידעאַליזירט געדולד און עקשנות, איינ־געשפּאַרטקייט פון אַ פּאַסיוון כאַראַקטער. זי האָט אַלעמאָל געראָטן צו וואַרטן ביז דער פיינט וועט אוועקפאַלן אין געראַנגל מיט זיין לעצטער שעה. די אידן האָבן ניט באַזיגט די גריכן אָדער די רוימער אַזוי אויך זיי־ערע איבעריקע אַנטאַגאָניסטן אויף דער ארענע פון געשיכטע — זיי האָבן זיי, פּשוט, אַריבערגעלעבט, אָדער זיי געפּרובירט צו באַצווינגען מיט דעם כוח פון אַן אידייע, פון אַ לערע, אַ גלויבן, וועלנדיק זיי באַקערן.

דער פּראָלעטאַריאַט איז אינגאַנצן אַן אַנדער וועזן און פאַרנעמט אַן אנדער פּאָזיציע היסטאָריש. דער פּראָלעטאַריאַט גייט זיגן, און טאָקע באַלד, אין אונדזער צייט־אַלטער. דערפאַר איז ער אומגעדולדיק. ער באַקערט ניט זיינע שונאים, זיינע קלאַסן־פיינט, ער באַקעמפט זיי אין אָפענעם דרייסטן ארויסטריט. ער וויל און וועט זיי צעברעכן, צעדרוזגען. ער פּריידיקט ניט — ער רופט צו א רעוואָלט, צו א קריג. ער איז קעמ־פעריש, קריגעריש.

דאָס הייסט בשום אופן ניט, אַז פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע דאַרף זיין אַ פּראָקלאַמאַציע אין גראַמען. חס־ושלום. פּאָעזיע פּריידיקט ניט, דרשנ'ע־וועט ניט. זי טרעט אויס אַן עמאָציאָנעלן שטעג אין מענטשלעכן האַרץ, אַ שטעג, א וועג, אַ שליאַך, וואָס פירט פאָרויס און איז זיכער, אַז דער דעסטינאַציע־פּונקט איז נאָענט און מ'וועט אים באַלד דערגרייכן.

די פּראָלעטאַרישע קונסט איז ניט טראַגיש און ניט קאָמיש, — נאָר טריומפעדיש. זי איז אַ פארקערפּערונג פון געזונטע ממשות'דיקע פאָר־אויסזעאונגען און פאָראויסזאָגונגען, און ווייכט פון די מיסטישע, נעפּל־האַפטיקע צעשוואומענע וויזיעס וואָס פאַרפירן אין זומפּן פון פּאָלסיפּי־צירטער געפילעכץ און אויפגעשרויפטקייט, וואָס געפינען זייער אויס־דרוק אין עמאָציאָנעלע מאַסטורבאַציעס.

די פראָלעטאַרישע קונסט און פּאָעזיע איז פיל נענטער, לויט אונדזער מיינונג, צו די „אידישע" פאָרמען פון שאַפן, איידער ווי צו די „העלענישע". די העלענישע קונסט איז אלע מאָל געווען אן אויסדרוק פון פאטאליזם און פעסימיזם און קאָנסערוואטיזם, בשעת די אידישע אַלטערטימלעכע שאפונגען זיינען פראָפעטיש־אָפטימיסטיש, עסכאטאָלאָגיש, דערלייזעריש און וואָלונטאַריש און דערפאר „רעליגיעז"־רעוואָלוציאָנער און דאָס, לפי אונדזער באַנעם, פאַרשווערטערט צו אַ געווויסן גראַד די פראָלעטאַרישע פּאָעזיע מיט דער אלטערטום־אידישער פאָרמע פון וואָרט־קונסט. אָבער צו דער זעלביקער צייט דארפן שטארק אונטערגעשטראָכן ווערן די פאנאנדערגיי ליניעס פון די צוויי פאָרמען פון אויסדרוק. די „אידישע" פּאָעזיע האָט דורכגעמאכט א היפש ביסל גילגולים ביז זי האָט זיך אָפגעזעצט און אָנגענומען אַ באשטימטע אָפגעגאָסענע פאָרמע און געוואָרן די פארקערפערונג פון א דעפיניטיוון, מער אָדער ווייניקער, מאָטיוו.

די מאָדערנע אידישע אָדער אידישיסטישע ליטעראַטור אין ס'רוב פון אירע רעפּרעזענטאַנטן און רעפּרעזענטאציעס איז ניט נאָר בורזשואַז־דעגענעראַטיוו, זי איז אויך ניט „אידיש", זי איז „העלעניש" און בורזשואַז,ביידע צוזאמען, זי איז א צווייאיקער דורכפאל. דערפאר פארנעמט זי כמעט אינגאנצן קיין שום אָרט ניט און דערווערבט זיך א קנאפּע צאָל לייענער. זי געפינט קיין אָפּקלאנג ניט אין זייער הארצן און ניט אין זייער אידישן פאַרשטאַנד.

מחמת די גאנצע זאך פון „אידישיסטישן" בוך, דער גאנצער ענין פון ליטעראטור איז פרעמד, אָפגעריסן, האָט קיין וואָרצלען ניט אין דער פסיכאָלאָגיע פון אידן. דער ספר איז געווען זיין באגלייטער און צייטנווייז אפילו זיין פאָראויסגייער, ער איז געווען דעם אידנס מורה־דרך. דער „אידישיסטישער" בוך איז אַ מפיל, ער איז טויט איידער ער ווערט נאָך געבוירן. ער האָט קיין שום מארק ניט. אַ איד וויל אים צו זיך אין שטוב, אין אלמער ניט אַריינלאָזן, טיידן מ'שטייט צו אים צו ווי א נגע־צרעת, דעמאָלט, כדי זיך אָפצוטשעפּען פון קלעק, דעם שנאָרער־מחבר, טוט ער אים אַ טובה און קויפט זיין אָפּוס און טראַכט בשעת מעשה, אז ער האָט ארויסגעוואָרפן א טאָלער אָדער צוויי.

אָט דער ביטול אָדער פאראכט, וואָס דער איד פילט צו דעם „נייעם" אַזוי אָנגערופענעם וועלטלעכן קונסט־בוך, ליטעראַרישער שאפונג, דערקלערט זיך מיט דעם, וואָס אין ביין אויס צען פאַלן זיינען טאַקע די קינסטלערישע „אידישע" ווערק טאָפּלט אַנטאַרטעט. זיי זיינען אי „גריכיש" און אי בורזשואַז. איך מיין צו זאָגן, זיי זיינען צווייפאלטיק דעקאדענט

סיי אין ציוויליזאציע קולטורעלן זינען און סיי בנוגע אידישער אידעאָ־לאָגיע, בנוגע אידישקייט־באוואוסטזיניקייט.

דער אידישער ציבור פירט א שווערן קאמף פאַר זיין עקזיסטענץ און דאָס אידישע בוך בכדי עס זאָל האָבן א זכות־הקיום, אן עקזיסטענץ־בארעכטיקונג דארף זיין א געווער, דער אידישער „ספר" איז א „סייף", א שווערד, א כלי־זין, אָבער ניט פאר אָנפאל, נאָר פאר אידישער פאר־טיידיקונג.

מיט איין וואָרט, אידישע קונסט מוז זיין דורכגעדרונגען מיט אידי־שער אידעאָלאָגיע ניט ווייניקער ווי פראַלעטארישע קונסט איז דורכגע־דרונגען מיט פראַלעטארישער אידעאָלאָגיע.

4.

שיינע ליטעראַטור ביי אידן און אידישער אָפּטימיזם

די אידישע ביבל, איבערהויפּט, די חומשים און ערשטע נביאים פארמאָגן געזונטע קונסט־עלעמענטן. די שילדערונגען, די דערציילונגען, טעמען מיט לעבן, מיט א רעאליזם, וועלכער פארכאפּט מיט זיין פריש־קייט, פשטות, אוממיטלבארקייט און אינהאלט־רייכקייט. די פּאָרטרעטי־רונגען זיינען געמאָלן לויט אלע כללים פון אינטערעס־אויפוועק, סורפּריז־ארויסרוף, דראמאטישן ריטמישן הויב און פאל. אָבער דער אלטער טעס־טאמענט האָט ניט צו טאָן מיט דעם אינדיווידועלן מענטשן פון דעם אידישן פאָלק. דער תנ"ך אין זיין גאַלעריי פון בילדער, אין זיין אויס־שטעלונג פון פאסירונגען, איז די געשיכטע פון דער געבורט פון דער אי־דישער נאציע, הן פון איר גוף, פון עטנישן, עקאָנאָמיש־פּאָליטישן אָר־גאניזם פון אידנשאפט, הן פון דער נשמה, פון זעלבסט־באוואוסטזיין פון די בני־ישראל, פון אידנטום. דאָרט ווערט דערציילט ווי דער אידישער ציבור איז פּאָרמירט געוואָרן און ווי ער האָט זיין תורה געקראָגן, ד. ה. ווי אזוי ער איז געפורעמט געוואָרן סיי סאָציאָלאָגיש און סיי פסיכאָלאָ־גיש, ווי אזוי ער איז אנטשטאנען און ווי אזוי ער האָט זיך דערקענט. דער אינדיוויד קומט אין גיט, ער האָט אַ באַטרעף בלויז אַלס אַ ריגגע־לע אין קייט פון די דורות, וועלכע מיט אַלגעמיינע כוחות שמידן דעם אחד און יחיד פון דעם אומה־וועזן. פון אזא ווינקל־בליק איז דער טויט, דער כליון פון אינדיוויד ניט טראגיש, ווייל ער ווערט ניט פאַרלוירן, ער ווערט פארוועבט אין דעם מלבוש פון זיין פאָלק, וועלכער פאר אונדזע־רע אויגן, אויף די בלעטער פון חומש, ווערט געבוירן, האָדעוועט זיך, וואקסט. די נביאים אחרונים האָבן שוין געפונען די אידישע קערפּער־

שאפט שטייף־עטאבלירט, אירע מאַטעריעלע קאָנטורן בולט אָנגעצייכנט. זיי האָבן זיך פארנומען מיט דער אָרגאניזירונג און סובלימירונג פון דער זעלבסט־דערקענטעניש פון דעם פאָלק, זיי האָבן געהאָלפן קריסטאליזירן דעם פסיכאָלאָגישן איך פון יהודה און ישראל.

די ביבל־דערציילערישע ליטעראטור האָט זיך ניט געקענט פאָרזעצן צוליב דעם, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט א פּאָליטישן קריזיס פון אזא פארנעם און אינטענסיטעט, אז עס האָט געשוועבט צווישן לעבן און טויט. די אידישע נאציע האָט אויפגעהערט צו זיין העראָאיש־אקטיוו, אָנגרייפנדיק. זי איז געוואָרן פאסיוו, איינגעשרומפּן, פארשלאָסן אין זיך. און דאָס פאָלקס־לעבן, אַלס אַ בילד פון אַ ציבור־פער־זענלעכקייט, האָט מען מער ניט געקענט מאָלן מיט ראָזע, העלע קאָלירן. און מיט שארע אָדער שווארצע פארבן צייכענען דעם אידישן פּאָרטרעט האָט דער אידישער זשעני ניט געקענט, מחמת ער איז, לויט זיין עצם־מהות נאָך, צו אָפּטימיסטיש ער זאָל זיך דערלויבן צו באשרייבן מיט גוסט, מיט קינסטלערישער נשמה, יסורים, פארפאָלגונגען אויב ער קען ניט פארענדיקן זיין ספּור־המעשה מיט אַ זיגרייכן, טריאומפירנדיקן סוף. און דער תלמוד איז אוועק, אורטיילנדיק פון קונסט־שטאַנדפּונקט, אינ־גאַנצן אָן אַ זייט.

דער תלמוד און מדרשים זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט פּריוואַטע נע־מען, וועלכע גייען גאנץ אָפט אין צוויי, דריי גאָרן ארויף, איינער גיט איבער אין נאָמען פון אַ צווייטן, וועלכער האָט געזאָגט אין דריטנס נאָמען. זיי האָבן אָבער זייער ווייניק פארהעלטניסמעסיק ביאָגראפישע באשריי־בונגען פון די פּערזאָנען, וועמענס רייד, מיינונגען זיי זיינען גרייט צו פאר־אייביקן. דער תלמוד איז פול מיט דיספּוטאַציעס. ער איז כמעט ווי אומ־וויליק צו פּסק'ענען, אָפּצושניידן, באשטעטיקן איין דעה אין פּרעפערענץ צו א צווייטער. אזוי אינדיווידואליסטיש איז דאָס ווערק. און פונדעסטוועגן איז עס קארג אין דערציילונגען מכוח דעם לעבן פון די, וועמענס מחשבות און שפּרוכן, באשיידונגען און ווערטלעך עס געפינט פאר נויטיק צו פאר־נאָטירן. די קאָדיפיצירער, אויסער דעם רמב״ם, האָבן תופס־געווען אָט־די פון ערשטן־קוק מאָדנע טענדענץ און פּאַרפּאַסונגס־אַרט פון תלמוד, וועל־כער איז מער אָן אויפבאווארער פון אידייען, געדאנקען, סענטענצן פון גרויסע יחידים, פון מינדערהייט־אַנטשיידונגען, פון אָפּווייכער, ווי אָן אי־בערגעבער פון פיקסירטע דינים, ריטועלע שטייגערס, אָנגענומענקייטן. און אַזוי אַרום האָבן זיך דער תלמוד און די ביבל געביטן מיט זייערע ראָלן. די ביבל גיט לעבנס־שילדערונגען פון יחידים, ביאָגראפיעס, אָבער ניט מיינונג־פארשיידנקייטן, קיין חילוקי־דעות, נאָר חוקים ומשפטים,

אנכי־מצווה׳ס אָן וויכוחים, אָן דעבאטן. דער תלמוד פונקט פארקערט גיט אידייאָגראַפיעס פון יחידים, אָבער ניט קיין ביאָגראַפיעס, אויסנאַ־מען זיינען מאַרטירער־שילדערונגען, וועמענס היילקער פינאַל איז אָן־עדות־זאָגונג וועגן „אחד" און גאַנצקייט פון פאָלקס־פערזענלעכקייט. די ביבלישע קונסט איז אָפּגעלייגט געוואָרן, איז אוועק אויף גניזה, אויף יאָרן און יאָרן. אגדתא איז פאַרפאַסט געוואָרן. זי, אמת, פאַרנעמט זיך, ווי־דער, הויפּטזעכלעך מיט די שיקזאַלן פון כנסת־ישראל. אָבער איר פעלן די דרייסטע פּענזל־שמירן פון דעם חומש און נביאים ראשונים. די אגד־תא ווארט אויף די ימות־המשיח, ווען זי וועט קענען זיך פאַרגינען צו שילדערן דעם אויפקום פון פאָלק און זיין טריאומף.

דער עוואַנגעליום האָט געמאַכט אַ פאַרזוך אַריבערצוגיין פון דער דראַמאַטיזירונג פון פאָלקס־פערזענלעכקייט און זיין זעלבסט־באַוואוסט־זיין, זיין תורה, צו דער דראַמאַטיזירונג פון דעם העראָאישן איינצלנעם און זיין זעלבסטבאַוואוסטזיין, זיין לערע, זיין סיסטעם. אָבער דאָ האָט זיך אריינגעמישט דער טויט, דער מלאך־המות, און ער האָט פאַרשטאַטנט דעם גאַנצן בילד. און אַזוי ווי גיין אויפן גריכישן דרך און אָנערקענען דעם פאַטום און אונטערגאַנג פון מענטשן האָט דער אידישער קינסטלער, צוליב זיין אָפּטימיזם, ניט געקענט, האָט ער געמוזט אויסטראַכטן א תחית־המתים אויפן דריטן טאָג. און צו דעם תחית־המתים האָט מען שוין נאָכדעם געמוזט צוטראַכטן — א ניט וואָלט דער אָנהויב ניט שטימען מיטן סוף, א פּשוט׳ער בשר־ודם קען דאָך ניט באַווייזן אזא קונץ ווי אָפּטרייסלען דעם טויט פון זיך — אָן איבערנאַטירלעכן געבורטס־אופן. און אַזוי ארום האָט זיך באַקומען אָנשטאָט ביבלישער געזונטער קונסט־שילדערונג פון אַ מענטשנס לעבן, שטערבן און שטאַרבן, אַ מיטאָלאָגישע פּאַגאַניסטישע פּאַרזעניש.

דער אינדיווידועלער לעבן פון איינצלנעם איז טראַגיש, ווייל ווי ער זאָל ניט לעבן ענדיקט ער מיטן טויט, — צי אויפן עשאַפאָט, קרייץ, תליה, אין וואסער אָדער אויפן בעט, — דער שפּיץ פון טראַגעדיע. דער איד זייענדיק אַן אָפּטימיסט, וועלכער האָט געזאָגט „טוב אתה ומטיב", „בטוב העולם נידון", האָט געזען אין לעבן און אין דער וועלט אַ פּרינציפּ פון גוטסקייט און האָט ניט געקענט אקצעפּטירן, אנטוויקלען און זיך אויס־צייכענען אין דער קונסט, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט דער באשרייבונג פון דעם לעבן פון יחיד, א לעבן, וועלכער איז טראגיש צוליב זיין סוף.

איבערהויפּט האָט זיך ארויסגעוויזן די דאָזיקע אומבייגעקומענע שוועריקייט אין טעאַטער. די דראַמע צו זיין גרויס און דערהויבן, אָטעם־פאַרכאַפּנדיק, זעל־רופנדיק, נשמה־צופנדיק, מוז זיין טראַגיש. און דער

איד האָט עס ניט געקענט סובל־זיין, ער האָט עס ניט געקענט פאַרטראָגן. און דער אידישער דראמאטורג האָט זיך ניט געקענט אנטפּלעקן אין אי־דישער גאונ'ישער גרויסקייט. און דער אידישער קונסט־טעאַטער איז א „פּראָבלעם”. דאָס אייגענע איז דער „ראָמאן”. דער אידישער שריפט־שטעלער ראנגלט זיך מיט א קונסט־שיקזאל, ער פּלייסט זיך דורכצוברעכן די טויבע וואנט פון שווארצן יאוש. ער זוכט א אידישע אָפּטימיסטישע פאָרם.

אַן אמת'ער רענעסאַנס פון ליטעראטור ביי אידן וועט מעגלעך ווערן מיט אַ פּאַראַלעלן אויפבלי פון אידישן פאָלקס־איך. דעמאָלט וועט אַ גרויסער נצחון געשילדערט ווערן. און אָט־דער זיגרייכער זעלפּולער אויפקום איז דער אינהאַלט און פאָרם, נאָך וועלכע עס גארט די אידישע קינסטלערישע נשמה.

דערווייל איז די אידישע קונסט־שכינה אונטער אַ וואָלקן. שכינתא בגלותא...

געטהע זאָגט: גליק און אומגליק ווערט געזאַנג. דער אמת איז, אַז אומגליק ווערט גיכער געזאנג. גליק איז בטבע א שתקן, קארג אויפן וואָרט. אומגליק איז אַ שרייער, א דברן, אַ קלאָגער, אַ וויינער. דאָס אייגענע בנוגע זינד און טוגנט, מצוה און עבירה, רעכט און אומרעכט. עבירות האָבן בייגעטראָגן צו דער אַנטשטייאונג פון ליטעראַטור מער ווי מצוות. מחמת אין ליטעראַטור האַלט מען נאָך אלץ ביי דעם פּעריאָד וואָס איז געווען קודם צו העלעניזם. העלעניזם אין סקולפּטור האָט אויפ־געטאָן דאָס: עס האָט אָפּגעשאפט דעם פּארזעניש־קולט און געשאַפן די פּארהערלעכונג און פארערונג פון דאָס נאָרמאלע און גאנצע. די פּאָר־העלענישע קונסט האָט זיך געהאלטן אויף דעם אומגעהויער, אויף דער מאָנסטריטעט. די העלענער זיינען געווען די, וואָס האָבן תופס געווען, אַז אין נאָרמאַלקייט, געזונטקייט, רעכטפּאָרמיקייט ליגט שיינקייט. און מ'דארף ניט אָנקומען צו פארווילדעניש און פארקרימעניש בכדי צו שאַפן סקולפּטורעלע ווערטן.

דער אויפטו זייערער איז ניט אויסגעשפּרייט געוואָרן און ניט פאַר־ברייטערט געוואָרן אַזוי, אז עס זאָל אויך חל זיין אויף שאפונגען אויס־געדריקט אין וואָרט. דאָ, אין ליטעראטור, אין שפּראַך־סקולפּטור, הערשט נאָך אלץ דער מאָנסטריטעט־קולטוס. שרייבער, קינסטלער מיינען נאָך אַלץ, אַז אזוי ווי אַ גליקלעך פאָלק האָט ניט קיין געשיכטע, אזוי פאַר־מאָגט ניט דער נאָרמאלער געזונטער אויפריכטיקער, אָרנטלעכער מענטש געניוג קונסט־ווערטיקייט, קונסט־וואָגיקייט. מיט איין וואָרט, עס איז ניט אָנערקענט, אַז מאָראלישע הנהגה, צניעות און אלע אנדערע גוטע זיטן

קענען זיין פּונקט אזוי עסטעטיש און צוציענדיק ווי אויסגעלאַסנקייט, און אַז צידקות, הייליקייט, איז פּונקט אזוי שיין און שענער ווי זינדיקייט און גראָבקייט.

און העלעניזם, אייגנטלעך, איז אַ האלבע זאַך. עס איז נאָרמאַלקייט אין דער סטאַטישער פאָרמע אָבער ניט אין דעם דינאַמישן אינהאַלט, אין אויפפיר. אין פאָרמע, אין אויסזען, אין קערפּער האָבן זיי געפורעמט דאָס עכט־נאָרמאַלע; אין אויפפיר האָבן זיי באַזונגען דאָס אומנאָרמאַלע, דאָס אומעטישע און זיי האָבן פארטיפט דעם תהום, וואָס האָט געגעניצט צווישן עטיק און עסטעטיק. זיי האָבן מער ניט ווי פאַרשאָטן בנוגע פּלאַסטיק. זיי האָבן ניט געפורעמט „זינדיקע” גופים, צעדרייטע, צע־קרימטע, צעבראָכענע, נאָר קערפּערס־צדיקים, קערפּערס מאָראַלישע. בנוגע דער הנהגה האָבן זיי איבערגעלאָזן אומבאַרירט דעם קולט פון דאָס אַבנאָרמאַלע. און די איראָפּייאישע ליטעראַטור, וואָס שפּייזט זיך פון הע־לענישן שפּייכלער, לעבט נאָך אַלץ אויפן חשבון פון העלענישן פאָנד, אויף דעם פּראָצענט פון דעם גריכישן קאַפּיטאַל, איז דערפאַר פאַרפלייצט מיט פּאַטאָלאָגישע טיפּן, פסיכאָפּאַטן, פאַרברעכער, שיכורים, נואפים, מיט איין וואָרט, מיט אומעטישקייט, אומזיטלעכקייט. און אומזיטלעכקייט איז כמעט געוואָרן ווי אַ סינאָנים צו קונסט אין פּאָעזיע און פּראָזע, אין ליד, דערציי־לונג און ראָמאַן.

און אפילו מיט דער פּלאַסטיק־נאָרמאַלקייט פון די העלענער האַלט עס ניט אזוי גוט, ווייל די נאָרמאַלקייט פון העלעניזם איז קאָנסערוואַ־טיזם, שקלאַפעריי פון אימיטאַציע. מ׳דאַרף נאָכמאַלפּעווען די נאַטור־פאָרמען.

„ער האָט פאַרקאָוועט אין קייטן דעם אייביקן רעבעל, דעם שטענדיקן פּראָמעטעאוס, וואָס לעבט אין די בלוטן, געהירן, פאַנטאַזיעס פון דער אייביק יונגער מענטשן־ראַסע. (א. גאָרדין, אידישע עטיק, ז. 219)”.

העלעניזם האָט פאַרוואַנדלט אַלץ אין שטיקער אייז. עס איז געוואָרן אַלץ קאַלט און אַלט און סטאַטעטשנע, מיושב׳דיק, לייטיש. און דער מענטשלעכער גאון ליגט אויפן קרייץ פון שטרענגע פאָרמעס און האַרבע נאָרמעס, און ליידט אזוי פאַר די לעצטע פאַר טויזנט יאָרן.

און ווען ניט דער פּראָפעטישער אויפרודער, אויפברויז, אויפבורע וואָלט די ציוויליזירטע מענטשהייט אינגאַנצן פאַרגליווערט געוואָרן. אמת, דער אויפקאָך און אויפזיד, אין דער פאָרמע פון פאַרקריפּלטן אידנ־טום און דערנאָך קריסטנטום, האָט זיך צעשוימט און צעבלעזלט אויף אַ משוגע׳דיקן אופן, אָפט געוועזן ווילדלעך, אָבער ער האָט פאָרט געדינט, דינט און וועט אין דער צוקונפט דינען אַלס די „ראָשטשינע”, דער זויער־

טייג, וואָס וועט אויפּיוירן און אויפגיין. דורך דעם טיפן גלויבן אין נס, אין דאָס וואונדערבאַרע, אין דאָס אומנאַטירלעכע, איבער־נאַטירלעכע, דעם גלויבן אין דער מעגלעכקייט איבערצושאַפן די וועלט, איבערצואנ־דערשן די סדרי־בראשית — ווערט די מענטשהייט און די וועלט באַנייט.

אָן דעם נבואה׳שן עלעמענט וואָלט די קולטור ווערן א שטייאיק וואסער.

דאָס באַגרייפן, אַז די נאַטור אַליין איז דורכאויס אַ גרויסער נס, א מופת, און נסים און מופתים וועלן קיינמאָל ניט אויפהערן צו צויבערן און כישופ׳ן אין דעם גרויסן ארום, וואָס הייסט אייביקע לער, אייביקער תהו ובהו — נאָר דאָס קען אונדז נאָך אויפמונטערן, געבן אונדז צוריק אונדזער כוח גברא, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט פאַרצייטנס. (דאָרט)".

דער פרעהעלעניזם האָט זיך געפלייסט צו באפרייען פון דעם דרוק און צוגעגעסנקייט פון דאָס אלטעגלעכע, געזעצמעסיקע. ער האָט גע־וואָלט צעברעכן דעם שווערן עול פון די מעשים־בכל־יום. אָבער בכדי צו דערגרייכן זיין צוועק, האָט ער געמאכט א טריט צוריק. פון קאָסמאָס איז ער אַוועק צום כאַאָס. פון בראשית איז ער געלאָפן צום תהו־ובהו. פרע־העלעניזם האָט צו טאָן מיט דעם אומגעהויער. ער שטייט, דעריבער, נידעריקער פון דער נאָרמאַלער נאַטור. ער איז אַ שטיק אונטער־נאַטור, א פרע־נאטור. זיינע שאפונג־פראָדוקטן זיינען דענאטוראטן.

העלעניזם אין פלאסטישער קונסט איז נאטוראַליזם.

„העברעאיזם" איז בכלל קעגן דער פלאסטיק, ווייל די לעצטע איז צו קאָנקרעט, צו מגושמ׳דיק. זי איז סטאַטיש. זי קען ניט צופירדנשטעלן דעם אידישן גייסט, וועלכער האָט ליב דאָס אבסטראקטע און דאָס דינאַ־מישע. מהאי טעמא אָנערקענט אידישקייט בלויז די וואָרט־קונסט, לי־טעראטור.

אָבער אויף דעם געביט פון שפּראַך־קונסט, וואו עס הערשט דאָס אַב־סטראַקטע אַדאַנק דעם סימבאָל־וואָרט, געפינט זיך העלעניזם אויף דעם נידעריקן שטאַפל, אויף וועלכן אין דער פלאסטיק איז געשטאנען דער פרעהעלעניזם. דאָס הייסט ער מאָלט מאָנסטריטעטן, אויפפיר־פאַרזעע־נישן.

און אויב אזוי, פרעגט זיך: וועלכע פּאָזיציע פארנעמט דאָ דער העב־רעאיזם? אפשר געפינט זיך העברעאיזם, בנוגע דער וואָרט־קונסט, דאָרט, וואו דער העלעניזם האלט בנוגע דער פלאסטישער קונסט? ניין. העברע־איזם פארנעמט ניט אין דער קונסט־שבכתב דעם פלאץ פון העלעניזם אין דער סקולפטור און מאָלעריי. העברעאיזם איז קיינמאָל ניט אידענטיש מיט נאַטוראַליזם. דער איד שטייט איבער דער נאטור. די אידנשאפט איז

ניט קיין געווינטלעך־נאַטירלעכע דערשיינונג. דאָס אידישע וואָרט־קונסט דאַרף זיך פאַרנעמען מיט דאָס אויבער־נאַטירלעכע, אויבערמענטשלע־כע, ניט מיט דער פרע־נאַטור, ניט מיט דער נאַטור, נייערט מיט דער פּאָסט־נאַטור. אָנשטאָט דעם אומגעהויער, אַן אָפּווייך פון דער נאַטור, וועלכער באַדייט אַן אַראָפּפאַל, שטעלט אידישקייט דעם נס. דער נס איז אויך אַן אָפּווייך, אָבער ער באַדייט אַן אַרויפשטייג, אַן אַריבערשפּרונג איבער דעם דרך־העולם, דעם אויסגעטראָטענעם שאַבלאָנעם וועג. דער פּרעהעלעניזם האָט זיך פאַרמאָסטן מיט דער נאַטור. ער האָט זיך גע־שטעלט אין אָפּאָזיציע צו דער נאַטור. ער האָט זי געוואָלט בייקומען, ער האָט עס אָבער ניט געקענט באַווייזן סיידן ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער. העלעניזם האָט שלום געמאַכט מיט דער נאַטור. ער האָט פאַרגעטערט דעם סטאַטוס־קוואָ. ער האָט זיך אונטערגעוואָרפן אונטער דער יוריסדיקציע פון דעם „קיים”. העבּרעאיזם אַנטהאַלט די פּאָזיטיווע עלעמענטן פון פּרעהעלעניזם, זיין קעמפעריש־שעפערישן גייסט. אָבער ער נעמט ניט אָן די טאַקטיק פון פּרעהעלעניזם. ער גייט ניט אַראָפּ אַ טרעפּל. ער ווערט ניט קיין „נחות־דרגא”. העבּרעאיזם פאַרהערלעכט ניט דאָס נאַרמאַלע, דורכשניטלעכע, און ניט דאָס אַבנאָרמאַלע — נייערט דאָס אויבערשטע, דערהויבנסטע, דאָס ניסים־ונפלאות׳דיקע. העבּרעאיזם איז ניט מיט דער נאַטור, ווי דער העלעניזם, ער איז ניט אונטער דער נאַ־טור, ווי דער פּרעהעלעניזם. ער שטייט איבער דער נאַטור און דאָס איז פּראָפעטיזם, נבואה׳ישקייט.

פון דאָס געזאָגטע ווערט קלאָר, אַז די אידישע ליטעראַטור דאַרף שאַפן פּאָזיטיווע טיפּן, אמת׳ע העלדן, שיינע אידן און גוטע מענטשן, גע־זונטע און גאַנצע נשמות, ניט קיין צעבראָכענע און צעקראָכענע נפשות.

די אידישע ליטעראַטור האָט איין אויפגאַבע און דאָס איז העלפן אויסקריסטאַליזירן דעם אידישן כאַראַקטער, שטייגערן דעם אידישן בי־טחון, נערן און האָדעווען דעם אידישן איבערנאַטירלעכן אָפּטימיזם. זי דאַרף קולטיווירן די אידישע עקשנות, פלעגן און צערטלען די אינערלעכע גייסטיקע העזה פון דער אידנשאַפט, וועלכע האָט דעם דרייסט צו וואַרפן איר עטישן אויפרוף צו דער רשעות־וועלט, צו דער „סאָציאַלער נאַטור”.

אמת, בכדי צו קענען שילדערן זינד אָנציענדיק, מאָלן תאווה אָנ־לאָקנדיק, אויף דעם דאַרף מען ניט זיין קיין גרויסער בריה, מיט אַ שטיקל מיטלמעסיקן טאַלאַנט קען מען עס באַווייזן, ווייל זינד איז פאַרבונדן מיטן טויט, עבירות אַפּעלירן צו די נידעריקע אינסטינקטן, צו דעם גאָר פּריי־מיטיוון אדם׳ען, וואָס לעבט אין יעדן מענטשן, וואוינט ערגעץ אין קע־לער פון זיין זעל. אָבער בכדי צו קענען שילדערן טוגנט, מצוות־טאָן,

עטישן אויפפיר און דאַך ניט זיין לאַנגווייליק, גענוצאַרויסרופנדיק, מוז מען טאַקע באמת באַזיצן גרויסן טאַלאַנט, עכטע באַגאַבטקייט.

אַט־די שליחות אויסצופירן אויף אַ קינסטלערישן אופן איז די עובדא פון דעם אידישן דיכטער, דערציילער און דראַמאַטורג. ער דאַרף זיין אַ שלוח־מצווה ניט קיין שליח לדבר עבירה.

דערווייל איז ער נאָך אין וועג. מיר דערוואַרטן זיין אָנקום. ער וועט זיכער באַלד אָנקומען — דער אידישער קינסטלער.

.5

די אידישע וועלטלעכע שולן אין אַמעריקע

אידיש אָדער פּראָלעטאַריש.— די אידישע שול און איר צוועק

א י י נ ל י י ט ו נ ג

אומגעפער צוואַנציק טויזנט אידישע אַמעריקאַנישע קינדער לער־נען זיך אין דעם נייעם טיפּ שול, וועלכע טראָגט דעם אביסל רעטזעלישן נאָמען „אידיש־וועלטלעכע”. דאָ אין לאַנד אויף דעם געביט פון „אידיש־וועלטלעכער” דערציאונג זיינען טעטיק פיר צענטראַלע קערפּערשאַפטן: אַרבעטער־רינג, אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן, אידיש־נאַציאָנאַ־לער אַרבעטער־פאַרבאַנד און דער שלום־עליכם אינסטיטוט. דער אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד און פּועלי־ציון־צעירי־ציון, זיינען די פּיאָנערן. זיי האָבן געעפנט נאָך אין 1910 די ערשטע אידיש־ראַדיקאַלע שול. זיי פאַרמאָגן היינט צו טאָג אַרום אַ 45 פאָלקס־שולן און צען מיטל־שולן. שלום־עליכם שולן זיינען דאָ אַריבער 25. זייער שילערשאַפט באַ־טרעפט מער פון אַ טויזנט. דער אַרבעטער־רינג האָט בערך 125 שולן, אין וועלכע עס לערנען זיך אַרום 6000 קינדער. אין ניו־יאָרק אַליין זיינען אָפּן אַ 50 שולן, אין וועלכע עס קריגן זייער עלעמענטאַרע אידישע בילדונג בערך 2,800 קינדער. דערצו האָט דער אַרבעטער־רינג 17 מיטל־שולן און אויך „לערער־קורסן”. דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן האָט אויך אַרום 125 קינדער־שולן, בערך 10 מיטל־שולן, און תלמידים געפי־נען זיך אין זיי אַרום 7000 *).

---

*) די צאָלן האָב איך גענומען פון משה שטאַרקמאַנס אַרטיקל אין „טאָג”, 14־טן סעפּטעמבער, 1937. ווי איך האָב אַליין אויסגעפונען, לער־נען זיך אין אַרבעטער־רינג שולן בערך 7—8 טויזנט קינדער.

איך באַהאַנדל ניט אין דעם אַרטיקל די געשיכטע פון דער שול־באוועגונג, אויך ניט די אינדיווידועלע פּראָגראַמען פון די פיר אויבנדער־מאָנטע ריכטונגען, נאָר די באַגרינדונג פון דעם טיפּ שול, וועלכע עס גיבן אים זיינע גרינדער, טוער און אינספּירירער. און אין דעם זיינען זיי כמעט ווי אַלע אייניק, יעדנפאַלס אין די הויפּט־ליניעס. זיי באַצייכענען אַלע די שול אלס „אידיש־וועלטלעכע״.

„העכער פינף־און־צוואַנציק יאָר עקזיסטירט שוין איבער דער וועלט אַן אָרגאַניזירטער אידיש־וועלטלעכער שול־וועזן״. (ה. נאָוואַק, שול־אַל־מאַנאַך, ז. 3, 1935).

„...דעם פּרינציפּ פון וועלטלעכקייט, וואָס דערקלערט, אַז דער תּוך פון דעם אידישן זיין אויף דער וועלט איז נאָר אַ נאַציאָנאַלער און ניט קיין רעליגיעזער״. (ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, דאָרטן, ז. 7).

1.

די אידישע שול און איר צוועק

אייגנטלעך, וואָס איז דער צוועק פון דערציאונג, בילדונג בכלל? טאָלסטאָי אין זיינע פּעדאַגאָגישע שריפטן דערציילט, אַז ווען ער איז געווען אין דייטשלאַנד, האָט ער זיך געווענדט צו דיסטערוועגן, בשעתו אַ בארימטער פּעדאַגאָג פון אַ באַדייטנדיקן פאַרנעם, מיט דער פראַגע:

וואָס פאַר אַ רעכט האָבן די עלטערן, און זייערע רעפּרעזענטאַנטן, די לערער, צו דערציען די קינדער?

דיסטערוועג האָט אים פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

ספּענסער אין זיין ווערק „דערציאונג״ פאַרענטפערט די פראַגע מיט דער באַהויפּטונג, אַז דערציאונג איז ניט קיין רעכט, נאָר אַ פליכט. ביי דעם מענטשנקינד איז דער יוגנט־פּעריאָד אַ גאַנץ היפּשער, אין פאַר־גלייך מיט זיין לענג ביי די נידעריקע בעלי־חיים. קינד און יונגוואַרג נויטיקן זיך אין אַ לאַנגער, דורכגעטראַכטער, פּלאַנירטער צוגרייטונג צום לעבן. און דאָס איז די עובדא פון דער שטוב ווי אויך פון דער שול, וועל־כע איז א המשך פון דער שטוב.

מיט אַנדערע ווערטער, דער צוועק פון דערציאונג, דער תּכלית פון בילדונג, און די אויפגאַבע פון דער שול, דער מקום מיוחד, וואו די ביל־דונג און דערציאונג טעטיקייט איז לאָקאַליזירט, איז ווי אַמבעסטן צו־צופּאַסן דעם אויפוואַקסנדיקן דור צו די קאָמפּליצירטע פאָרמען פון צי־וויליזאַציע־לעבן און ווי אַמגעשיקטסטן אים צוגרייטן צום קאַמף פאַר דעם לעבן, וועלכן אים וועט אויסקומען צו פירן.

דעם זעלביקן תכלית באצוועקט די דערציאונג ביי אלע פרימיטיווע שבטים. דאָס אייגענע קען מען זען ביי די בעלי־חיים. ביי די ציוויליזיר־טע פעלקער בלייבט דער תכלית דער אייגענער, בלויז די מיטלען צו דערגרייכן דעם תכלית ווערן וואָס ווייטער אלץ מער פארוויקלט אין הסכם מיט די פארוויקלענישן פון לעבן.

שטייענדיק אויף דער הנחה, איז גרינג צו ענטפערן אויף דער פראַ־גע: וואָס דארף זיין דער צוועק פון אידישער דערציאונג אין די לענדער פון דער אידישער צעשפּרייטקייט? וואָס דארף זיין דער יסוד פון אידישן שול־וועזן אין גלות? דער צוועק איז קלאָר, און דאָס איז צוגרייטן דאָס אידישע קינד צום שווערן, צרה׳דיקן אידישן גלות־לעבן, אים צופּאסן גייסטיק, פסיכאָלאָגיש צו די נסיונות, וועלכע אים וועט אויסקומען ביי־צושטיין; צוגרייטן אים צו דער פּאָזיציע און ראָלע, וועלכע ער, שפּעטער־צו, אלס מיטגליד פון א פארפאָלגטן פאָלק, וועט דארפן דערפילן. מיט איין וואָרט, דער תכלית פון דער אידישער שול און אידישער דערציאונג איז צוצוגרייטן דאָס אידישע קינד צום אָנגעשטרענגטן קאמף פאר דער עק־זיסטענץ פון אידישן ציבור, וועלכן אים וועט אויסקומען צו פירן.

די פּאָר ווערטער „קאָמף פּאַר עקזיסטענץ״, הגם אַלטע באַקאַנטע נאָך פון דארווינס צייטן, פאָדערן דאָ, אין צוזאמענהאנג מיט דער אי־דישער לאגע, אביסל קלאָרמאכונג.

פעלקער פירן זייער קאמף אין דריי פאָרמען: אָנגריף, פארטיידיקונג און עקזיסטענץ. די פעלקער, וועלכע פארמאָגן אימפּעריעס און זיינען גוט באוואָפנט, פירן אָנגריף־מלחמות. די שוואכערע פארטיידיקן זיך. אמאָל גייט די פארטיידיקונג אריבער אין אָנגריף. מחמת עס איז ניט אזוי לייכט דורכצופירן א דעמארקאציע־ליניע צווישן די צוויי פאָרמען פון קריג. אידן אָבער אין די גלות־לענדער פארן משך פון קארגע צוויי טויזנט יאָר פירן א „קאמף פאר עקזיסטענץ״, מער ניט. ווען באפאלן די שכנים קען גאָר קיין רייד ניט זיין. אפילו דער העכסט־משוגענער אנטיסעמיט קען עס אויף אונדז ניט אויסטראכטן. זייערע בלבולים גייען ניט ווייטער ווי דאָס, אז מיר „שאפן קאָנספּיראטיווע פארשווערונגען״ קעגן דער ניט־אידישער וועלט. ניט נאָר אָנפאַלן, נאָר אפילו פאַרטיידיקן זיך ווי געהעריק, קענען מיר ניט, צוליב אונדזער צעזייטקייט. מיר זיינען צו־שוואך דער־צו. מיר פאַרמירן קליינע מינדערהייטן, און מיר קנעען זיך ניט שטעלן קעגן דעם אָנפאַלער, אים פאַריאָגן און באַשיצן אונדזערע פּאָזיציעס. אלץ וואָס מיר זיינען בכוח צו טאָן איז קעמפן פאר אונדזער עקזיסטענץ, דאָס הייסט, ניט דערלאָזן, אז מ׳זאָל אונדז פארטיליקן, אומברענגען פון דער וועלט. מיט דעם צוועק האָבן מיר געשאפן א ספּעציפיש אידישע

סטראַטעגיע: מיר מיידן אויס, ווי ווייט מעגלעך, צוזאַמענשטויסן, מיר עמיגרירן, דאָס הייסט, מיר גיבן פּשוט אָפּ אונדזערע איינגעזעסענע ער־טער, אַמאָל אויך דאָס האָב און גוטס; מיר בויגן דעם קאָפּ און לאָזן די כוואַליעס אַריבערבושעווען איבער אונדז. מיר פאַרטוליען זיך און וואַרטן, אַז דער שטורם זאָל אָפּלאָזן זיין וואוט און רציחה. דער אידישער מע־טאָד איז נאָך מילדער פון טאָלסטאָיס טאַקטיק, ער איז זיכער ווייניקער אַרויסרופנדיק. בכדי צו קענען פירן דערפאָלגרייך אזא מאָדנעם סאָרט קאַמף האָט דער איד געמוזט זיין באַוואָפנט מיט פּסיכאָלאָגישע כלי־זיין, מיט גרענעצלאָזן בטחון, מיט אַן־אַ־שיעור האָפענונג, מיט אַן אומגעהויער גרויסן און אומאויסשעפּלעכן אָפּטימיזם, מיט א שטאָל־אייזערנעם גלויבן אין דעם נצחון פון יושר, אין זיין אייגענעם פינאַלן טריאומף ווי אויך אין זיין הונדערט־פּראָצענטיקער ריינקייט, אומשולדיקייט. ער האָט אויך געמוזט זיין א געבראָטענער עקשן און א פאַרהאַרטעוועטער סבלן. דערצו האָט דער איד געמוזט באַזיצן אַ הויך אַנטוויקלטן סאָלידאַריטעט־געפיל. ער האָט געדאַרפט קענען פּראַקטיצירן קעגנזייטיקע הילף. די אידן האָבן געמוזט זיין רחמנים בני רחמנים, אַניט וואָלטן זיי שוין לאַנג געווען אונ־טערגעגאַנגען אונטער דעם שווערן דרוק פון דער פיינטלעכער סביבה און די געברענטע צרות, וועלכע זי האָט זיי אָנגעטאָן. לשם זה זיינען געגריב־דעט געוואָרן אַ ריי אינסטיטוציעס, אויך איז ספּעציעל געשאַפן געוואָרן אַ „אידישע אידעאָלאָגיע“, אַ אידישע עטיק, מעטאַפיזיק ווי אויך אַ אידישע ריטואַליסטיק, צערעמאָניאַל און שטייגער, וועלכע אלע צוזאַמענ־גענומען האָבן געטראָגן דעם אַלגעמיינעם נאָמען „אידישע אמונה“.

אָט־די אלע אייגנשאַפטן און נויטיקע קענטענישן האָט זיך געפּלייסט דער אַלטער חדר, תלמוד־תורה און ישיבה איבערצוגעבן דעם אידישן יונגן דור און זען איינפלאַנצן אין אים אָט־די מידות און איבערהויפּט האַלטן פאַנאַנדערגעבלאָזן אין זיין האַרצן דעם פונק פון אהבת־ישראל, דאָס הייסט דעם סאָלידאַריטעט־באַוואוסטזיין. „אלע אידן זיינען חברים“, „אלע אידן זיינען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן אַנדערן“, זיינען געווען אַריינגעקריצט אין האַרץ און מוח ניט ווייניקער ווי דער ,שמע יש־ראל“... און דאָס האָט געפורעמט דעם אידישן כאַראַקטער.

ווי געזאָגט, די אידישע „פּאַרציייטיקע“ שול, עלעמענטאַרע, מיטעלע און הויכע, האָט זיך באַמיט מיט כל־הכוחות צוצוגרייטן דעם אויפוואַקסנ־דיקן אידישן דור צו דעם פּלאַץ, די „פראָנט־ליניע“, וועלכע ער וועט אי־בערנעמען פון דעם אוועקגייענדיקן דור.

.2

„אידיש" אָדער „פּראָלעטאַריש"

איצטער וועלן מיר א קוק־טאָן ווי האלט עס מיט דער „אידיש־וועלט־לעכער" שול?

אירע באַגרינדער, הגם זיי פאַרזיכערן אונדז, אז זיי זיינען „ראַדי־קאלן" — און די טבע פון א ראדיקאל איז צו זיין ניט קיין שרעקעדיקער, צו קוקן אין תוך אריין, אין שרש־דבר — האָבן אָבער עפּעס ווי מורא אויסצוזאָגן „דעם סוד פון חדר", זיי האָבן עפּעס ווי פּחד ארויסצוקומען מיט א קלאָרער דעקלאראַציע וועגן די צוועקן פון דער נייער אידישער דערציאונג און נייעם שול־וועזן. זיי זיינען אפּאָלאָגעטיש, ווי זיי וואָלטן זיך שעמען פאר זיך אליין, ווי זיי וואָלטן פילן, אז זיי באַגייען א פאַר־ברעכן און דארפן עס צודעקן מיט שיינע אויסריידענישן. „די תירוצים" זיינען, אגב, אזוי דורכזיכטיק, אז זיי זעען אויס באמת קאָמיש.

לאָמיר נעמען, למשל, די באַגרינדונג פון דער אידישער שול, וועלכע עס פּרובירט געבן דער וואָרט־זאָגער פון דעם אינטערנאציאָנאלן ארבע־טער־אָרדן.

„לערנען אונדזערע קינדער דעם קלאסן־קאמף אויף אידיש" (ר. זאלצמאַן, די אידישע קינדער־שולן ביים אינטערנאציאָנאלן ארבעטער־אָרדן, אין שול־אלמאנאך, 1935, ז. 49).

נישקשה פון א באַגרינדונג... אויב עס האנדלט זיך באמת בלויז וועגן לערנען דעם קלאסן־קאמף און ניט „אידן־קאמף", דעם קאמף פון אידישן ציבור פאר זיין עקזיסטענץ אויף צו־להכעיס די אומשטענדן און ד'עם אסימילאציע־דרוק פון דער פרעמדער סביבה — צו וואָס דארף עס געטאָן ווערן אין אידיש? ס'רוב פון די יוניאָנס דאָ אין לאנד זיינען געבויט אויף אָרגאניזאציאָנעל־אינטערנאציאָנאלע יסודות. בכדי צו פירן א קלאסן־קאמף דארף מען קיין אידיש ניט קענען. ענגליש וואָלט צוניץ־קומען א סך בעסער. איז דען די קלאסן־קאמף־תורה געגעבן געוואָרן אויפן אידישיסטישן בארג־סיני און אין אידיש? אלא וואָס דען, דער אמת איז, אַז מ'לערנט דאָס אידישע קינד אידיש בכדי עס זאָל אַ איד בלייבן. אָבער מ'שעמט זיך עס אויסצוזאָגן און מ'דעקט צו די „אידישע שאנדע" מיט דעם פייגן־בלאט פון קלאסן־קאמף.

„אידיש איז א מיטל־פּונקט (?) ווי יעדע אנדערע שפראך, אָבער ניט קיין ציל" (דאָרטן).

זיכער איז אידיש ניט קיין ציל, נאָר א מיטל, אָבער דער מיטל דינט ניט דעם צוועק פון קלאסן־קאמף, נאָר דעם צוועק פון אידישקייט. קלאסן

פאַרמאָגן ניט קיין שפּראַכן. „אידיש״ איז ניט קיין „פּראָלעטאַריש״ לשון. מגידים, רבנים, כלי־קודש, סוחרים, אפילו אידישע פּראָצענטניקעס האָבן אויך גערעדט אידיש. פעלקער, נאַציאָנען פאַרמאָגן שפּראַכן. עס זעט אפּנים אויס, אז אידישע דערציאונג ביי א „לינקן״ געהערט צו דער קאַטעגאָריע טאָטן, וועלכע מ׳מעג טאָן, מ׳טאָר אָבער וועגן זיי ניט רעדן, מ׳דאַרף עס האלטן בסוד... דאָס האַרץ טאָר עס ניט פאַרטרויען דעם מויל... (הכל יודעים כלה למה נכנסת לחופּה)... אַלע ווייסן פאַר וועלכן צוועק אַ כלה גייט צו דער חופּה, אָבער דער, וואָס „פּאַטשקעט״ זיך דעם מויל, וועט ניט האָבן קיין חלק לעולם הבא... אַלע ווייסן צוליב וואָס א אידיש קינד גייט אין אַ אידישער שול, אָבער דער, וואָס זאָגט עס, וועט פאַרלירן זיין חלק לעולם הבא אין אינטערנאציאָנאַלן ארבעטער־אָרדן, און כמעט אויך אין די איבעריקע ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס...

„אידיש... ווי יעדע אנדערע שפּראַך״... דאָס איז ניט פּינקטלעך. אי־דיש איז א לשון, וואָס די ארומיקע סביבה באַקעמפט, פּלייסט זיך צו פאַרדרענגען, צו פאַריאָגן. אידיש איז אַ שפּראַך פון אַ פאַרפאָלגטן ציבור און זי איז ניט ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן, וועלכע זיינען לשונות פון הערשנדיקע נאַציאָנען, וועלכע פאַרמאָגן שטאַטן און זיי קומט ניט אויס צו קעמפן האַרטנעקיק פאַר פּשוטער אויפבאַוואַרונג.

„אין א משך פון פיר יאָר באַצוועקן מיר: 1) אידעאָלאָגיש צוגרייטן דאָס קינד פאַרן קלאַסן־קאַמף און קעגנווירקן די ארבעטער־פיינטלעכע דערציאונג, וואָס דאָס קינד באַקומט אין פּאָבליק סקול, פּאָלקס־ביבליאָ־טעק, מואווי, ציַיטונג, ראַדיאָ און גאַס״ (דאָרטן, ז. 157).

דאָ זעט מען, וויַיטער, אַ פאַרבאַהאַלטן זיך הינטער דעם ברייטן רוקן פון „קלאַסן־קאַמף״ אַזוי, אַז מ׳זאָל דעם אידישן פּרצוף ניט אַרויסזען. בכדי צו באַקעמפן די „בורזשואַזירונג״ פון פּראָלעטאַרישן קינד דאַרף מען ניט אָנקומען צו „אידיש״. וואָס טוען אנדערע פּראָלעטאַרישע דערציער, פּראָלעטאַרישע דערציער ביי אנדערע פעלקער? זיי באַקעמפן די „בור־זשואַזירונג״ אין דעם לשון, אין וועלכן די קלאַסן־דעמאָראַליזירונג קומט פאָר. צוליב דעם צוועק דאַרף מען דעם לשון ניט בייטן. אַלץ וואָס מ׳דאַרף טאָן איז לערנען סאָציאַליזם און ארבעטער־אידעאָלאָגיע. די אידישע שול האָט אנדערע צוועקן און דאָס איז — צוצוגרייטן דאָס אידישע קינד צום קאַמף פאַר אידנשאַפט־עקזיסטענץ און קעגנווירקן די אסימילאַטאָרישע דערציאונג, וועלכע דאָס קינד באַקומט אין פּאָבליק־סקול, פּאָלקס־ביב־ליאָטעק, מואווי, ראַדיאָ און אין גאַס. און עס איז צייט זיך אויפצוהערן צו שעמען און זאָגן בפה־מלא, אז דאָס טאַקע פאַרפאָלגט די אידישע דער־

ציאונג אין דער אידישער שול, אויף וויפיל די לעצטע איז „אידיש", און ניט בלויז „פראָלעטאריש".

די פּראָבלעמען זיינען היינט־צו־טאָג אזוי קלאָר אוועקגעשטעלט, אז מ'קען שוין מער ניט שיטן דעם קאָסמאָפּאָליטישן זאמד אין די אויגן. די פּאָבליק סקול פירט ניט אָן אירע לימודים אויף עספּעראַנטאָ אָדער אויף וועלכער עס איז אנדערער אינטערנאציאָנאַלער שפּראך. דאָס אידי־שע קינד ווערט ניט דאָרט „קאָסמאָפּאָליטיזירט"; מ'פארנעמט זיך ניט דאָרטן מיט איינפלאנצן אין קינדס הארץ לאָיאַליטעט־געפילן צו דער מענטשהייט, נאָר מ'אַנגלאָ־זאַקסירט עס, מ'פּאַטריאָטיזירט עס, פּשוט גערעדט, מ'באַרבאַריזירט עס, ווייל מ'רייסט דאָס קינד אַרויס פון דער אידישער סביבה, וועלכע פאַרמאָגט אַ העכערן עטישן ניוואָ און מ'וואַרפט עס אריין אין אַן אומגעבונג, וועלכע איז מאָראליש געפאַ־לענער. די אידיש־עטישע ווערטן זיינען פון שטייפערער אינטענסיווי־טעט, זיינען מער פאָדערנדיק ווי די ווערטן פון די אימפּעריאַליסטן. און דעריבער איז די פליכט פון יעדן פּראָגרעסיוון אידן קעגנצואווירקן די פּאַטריאָטיזירונג פון אידישן אויפקומענדיקן דור.

„מיר ווילן ניט דערלאָזן די מעגלעכקייט, אז אין זיי זאָל זיך אנטוויק־לען ווייסער שאָוויניזם, אתה־בחתנו'איזם... ראַסן־דיסקרימינאַציע מוז דעריבער פארנעמען אַן אָרט גלייך פון ערשטן יאָר אָן" (דאָרטן, ז. 154).

דאָס איז זייער לויבנסווערט. די אידישע שול דאַרף האָבן אלס איר אויפגאַבע דאָס באַקעמפן פון ראסן־דיסקרימינאציע. אָבער איז דען ראסן־דיסקרימינאציע באַגרענעצט מיט דעם תחום, דורך וועלכן עס לויפט דורך די קאָלירן דעמאַרקאַציע־ליניע? דיסקרימינירט מען ניט קעגן דעם אידן? דאַרף מען דאָס אידישע קינד ניט לערנען ווי אזוי צו באַגעגענען אנטיסעמיטיזם גלייך פון ערשטן יאָר אָן? דאַרפן דען די אידישע קינדער ניט וויסן, אז אידן אלס אידן, און ניט בלויז אלס מיטגלידער פון נידע־ריקע קלאסן, זיינען פארפאָלגט געוואָרן אין משך פון זייער לאַנגער גלות־געשיכטע?!

און ווען מ'דערמאָנט שוין דעם „אתה־בחרתנו" און מ'וויל אונדז געבן אַ שטאָך, שאָדט ניט צו פארשטיין דעם ענין אביסל גרינטלעכער סיי סאָ־ציאָלאָגיש און סיי פּסיכאָלאָגיש.

דער אידישער ציבור, וועלכער איז אוממענטשלעך פארפאָלגט גע־וואָרן, דערנידעריקט, באַשפּיגן געוואָרן, ווי דער פאַל איז געווען אין לאַנגע פּעריאָדן פון מיטלאלטער — און די דאָזיקע פינצטערע טעג האלטן אין יש מקומות ביי אָנקומען צוריק — מיט זיין געטאָ, געלע לאַטעס אויף די אידישע מלבושים און נאָך ענלעכע הומיליאַציעס, האָט דאָך געמוזט

רעאַגירן אויף דעם. און אַזוי ווי ער האָט ניט געקענט קעמפן אָפן, אַרויס־
טרעטן קעגן זיינע שונאים און פאַרפאָלגער און איינמאָל פאַר אַלעמאָל
זיי אָפּשטויסן, צעברעכן דעם יאָך און שאַנד, וואָס מ׳האָט אויף אים אַרויפ־
געלייגט, — האָט ער עס געטאָן במסתרים, ניט פּאָליטיש, נאָר פּסיכאָ־
לאָגיש. דאָס הייסט, די אידנשאַפט האָט אויפגעריכט איר זעלבסט־ווער־
דע, זי האָט באַהויפּטעט איר חשיבות, זי האָט באַטאָנט די וויכטיקייט
פון די ווערטן, וועלכע זי האָט געשאַפן. קען און מעג אַזאַ באַטאָנונג אָנ־
גערופן ווערן שאָוויניזם, וועלכער דאַרף פאַרדאַמט ווערן? וואָס האָט דער
גלות־איד, ווערנדיק „שאָוויניסטיש״, זיך געקליבן אַזוינס צו טאָן? פאַר־
כאַפּן די לענדער פון די „גויים״, עטאַבלירן זיין הערשאַפט איבער זיי, עקס־
פּלואַטירן זיי דורך שטייער, אָפּצאָלונגען, ציבזן? אין צוזאַמענבונד מיט דער
אידישער געבראָכענער שטימונג און אין דרייען־געבויגענעם מוט קען
מען וועגן אַזעלכע ווילד־פאַנטאַסטישע אַמביציעס אפילו ניט חלומ׳ען.
דער אַזוי פאַרשריענער אידישער „שאָוויניזם״ איז, באמת, באַשטאַנען
אין דעם, וואָס די אידנשאַפט האָט ניט אָנערקענט דעם אימפּעריאַליס־
טישן גזר־דין, זי האָט ניט געגעבן איר אינערלעכן פּסיכאָלאָגישן הסכם
צו דעם „באַשולדיקונגס־פּאַראַגראַף״ און צו די בלבולים, וואָס מ׳האָט
אויף איר אויסגעטראַכט. די אידנשאַפט האָט באַהויפּטעט אין דעם לפני־
ולפנים פון איר זעלבסט־דערקענטעניש, אַז הגם פּאָליטיש געפינט זי זיך
אין אַ קלאָגעדיקן מצב, איז זי אָבער דערפאַר מאָראַליש דערהויבענער פון
אירע אונטערדריקער, פון די, וועלכע ראַבירן זי, יאָגן זי פון לאַנד צו
לאַנד, פון די, וועלכע ברענען זי אויף די שייטערהויפנס.

און ווי אַנדערש האָבן די אידן געקענט טראַכטן וועגן זיך, ווען זיי
האָבן געצויגן פּאַראַלעלן צווישן זיך אַלס אַ פאַרפאָלגטער מינדערהייט און
זייערע צאָלרייכע שכנים אַלס אַ הערשנדיקער שטאַטיסטישער מערהייט.
ווען אַן אומשולדיקער ווערט גע׳רודפ׳ט און ער באַשטייט אויף זיין אומ־
שולדיקייט, מוז ער דאָך שאַפן אַ מיינונג וועגן זיך אַלס מאַרטירער, אַלס
דעם, וואָס גייט אויף „קידוש השם״, און וועגן פייניקער אַלס הענקער,
אַלס תלין. ווי קען אַ פאַרפאָלגטע מינדערהייט, ווען זי איז ניט צוזאַ־
מענגעשטעלט פון אויסוואורפן, קרימינאַליסטן, אָפּפאַל פון דער געזעל־
שאַפט, גאָר אַנדערש טראַכטן? זי מוז אויסדריקן איר פּראָטעסט אין דער
אינערלעכער דעקלאַרירונג פון אַ מאָראַלישער סופּעריאָריטעט. אָבער אַ
מאָראַלישער סופּעריאָריטעט־קאָמפּלעקס פון אַן אונטערדריקטן פאָלק
אָדער קלאַס, וועמענס אונטערדריקונג איז ניט קורץ־צייטווייליק און צו־
פעליק, אינצידענטאַל, עפּיזאָדיש, נאָר פונדאַמענטאַל לאַנג־היסטאָריש,

כמעט כראַניש, איז ניט קיין שאָוויניזם, נאָר אַ פּסיכאָלאָגישער געווער אין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אביסל באריכות׳דיק אויף דעם „שאָוויניזם״-פּונקט, מיט וועלכן מ׳וואַרפט אויף דעם אידישן פאָלק און וועלכער וואַרפט אָן אַן אימה אויף די ראַדיקאַלע שול-עסקנים, ווייל מיט דער פאַרזעעניש און מיספאַרשטענדעניש באַגעגענען מיר זיך אויך אין דער רעקאָמענדאַציע צו דער קאָנווענשאָן אין 1911 פון ארבעטער רינג.

„מיר ווילן אָבער, אז די דערציאונג זעלבסט זאָל זיין פריי פון דעם אתה-בחרתנו-גייסט און פון יעדן שאָוויניזם״ (ציטירט פון ז. יעפּרויקין, אַלמאַנאַך, ז. 93).

מיר האָבן אָנגעהויבן מיט די „לינקע״ בלויז דערפאַר, וואָס ביי זיי איז די פאַרפרעמדונג, זעלבסט-פאַרלייקענונג, שטרויסן-פּאָליטיק שפּילן מיט זיך אַליין אין שול-וועזן, בולט׳ער אויסגעדריקט, אָבער ניט דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַ מאָנאָפּאָל אויף דעם... די רעכטע ליידן פון דער זעלביקער מחלה הגם אין אַ קלענערער מאָס.

די אידיש-ראַדיקאַלע שול צו זיין דערפאָלגרייך מוז קודם-כל זיך זעלבסט אָנערקענען, זיך זעלבסט-באַשטימען אלס „אידיש״. און אין דער דאָזיקער ריכטונג ווערט דאָס אידיש-ראַדיקאַלע שול-וועזן געטריבן סיי פון די ראַציאָנאַל-זעעוודיקע און סיי פון די בלינד-אינסטינקטיווע כוחות, וועלכע אָפּערירן אין דער אידיש-ראַדיקאַלער סביבה. די, וועלכע שפּאַרן זיך איין, ווילן גאָרניט לערנען און גאָרניט פאַרגעסן, קענען ניט פאַרהאַלטן דעם אַנטוויקלונגס-גאַנג; זיי קענען אים בלויז פאַרפּאַמעלעכן.

די אידיש-ראַדיקאַלע שול האָט איין אויפגאַבע און דאָס איז צוגרייטן דאָס אידישע קינד פון ראַדיקאַלע עלטערן צו דעם, אַז עס זאָל זיך קענען באַהויפּטן אין לעבן אַלס ראַדיקאַלער איד, וואָס מיינט, ממילא, אַלס ראַדיקאַלער מענטש; צו זיין אַ ראַדיקאַל-איד מיינט צו זיין אַ קעמפער פאַר יושר און צדק, פאַר דער באַפרייאונג פון אַלע אונטערדריקטע און די אידן אַלס פילפאַך אונטערדריקטע...

.3

קאָנסערוואַטיוו- און ראַדיקאַל-אידישקייט

די אידישע ראַדיקאַלע שול-באַוועגונג דאָ אין לאַנד קען מען איינטיילן, אַן פאַרגוואַלדיקונג פון פאַקטן, אין צוויי הויפּט-ריכטונגען, וועלכע לאָזן זיך באַצייכענען, גאַנץ באַקוועמלעך, אלס גלות- און ציון-סאָציאַליסטישע. די גלות-סאָציאַליסטישע ריכטונג לאָזט זיך ווייטער, אָן צופיל אָנשטרענג, שפּאַלטן אין דרייען: „רעכטס״, „לינקס״, און „מיטן״. „רעכטס״

און „לינקס" זיינען בלויז קאָנוועציאָנעלע אָנרופענישן. זיי האָבן שוין לאנג פארלוירן זייער פּאָליטישן באדייט אלס באצייכענונגען פון פּאַסיבאַליזם און עקסטרעמיזם. אויף „רעכטס" געפינען זיך די ארבעטער־רינג שולן, אויף „לינקס" די שולן פון אינטערנאציאָנאלן אָרדן, דעם „מיטן" פארנעמען די שלום־עליכם־אינסטיטוט־שולן, וועלכע זיינען מער פּאָליטיש, ווי אויסגעשפּראָכן סאָציאַליסטיש.

אָבער דער צד־השוה פון די אָנגעצייגטע שטרעמונגען אין שול־טוראונג, וועלכע גייען זיך פאנאנדער אין דעטאלן פון פּראָגראם, אויפפאסונג און פאָרמולירונג, איז די אזוי אָנגערופענע „אידישע וועלטלעכקייט". די לעצטע דינט אלס באזיס פאר זיי אלעמען, כמעט אָן אויסנאם. אין דעם דאָזיקן פאָקוס פון „וועלטלעכקייט" גייען זיך צוזאמען די באגרינדער פון דעם נייעם, ראַדיקאַלן אידישן שול־וועזן, וועלכער איז אלט בסך־הכל ניט מער ווי א פערטל יאָרהונדערט.

„...שולן וואָס זאָלן זיין באַזירט אויף דעם נייעם אינהאַלט פון אידישקייט: פּאָלקסטימלעכקייט, וועלטלעכקייט, פּראָגרעס און סאָציאַליזם" 1).

„פאַרמאָגט זי דאָך — אונדזער נייע אידישע שול — ...וועלטלעכע אידישקייט אָדער אידישע וועלטלעכקייט" 2).

לכן, בכדי קלאָר צו ווערן אין דעם גאַנצן ענין, וועלן מיר מוזן, קודם־כל, זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם קנויל פון געדאַנקען, וועלכע דער באַגריף פון „אידישער וועלטלעכקייט" אָדער „וועלטלעכער אידישקייט" אַנטהאַלט אין זיך. אָן דעם וועט אונדז זיין כמעט אוממעגלעך אויפצופאַסן און אָפּשאצן ווי געהעריק די ריכטונג, אין וועלכער די אידיש־ראַדיקאַלע שול ווערט געוועגדט, די וועגן אויף וועלכע זי ווערט געפירט.

און, באמת, וואָס איז אזוינס „וועלטלעכע אידישקייט" אין צוזאמענבונד מיט דעם אידיש־ראַדיקאַלן שול־וועזן אָדער אפילו אָן דעם צוזאמענבונד?

„די עצם קאָמבינאַציע פון די צוויי באגריפן: וועלטלעכע אידישקייט אָדער אידישע וועלטלעכקייט האָט געקענט אויפקומען ערשט מיט א צוויי, דריי צענדליק יאָר צוריק, ניט פריער. דען הן ביי די אָרטאָדאָקסן, הן ביי די משכילים האָט זיך אידישקייט קאָמבינירט בלויז מיט רעליגיע און ווייטער גאָרניט" 3).

איך בין שטאַרק מסופק צי מיר, אַלס ראַדיקאַל־אידן, קענען שאפן

---

1) ה. נאָוואָק, שול־אלמאנאך, ז. 3, 1935.

2) דאָרט.

3) גאָלאָמב, דאָרט, ז. 15.

די דאָזיקע קאָמבינאַציע, וועלכע ניט די אָרטאָדאָקסן און ניט די משכילים זיינען בכוח געווען צו שאַפן, און איבערהויפּט טאַקע די ערשטע, די אָרטאָדאָקסן. וואָס זיי האָבן ניט געקענט טאָן, קענען מיר אויך ניט טאָן.

איך וואָלט זיין זייער דאנקבאר דעם, וואָס וואָלט מיר צייגן די „אי־דישקייט", וועלכע איז ניט געווען „וועלטלעך" און האָט זיך ניט פאַרני־מען מיט דער איינאָרדנונג און באַשטימונג, געשטאַלטונג און פורעמונג פון וועלטלעכע אָנגעלעגנהייטן. דער דאָזיקער טייל פון „אידישקייט", וועלכער איז געווען אַזוי־צו־זאָגן „ריין אידיש" און ניט „וועלטלעך", האָט פאַרנומען זייער א קליינעם סעקטאָר פון אידישן לעבנסקרייז. און ער האָט זיך געפונען אין בית־מדרש בלויז בשעת'ן דאַוונען. ווייל נאָכן דאַוונען איז דער בית־מדרש אליין געווען א וועלטלעכע אינסטיטוציע, ער איז געווען קלוב, ביבליאָטעק, פאָלקס־הויז, א שטיקל הכנסת־אורחים, שפּיל־פּלאַץ פאַר קינדער זיך צו יאָגן ארום בעלעמער אָדער זיך ראַיען אין די שמות, וואָס אונטערן בעלעמער.

„ריינע אידישקייט" האָט מען אויך אמאָל געזען אין הויז, אָבער דאָס נאָר בשעת'ן אָפּריכטן דעם פאָרגעשריבענעם צערעמאָניאַל פון שבת און יום־טוב.

אייגנטלעך דער ריין־רעליגיעזער טייל פון אידישקייט איז געווען דער מינדערווירדיקער, און ער האָט זיך פאַרנומען אויסשליסלעך מיטן קולט און ריטואל, וועלכער האָט קיינמאָל ניט געשפּילט, אפילו אין אָר־טאָדאָקסישן אידנטום, די הויפּט־ראָלע.

אידישקייט אין ריכטיקן פשט פון וואָרט איז געווען און איז א סומע געזעצן, רעגלען, פאָרשריפטן און מנהגים, וועלכע פאַסן אַרום און קאָנ־טראָלירן דעם גאנצן אידישן וועלטלעכן לעבן.

דער חשוב'סטער טייל פון תלמוד, מיט וועלכן אלע לומדים האָבן זיך פאַרנומען און אויף וועמענס שאַרפשטיינער זיי האָבן אַזוי פלייסיק און ליידנשאַפטלעך געשלייפט זייערע אידישע מוחות — איז אויסשליסלעך וועלטלעכע יוריספּרודענץ, וועלכע האָט זיך כלומרשט געהאַלטן אויף אורשפּרינגלעך רעליגיעזע טעקסטן, וועלכע זיינען בעצם אליין געווען „וועלטלעכע" ביז צו גאָר. (זע דעם פאַרדעמדיקן קאַפּיטל „אידישקייט אַלס לעבנסלערע").

דאָס וואָרט „סעקולאַר" מיינט דאָס אייגענע וואָס „וועלטלעך". דאָס וואָרט איז געברויכט געוואָרן אין איראָפּע אלס א טערמין צו באַצייכע־נען מיט אים עפּעס מלוכה'שעס אין קעגנזאַץ צו עפּעס עקלעזישעס. דער קאַמף פאַרן „סעקולאַריזם" איז געווען א קאַמף קעגן דער קירכע און פאַרן שטאַט. מיר אלס אידן, איך אונטערשטרייך אלס אידן אין אידישן לעבן

און אידישער סביבה, האָבן צו דעם קאמף קיין שייכות ניט געקענט האָבן, פשוט דערפאר, וואָס מיר פארמאָגן ניט, אין די גלות־לענדער וואו מיר געפינען זיך, קיין אידישן שטאָט. און דעריבער איז ביי אונדז ניט פאָר־געקומען קיין סעקולאַריזירונג פון אידישן געמיינדע־לעבן, נאָר פּראָסט און איינפאך — עס איז שוין צייט עס צו פארשטיין — אַ רואינירונג פון אידישן געמיינדע־לעבן. מ'האָט צעבראָכן די אַלטע פאָרמען, ארונטערגע־ריסן די אַלטע בנינים און קיין נייע אויף זייער פּלאַץ ניט אויפגעבויט. ווייל עס איז ניט געווען קיין באָדן, קיין יסוד אויף וואָס צו בויען, און קיין מאַטעריאַל מיט וואָס צו בויען.

ווען די אידישע געזעצגעבונג אין דער פאָרם פון משנה, גמרא און פוסקים איז געשאַפן געוואָרן, זיינען מיר געווען, אָדער אינגאַנצן אָדער אזוי־גוט ווי אינגאנצן, שטאָט־בארויבט. און דאָס אידישע געזעץ האָט ניט געקענט האָבן קיין אנדער סאנקציע ווי בלויז די רעליגיעזע פאַרבונדנקייט. און אפילו די ביבלישע געזעצגעבונג איז אויך ניט געווען קיין ריין שטאָטיסטישע. און דאָס צוליב צוויי טעמים, וועלכע זיינען כמעט איינער. ווען די אידישע פאָרשריפטן, וועלכע נאָרמירן דאָס אידישע לעבן, זיי־נען צו־ערשט פאָרטראַכט אָדער פאָרמולירט געוואָרן, האָט דער אידי־שער ציבור זיך געפונען אין א צושטאנד פון קודם־צו־שטאָט. די אידישע געמיינזאמקייט האָט ניט פארמאָגט אין גרויען אלטערטום קיין שטאָט אין זיין דריי־אייניקייט פון סואווערעניטעט, טעריטאָריע און באפעלקערונג. די אידן, לפי אלע השערות און אויספאָרשונגען, האָבן אָנגעהויבן זייער היסטאָרישע קאריערע אלס פּי־האָדעווער, אלס נאָמאדן. און ווען די דאָ־זיקע לעגיסלאטיווע שאפונגען זיינען רעדאקטירט געוואָרן א סך שפּע־טער־צו איז עס שוין געווען נאָך דעם, ווי דער אידישער ציבור האָט שוין געהאט פארזוכט דעם ביטערן טעם פון גלות; און ער האָט מורא גע־האט זיך צו פארלאָזן צופיל אויף דעם אידישן שטאָט אלס דעם העכסטן אויטאָריטעט אין דער רעגולירונג פון מענטשלעכע פארהעלטענישן און שליכטונג פון זייערע צוויסטיקייטן. און די אידישע וועלטלעכע לעגיסלאַ־טור האָט זיך קאָלירט כלומרשט רעליגיעז.

ווי דאָס זאָל ניט זיין, וועלכע סיבות עס זאָלן ניט האָבן גורם געווען דערצו, דער פאקט בלייבט א פאקט, אז „אידישקייט" אלס אידישע רעלי־גיע איז א דורכאויס וועלטלעכע דיסציפּלין, וועלכע האָט בלויז געברויכט אַ רעליגיעזע קאָלאָראציע, א רעליגיעזן אויסזען, וועלכער קען לייכט פאר־פירן אַן אויבערפלעכלעכן צוקוקער אָבער ניט קיין ערנסטן באָאָבאַכ־טער און קלאָר־דענקענדיקן פאָרשער.

היוצא, אַז די מעגלעכקייט צו שאפן עפּעס א נייעם מין „אידישקייט",

וועלכער זאָל זיין „וועלטלעך" אין קעגנזאץ צו דעם אלט־מאָדישן סאָרט, איז אויסגעשלאָסן.

זיכער קען מען און מ'דאַרף ציען אַ דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן קאָנ־סערוואַטיווער אידישקייט און ראַדיקאַל־אידישקייט. אָבער ביידע וועלן זיין „וועלטלעך" אין דער זעלביקער מאָס. מ'קען בשום אופן ניט דע־פינירן אָרטאָדאָקסישע אלטערטום־אידישקייט אלס אומוועלטלעכע, און ראַדיקאַלע מאָדערנע אידישקייט אלס „וועלטלעכע". אזא צעטיילונג וואָלט עדות־זאָגן, אז דער עצם באגריף פון אידישקייט איז ניט קיין ריכ־טיקער, איז פעלערהאַפט דורך און דורך.

קאָנסערוואַטיווע־אידישקייט איז אַ אידישקייט, וואָס איז פארגליווערט און וויל זיך ווייטער ניט אנטוויקלען, אנטזאגט זיך צו גיין פאָרויס און דורכמאכן גרונטאָווגע שינויים. מיט אנדערע ווערטער, קאָנסערוואַטיווע אידישקייט אָנערקענט ניט די נייע תורה־שבעל־פה, דעם נייעם נאָך־ניט־געשריבענעם „תלמוד", וועלכער ווערט פארפאַסט ווי פון זיך אליין און שטעלט פאָר מיט זיך דעם עוואָלוציאָנערן פּראָצעס פון אידנטום.

ראַדיקאַל־אידישקייט איז אַ אידישקייט, וועלכע איז געשיכטלעך לע־גיטים, זי אָנערקענט די געזעצן פון אנטוויקלונג. זי פארשטייט, אז אזוי ווי בשעתו האָט דער תלמוד געמוזט אָנטשטיין און אויפגענומען ווערן מחמת די אידנשאַפט האָט זיך ניט געקענט אויסלעבן אין ביבל־אידנטום, פּונקט אַזוי, אין אונדזער דור פון איבערגאַנג, פון קריזיס און איבערבראָך, מוז דער תלמוד און שולחן־ערוך איבערוואונדן ווערן, מחמת אידנשאַפט קען זיך מער ניט אויסלעבן אין תלמוד־שולחן־ערוך־אידנטום. עס פאָדערט זיך אָן אויסאַרבעטונג פון נייע לעבנספאָרמען און נאָרמען, נייע פאָרשריפטן און נייע שטייגערס. און די קעגנערשאַפט צו ראַדיקאַל־אידישקייט, וועלכע עס ווייזן ארויס די אָרטאָדאָקסן, איז גע־גליכן, פון אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו געקוקט, צו דער התנגדות, וועל־כע איז ארויסגעוויזן געוואָרן בערך מיט אַ צוויי טויזנט יאָר צוריק מצד פון די פאַרצייטיקע „אָרטאָדאָקסן", די ביבל־אָנהענגער, — צום תלמוד, צו דער תורה שבעל־פה. און די אידישע געשיכטע ווידערהאָלט זיך, און שאַפט איר המשך מיט קליינע מאָדיפיקאַציעס.

מ'קען אויך ריידן, מיט איניקע רעזערוואַציעס, וועגן דעם קאָנטראַסט אָדער צוזאַמענשטויס פון עטישער אידישקייט מיט ריטואַל־צערעמאָניע־לער אידישקייט. מ'קען אָבער בשום אופן ניט קאָנטראַסטירן „אָרטאָדאָק־סישע אידישקייט" מיט „וועלטלעכע אידישקייט".

איבערגייענדיק פון דאָס אלגעמיינע צו דער איינצלהייט פון ראַדי־קאַלן שול־וועזן, מוזן מיר זאָגן, אז, לויט אונדזער פארשטיין נאָך, דער

אדיעקטיוו „וועלטלעך" פּאַרטונקלט די פּראָבלעם און איז שעדלעך אין מער ווי אין איין הינזיכט. ער גיט אָנצוהערן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אָפּבראָך, מיט אַ ריס, מיט א פּראָפּאַנירונג פון א הייליקטום. און דאָס איז ניט ריכטיק און אומגעזונט פאַרן אידישן שול־וועזן. א „אידיש־וועלטלעכע שול" וואָלט געקענט עקזיסטירן בלויז דעמאָלט ווען מיר וואָלטן פאַרמאָגט א אידישן שטאַט אָדער וועלכן ניט איז שטאַט, ווי דער סאָוועטישער דהיינו, וועלכער וואָלט זיך פאַרהאַלטן ניט נאָר סימפּאַטיש צו אונדזערע שולן, נאָר טאַקע זיין פאַראינטערעסירט אין זייער גרינדונג, אויפהאַלט, אנטוויקלונג און געדייאונג.

דאָ אין לאַנד, אונטער די געגעבענע אומשטענדן, מיינט דאָס וואָרט „וועלטלעך" אין צוזאַמענהאַנג מיט די ראַדיקאַלע שולן איין זאַך, און דאָס איז אַן אָנזאָג און דערקלערונג, אַז די שול פאַרמאָגט ניט קיין שום העכערע סאַנקציע, האָט ניט אויף וואָס זיך צו שטיצן, פאַרמאָגט ניט קיין טיפע וואָרצלען אין אידישן באַוואוסטזיין און לעבן, האָט אויך ניט קיין צענטראַלע סאָציאַלע אידישע אינסטיטוציע, מיט א היסטאָרישער פאַראַנקערונג אין דער אידישער פסיכיק, אויף וועלכער זי וואָלט זיך קענען אָנלענען.

4.

שווער צו פאַרשטיין אַ אידן... גרינג צו באַשולדיקן

דער אויבן־ציטירטער מחבר פילט, אַז זיין פּאָזיציע איז ניט צו פעסט און ער באַמיט זיך זי צו פאַרפעסטיקן מיט דעם, וואָס ער צייגט אָן די חסרונות פון דער אידיש־רעליגיעזער געזינונג אין היפוך צו די מעלות, וועלכע עס פאַרמאָגט די אידיש־וועלטלעכע אויפפאַסונג. אויף אזא שטייגער, שיינט אים, גיט זיך אים איין די אויפגאַבע פון סאָלידיפיצירונג פון די יסודות, אויף וועלכע ער פלייסט זיך אויפצובויען די נייע אידישע שול.

„פאַר זיך אליין איז דער איד גאָרניט, אָבער מיט זיין גלויבן איז ער אלץ" 4).

מיט דעם מיינט ער צו אַנטוואָפענען און בייקומען דעם „אַלטן" אידן.

און וואָס איז דער ארבעטער פאַר זיך אליין? אויך גאָרניט. בלויז איינער, וואָס ווערט ארויסגעריסן, וואָס ארבעט שווער און קען קוים זיך דורכשלאָגן מיט חיונה. דאָס איז דער שיקזאַל פון יעדן אונטערדריקטן ציבור אָדער יחיד. בכדי אויפצוהויבן זיין ווערדע, שטייגערן די אָפּ־

4) דאָרטן, ז. 18.

שאצונג פון זיין פיינלעכער עקזיסטענץ, מוז ער אָנקומען צו די לייס־טונגען און גנאָדן פון אָ דערהויבענעם אַלמענטשלעכן אידעאַל. ערשט דעמאָלט, ווען זיינע יסורים און באליידיקונגען ווערן באלויכטן מיט דעם דאָזיקן צויבער־פּראָזשעקטאָר פון קאמף פאר יושר און צדק, ווערט ער חשוב, אלויכטיק, שווער־וואַגיק. און זיין פינצטערע מערכה קריגט טעם און זינען, ציל, צוועק און באדייט.

מיט דעם אידן קומט פאָר דאָס אייגענע, זיינע ליידן, זיין ביטערער גלות, אָפּקומעניש און אויסשטייעניש, קריגן א תיקון דורך זיין גלויבן אין דעם אידעאַל פון אויסלייזונג און גערעכטיקייט. אָן דער פוטוריסטיש־אידעאַליסטישער וועלט־ און מענטשהייט־אָנשויאונג בלייבט דער מאַר־טירער ביי זיין דערנער־קרוין. מיט דער אידעאלער אָנשויאונג, מיט דער דערוואַרטונג און זיכערקייט פון אָנקום פון טריאומפּירנדיקן יושר, ווערן די דאָזיקע שטעכיקע דערנער פארוואנדלט, מעשה־כישוף, אין רויזן־קראַנצן, וועלכע באצירן דעם קאָפּ פון זיגער, פון ליידנדיקן גערעכטן.

אויב מ'קען און מ'דארף אויסזעצן קעגן אלט־מאָדישן אידן איז ניט בנוגע זיין גלויבן אין זיין צוקונפט און ענדגילטיקן נצחון, נאָר קעגן דעם אופן ווי אזוי זיין גלויבן ווערט פאָרמולירט. אלטע, אייביק נייע ווערטן פארלאנגען מיטן פארלויף פון צייט, דורות און תורות, נייע ווערטער פאר זייער אויסדרוק. אָניט ווערן זיי צוגעדעקט מיט שיכטן שטויב, וואָס די געשיכטע מיט אירע פארבייאיילנדיקע גענעראציעס הויבן אויף.

בכדי נאָך שטארקער צו מאכן זיין באשולדיקונגס־אקט קעגן דעם „אידישן אידן", זעצט דער ציטירטער מחבר פאָר:

„ער (דער איד) עסט — כדי צו בענטשן" 5).

קיין ערגערן בלבול אויף אידן זאָל קיינער ניט אויסטראַכטן. אָבער אויך די מילדע, אהבת־ישראל'דיקע באשולדיקונג טיילט דעם שיקזאל פון ס'רוב בלבולים, וועלכע מ'האָט אויסגעטראכט אויף אידן, דאָס הייסט זי איז גרונטלאָז.

יעדער עקאָנאָמישער אָביעקט ווערט באגלייט, אזוי אויך ווי אָריינ־געפירט דורך אָ פּראָצעס. אנדערש קען ער זיך ניט רעאַליזירן. ער מוז מארשירן מיט צוויי אונטערפירער. פּונקט אזוי ווערט יעדע מענטשלעכע טואונג, ד. ה. יעדער פּראָצעס, וועלכן א מענטש זעצט דורך, אריינגעפירט מיט א פסיכישער אקציע פון ווילנוועקונג, חשק־צוגעבונג, אָנשטרענג און קאָאָרדינירונג. ער ווערט אויך באגלייט מיט א פסיכישער אקציע אָדער זעלן־צושטאנד, וועלכע קריגן זייער אויסדרוק אין דעם חשבון־

---

5) דאָרט.

הנפש, אין א צופרידנקייט אָדער אומצופרידנקייט מיט דאָס געטאָנענע, אונטערגענומענע און אויסגעפירטע.

און דאָס אייגנטלעך מיינט דער פּסוק מיט זיין באהויפּטונג, אז „ניט אויף ברויט אליין לעבט דער מענטש, נייערט אויף אלעם דעם, וואָס קומט ארויס פון יהוה׳ס מויל לעבט דער מענטש״. 6)

דער מענטש פון קדמונים־אָן, פון אוראלטע צייטן, האָט זיך אזוי אויפגעפירט. ער איז געווען אקטיוו אויף אמאָל איןביידע פלאכן. ער האָט אָנגעווענדט, אויף א מער אָדער ווייניקער פּסיכאָלאָגיש־דורכגעטראכטן שטייגער, דעם דאָזיקן דואַליזם פון „ברויט״ און „ארויסקום פון יהוה׳ס מויל״. און אָט די לעצטע באדערפעניש איז טיילווייז באפרידיקט געוואָרן דורך געבעטע, ברכות, צוואוינטשונגען וכדומה פּסיכאָלאָגישע באאיינפלו־סונגען פון אַ סוגעסטיוון אָדער אויטאָסוגעסטיוון כאראקטער.

דער איד, שבת נאָכן קומען פון שול, האָט געגעסן זיין טשאָלנט, צי־מעס, קוגל און געזונגען בינתיים זיינע שבת׳דיקע זמירות, האָבנדיק דעם „באנקעט״ איינגעלייט דורך א קידוש און ברכות און באגלייט מיט א פיינעם ברכת המזון. דער איד האָט קיינמאָל ניט „געגעסן״ די זמירות, געזונגען דעם קוגל, געקייט די ברכות, געשלונגען דאָס בענטשן, גע־טרונקען דעם קידוש. ער האָט געארבעט, אזוי צו זאָגן, אויף צוויי פראָנטן, אויף דעם פיזיש־פיזיאָלאָגישן און דעם פּסיכאָלאָגישן. ער האָט אָבער קיינמאָל ניט פארמישט די יוצרות. (אבא גאָרדין, אידישקייט, ז״ז 238—239).

„ואכלת, ושבעת וברכת״ 7). ווען מ׳קוקט זיך צו צום פּסוק, זעט מען, אַז ער אנטהאלט ניט קיין באפעל מכוח בענטשן, פונקט ווי ער באפעלט ניט דעם מענטשן צו עסן, פונקט ווי ער פארפליכטעט אים ניט צו ווערן זאט. די אלע דריי אָנזאָגונגען זיינען געשריבן אין זעלביקן לשון און אויס־געדריקט אויף דעם זעלביקן דערציילערישן אופן. עס איז א באשרייבונג. „און דו וועסט עסן און דו וועסט זאט ווערן״... און וואָס זאָלן מיר טאָן ווען ער שפּארט זיך איין און וויל ניט זאט ווערן? אומזעטלעכקייט נאָך פיל עסן וואָלט זיין אן אבנאָרמאליטעט, א מין חולאת, א בולמוס־הונגער־קראנקהייט. ווען מ׳עסט זיך אָן, ווערט מען נאטירלעכערווייז זאט, און ווען מען ווערט זאט, בענטשט מען נאטירלעכערהייט. דאָס בענטשן קומט פאָר מיט ניט ווייניקער צוואנגסמעסיקייט ווי דאָס זאַט ווערן. וואָס מיינט בענטשן? דאָס מיינט פילן אַ סאטיספאקציע און אויסדריקן עס מיט

6) דברים, ח׳, ג׳.
7) דברים, ח׳ ו׳.

תנועות, זשעסטן, פּאָזיציע, אָדער מיט געפילן, שפּירונגען, אָדער טאקע מיט ווערטער, קאָנאַניזירטע אָדער אימפּראָוויזירטע, וועלכע באגלייטן די גאַר־וואָס אויסגערעכנטע עקספּרעסיע־פאָרמען פון באפרידיקונגס־פילונג. (אבא גאָרדין, אידישקייט, ז. 243).

און אויף דעםביישפּיל אנטפּלעקט זיך פאר אונדז דער „מוז"־כאַ־ראקטער פון א גרויסן טייל פון קולט.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער באלויכטונג פון דעם לפי־ערך אומוויכטיקן דעטאל פון דער רעליגיעזער פּראקטיק, בכדי פּטור צו ווערן פון דעם פארפירנדיקן פּאָראורטייל, וועלכער איז גאנגבאר אין אונדזער צייט, און וועלכער באהויפּטעט, אז עס איז דאָ כלומרשט אן אָפּגרונט וואָס טיילט אָפּ דעם אויפפיר פון דעם ניט־רעליגיעזן אידן און מענטשן פון דער הנהגה פון דעם רעליגיעזן.

.5

דער היסטאָרישער פּרעצעדענט

מיר האָבן באַהאנדלט דעם אידישקייט און וועלטלעכקייט פּונקט דערפאר, וואָס אָן דעם ריכטיקן פארשטיין פון דעם אידנטום־וועזן בכלל איז אוממעגלעך אָנצודייטן א געזונטן, פּאסיקן שול־וועזן. ווייל די שול איז דאָך די אינסטיטוציע, וועלכע פארנעמט זיך מיט דער „טראנסמי־סיע" אין דעם אידנטום־מעכאַניזם. די שול איז דער איבערגעבונגס־פּלאַץ, ווי אויך די איבערגעב־טעטיקייט, פון דער „אידישער אידעאָ־לאָגיע". און אויב מיר באַגרייפן ניט ווי געהעריק דעם כאַ־ראַקטער פון דער דיווערגענץ און קאָנגרוענץ, דאָס פאַראַנ־דערגיין זיך און צוזאַמענפאַלן פון די ליניעס, פון קאָנסערוואַ־טיוו און ראַדיקאַל־אידישקייט, וועלן מיר ניט זיין בכוח ריכטיק צו פּראָגנאָסטיצירן די ווייטערע אַנטוויקלונג פון אידנטום און ממילא אויך פון דער אידישער שול.

עס איז מערקווירדיק וואָס דער אויבן־ציטירטער מחבר ווייסט גאַנץ גוט, אַז דער אידנטום האָט שוין איינמאָל דורכגעמאַכט אָן ענלעכן צו אונדזערן „קריזיס", פון וועלכן ער איז ארויס ניט נאָר בשלום, נאָר אויך פארשטארקט, פארפונדעוועט. און פונדעסטוועגן דוכט זיך אים אויס, ווי אויך די איבעריקע באגרינדער פון אידיש־ראַדיקאַלן שול־וועזן, אז דאָס מאָל דארפן מיר אָנקומען צו דער שאפונג פון עפּעס א „נייע זאך", א „בריאה יבראַ", אַ „אידישע וועלטלעכקייט אָדער וועלטלעכע אידישקייט", פון וועלכער אונזערע אבות־אבותינו האָבן כלומרשט קיין אנונג ניט גע־האט.

אָט וואָס ער זאָגט וועגן דעם ענין:

„ביי אידן אָבער איז אָט־דער קאַמף גאָרניט קיין נייער. דורך דער גאַנצער געשיכטע גייט אָן דער קאַמף צווישן דער נאַציאָנאַל־פּאָלקסטימ־לעכער קולטור און דער איבערגענומענער פרעמדער פּלוס דער קלאַסישער, פאַרגליווערטער אייגענער. דאָס איז ביי אידן פון תמיד אָן דער קאַמף פון קלאַסן־קולטור, וואָס האָט דוכט זיך קיינמאָל ניט אויפגעהערט. דאָס איז דאָך דער קאַמף פון יהוה און בעל, פון אן אליהו און די זייניקע מיט דער אַריסטאָקראַטיע, דאָס איז דאָך דער קאַמף פון די נביאים, דער קאַמף פון די פרושים מיט די צדוקים... דאָס איז דער אלטער קאַמף פאַר אָדער קעגן א תורה שבעל־פה". 8)

נו, ובכן... ווען די פרושים האָבן געקעמפט אויףביידע פראָנטן, קעגן די העלעניזירטע צדוקים און קעגן די „וצדקתך׳עס", די איסיים, האָבן זיי דען געגומען „פון העלער הויט" און געשאפן א „וועלטלעכע אידיש־קייט אָדער אידישע וועלטלעכקייט" אַלס עפּעס וואָס איז קעגנגעזעצט כנגד דער רעליגיעזער אידישקייט? האָבן דען די נביאים גערעדט אין נאָמען פון אַ „וועלטלעכקייט", ווען זיי האָבן געפירט, אין זייער צייט, דעם אייגענעם קאַמף, וואָס מיר פירן, זעצן פאָר, אין אונדזער צייט? צוליב וואָס זאָלן מיר בייטן די טערמינאָלאָגיע און דאָס געווער, וועלכע זיינען פאַר־הייליקט געוואָרן אין קאַמף און אין זיג?!

דער קאַמף דאַרף געפירט ווערן פאַר אידישקייט, פאַר אמת׳ער עטי־שער אידישקייט קעגן פּסעוודאָ־אידישקייט, קעגן פּוסטן ריטואַליזם און צערעמאָניאַל. דער קאַמף דאַרף געפירט ווערן פאַר דער ווייטערער אַנט־וויקלונג, פאַרטיפונג, דערהויבונג, ראַדיקאַליזירונג פון אידישקייט, און ניט פאַרפלאַכונג, פאַרוואָלוועלונג און דערנידערונג. אונדזער קאַמף איז פאַר „אידישקייט" ניט פאַר „וועלטלעכקייט". אידישקייט שטעלט פאָר מיט זיך אָן עטישן אידעאַל, א תיקון עולם במלכות שדי, בשעת די וועלט איז פול מיט רשעות, שלעכטס. מיר קעמפן קעגן דער רשעות־וועלט פאַר יושר־אידישקייט.

און איך בין זיכער, אז ווען די אידיש־ראַדיקאַלע שולן וואָלטן גע־ווען באמת ראַדיקאַל, מיינענדיק אויסגעהאַלטן אין זייער אידישקייט און איבערגעגעבנקייט צו די אידישע אידעאַלן, — און ניט גויאיש־ראַדיקאַל אויף דעם אידישן לשון, — וואָלטן זיי זיך גיך איינוואָרצלען אין דער אידישער סביבה. זיי וואָלטן ווערן א גרויסע צוצי־קראַפט פאַר די ראַ־דיקאַל־אידישע עלטערן. און זיי וואָלטן אויך, מיט זייערע לימודים־קעגנ־

---

8) אָ. גאָלאָמב, די אידיש־וועלטלעכע שול, אלמאנאך, ז. 22, 1935.

שטאנדן, געפינען א הילכיקן אָפּרוף אין די יונגע און וואכזאמע הערצער פון די קינדער. און זיי וואָלט זיך באמת איינגעגעבן צוצובינדן דעם אידעאַליסטיש־פילנדיק אויפוואקסנדיקן אידישן דור צום אידישן מאר־טירער ציבור. און מיט דער צייט וואָלטן אונדזערע ראַדיקאַלע שולן אסימילירן און אבסאָרבירן דעם חדר, תלמוד תורה און ישיבה, דאָס הייסט ווערן די אידישע שול, וועלכע פארמאָגט דריי פולע שטאָקן, עלע־מענטאר, מיטל און הויך.

6.

רעליגיע ביי זיי און ביי אונדז...

ד״ר ח. זשיטלאָווסקי פרעגט:

„פארוואָס זיינען די דערגרייכונגען, ספּעציעל אויף דעם פעלד פון אידיש־וועלטלעכער דערציאונג אין אונדזער שפּראך — ביי אלע וויכ־טיקע רעזולטאטן — פאָרט לפי ערך אזוי אָרים אין פארגלייך מיט דעם, וואָס האָט געזאָלט דערגרייכט ווערן אין אַ תקופה פון גאנצע פינף־און־צוואנציק יאָר״? 9).

דעם ענטפער צו אָט דער פראגע קען מען געפינען אין דעם עצם מהות פון דער „אידיש וועלטלעכער שול״, אין איר ניט־אָפּעלירנדיקן נאָמען און אין דער באַגרינדונג, וועלכע זי האָט געקראָגן אלס א „פרעמ־דע״, נאָר־וואָס אויפגעקומענע אינסטיטוציע.

די אזוי אָנגערופענע און אזוי אויפגעפּאסטע „אידיש־וועלטלעכע שול״ איז ניט גענוג רעוואָלוציאָנער, אַז זי זאָל זיך קענען אריינרייסן אין דער צוקונפט אריין איבערגעוואַלד, אָן צוגרייטונג־שטופּן, דופּענדיק בלויז אויף איר נאָוויטעט. זי איז אויך ניט גענוג טראַדיציאָנעל, זי זאָל זיך קענען פארקניפּן אין אידישן באוואוסטזיין מיט דער אידישער דורות־לאנ־גער עדוקאַטיווער פארגאנגענהייט און אזוי ארום אויף אַן עוואָלוציאָנערן שטייגער אריינוואקסן אין דער אידישער צוקונפט. און זי ווערט דעריבער געשלאָגן און געדרענגט פון ביידע זייטן, פון דער ענגלישער אסימילאציע און אומעטישער באַרבאַריזאַציע־סקול און פון דעם קאָנסערוואַציע־חדר און תלמוד־תורה. איר פעלן צווייגן, שטאַם און וואָרצלען, מחמת זי מאַכט אַן אָנשטעל, אז זי קען זיך באגיין אָן די גרעסטע שאפונגען פון אידישן זשעני, מחמת זי איגנאָרירט, כלומרשט, אידישע אמונה, א זאך, וואָס זי קען ניט טאָן און טוט באמת ניט.

---

9) ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, דער ערשטער פערטל יאָרהונדערט, דאָרט, ז. 7.

„מיר ווילן, אז אונדזערע קינדער זאָלן באקומען ניט קיין רעליגיעזע... נאָר א פרייע אידישע דערציאונג״ 10).

„אַ אידישע שול, דאָך ניט קיין רעליגיעזע, נאָר א נאציאָנאלע״ 11).

„אונדזער הויפט־ציל איז ברייטער צו מאכן דעם קרייז פון דער אי־דיש־וועלטלעכער סביבה... זי קוקט ניט אויף רעליגיע, ווי אויפן יסוד פון אונדזער גייסטיקן לעבן״ 12).

דאָ ליגט דער הויפט־טעות אין אַ פאלשער אנאלאָגיע, וועלכע ווערט דורכגעפירט, אָן געניוער אונטערזוכונג, צווישן דעם אידישן לעבן און אי־דישער אמונה און דעם לעבן פון די אייראָפעאישע פעלקער און זייער רע־ליגיע.

ביי די אייראָפעאישע פעלקער איז זייער רעליגיע אן אַנטליענער הפץ, אָדער אן אימפּאָזיציע. עס איז א אידישער קולטור־פּראָדוקט, וועלכן מען האָט מאָדיפיצירט פיל־וויניק בכדי אים צוצופּאסן צום היידענישן געשמאַק. זיי האָבן אויפגענומען א רעליגיע, וועלכע זיי האָבן געקראָגן פון א אידישער סעקטע. צוליב פּראָפּאגאנדע־צוועקן האָט מען עס משנה־השם געווען און עס א נאָמען געגעבן קריסטנטום, בשעת באמת איז עס אידיש־פּראָפעטישער ווייז, וועלכער איז געווען צו־שטארק פאר די פּא־גאניסטישע קעפּ, און דעריבער האָט מען אים פארוואסערט מיט אַ געטשנ־דיגערישן מיטאָס, און עס איז געוואָרן אַ געטראַנק שוה לכל נפש. זיי האָבן אקצעפּטירט די דאָזיקע רעליגיע נאָך דעמאָלט, ווען זיי האָבן נאָך ניט פאַרמאָגט קיין שום נאציאָנאלן באוואוסטזיין. זיי האָבן זיך געפו־נען אין יענער צייט אויף א טרויעריק־נידעריקער אנטוויקלונגס־שטופע, און זיי זיינען געווען אונטער דעם נאַציאָנאַליזם. פּשוט, זיי זיינען געווען „ניט־דערוואקסענע״, ניט דערוואקסן צו זעלבסטדערקענטעניש און קול־טורעלער זעלבסט־באַשטימונג. און ווען זיי האָבן זיך גענומען קולטיווירן און „קולטורירן״, זיינען זיי געוואָרן באמת האַלבע העלענער און האַלבע העברעער און געשאַפן אַ היבריד־קולטור, אַ מין סינטעטישן צוזאַמענשטעל פון אידישקייט און העלענישקייט, וועלכער פאַרמאָגט ניט די ברייטקייט און טאָלעראַנץ פון דעם פאַרצייטיקן גריך און ניט די אייפערזיכטיקע, אָבער פּאַרטיפּטע נשמה׳דיקע זעלבסט־ראַפינירונג פון דעם אידן.

קריסטנטום איז ניט אוניווערסאל אין דעם פּשט פון זיך אריבערהויבן איבער דער שמאָלקייט און פּאַרטיקולאריזם פון נאַציאָנאַליזם, נאָר אין

10) יעפּרויקין, דאָרט, ז. 93.

11) י. ענטין, דאָרט, די אידישע פאָלקס־שולן, ז. 119.

12) ל. לערער, דאָרט, שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט, ז. 140.

דעם פּרימיטיוון טייטש און מיין פון ניט דערהויבן זיך אפילו צום נאַציאָנאַליזם. ווי, למשל, די צייכן־שפּראַך, וועלכע איז אוניווערסאַל און דער אַרטיקולירטער לשון, וואָס איז נאַציאָנאַל. קריסטנטום מיט זיין קאַטוילישן קוואַזי־אוניווערסאַליזם פון די מיסיאָנען האָט זיך ניט מיט וואָס איבערצונעמען לגבי דעם נאַציאָנאַלן אידנטום.

די לעצטע שטעלט פאַר מיט זיך א העכערע, א מער ראַפינירטע אינדיווידועלע פאָרמע פון פּסיכאָלאָגישער אנטוויקלונג.

יעדנפאַלס, איין זאַך דאַרף זיין קלאָר פאַר יעדן אידישן אינטעליגענט בר־דעת. די אייראָפּעאישע פעלקער האָבן אָנגענומען א היידענישן נוסח פון דער אידישער רעליגיע, בשעת דאָס אידישע פאָלק האָט זיך קאָנסטיטואירט אַלס אַ נאַציע, אַדאַנק דער אויסקריסטאַליזירונג פון דער אידישער אמונה און די שאַפונג און אויפנעמונג פון דער אידישער תורה.

ווייטער, דער רענעסאַנס אין אייראָפּע איז געווען אַ פּועל־יוצא פון דעם אויפוואַכנדיקן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון די אייראָפּעאישע פעלקער, וועלכע האָבן זיך גענומען דערקענען אַלס נאַציאָנאַלע איינהייטן און זיך געוואָלט באַפרייען פון דער רעליגיעזער העגעמאָניע פון די אידן, וועלכע איז געווען פאַרקערפּערט אין דער דעספּאָטישער קירך, און פון דער וויסנשאַפטלעכער טיראַניע פון די גריכן, וועלכע איז געווען פאַרטראָטן אין דער אומגעטיילטער הערשאַפט פון אַריסטאָטעליאַניזם.

און עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס סיי אין איטאַליע, וועלכע איז געווען די ערשטע אויפצוהייבן די פאָן פון רעוואָלט, און סיי אין דייטשלאַנד, וואו די רעפאָרמאַציע האָט געזיגט, האָט דער אויפקומענדיקער נאַציאָנאַליזם, וועלכער האָט געזאַמלט זיינע כוחות אין א משך פון הונדערטער יאָרן, אָנגענומען אַזעלכע חיה־רעה׳שע, ווילד־אַגרעסיווע פאָרמען. עס איז אַ פאַל פון שקלאַפן, וואָס האָבן זיך „צעבונטעוועט"... ווייל הן דער רענעסאַנס, בכלל, און הן די רעפאָרמאַציע, בפרט, זיינען באמת געווען א קאַמף פאַרן נאַציאָנאַליזם, פאַרן אויפקום פון נאַציאָנאַלע שפּראַכן, פאַר וויפיל ניט איז נאַציאָנאַלער עקספּרעסיע אויפן געביט פון עטישן און עסטעטישן געפיל און אינטעלעקטועלן פאַרשטאַנד. לכן, ביי די אומות העולם איז דער קאַמף קעגן אידישער רעליגיע געווען אַ קאַמף קעגן א פרעמדן פּסיכאָלאָגישן יאָך, אַ קאַמף פאַר זעלבסט־באַפרייאונג.

אָבער ביי אונדז, ווי אַזוי האָבן מיר געקענט פירן א קאַמף קעגן דער אידישער אמונה, קעגן דער אידישער תורה, וועלכע האָבן אונדז געשטאַלטעט, געפורעמט און אויפגעהאַלטן אלס א נאַציע? דעם דאָזיקן קאַמף האָבן מיר געפירט אויס בלינדער אימיטאַציע, וועלכע גיט זיך ניט אָפּ קיין דין

וחשבון אין אירע טואונגען. מיר האָבן נאָכגעטאָן די איראָפּעאישע פּעל־קער. וויבאלד זיי האָבן גייסטיק געקעמפּט קעגן אונדז, האָבן מיר, ניט פאנאנדערקלייבנדיק זיך, זיי נאָכמאַלפּענדיק, אויך געקעמפט קעגן זיך אליין. נאָר בשעת ביי זיי איז דאָס געווען א קאמף פאר זייער באפרייאונג, איז עס ביי אונדז געווען אַ קאַמף פאר זעלבסט־פארניכטונג, זעלבסט־אומ־ברענגונג. (זע די קאַפּיטלעך וועגן רענעסאנס און טראַגעדיע פון קריסטנ־טום).

אַריבערגייענדיק פון כלל „אידישקייט" צום פּרט פון דער אידישער שול, פרעגט זיך, ווי אזוי זיינען מיר אימשטאנד צו געבן אונדזער אויפ־וואקסנדיקן דור אַ אידישע דערציאונג און זיך מאַכן ניט זעענדיק, ניט וויסנדיק פון דעם גרעסטן אויפּטו פון דער אידישער געניאַליטעט, וועלכע ליגט אויפן געביט פון אידישער עטיק, וועלכע איז כמעט אידענטיש מיט אידישער אמונה?!

סיידן די אויבן־ציטירטע מחברים, וועלכע, אין איין קול, זאָגן זיך אָפּ פון דער „אידישער רעליגיע" אין דער דערציערישער טעטיקייט, מיינען דאָס פאַרוואַרפן ניט פון דער אידישער אמונה בכלל, נאָר דאָס פארבראקירן די קאָנסערוואטיווע עלעמענטן, דעם איבערגעברענטן שטאָף און אויסשעפּ־גאז, דעם אַש און רויך, און ניט דעם אייביקן פייער און פלאַם, דעם נר־תמיד, פון דער אידישער אמונה און תורה. און, כמעט, אַז בלויז דאָס מיינען אייניקע פון זיי, איז לייכט צו זען פון דעם קאָנטעקסט. אָבער אויב אזוי, דארף דאָך עס געזאָגט ווערן בפה מלא, אויף אַן אויסגעשפּראָכענעם אַרטיקולירטן שטייגער. בנוגע אזא פּראַ־גע מוז מען ארויסקומען מיט קלאָרע דיבורים און דעקלאַרירן, אז מיר שטייען פאַר אַן עוואָלוציאָנערער אידישקייט, פאַר אַן עטישער אידעאַ־ליסטישער אויפפאסונג פון אידנטום.

און פון אַזאַ קלאָרער התוך־הדבור'דיקער דעקלאַראַציע וואָלטן די ראַדיקאַל־אידישע שולן אומגעהייער פיל געוואונען. ווייל דעמאָלט וואָלטן זיי באַהויכט געוואָרן מיטן גאנצן אידישקייט פאַטאָס און וואָלטן באַ־האַנדלט געוואָרן פון די אידישע עלטערן און שול־עסקנים מיט דער אי־דישער דבקות און התלהבות, וועלכע זיינען געשאָנקען געוואָרן אונדזערע פריערדיקע לערן־אנשטאלטן אין דעם לאנגן משך פון אונדזער גלות־עקזיסטענץ. דעמאָלט, אונטער אזא באלויכטונג, וואָלטן די ראדיקאל אי־דישע שולן ווערן ראדיקאל־אידישקייט־שולן, און אויפהערן צו זיין פרעמד און ניי. זיי וואָלטן זיך אריינפלעכטן, ווי א צוגעקומענער רינגעלע, אין דער לאנגער קייט פון דעם אידישן עדוקאטיוון וועזן.

אָבער — —

אונדזערע שולן, חדרים, תלמוד־תורה׳ס און ישיבות האָבן זיך אלע־מאָל געטוליעט און געוואַרעמט אַרום דער שול, אַרום דעם בית־המדרש אלס דעם צענטער פון אידיש־גייסטיקן לעבן. פאַלגלעך בכדי די היינטי־קע ראַדיקאַל־אידישע שולן, בלשון רבים, זאָלן האָבן אויף וואָס זיך אָנצולענען, מוז, אלס פאַרבאַדינג, דער אלטער בית המדרש און די אלטע שול, בלשון יחיד, באַנייט, ראַדיקאַליזירט ווערן.

(צוקונפט, 1937).

6.

יום טובים

די פראַגע מכוח אונדזערע ימים־טובים, זייער אונטערגאַנג אָדער אי־בערגעבורט, שטייט אויף דער טאָג־אָרדנונג פון אידישן ראַדיקאַליזם פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר און עס זעט ניט אויס, אַז מ׳זאָל זי באַלד קענען אַראָפּנעמען פון דעם געהויבענעם פלאַץ. אויף יעדער שול־קאָנפערענץ הויבט מען אויף די פראַגע צי מען זאָל פייערן די אידישע ימים־טובים מיט די קינדער אין די ראַדיקאַלע שולן, און אויב יאָ, ווי אַזוי זאָל עס געטאָן ווערן. ווי זאָל מען די ימים־טובים מאָטיווירן אַזוי, אַז זיי זאָלן ניט פאַרלעצן דעם ראַדיקאַלן געפיל, ניט אריינברענגען א פרעמדן און שעדלעכן עלעמענט אין דער שול־פּראָגראַם און דערציאונג־קאָנסטיטוציע, און ניט „פאַרשוועכן" דעם נאָמען פון פראָלעטאַרישקייט.

מ׳קען אפילו זאָגן, אַז אויף יעדער אידישיסטישער קולטור־קאָנפע־רענץ, וואָס ווערט אָפּגעהאַלטן לעצטנס, איז די פראַגע עפּעס אַ מין „רואה ואינו־נראה", זי איז אָנוועזנד ערגעץ אין הינטערגרונט, זי שטייט אין באַ־וואוסטזיין פון יעדן דעלעגאַט, הגם גאַנץ אָפט שעמט ער זיך עס אויסצו־זאָגן.

און ניט דוקא אויף געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן פיגורירט די פראַגע, זי געפינט זיך אין יעדן הויז פון אידישן ראַדיקאַל אויף וויפיל ער איז ניט קיין אויסגעשפּראָכענער אַסימילאַנט. ער ווייסט ניט ווי זיך נוהג־צו־זיין ביי זיך אין שטוב, איבערהויפּט ווען עס זיינען דאָ קינ־דער, וועלכע געפינען זיך אין אַ פאַרמירונגס־עלטער. די שטוב־אַטמאָס־פערע, דער אידישער פיר אין הויז האָט אַן ערשט־באַדייטנדיקע ווירקונג אויף דער אויסקריסטאַליזירונג פון אידישן כאַראַקטער, אויף דער אָרומ־צייכנונג פון אידישן פרצוף ביי דעם אויפוואַקסנדיקן דור. און יום־טוב האַלטן איז אַ חשובער באַשטאַנדטייל פון אָט־דער אַטמאָספערע.

מיר וועלן זיך באַמיען צו פאַרשטיין דעם ענין יום־טוב בכלל.

.1

עס איז קלאָר: ווען אַן אינסטיטוציע ווערט קאָנסערווירט, ד. ה. אויפ־געהאַלטן „אַזוי ווי זי שטייט און גייט", דעמאָלט איז ניטאָ וואָס זיך צו חקירה'ן מכוח איר געשטאַלטונג און פונקציאָנירונג. זי גייט אַן מיט איר אַרבעט אויף דעם אַלטן אויסגעפּרובירטן שטייגער. און וואָס איז אַזוי שטאַרק ווי א מנהג, ווי א הרגל!

דאַקעגן ווען אַן אינסטיטוציע ווערט אינגאַנצן אָפּגעוואָרפן, „אַוועק־געשיקט אין דעמיסיע", איז, ווידער, ניטאָ וואָס זיך צו ברעכן דעם קאָפּ, זיך גריבלען, זיך פּלפּול'ען מכוח אירע אויפגאַבן און ראָלע, וועלכע זי האָט געשפּילט אין לעבן. זי איז געווען, מ'דאַרף זי ניט מער, און אַ סוף, אַן עק.

די שוועריקייט הויבט זיך ערשט אָן דעמאָלט, ווען די אינסטיטוציע דאַרף ווערן איבערגעשטאַלטעט, דאַרף אָננעמען א נייעם פּאַסאָן, דאַרף ווערן רעפאָרמירט אָדער רעוואָלוציאָניזירט. דעמאָלט פאָדערט זיך מוח־אַרבעט אום צו וויסן גענוי וואָס און ווי אַזוי די רעפאָרם אָדער רעוואָ־לוציע דאַרף געמאַכט ווערן. מ'מוז דעם אַנשטאַלט אויספאָרשן אין זיין היסטאָרישער לענג, און אמאָל אויך אין פּרעהיסטאָרישער טיף. מ'דאַרף אונטערזוכן זיינע וואָרצלען, באַאָבאַכטן און באשרייבן זיין אָפּשטאַם, אויס־וואוקס, וואוקס און, דערנאָך, זיין איינגעשרומפּן ווערן, זיין וועלקן.

אַן אינסטיטוציע איז, להבדיל, ווי א מענטש. ווען ער איז פולקום געזונט, האָט דער מעדיקער מיט אים ניט וואָס צו טאָן. ווען ער איז טויט, איז ער, ווייטער, חוץ דעם אַקט פון פּאַלמעסן, ניט דער אונטער־זוכונגס־אָביעקט פון דעם רופא. דעמאָלט איז זיך מתעסק מיט אים דער קברן, ניט דער דאָקטאָר. ווען מ'דאַרף אים אָבער קורירן אָדער אָפּערירן, דעמאָלט מוז מען וויסן מער אָדער ווייניקער גענוי „וואו האַלט עס מיט אים", וואו שטעקט די קראַנקהייט, וואו דאַרף מען זוכן די רפואה, אָדער וואָס דאַרף מען אויסשניידן און וואָס איבערלאָזן, וואָס דאַרף באַזייטיקט ווערן און וואָס דאַרף ניט אָנגערירט ווערן, בכדי דער אָרגאַניזם זאָל קענען אויף ווייטערע לאַנגע יאָרן נאָרמאַל פונקציאָנירן.

ביידע עקסטרעמען, סיי אויסגעשפּראָכענער קאָנסערוואַטיזם און סיי הונדערט־פּראָצענטיקער ניהיליזם, פאָדערן ניט קיין טיפע דעטאַליזירטע פאָרשונגס־אַרבעט. און דערפאַר זיינען זיי טאַקע אָט־די צוויי עקסטרע־מען די ליניעס פון קלענערן ווידערשטאַנד און, ממילא, פון קלענערן אָנשטרענג — אָדער פון גאָר קיין אָנשטרענג — אויף וועלכן די פּויליאַ־קעס פון דער מענטשהייט לאָזן זיך אַזוי גערן גיין. דער באַסאָוער, פּול־

ברוסטיקער גלויביקער „יאָ״, ווי דער קוויטשענדיקער, היסטערישער אפּיקורסישער „ניין״, דער דאָגמאַטישער פּאָזיטיוויזם, ווי דער דאָגמאַטישער נעגאַטיוויזם, זיינען די גן־עדן׳ס פאַר די געדאַנק־פוילענצער פון אַלע דורות און אַלע פעלקער, פון די וואָס ווילן ניט טראַכטן, זיך אַרייַנטראַכטן, זוכן און אונטערזוכן, געפינען און אויסגעפינען.

צו דעם געזאָגטן דאַרף מען צוגעבן אָט וואָס: פּולמאָסיקער ניהיליזם אַלס אַזעלכער איז קיינמאָל ניט געווען אָפּעראַטיוו, און איז פון קיין בר־דעת, פון קיין דענקער קיינמאָל ניט געפּריידיקט געוואָרן. קאָנסעקווענטער ניהיליזם, אויסגעהאַלטענע גאָרנישטיקייט („ניטשעוואָטשעסטוואָ״ ווי מ׳פלעגט עס רופן אין רוסלאַנד), איז בלויז אַ פראַזע, אַ פוסטער מיינלאָזער אויסגעשריי, און האָט קיינמאָל ניט געדינט אַלס פילאָזאָפישער באַזיס פאַר א פּראָגראַם פון אקציע.

און אויב וואָס מיר זאָגן איז אמת בנוגע דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער סטרוקטור פון דער געזעלשאַפט, איז עס נאָך מער ריכטיק בנוגע איר אידעאָלאָגישן איינשטעל און אַ פשיטא שוין וואָס איז שייך די לעבנס־שטייגערס, די איינגעפונדעוועטע פאָלקס־הרגלים, דעם איינגעשטעלטן אויפפיר. אונטער קיינע אומשטענדן האָט מען די לעצטע ניט „פאַרניכטעט״, אָדער זיך פאַרמאָסטן זיי אויסצורייסן מיטן וואָרצל. מ׳האָט זיי בלויז אַרומגעפּוצט, אַרומגעשוירן, מאָדערניזירט. הגם, בשעת טוענדיק עס האָט מען גאַנץ אָפט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז מ׳גייט מאַכן פון זיי אַ תל, זיי עוקר־מן־השורש־זיין.

אָט וואָס פּרודאָן שרייבט מכוח דעם ענין: „מיר באַגריסן זיך, מיט אויסערגעוויינלעכן ענטוזיאַזם, מיט דער גלאָררייכער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1789, די גרויסע ענדערונגען, וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרן, די איבערקערעניש פון די אינסטיטוציעס: אַן אויסדוכט, אַן אָפּדוכט!... אָט־אַזוי אין יאָר 1789 איז פאָרגעקומען אַ קאַמף און פּראָגרעס; קיין רעוואָלוציע איז ניט פאָרגעקומען. אַן אונטערזוכונג באַווייזט עס... און אַזוי אַרום האָט דאָס פאָלק אויסגעפונען, אַז די רעפּובליק, צווישן די אַזוי־אָנגערופענע נייע איינאָרדנונגען, האָט געהאַנדלט אויפן סמך פון די זעלביקע פּרינציפּן, קעגן וועלכע זי האָט פאַרדעם געקעמפט, און זי איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון אַלע די־יעניקע פאָראורטיילן, וועלכע זי האָט געהאַט בדעה צו צעשטערן. [1]

„זיי האָבן זיך אויפגעפירט פּונקט ווי זייערע אַמביציעזע פאָרעלטערן פאַר זיי... זיי האָבן נאָכגעפאָלגט פּרעצעדענטן און ביישפּילן מיט

---

1) P. J. Proudhon, ”What Is Property?“, p. 32.

דער פּינקטלעכער עקזאַקטקייט פון אַן אַדוואָקאַט. אויף אַ האָר זיינען זיי ניט אָפּגעטראָטן פון דער אויטענטישער פאָרמולע פון טיראַניי און אוזור־פּאַציע. 2)

„די רעוואָלוציע איז פאַרלוירן", האָט געזאָגט פּלעכאַנאָוו צו אַ פריינט נאָך אין פרילינג פון 1917, „רוסלאַנד מוז גיין צוריק צום רעזשים פון זשאַנדאַרם; נייך, צום רעזשים פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, צו דעם זשאַנ־דאַרם מיטן טאָפּלטן קנוט. 3)

אין דער דאָזיקער הינזיכט איז גאָר אַ קליינע נפקא־מינה צי די רע־וואָלוציע איז פאַרלוירן צי זי טריאומפירט, דאָס לעבן ציט זיך סאַי־ווי־סאַי צוריק. רעוואָלוציעס זיינען ניט אַזוי „רעוואָלוציאָנעריש" ווי מיר רעוואָלוציאָנערן וואָלטן ווע‌לן זיי זאָלן זיין. לאַנד־שטייגערס, פאָלקס־הנהגות, לעבנס־פאָרמען ענדערן זיך ניט אויף אַ פונדאַמענטאלן אופן אין אַ „רגע כמימרא", אפילו דעמאָלט, ווען די „רגע" איז דער שטורם־מאָ־מענט פון אַ דערפאָלגרייכער איבערקערעניש, און די „מימרא" איז דער דונער־ברום „נידער"! (דאָלאָי!).

אַלץ וואָס מיר קענען באַווייזן מיט אונדזער גאַנצן רעוואָלוציאָנערן אָנשטרענג איז איבערפורעמען, איבערמאָדעלירן געוויסע אינסטיטוציעס. אויך דעמאָלט, ווען גאַנצע ציוויליזאַציעס ברעכן איין, ווערן די איינגע־פונדעוועטע אָנשטאַלטן ניט אינגאַנצן אָפּגעשאַפט. מ'רעפאָרמירט זיי, דאָס איז אַלץ. זיי בלייבן, צו געברויכן אַ פאָלקס־שפּרוך, „די זעלביקע יענטעס נאָר אַנדערש געשלייערט".

אָט וואָס דער סינדיקאַליסטישער טעאָרעטיקער, און, בשעתו, פלאַם־פייער שפּייענדיקער רעוואָלוציאָנער, דזשאָרדזש סאָרעל זאָגט מכוח דעם ענין:

„די באַרבאַרן האָבן ניט עטאַבלירט אַ נייעם געזעלשאַפטלעכן איינ־שטעל... כמעט אומעטום האָבן זיי פּשוט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון די פריערדיקע פּריצים, געפירט דעם אייגענעם אַרט לעבן און זיי זיינען צע־פרעסן געוואָרן פון דער אורבאַנישער ציוויליזאַציע. אין פראַנקרייך האָט מען באַזונדערס געענוי אויסגעפאָרשט דעם מעראָווינגען־קעניגטום; פוס־טעל־דע־קולאַנדזש האָט געניצט זיין גאַנצע ערודיציע אין וואַרפן ליכט אויף דעם קאָנסערוואַטיוון כאַראַקטער, וועלכן אָט־דאָס קעניגטום האָט גע־

---

2) Edmund Burke, "Reflections on the Revolution in France, 1790", Works, Vol. I, p. 529, New York, 1860.

3) John Pollock, "The Bolshevik Adventure", pp. 152-53.

טראַגן; דער קאָנסערוואַטיזם שיינט אים צו זיין אַזוי אויסגעשפּראָכן, אַז ער האָט באַהויפּטעט אַז, באמת, איז דאָ גאָר קיין ווירקלעכע רעוואָלוציע ניט פאָרגעקומען, און ער שילדערט די גאַנצע געשיכטע פון דער שפּעטערדיקער מיטלאַלטער־צייט אַלס אַ באַוועגונג, וועלכע האָט פאָרגעזעצט די באַוועגונג פון דער רוימישער אימפּעריע מיט אַ לייכטער פאַרשנעלערונג״. 4)

„די מעראָווינגישע רעגירונג״, זאָגט פוסטעל־דע־קולאַנדזש, „איז מער ווי דריי־פערטל אַ המשך פון דאָס, וואָס די רוימישע אימפּעריע האָט איינגעפירט״. 5)

און אויב דאָס איז ריכטיק בנוגע מלוכה־אַנשטאַלטן, אפשיטא שוין וואָס איז שייך אַזעלכע גרייז־גרויע איינפירונגען ווי ימים־טובים זיינען, וועלכע זיינען עלטער פון דער רעקאָרדירטער געשיכטע און האָבן זייערע וואָרצלען טיף אַריינגעגראָבן אין דעם אונטער־באָדן פון פרע־היסטאָריע. זיי זיינען אומפאַרניכטבאַר. מ׳קען זיי בלויז איבערדעקאָרירן, געבן זיי אַ נייעם וועניר, אָבער בשום אופן ניט אַרונטעררייסן, ווי „פאַרדאַמטע בנינים״.

.2

בכדי מיר זאָלן זיך קענען בעסער פאַנאַנדערקלייבן אין דעם עצם־ענין פון די ימים־טובים, דאַרפן מיר פאַרשטיין די צוועקן, וועלכע זיי האָבן פאַרפאָלגט אין זייער קדמונים׳דיקן אורשפּרונג.

סאָציאַלע אַנשטאַלטן ווערן אַלע מאָל ארויסגערופן צום לעבן ניט פון איין סיבה אָדער באַדערפעניש, נאָר פון א גאנצן בינטל, אזוי פארזיכערט אונדז ספּענסער, און קיינער קריגט אויף אים ניט אין דעם פּרט. און די תכליתים, וועלכע זיי שטעלן זיך, געפינען זיך אויך אלע מאָל אין מער־צאָל.

נאַטירלעך איז עס אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע צוועקן, וועלכע די ימים־טובים אינסטיטוציע האָט זיך געשטעלט. מיר וועלן בלויז אָנווייזן אויף צוויי אַזעלכע תכליתים, וועלכע זיינען פון באַזונדערער חשיבות, לויט אונדזער פאַרשטיין נאָך.

דער מענטש איז אזוי קאָנסטיטואירט, אז ער האָט בטבע פיינט מאָנאָטאָנישקייט, שטרענגע רעגולאַריטעט. אַ מענטשן ווערט דערווידער צו

4) George Sorel, ”Reflections on Violence”, p. 97.

5) Fustel de Coulange, ”La Monarchie Franque”, p. 650.

טאָן אַלע מאָל דאָס אייגענע, אָן אונטערברעך. די רוימער האָבן געהאַט אַ ווערטל „די מוזעס האָבן האָלט ענדערונגען". ניט נאָר די מוזעס און ניט נאָר די דיכטער, אויך דער פשוט׳סטער בשר ודם האָט גערן אַ נאָ־ווינע, עפּעס אַ חידוש, אַ שינוי, אַן אַנדערשדיקייט.

דער צייט־פאַרלויף, אפילו אין זיין כלומר׳שט קאָנקרעטן פלוס פון טעג און נעכט מיט זייערע געשעענישן, איז ס׳רוב אזוי איינאַרטיק, אייג־ליניק, אַז עס נעמט פון אים איבלען. דער מענטש ווערט געבוירן און בלייבט „וואוינען" דורך זיין גאַנצן לעבן אין דער „ליימענער הייזקע", וועלכע הייסט זיין קערפּער. אפילו זיין געשלעכט קען ער ניט ענדערן. וויל ער כאָטש בייטן זיינע מלבושים, זיינע אַנטועכצן; אויב ער קען ניט טוישן זיין פּערזענלעכקייט, וויל ער כאָטש ענדערן די „דראַמע־פּערזאָן" פון זיין לעבן־שפּיל. דאָס הייסט, ער וויל זיך פאַרשטעלן, ער וויל אויפ־פירן, דראַמאַטיזירן זיין הנהגה. ער וויל זיך פארמאסקירן פון צייט צו צייט, ווערן אַ שוישפּילער אויף דער לעבנס־בינע. ער וויל אַרויס פון דאָס אַלטעגלעכע, אַראָפּוואַרפן דעם אומדערטרעגלעכן יאָך פון דאָס כסדר׳דיקע לויפן אויף דעם איינגעטראָטענעם שליאַך פון אויפפיר.

מיט דער אַבזיכט האָבן מענטשן איינגעאָרדנט קאַרנאַוואַלן, הור־ליאַנקעס, צייטנווייז אפילו ווילדע אָרגיעס. דער „ושמחת בחגך", דו וועסט זיך פריילעך מאכן אין דיין יום־טוב, איז ניט גלאַט אזוי זיך אַן אָנזאָג. דאָס איז די זעל, וועלכע באַלעבט דעם יום־טוב. זיך משמח־זיין איז איינע פון די הויפּט אויפגאַבעס פון יום־טוב האַלטונג.

און וואָס מער און מער דער לעבן ווערט סטאַטיש און „סטאַטעטש־נע", ווי אַ שטייאיקער וואַסער, וואָס מער ער ווערט רוטיניזירט, שאַבלאָניזירט, מעשה קלישע און סטערעאָטיפּ, אַלץ אַ שטאַרקערע באַ־דערפעניש פילט זיך אין א יום־טוב פייערונג, אין א יום־טוב שטימונג פון געהויבנקייט. די פרימיטיווע שבטים, וועלכע פלעגן אַרומוואַנדערן, ווי נאָמאדן, מיט זייערע טשערעדעס, פון פלאַץ צו פלאַץ, האָבן זיך ווייני־קער געגויטיקט אין דעם אַטעם־אַפּכאַפּ, וועלכן אַ יום־טוב גיט אונדז. זייער אומגעבונג האָט זיך געענדערט שנעלער איידער אונדזער אומ־געבונג, כאָטש דער טעמפּאָ פון זייער לעבן איז געווען אַ סך אַ פּאַמעלעכערער ווי דער אונדזעריקער. עס איז פשוט, זיי האָבן דאָך אַרומגערייזט און געביטן די פּוינע און פלאָרע, געגאַנגען פון פלאַך צו דער געבירגיקער געגנט, פון לאַנד צום טייך, פון געמייזעכץ צום וואלד א. אַ. וו.

מיר, ציוויליזירטע, זיינען דאָך ווי צוגעשמידט צו אונדזערע וואוינ־פּלעצער, וואוינגעגנטן. מיר דערמאָנען כמעט פלאַנצונגען, וועלכע רירן זיך ניט פון אָרט, און קענען זיך בלויז שאָקלען אויף זייער שטאַם. און,

מהאי טעמא, נויטיקן מיר זיך אין ימים־טובים פיל מער ווי די פאַרצייי־טיקע פרימיטיווע מענטשן. אונדז דריקט, שטיקט די איינגעשטעלטקייט, די איינאַרטיקע פונקציאָנירונג פון די סאָציאַלע אינסטיטוציעס מיט זייערע מעשים־בכל־יום. און דער גרעסטער טייל פון אונדזערע גייסט־קראַנקהייטן, מיט וועלכע די אורבאַנישע ציוויליזאַציע האָט אונדז אַזוי רייך באַשאָנקען, דאַרף געשטעלט ווערן אויפן חשבון ניט פון די גע־שלעכט־אינהיביציעס און אינערלעכע דעפּרעסיעס, וועלכע דער הייני־טיקער מענטש פּראַקטיצירט, ווי פרויד וויל האָבן, נאָר גיכער אויפן קרע־דיט פון דעם שווידערלעכן, דעם געזונט־צעטרייסלענדיקן מאָנאָטאָן און מאָנאָפאָן פון אונדזער אָרגאַניזירטן ציבור־לעבן.

אָבער די אונטערברעכונג פון מאָנאָטאָנישקייט איז ניט די פונ־דאַמענטאַלע באַשטרעבונג פון יום־טוב פייערונג. עפּעס טיפערס און וויכ־טיקערעס איז מען אויסן געווען מיט דער ימים־טובים־איינפירונג און האַלטונג.

זינט דעם אויפטויך פון דעם זעלבסט־באַוואוסטזיין פון איינצעלנעם איז א ווידערשפרוך אַרייַנגעפלאָכטן געוואָרן אין אַלע געוועבן פון מענטש־לעכן צוזאַמענלעבן. אַ גרונטאָווע סתירה צעעסט די געזעלשאַפט און דאָס איז דער אייגנאַרטיקער אַנטאַגאָניזם, וועלכער לאָזט זיך פילן צווישן יחיד און רבים, צווישן איינצעלנעם און זיין געמיינדע, זיין קאָלעקטיוו.

דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַ קעגנזאַץ, וועלכן ניט מיר קענען און ניט מיר ווילן אינגאַנצן באַזייטיקן. דער יחיד דאַרף בלייבן יחיד, אינדיווידו, פּערזענלעכקייט, אויטאָנאָמיש, ביז אַ געוויסן גראַד, אין זיין פילן, שפּירן, דענקען, אורטיילן. און דער רבים, דער סאָציאַלער אַגרעגאַט מוז אויך פונקציאָנירן, זיך־באַהויפּטן אַלס עפּעס גאַנצעס. און ביידע, סיי דער אינ־דיוויד און סיי די געזעלשאַפט, זיינען ממשותדיקע רעאַליטעטן. זיי שטויסן זיך צוזאַמען און זיי מאַכן שלום צווישן זיך בכדי כסדר זיך צו האַלטן אין איין אַמפּערן זיך און פרידן זיך שליסן. ווייל אָט־די סתירה און אָט־דער צו־זאַמענשטויס איז מער ווי דער געווירץ פון לעבן, דאָס איז די סאַמע שפּייז, די סאַמע נערונג פון דעם לעבנס־פּראָצעס.

די יחידים פירן, אַזוי צו זאָגן, אַ קאַמף פאַר זייער אומאָפּהענגי־קייט — מיר ריידן דאָ אין טערמינען פון פּסיכאָלאָגיע, ניט פּאָליטיק און עקאָנאָמיק.

זיי ווילן זיך אָפּשיידן פון ציבור, זיי ווילן ווערן אינגאַנצן זעלבסט־שטענדיק. אָבער דער קאָלעקטיוו פאַרטיידיקט זיך, ער נעמט אָן אַלע נויטיקע מיטלען אום אויפצובאַוואַרן זיין גאַנצקייט, זיין סאָציאַ־עגאָ, זיין המשכ׳דיקייט און זיין זעלביקייט, זיין אידענטיטעט, און בזה האופן קאָנ־

טערבאלאנסירן אלע פאַרזוכן פון דיווידערשפעניקע יחידים, וועלכע ווילן זיך, כלומרשט, ארויסרייסן פון קהל׳ס רשות און יוריסדיקציע. דער ציבור דערלאָזט בשום אופן ניט, אז די יחידים זאָלן צעברעכן זיין גאנצ־קייט, זיין צוזאַמענגעבונדנקייט. און מיט דעם צוועק טאָקע זייבען ימים־טובים, אויב ניט איינגעפירט געוואָרן, פארפונדעוועט, פארצווייגט און באארבעט געוואָרן.

וואָס איז דער הויפּט־תכלית פון אַ יום־טוב?

עס איז אַלעמאָל אַ ציבור־אונטערנעמונג. די יום־טוב פייערונג ברענגט צוזאַמען גרויסע מענגעס, אַ גרויסע צאָל, אויב ניט אלע מיט־גלידער, פון שבט, משפחה, קלאַן, גרופּע, אין איין פּלאַץ, אַזוי אַז זיי זאָלן זיך רעאליזירן אלס עפּעס גאנצעס אין רוים, ניט נאָר אין צייט. ווײַ־טער, זיי זאָלן אין אַ באַשטימטער צייט, טאָג, אָדער אָוונט, אָדער גאָר נאַכט, זיך אויפפירן „ווי איין מענטש״, דורכזעצן געוויסע אַקציעס, דורכ־פירן דעפיניטיווע צערעמאָניעס, אַזוי אַז זיי זאָלן זיך אלע פילן און טאָקע פונקציאָנירן ווי גלידער פון איין אָרגאַניזם, ווי מיטגלידער פון אַ האַר־מאָניש אָפּערירנדיקער קערפּערשאַפט. דער זעלביקער שטייגער בנוגע שפּייז, קליידונג, קולט־מעשים פאַרקערפּערט אין געזאַנג, אין רעציטאַ־ציעס, אין תפילות, אין פאַרוויילונגען, אין טענץ, אין באַנקעטעווען, גיט זיי דעם איינדרוק פון איכהייט־אידענטיטעט און פאַרשאַפט זיי, די איינ־טיילנעמער, די גרויסע הנאה פון פילן זיך בחוש אַלס עפּעס גאַנצעס, איבער־אָרגאַנישעס.

אין דער דאָזיקער שפּירונג פון גאַנצקייט, אין אָט־דער דערגרייכונג פון צוזאַמענהאַלט פון אַלע איינצעלנע, ביז צו דער אָפּווישונג, אויף אַ קורצער צייט, פון אַלע מחיצה־ווענטלעך, ליגט דער אומבאַטריבטער מקור פון דער יום־טוב שמחה. און דאָס איז דער קוואַל פון עקזאַלטירטער שטי־מונג, פון דעם פּסיכאָלאָגישן, כמעט מיסטישן, תענוג, וואָס דער יום־טוב־צערעמאָניאַל פארשאפט. אמת, דער תענוג געפיל ווערט געשטייגערט דורך „מאַטעריעלע״ מיטלען, ווי עסן און טרינקען, אַמאָל קאַראַהאָדן און טענץ, קערפּערלעכע איבונגען. אָבער דער הויפּט־קוואַל פון דער גע־הויבענער לויטערער פרייד שפּרודלט אַרויס פון דער גאַנצקייט־פּער־צעפּציע.

אַן ענלעכן געפיל קען מען אַלעמאָל איבערלעבן, ווען מ׳באַטייליקט זיך אין אַ פּילקעפּיקער פאַרזאַמלונג, אין אַ מאַנסטער מאַסן־דעמאָנסטראַ־ציע, מ׳ווערט עפּעס ווי בארוישט פון דעם צוזאַמענזיין, מ׳ווערט ווי פאַר־שיכור׳ט פון צוזאַמענגעם, פון דער מאָדנער „באַהעפטונג״. דער פּולס

נעמט גאַלאָפּירן, דאָס האַרץ נעמט קלאַפּן שטאַרקער און שנעלער ווי געוויינטלעך.

דאָ האָבן מיר אויפגעוויזן דעם אורשפּרונג פון דער סאָציאַל־היסטאָרישער, אָדער סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער קאָלאָראַציע פון די ימים־טובים. אָבער ימים טובים אַלס אַן אינסטיטוציע זיינען אומגעהויער אַלט, עלטער פון דער געשיכטע און עלטער פון דער יחיד־און־רבים־שפּאַלטונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אין „סאָציאַלן אָרגאַניזם". ימים טובים ווערן כסדר געניצעוועט, איבערגעשניטן און איבערגעגנייט. איבערהויפּט ווערן געענדערט די ראַציאָנאַליזאַציעס זייערע. די אויסטייטשונגען זייערע, די טעמים און כוונות, וועלכע ווערן אין זיי אַריינגעלייגט, ווערן איבערגעפּאָרמולירט. זיי אַליין אַלס אַזעלכע, זייער קערפּער און נשמה, אַזוי צו זאָגן, אין קעגנזאַץ צו זייער לבוש, ענדערן זיך זייער ווייניק אין זייער עצם מהות. יעדער אַרויפבוי האַלט זיך אויף אַ פאַרדעמדיקן פונדאַמענט, וועלכער הערט ניט אויף צו עקזיסטירן פון דעם, וואָס די אויבן־שטיבל פּאַסט ניט אַנצודייטן אויף דער עקזיסטענץ פון יסוד, און זי מאַכט זיך כלא־ידע פון דער גאַנצער זאַך. זי מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זי איז דער אָנהויב פון גאַנצן בנין. דער פונדאַמענט, די באַזע האַלט זיך שטאַרק, פעסט אויף דעם פעלזנשטיין־דעק. די באַזע איז אַ קאָסמישע, און זי טראָגט עס אויף זיך די גאַנצע ריזיקע געביידע מיט אַלע אירע אַרויפבויאונגען.

דער מענטש איז דאָך לכתחילה געווען אַן אומאָפּגעטיילטער חלק פון דעם גאַנצן קאָסמאָס באַשטאַנד. מיט זיין לעבנס־אינסטינקט, מיט זיין באַהויפּטן זיך אַלס אַ „נפש חיה", אַלס עפּעס ספּעציפישעס, וואָס האָט דעם דרייסט זיך, עפּעס ווי, אַנטקעגן שטעלן דער וועלט, האָט ער זיך, אויף־צופלייסן, אָפּגעריסן פון דער וועלט. ער איז געוואָרן אַ צענטער פון פילן און וועלן און פאַרשטיין. אָבער אָט־די אָפּגעזונדערטקייט איז מער פוסטע גאווה און באַרימערישע איינרעדעניש ווי אמת'ע דערגרייכונג. דער מענטש איז אויסגעבונדן און אויסגעקניפּט מיט דער וועלט, אַן וועלכער ער קען אַזוי ווייניק עקזיסטירן ווי אַ זויג־קינד אָן דער מוטערס ברוסט. און, באמת, טוט אים באַנג, עס פאַרדריסט אים, וואָס ער האָט זיך אָפּגעריסן, אָפּגעשיידט, און ער ווייטיקט מיט הרטה־יסורים און ער בלוטיקט מיט תשובה־צעבראָכנקייט, און ער אייטערט מיט אַלע זיינע געפיל־און שכל־וואונדן, און אים ווילט זיך גאַנץ מאַכן דעם ריס, אויסקויפן זיין „זינד", זיך צוריקבאַהעפטן מיט דער וועלט, זיך איבעראַנייס אידענטיפיצירן מיטן גאַנצן באַשטאַנד און באַשאַף, צוריק צופאַלן צו דעם בוזים פון קאָסמאָס, צו דער ברוסט, וואָס נערט דאָס דאַזיין, צום

שדי.. און מיט דעם אָריגינעלן צוועק זיינען די ימים טובים אַנטשטאַנען.

דער מענטש וויל זיך פילן היימיש און איבערגעבעטן מיטן גאַנצן אוניוווערס, מיטן גאַנצן סדר־העולם. ער וויל ניט זיין קיין סעפּאַראַטיסט, א פורש־מן־הציבור, אין קאָסמישן פּשט פון וואָרט „ציבור”. ער פרייט זיך אויף די שמחות פון דער וועלט און ער טרויערט מיט אירע טרויע־רונגען און אומעט מיט אירע אומעטן. מיט איין וואָרט, ער וויל ניט „אפשטיין פון דעם עולם”, פון דער וועלט, וואו ער וויל און מוז זיין א ןך־בית...

ימים טובים נעמען ניט זייער אויסגאַנגס־פּונקט אין פּאַסטאָראַלן לעבן אָדער אין ערד־אַרבעט. די פּאַסטאָראַלע און אגריקולטורעלע אויס־טייטשונגען און מאָדיפיקאַציעס, באצירונגען, באַפּוצונגען, זיינען צוגע־קומען שפּעטער. גאָר פון אָנפאַנג פייערט דער מענטש זיין יום־טוב, ווי די יימער טוען עס, אויספּוצנדיק זיך לכבוד יום־טוב מיט זייער גרינס און פרישן געבלעטער, ווי די וואַסערן טוען עס מיט זייערע נאַטירלעכע ־עאַקציס צו די ענדערונגען, וועלכע קומען פאָר אַרום זיי, אין דער וועלט, און, ממילא, אויך אין זיי.

פון דעם געזאָגטן איז קלאָר, אז ימים טובים, אלס אזעלכע, זיינען פון קדמונים איינגעפונדעוועטע אַנשטאַלטן און וועגן זייער דורכפאַל אָדער אויסגעבורט קען גאָר קיין רייד ניט זיין. פאַרקערט, וואָס ווייטער אַלץ מער פאַרצווייגן זיי זיך, אַלץ מער ארויפבויאונגען נעמען זיי אָן. די וואָ־בעדיקייט קען זיי אויף קיין פאַל ניט בייקומען.

ציוויליזאַציעס מעגן אונטערגיין און אויפקומען. ימים טובים בלייבן אומבאַרירט כמעט.

7.

צוויי דורות אָדער צוויי פעלקער...

אין אונדזערע רייען ציילן מיר זייער ווייניק יונגע לייט — אויף דעם קלאָגט זיך יעדער איד, ניט נאָר דער נביא, דער פּאַראַויסזעער פון דער אידישקייט און אידנשאַפט־מערכה.

און דאָס איז אַ ביטערער פאַקט, וואָס קיין צוקער קען אים ניט פאַר־זיסן.

די יוגנט איז ניט מיט אונדז, שטייט פון דער ווייטנס פון אונדזערע שטרעבונגען.

און אונדזערע האָפענונגען און פאַרלאַנגען זיינען ניט אירע האָפע־נונגען.

און מיר אליין ווערן עלטער פון יאָר צו יאָר — עלטער, איינגע־שרומפּטער און שוואַכער.

בוימער וואַקסן אַרויף און אַראָפּ, אָבער מענטשן — נאָר אַרויף, וואָס ווייטער, אַלץ מער אין די יאָרן.

אין ספּאַרטאַ פלעגט מען פאַר איין יונגן מאַן צוויי אַלטע לייט אוועק־געבן, ווען זיי פלעגן אויסבייטן זייערע געפאַנגענע.

איך גלויב ניט, אַז מיר, אַלטוואַרג, זיינען טייערער געוואָרן.

איך האָב כמעט מורא, אַז נאָך וואָלוועלער געוואָרן. אונדזער קורס אויף דער געשיכטע־בירזשע פאַלט...

און וואָס טוט מען?

איר קענט ניט בויען קיין באַוועגונג אויף צו אַלטע יסודות, ווייל אַל־טע פונדאַמענטן וועלן צעפאַלן ווערן, די אַלטע וועלן אָפּשטאַרבן — און וואָס וועט ווערן מיט דער באַוועגונג?

אַ באַוועגונג מוז קוקן פאָראויס, צו דער צוקונפט — די צוקונפט, די נאָענטע, באַלאַנגט צום צווייטן דור.

און וואו איז ער, דער אָנוואַקסנדיקער דור? אין וועלכע פעלדער „ווײדעט" ער זיך און קריגט זיין גייסטיקע נאַרונג?

ניט אין אונדזערע. אין וועלכע זשע?

אַנדערע ווייזן אָן מיט די פינגער אויף די קינדער פון די אַלטע פירער, וואָרט־זאָגער. אין אָנוויז ליגט אַן אויפוואַרף: איר האָט זיי שלעכט דערצויגן.

ניט דאָס מיין איך, ניט פון דעם שטאַנדפּונקט משפט איך.

דערציאונג, קינדער־דערציאונג, דאָס איז גאָר אַ באַזונדער ענין.

און מיר ווייסן, אַז אפילו גרויסע פּעדאַגאָגן קענען ניט דערציִען זייערע אייגענע קינדער, און די לעצטע גייען ניט אין די וועגן פון זייערע גרויסע טאַטעס.

רוסאָ, אַ פּעדאַגאָג אַ קלאַסיק, האָט אָנגעשריבן אַן אומשטערבלעך ווערק מיטן נאָמען „עמיל". האָט אָבער זיינע אייגענע קינדער קיינמאָל ניט דערצויגן.

טאָלסטאָי, אַ געניאַלער פּעדאַגאָג, און דוכט זיך, אַז קיין איין קינד זיינס איז ניט געראָטן גייסטיק אין אים.

מ'שטיינס געזאָגט, איין טאָכטער זיינע „פּראַוועט" אביסל טאָלסטאָוו־סטווע.

איך וואָלט געקענט אָנרופן נאָך אַ שלל גרויסע נעמען פון גרויסע מענטשן. אָבער צו וואָס?

טאָלסטאָי האָט אַ סך אָנהענגער און צווישן זיי אַ היפּש ביסל יונג־וואַרג, און זיין לערע וועט באַשטיין אָן זיינע לייב־קינדער. דער גייסט קריגט זיינע קינדער.

דאָס אייגענע רוסאָ. ער האָט געהאַט גענוג פאַרערער צווישן דער יוגנט, הגם זיינע קינדער זיינען ניט אריינגערעכנט געוואָרן.

ווען איך רייד דאָ וועגן צווייטן דור, מיין איך לגמרי ניט אָנצואווייזן, אַז פיל פון די אָנגעזעענע ראַדיקאַלן און אידן האָבן אונדז ניט מזכה געווען מיט זייערע זין און טעכטער. דאָס אינטערעסירט מיך ניט.

בכלל דאַרף אַ געזונטער, פרישער, יונגער, קרעפטיקער אידעאַל זיך פאַרנעמען מיט רעקרוטירן נאָכפאָלגער צווישן יונגן דור, צווישן דער יונגוואַרג.

און דער צוצי־כוח דאַרף ליגן אין אידעאַל, אין דער לערע, אין דער ריכטיקייט פון דער דאָקטרינע, און ניט אין אויטאָריטעט פון טאַטע־מאַמע. גאַנץ אָפט איז דער טאַטע דער חסרון. עס קומט אויס צו טראַדיציאָנעל. אַ לערע אפּעלירט צום פאַרשטאַנד, איז אַ לאָגישער ענין, און דער אָפּ־שטאַם האָט דאָ גאָרניט צו טאָן. עס איז ניט קיין פראַגע ווי דער טאַטע אָדער מאַמע האָבן געטראַכט, עס האַנדלט זיך וועגן בילדן איבערצייגונ־גען ביי דעם נייעם דור, זיך ניט רעכענענדיק מיט די אָנשויאונגען און איינזעאונגען פון אַלטן דור.

יאָ אין איינקלאַנג מיט זיי, ניט אין איינקלאַנג — ווען ארט עס.

אַ צוזאַמענשטויס פון דורות איז אַמאָל געזינטער איידער אַ פאַרשלאָ־פענער צוזאַמענלעב.

איידער אַ פאַרגעניצטער און פאַרנודיעטער „שלום־בית", איז בעסער

אמאָל א קריגעריי, א דורכלופטער פון די לונגען און אן אויסשלייף פון די ציינגער.

לערעס אויסגעוועפטע, וועלכע פארלירן זייער לאָגישע פארריסנקייט, נעמען זיך ארומקוקן ארום די אייגענע ד׳ אמות פון דער אייגענער גע־זינדל, ווערן אלטע באָבעס און הויבן אָן ניאַנטשען די אייגענע אייניקלעך.

יונגע לערעס זוכן קינדער אין פרעמדע הייזער, זוכן און געפינען. און נעמען זיי צו מיט רוחניות׳דיקער געוואלט ביי טאטע־מאמען, קלאס און נאציע, פירן זיי אוועק צו זיך און הייסן זיי דינען... און די יוגנט פאָלגט און אָפּערט אַלדאָס שיינע, ריינע טעמפּעראַמענטפולע, וואָס זיי פאַרמעגן.

קוואָקטשען, לייגן אייער, אויסזיצן הינדלעך — דאָס איז אַן ארבעט פאר הינער; אידעאַלן קומען, געפינען יונגע פייגעלעך מיט פליגלען און זיי פאררופן זיי צו זיך אויף די שפיצן פון די בערג.

בכלל דער צושטיין צו קליינע קינדער מעשה־קלעק, זיי ניט לאָזן צו־רו און מאכן פון זיי עפּעס, זיי קנעטן ווי טייג אָדער אָפּגיסן זיי אין פאר־טיקע פורעמס, איז אן עקלהאפטע שטיקל ארבעט.

און עס זאָגט עדות, אז עס איז ניטאָ קיין כוחות, קיין גלויבן, קיין איבערצייגטקייט, אז דער אידעאַל, די לערע, איז שטארק גענוג, זיי זאָלן קענען קריגן מענטשן מיט פארשטאנד. און דערפאר ווארפן זיי זיך ארויף מיט אזא אומב׳רחמנות׳דיקייט אויף די שוואכע, אומבאשיצטע, אומווער־זאמע קינדער.

דאָס איז דאָס גרעסטע פאַרברעכן, וואָס רעליגיע איז באַגאַנגען און באגייט.

סיי אידן, סיי קריסטן און סיי אנדערע רעליגיעזע פאנאטישע סעק־טעס זיינען אלע מל דאָס נייגעבוירן קינד, זיי שניידן עס אָפּ דעם פאר־שטאַנד. דאָס איז א נויטיקע אָפּעראַציע, ווייל זיי ווייסן, אז טאָמער לאָזן זיי אים אויסוואקסן מיט פארשטאנד, וועלן זיי אים קיינמאָל ניט קענען איינרעדן זייערע נארישקייטן און שטותים.

אין עוואנגעליום ווערט דערציילט, אז ווען קריסטוס איז געבוירן געוואָרן, האָט הורדוס, דער אידישער קעניג אויסגע׳הרג׳עט אלע קליינע קינדער. דאָס איז א סימבאָל, א היסטאָרישער פאַראויסזאָג און היסטאָ־רישער פאָראויסגעשריי — די קריסטן האָבן זיך כסדר פארנומען מיט איין אויס׳הרג׳ענען די קליינינטשקע קינדערלעך.

מ׳האלט אין איין מאכן: מ׳מאכט אידן, קריסטן, קאָמוניסטן, סאָציאַ־ליסטן און אנדערע ווילן אפילו „מאכן" אנארכיסטן.

ווען וועט קומען א סוף צו דער „מאכעניש" מיט דער גאנצער מאכע־רייקע?

איך האָב געזען אין רוסלאַנד טויזנטער אַזעלכע קינדער, זיי צאַפּלען זיך ווי הינער מיט אַראָפּגעדרייטע קעפּ. יונגע קינדער מיט פאַרשימלטע געהירן... און זיי שיטן ווערטער ווי ווערימדיקע אַרבעס. דאָס איז די גרעסטע רציחה און אומפאַרגעבלעכער פאַרברעכן, וואָס דאַרטן ווערט באַגאַנגען.

מ׳פאַרדרייט דעם קאָפּ אָדער מ׳דרייט אַראָפּ דעם קאָפּ אַ גאַנצן אויפקומענדיקן דור. מ׳ברענגט אים אום גייסטיק. מען מאַכט פון זיי פּאַפּוגייען... און זיי קייען די פראַזן, וואָס די עלטערע האָבן שוין לאַנג אַרויסגעשפּיגן.

פאַרוואָס טוען זיי עס? זיי טוען עס צוליב דעם זעלביקן טעם, וואָס אַלע פינצטערע סעקטאַנטן. זיי טרויען ניט, זיי קענען ניט טרויען דעם געזונטן ניט־פאַרפירטן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. און זיי פאַרלויפן אים דעם וועג, פאַרכאַפּן, נעמען געפאַנגען איידער עס איז נאָך דאָ כוח זיך צו ווערן.

און ווען איך רייד וועגן יונגן דור, מיין איך מכל־וכל ניט אָט־די אומשולדיקע קינדער. איך האַלט, אַז מ׳דאַרף זיך אָפּטשעפּען פון זיי. זיי לאָזן טראָגן די אייגענע קעפּ אויף די אייגענע פּלייצעס, זיי לאָזן קוקן אויף דער וועלט מיט די אייגענע אויגן. ניט פאַרבלענדן זיי און ניט אויסלעכערן.

וואָס איך האָב אין זינען, איז די יונגוואַרג, דעם אויפוואַקסנדיקן דור, וואָס קומט פאַרנעמען אונדזערע ערטער. זיי פאַרמאָגן אַ פאַרשטאַנד און פילן אַ באַדערפעניש פאַר אַ וועלט־ און געזעלשאַפט־אויפפאַסונג, און צו זיי דאַרפן מיר קומען ווי גלייכע צו גלייכע, און זיי אָנבאָטן אונדזערע גייסטיקע שעצער... אָדער אפשר אָנווייזן די ערטער אויפן קריגס־פעלד... זאָלן זיי זיך שטעלן און פאַרבייטן אונדז.

דאָ האַנדלט זיך וועגן פאַרשפּרייטן אַ וועלט־באַנעם, אַן אידעאַל, וועגן אויפקלערן, ניט כאַפּן קליינע עופ׳עלעך און אָפּגעבן זיי פאַר זעלנער צי זיי ווילן, צי זיי ווילן ניט...

און ערשט קומען מיר צוריק צו דער צרה׳דיקער פראַגע: וואו איז די יוגנט? פאַרוואָס זעט מען זיי ניט אין אונדזערע רייען?

דער ערשטער ענטפער, וואָס לאָזט זיך הערן ווי פון זיך אַליין איז — די יוגנט פאַרשטייט אונדז ניט.

מיר זיינען מער ווי צוויי דורות. מיר זיינען צוויי לענדער, און צוויי שפּראַכן, און ניט־ווילנדיק שווימט דאָ גלייך אַרויף די שפּראַכן־פראַגע.

דער צווייטער דור, געבוירן און אויסגעוואַקסן אין אַמעריקע, רעדט „אַמעריקאַניש". און צווישן אונדז שטייט אַ וואַנט, אַ מויער פון אומ־

פאַרשטענדעניש, און דאָס איז אַ טראַגעדיע. צוויי מענטשן מיט פאַרשיי־דענע מיינונגען, ווי ווייט זיי זאָלן ניט זיין איינער פון אַנדערן, אויב זיי זיינען ניט קיין ווילדע פאַנאַטיקער, קענען לעבן אונטער איין דאַך, דורכ־קומען איינער מיטן אַנדערן און אפילו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן. נעמט אָבער צוויי מענטשן מיט די זעלביקע מיינונגען און איבערצייגונ־גען און גייגונגען, ווען זיי ריידן אויף צוויי פאַרשיידענע שפּראַכן, זיי־נען זיי פרעמד איינער צום צווייטן. צווישן זיי ליגט אַ תהום פון שטיל־קייט. און וואו נעמט מען דעם בריק?

אַ שפּראַך איז אַ קאָמוניקאַציע מיטל. אָן דעם קען מען זיך ניט צו־זאַמענקומען און זיך פאַרשטענדיק מאַכן. און אונדזער צווייטער דור — גייען פויגלען מיט גייע לידער, גייע מעלאָדיעס.

כמעט איך הער דעם אידישיסט זאָגנדיק אויפגעבראַכטערהייט — ס׳טייטש, לערנט זיי אידיש. זיי דאַרפן פאַרשטיין אייער לשון, זייער מוטער שפּראַך א. אַ. וו.

דער העברעאיסט וועט זאָגן מ׳דאַרף זיי לערנען העברעאיש, פאַר־שטייט זיך.

איך גיי דאָ ניט אַריין אין דער שפּראַכן־פראַגע. איך וויל עס אפילו ניט אָנרירן.

איך בין דאָ פאַרנומען מיט איין פראַגע — ווי אַזוי געפינט מען דעם צוגאַנג צום פאַרשטאַנד און האַרץ פון נייעם דור, דער גענעראַציע, וואָס איז געבוירן געוואָרן און זיך אויסגעהאָדעוועט אויף אַמעריקאַנער קעסט.

מיר פאַרמאָגן אַן אידעאַל, אַ לערע, מיט איין וואָרט, אַן אינהאַלט, און דעם אינהאַלט ווילן מיר, זיינען מיר פאַרפליכטעט צו פאַרשפּרייטן. מיר האָבן ניט צו טאָן מיט קיין פאָרם, מיט קיין שפּראַכן. זיי זיינען ביי אונדז דאָ, בשעת מיר ריידן וועגן אינהאַלט, אין געגעבענעם פּרט, אַ נעבן־זאַך. בכלל איז דער אינהאַלט און פאָרם ווי אַ מאַן און ווייב, זיי האַלטן כסדר אין איין קריגן זיך.

יענע, וואָס צאַצקען זיך, דרעקסלען די פאָרם, האָבן ס׳רוב קיין אינ־האַלט ניט. זייער שרייבן איז אַ זאַק פול מיט ווערטער, מיט שיינע קלינ־גענדיקע ווערטער. זיי שרייבן גלאַט, ריין — בוימאויל איז אונטער זייער פען. אָבער געוויינטלעך זאָגן זיי גאָרניט. ווי זייער ווייסע דינע מעל, זיי־נען זיי ניט נאַרהאַפט.

יענע, וועלכע זיינען פאַרנומען מיט זאָגן עפּעס, טראַכטן ווינציק וועגן דער פאָרם. זיי אינטערעסירט ניט דער פּראָזן־שפּיל, זיי קוקן פאַרן תכלית.

און דעמאָלט מוזן זיי פארבייגן די פאָרם. א זאגה דאָס איז! אבי עפּעס ארויסגעבראכט.

א געזונט זאָל זיין דעם „אינהאלט", דער וואָרט, מילא, זאָל ער צו־ליידן, זאָל ער זיך דרייען אין דרייען פון וויטיק, וועמען ארט עס. ווער־טער, ווי ווערים, מעג מען טרעטן מיט די פיס, און דער „אינהאלט" טוט עס.

מ'דארף ניט האָבן קיין גרעסערע עקשנים און קנאים ווי אונדזערע עלטער־עלטערן זיינען געווען. שמע ישראל... שמע בכל לשון שאתה שומע. הער... אין יעדער שפראך, וועלכע דו פארשטייסט.

איך האָב מורא געהאט, אז דער „אידישיסט" אין מיר וועט מיך מתיר־דם זיין און איך האָב זיך אָנגעכאפּט אָן די הערנער פון מזבח... ציי־טירט א פסוק און דעם ארייננטייטש פון תלמוד... פאָרט א הייליקער ספר.

פאר מיר איז די זאך קלאָר אָן דעם ככתוב, אָן דעם מאמר חז"ל. מיר קענען זיך ניט אָפּגעבן מיט דער פאָרם, ווען מיר זיינען פארנומען מיט איבערגעבן אָן אינהאלט, א לערע. מיר דארפן נאָכגעבן, זיך איינבייגן, כדי צו זיגן... מיר זיינען מקריב די פאָרם, די שפראך אויפן אלטאר פון אינ־האלט, פון אונדזער לערע. און מיר מוזן ריידן און שרייבן צום נייעם דור אויף זיין לשון. מיר קענען זיך ניט גיין קריגן מיט דער יונגער וועלט צוליב דעם. עס לוינט ניט. ווערטער זיינען שאָלעכצן. ניט מער. און דאָך...

אַ לערע איז ווי א פליסיקייט. זי נעמט אָן די פאָרם פון דער כלי, אין וועלכער מ'גיסט זי אריין. און די זאך איז ניט אזוי איינפאך, ווי עס זעט אויס פון ערשטן בליק. אַ לשון איז א קאָלאָסאלער פאקטאָר. דער אידי־שער לשון אליין איז א טייל פון אידישקייט. שטיקער פארקערפּערטע פּסיכאָלאָגיע ליגן אין לשון. עס איז דאָ א גאנצע שטימונגס־ספערע, וואָס רינגלט ארום א שפראך. הגם מ'זעט עס ניט מיטן אומבאוואָפנטן אויג. און מ'קען ניט לערנען „אידישקייט" אָן דעם שטודיום פון העברעאיש און אידיש. די יוגנט וועט קיינמאָל ניט זיין עכט־אידיש אויב זי וועט זיך ניט באקענען מיט אונדזערע שפּראַכן. אָבער דער שטודיום פון אונדזערע שפּראכן דארף ווערן באטראכט אלס א טייל פון אידישקייט־שטודיום אָבער ניט ווערן דאָס גאנצע. מ'טאָר ניט מיינען, אז אידישיזם אָדער העב־רעאיזם שעפּן אויס דעם אידישקייט־אינהאלט.

די שפּראַכן־פראגע דארף ניט און קען ניט דאָמינירן. אין דעם פּרט דאַרפן מיר פיל נאָכגעבן, זיך צופּאַסן צו דער געשאַפענער סיטואַציע דאָ אין לאנד.

מיר דארפן ארויסווייזן מער פארשטאנד פאר די אידישקייט־פּראָב־

לעמען אָבער בשעת מעשה ניט איגנאָרירן די יוגנט־פּראָבלעמען, די ציוויליזאציע פּראָבלעמען.

מער איינזעעניש מיט דאָס אידיש־מענטשלעכע, מיט דאָס אויפקומענדיקע.

אָבער די פראַגע פון די דורות ביי אונדז אידן האָב איך נאָך ניט געשטעלט אין איר ריכטיקער פּאָזיציע, אין איר ספּעציפיש „אידישער" פּאָזיציע. מיר וועלן עס איצטער טאָן, הגם מיר וועלן זיין קורץ.

צווישן איין דור און צווייטן ליגט אַ מערקווירדיקער אינטערוואַל. עס ווערט געשאַפן עפּעס אַ מין הפסק, וועלכער ווערט קאָריגירט פון אַ המשך. עס קומט פאַר אַ געראַנגל, אַ קאַמף. דאָס איז דער קאַמף פון דער יונגוואַרג קעגן דער אַלטוואַרג. די יונגע אברם'ס באַקעמפן די אַלטע תרח'ס. דאָס איז אַן אַלמענטשלעכע דערשיינונג. דאָס איז אייגנטלעך די יוגנט־פראַגע, וועלכע איז צו דער אייגענער צייט אַ ציוויליזאַציע און קולטור פראַגע.

פון איין זייט טאָר מען ניט זיין צו נאָוואַטאָריש, ווייל צופולמאַסיקע נאָוואַטאָרישקייט וואָלט פאַרשטאַרקן דעם היפסק און אָפּשוואַכן דעם הימשך און אַזוי אַרום צערייסן די אייגהייט-קייט פון ציוויליזאַציע און קולטור. אַזאַ האַנדלונג וואָלט פאַרוואַרפן די טראַדיציע. וואָס איז טראַדיציע? דאָס איז דער אָנקלייב און איבערגעב פון מאַטעריעל־טעכנישע און גייסטיקע רעליגיעז־וויסנשאַפטלעכע און קינסטלערישע אוצרות. ווען יעדער דור וואָלט דאַרפן כסדר אָנהייבן פון דאָס ניי, וואָלטן מיר בלייבן פינצטערע אָרימעלייט, מיר וואָלטן גאָרניט אָנזאַמלען, גאָרניט אָפּשפּאָרן — און גאָרניט פאַרמעגן. מיט יעדן דור וואָלט שטאַרבן זיין קלוגשאַפט.

פון דער צווייטער זייט טאָר מען ניט זיין צו טראַדיציאָנעל. ווייל איבערגעטריבענער טראַדיציאָנאַליזם וואָלט אָפּשטעלן דעם שטראָם פון ציוויליזאַציאָנעלן און קולטורעלן לעבן. די צירקולאַציע וואָלט זיך פאַרפּאַמעלעכט. דאָס וואָלט גורם־זיין צו אַ קאָנסערוואַטיזם, ניט אין פּאָליטישן באַדייט פון וואָרט.

„קולטור־היפּערטראָפיע איז אַ קראַנקייט, אַ געפערלעכע קראַנקייט. דאָס איז די קראַנקייט פון קאָנסערוואַטיזם, די מומיזאַציע־חולשה, דער שיקזאַל, וועלכער פאַרפאָלגט אַלע אַלטע קולטור־פעלקער" (ברידער גאָרדין, דאָס לייענען אין אונדזער טעאַטראַלן גאָרטן, ז. 2, ווילנע 1913, העברעאיש). ניט איין פאָלק איז פון אָט־דער מחלה אונטערגעגאַנגען. ניט איין ציוויליזאַציע איז געשטאָרבן פון אָט־דער קולטור־חולאת, פון „סקלעראָזיס", פאַרהאַרטעוואונג, פאַרגליווערונג.

אין קאָנסערוואַטיזם שטעקט אַ גרויסע סכנה. דאָס אָפּגעלעבטע, דאָס אַלטע, וועלכע איז ניט תמיד מיט אַלע אירע עלעמענטן אייביק ניי און יונג, פול מיט לעבן און לעבנס־לוסט — קען דערשטיקן דאָס נייע, דאָס אויפשפּראָצנדיקע. אַ המשך, אַ קולטור־המשך דאַרף געשאַפן ווערן. אָבער המשך מיינט ניט איינפאַכע ווידערהאָלונג, פּשוט׳ע קאָנטינואיטעט, נאָר אַ פאָרזעצונג מיט וואַריאַציעס, מאָדיפיקאַציעס. המשך מיינט אַ פליסן פאָראויס, אַ וועבן און שטרעבן ווייטער-ווייטער, אַן איבערווינדן, אַן אריבערשטייגן דאָס פאַרדעמדיקע, און ניט בלויז אויפהיטן, באַלזאַמירן די אַלטע דערגרייכונגען, האַלטן באַגראָבן, פאַרבאַהאַלטן אין דר׳ערד דעם „אַלטן רענדל״, וועלכן מ׳טאָר ניט אויסבייטן...

מיט אַנדערע ווערטער, דער יחיד אָדער דער רבים אום צו זיין עפּעס גאַנצעס, זעלבסט־באַשטימטעס מוז, אַלס פאָרבאַדינג, האָבן דער־גרייכט אַ געוויסע שטופע פון זעלבסט־דערקענטעניש. ער מוז זיך קענען אידענטיפיצירן אומגעאַכט די צייט־מחיצה, די שיידוואַנט פון דיסטאַנץ און פאַסירונגען. בנוגע דעם קאָלעקטיוו איז עס אַן ענין פון אַ דורות־פאָרקניפּונג, וועלכע שאַפט די איינהייטלעכקייט און גאַנצקייט פון דעם ציבור־איכטום, פון דער געמיינשאַפט־פערזענלעכקייט. דער קאָלעקטיווער איינס איז ניט נאָר מיט־עקזיסטירנדיק, ד. ה. אויסגעשפּרייט אין רוים, נייערט אויך פאָר און נאָך עקזיסטירנדיק, ד. ה. אויסגעשפּרייט אין צייט, דורך די דורות.

דער תכלית פון אַלע תכליתים, די קרוין פון צוועקמעסיקייט אין דער אויפהאָדעוואונג פון יונגן דור איז די פאָרזעצונג פון דער ציבור־איכהייט־עקזיסטענץ. די הויפּטזאַך איז צו פאַרזיכערן דעם המשך פון „קיום־האומה״, פון דעם פאָלקס־איכטום. עס איז ניט גענוג אויפצו־האַלטן דעם פאָלקסטום און די פאָלקסטימלעכקייט, נייערט טאָקע, בפועל־ממש, אויפהאַלטן דעם פאָלקס־איכטום און פאָלקס איכטימלעכקייט, וואָס מיינט אָפּהיטן די פּסיכאָלאָגישע און קולטורעלע גאַנצקייט פון דעם גע-געבענעם נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, קולטיווירן זיינע געדעכענישן.

די פאַרבינדונג פון די דורות איז אַ קייט פון בלוט און פלייש, פון מאַטעריעלע גיטער און גייסטיקע נכסים. עס איז אַ „בונד״ געשלאָסן צווישן אַלטן דור, אַלס אַ גאַנצן, און דעם נייעם דור, אַלס אַ גאַנצן, אַלס אַ קאָלעקטיווער קערפּערשאַפט. דער „בונד״ איז אַ מין „ברית־בין־הבתרים״, אַ „בונד פון צווישן פראַגמענטן״, צווישן צוויי קערפּערשאַפטן, וועלכע פליסן זיך און ווערן טאַקע עפּעס גאַנצעס סיי פּסיכאָלאָגיש, באַ־וואוסטזיניק־אויטאָביאָגראַפיש, און סיי סאָציאָלאָגיש, כראָניש־היסטאָריש.

ווי אין יעדן סיסטעם, וואָס שטעלט זיך צוזאַמען פון באַשטאַנדטיילן, קומט אויך דאָ פאָר אַן אַמפּערן־זיך, אַ געראַנגל (ברידער גאַרדין, די פּעדאַגאָגיק פון דעם יונגן דור, ז״ז 56—62, מאָסקווע, 1918, רוסיש) צווישן די אינאָוואַציעס, וואָס דער יונגער דור דאַרף אַריינברענגען, און די קאָנ־סערוואַציעס, די טראַדיציאָנעלע עלעמענטן, וועלכע דער עלטערער דור וויל, אַז זיי זאָלן אומבאַדינגט אויפבאַוואַרט ווערן.

אָבער דער „גענעראַציעס־קאַמף״, דער געפּעכט צווישן די „טאַטעס און קינדער״, גייט קיינמאָל ניט, אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד פון פּאָלקסטום־איכטום אַנטוויקלונג, אַזוי ווייט אין איינער אָדער דער אַנדערער ריכ־טונג, אַז דער „בונד״ זאָל צעשטערט ווערן, אַז דער וואוקס און דורות־טויש זאָל פאַרהינדערט ווערן, אַז די איינהייט זאָל געשטערט ווערן אָדער דורך איבערטריבענער באַנייאונג אָדער דורך הינטערשטעליקער פאַר־אַלטונג. אַ געוויסער באַלאַנץ שטעלט זיך איין. אַ געוויסע פּראָפּאָרציע ווערט אָפּגעהיט. די „טאַטעס״ זיינען ניט אַזוי פאַרשטיינערט־פאַרגלי־ווערט, אַז זיי זאָלן פאָדערן הונדערט־פּראָצענטיקע פּרעציזע קאָפּיעס, און די קינדער, ווי דרייסט זיי זאָלן ניט זיין אין זייערע אויפטואונגען און איבערראַשונגען, ווי וואַגזאַם זיי זאָלן ניט זיין אין זייערע חידושים און שינויים, וועלן זיך קיינמאָל ניט דערלויבן טאָן עפּעס מער ווי אויפריכטן נייע טורעמס אויף אַלטע בנינים. נאָך מער וואָס די יוגנט, אויך אין צייטן פון „דראַנג און שטורם״, ווערט געפּירט, — אין זייער עזות׳דיקער אַטאַקע אויף דעם אַלטן און אָפּגעלעבטן דור מיט זיינע „פּאַרצאָסענע״ לעבנס־שטייגערס, — פון מיטגלידער פון דעם זעלביקן אַלטן דור, וועלכן זיי קלאָמפערשט באַקעמפן מיט אַזאַ פאַרביסנקייט און דערביטערטקייט... אַזוי, אַז די קאָנטינואַציע און איינהייטלעכקייט, סיי פון דער סטרוקטור און סיי פון די פונקציעס פון סאָציאַ־עגאָ, איז כמעט תמיד פאַרזיכערט.

דאָס איז אַלץ בדרך כלל גערעדט, ווי די זאַך זעט אויס און קומט פאָר „ביי לייטן״. ביי אונדז אָבער נעמט אָן אָט־דער נאָרמאַלער דורות־בייט גאָר אַן אַנדער פאָרמע.

ביי אונדז אידן, אין אונדזער פאַרווירטער צייט, קומט ניט פאָר דער געוויינטלעכער, לעגיטימער קאַמף צווישן „יונג״ און „אַלט״. דאָ קומט גאָר פאָר אַ קאַמף צווישן „גוי״ און „איד״ אין און אַרום דעם אויפ־וואַקסנדיקן דור. אונדזער יוגנט איז אונדז פרעמד ניט מחמת איר „יונג־שאַפט״ און אונדזער „אַלטקייט״, נייערט מחמת דעם, וואָס זי איז ניט־אידיש. אונדזער אידישע יוגנט איז ניט אינגער פון אַנדערע יוגנטן, וועל־כע בלייבן יאָ מיט זייערע פעלקער. ווען אונדזער יוגנט וואָלט ווערן אינ־גער און פאַרלאָזן אונדז מחמת דעם, וואָס מיר שטייען מיטביידע פיס

אין „פאָטערלאַנד" און זיי פליגלען אַוועק צום „קינדער־לאַנד", וואָלט אונדז די זאַך ניט פאַרדריסן, ווען מיר וואָלטן אפילו וויסן, אַז זייער פאַרלאָזן אונדז ברענגט אונדז שאָדן, שוואַכט אָפּ אונדזער געזעלשאַפט־לעכן אָרגאַניזם. ווייל דעמאָלט וואָלטן מיר עס באַטראַכט אַלס אַ קרבן, וועלכן די אידנשאַפט ברענגט אויפן מזבח פון אייביקער יונגשאַפט, אַ קרבן פאַר דעם גרויסן אידעאַל פון אָריגינאַליטעט, פון שטענדיקער נאָוויטעט, געשטייגערטער שעפערישקייט.

אָבער דאָס איז ניט דער פאַל מיט אונדזער אַסימילירטער יוגנט. זי איז אַלט־גענעראַציאָנעל. זי פאַרלאָזט ניט דעם אַלטן דור. זי פאַרלאָזט דאָס פאָלק. און אָט־די פאַרלאָזעניש האָט מיט דעם דורות־טויש גאָרניט צו טאָן. אונדזער אַוועקגייענדיקע יוגנט בלייבט מיט דעם אַלטן דור, נאָר ניט מיט דעם אייגענעם אידישן אַלטן דור, נייערט מיט דעם פרעמדן אַלטן דור. אונדזער האַלב אָדער גאַנץ אַסימילירטע יוגנט איז ניט איקאָנאָקלאַסטיש, זי איז טראַדיציאָנעל, נאָר ניט אידיש־טראַדיציאָנעל, נייערט גוי׳איש טראַדיציאָנעל. דאָס הייסט, זי איז ניט פּראָגרעסיוו און מחמת איר פּראָגרעסיווקייט פאַרלאָזט זי אונדז און גייט זוכן נייע מאָראַל־וועלטן איינצונעמען. ניין! זי איז רעטראָגרעסיוו, דערפאַר פאַרלאָזט זי אונדז. זי זינקט עטיש. זי שיידט זיך מיט אַ געזעמל, וואָס פאַרמאָגט אַ הויכן עטישן קאָעפיציענט און שטייט־צו צו אַ געמיינשאַפט, וועלכע איז שטאַרקער פּאָליטיש, רייכער עקאָנאָמיש, אָבער באַיין־ערך אָרימער מאָ־ראַליש.

פון אָט־דעם שטאַנדפּונקט ווען מ׳באַטראַכט די „יוגנט־פראַגע" ווערט זי פון־זיך־אַליין רעדוצירט צו דעם שוין פריער באַהאַנדלטן פּראָבלעם פון אַסימילאַציע. אונדזער אידישע יוגנט איז היפּש, גאַנץ היפּש, אין גרויסע צאָלן, גרעסערע ווי דער עלטערער דור אידן, אַסימילירט. ס׳רוב פון זיי זיינען אויסגעוואַקסן, געקראָגן זייער דערציאונג אין אַ צייט ווען אַסי־מילאַציע־טענדענצן האָבן געשטיגן צו אומפּרעצעדענטירטע הייכן, האָבן באַהערשט, ווי קיינמאָל ניט ביז אַהער, די אידישע גאַס.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז אַ טייל פון אונדזערע פּובליציסטן האָבן זיך איינגעשמועסט, אַז „אַסימילאַנטיזם" איז באַזיגט געוואָרן. זייער איינ־רעדעניש האָט זיך געהאַלטן אויף אַ נעגאַטיוו. זיי האָבן געזען, אַז דער אַמאָליקער טיפּ משכיל, וועלכער האָט געפּריידיקט אַסימילאַציע אין העברעאיש און אידיש, איז שוין מער ניטאָ. האָבן זיי געמיינט, אַז ווי־באַלד יענער טיפּ איז אויסגעשטאָרבן — איז מיט אים געשטאָרבן דער אַסימילאַנטיזם. דער אמת איז, אַז אַסימילאַציע איז אַרויס פון דער סטאַ־דיע פון אַ לערע און איז געוואָרן אַ פּראַקטיק, אַ זאַך, וואָס ווערט פּראַק־

טיצירט כמעט אין יעדן אידיש הויז, צי עס איז באַלעבאַטיש נגידיש, ראַדיקאַל אָדער בלויז ליבעראַל. איך זאָג „כמעט", ווייל, נאַטירלעך, זיי־נען דאָך דאָ אויסנאַמען פון דער רעגל פון פּראַקטיצירטער גוי'איזאַציע.

בשעת מ'האָט ביי אונדז גערעדט אַזוי טראַסקנדיק, אַזוי קלינגענדיק, מיט אַזאַ אַפּלאָמב מכוח אונדזער רענעסאַנס — האָבן זיך אידישע בחורים און מיידלעך פאַרפרעמדט פון אונדז אין די מיליאָנען.

אָבער ווי נאָר מיר דערגייען אין אונדזער אַרגומענטאַציע צו אָט־דעם פּונקט, דעמאָלט פאַרלירט די דורות־פראַגע איר זעלבסטשטענדי־קייט. דאָס איז אַ פראַגע פון אַסימילאַציע, פון אַלטער אַסימילאַציע אין אַ יוגנטלעכער אויפלאַגע. און אין וועלכער אויפלאַגע אַסימילאַציע זאָל זיך ניט באַווייזן, איז זי פאַר'משפ'ט צו אַ דורכפאַל.

די אידישע עקזיסטענץ איז פאַרזיכערט אויף אַ דאָפּלטן אופן. די אידנשאַפט איז פאַרפעסטיקט ניט נאָר אינערלעך, אויף אַ פּאָזיטיוון שטייגער, נייערט אויך אויסערלעך, אויף אַ נעגאַטיוון שטייגער. צוויי־ליניעס פון פאַרטיפיקאַציעס רינגלען אַרום דעם אידישן „שטאַטלאָזן שטאַט", די אידנשאַפט־היים. די אילוזיעס פון אַסימילאַציע זיינען ראָז און זיס, אָבער די אַנטוישונגען זיינען שוואַרץ און ביטער. די זיך־אַסימי־לירנדיקע יוגנט וועט איבערלעבן אַ קאָלאָסאַלן קראַך. אַ טייל פון זיי וועט פאַרטיליקט ווערן, אַ טייל וועט זיך אומקערן, אַ טייל וועט צוריק־געטריבן ווערן.

יחזקאל'ס ווערטער האָבן ניט פאַרלוירן זייער באַדייט, זיי זיינען, אפשר, היינט מער צייטיק ווי זיי זיינען געווען אין זיין צייט, ווען ער האָט זיי אַרויסגעזאָגט:

„איך שווער ביי מיין לעבן" — זאָגט דער האַר יהוה — „אויב ניט מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם און אַן אויסגעגאָסענעם גרימצאָרן וועל איך קיניגן איבער אייך" (יחזקאל, כ', ל"ג).

שלוס-וואָרט

מײַן סאָציאַלער אני־מאמין

א.

אַ מין אַרײַנפיר:

א) איך גלויב, אַז ווען עס קומט צום גלויבן, דאַרף מען קיין קאַרגער ניט זײַן; מ'מעג זיך פאַרגינען, ניט זשאַלעווען קיין פאַרבן, קיין קאָלירן, קיין פאַרנעם, קיין פאַנטאַזיע־אָנשטרענגונג, און מען קען און מען דאַרף מאָלן דאָס בילד אַמשענסטן, אַמפּראַכטפולסטן, ניט קווענקלען, ציטערן איבער יעדן אַרויפפלי, אַרויפשטײַג, פאַרגרעסער, הגזמה און כדומה זאַכן. וואָס העכער די טענער, וואָס שפּילעוודיקער!

ב) איך גלויב, אַז די ווײַטע צוקונפט האָט אַ גוטן קרעדיט און מ'מעג איר אַנטרויען מיט אַלע אונדזערע שאַצן פון טרוים און דיכטונג, ווײַל די צוקונפט וועט צאָלן מיט „האַרטער קעש" און וועט זיכער גוטמאַכן אַלע אונדזערע צוזאָגונגען און דערוואַרטונגען. די צוקונפט איז רײַך, איז אַ גרויסע עושר'טע און מ'דאַרף ניט צייט גראַשנס אָדער גרײַפּלעך אָדער בעבלעך אין טאָפּ, ווי יענער קמצן, אויסטײַלנדיק זײַן ווײַב אויף חיונה...

ג) איך גלויב, אַז די ווירקלעכקייט אין דער צוקונפט וועט אַריבער־שטײַגן אַלע אונדזערע השגות און פאַרשטעלונגען, און וועט זיך אויסלאַכן פון אונדזערע בלייכע חלומות. ווירקלעכקייט איז איבערהויפּט רײַכער פון פאַנטאַזיע, אַ פּשיטא שוין ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם, וואָס עס וועט פּאַסירן „אין דעם ענד פון די טעג"...

אַרבעטס פּראָגע

א) איך גלויב באמונה שלמה, אַז די אַרבעטס־פּראָגע וועט געלייזט ווערן אין דער צוקונפט אויף אַזאַ אופן: מ'וועט אָפּשאַפן אַרבעט. מענטשן וועלן ניט אַרבעטן; מאַשינען, אויטאָמאַטן, ראָבאָטס וועלן עס טאָן.

די צרה מיט אונדזער צייט איז, וואָס אַ מענטש, אַן אַרבעטער, איז געוואָרן אַ צוגאָב, אַ צושטעפּעניש צו אַ מאַשין, צו אַ טויטן, מעכאַנישן אַפּאַראַט, און דער אַרבעטער קען עס ניט פאַרטראָגן. עס האָט כמעט אַזאַ זינען, ווי נעמען אַ מענטשן און אײַנשפּאַנען אים צוזאַמען מיט אַ פערד אין איין וואָגן און הייסן זיי צוזאַמען לויפן. אַ מענטש איז ניט קיין מאַשין און ער קען עס ניט אויסשטיין. ער דעגענערירט, ווערט אַ שטיק גולם, וועלכער פירט אויס איין פונקציע. מיר רופן עס מיט אַ שיינעם נאָמען: אַ „בעל מלאכה", אָבער באמת איז עס דער גרעסטער פאַר־

ברעכן, וואס איז באגאנגען געווארן קעגן מענטשן אלס א דענקער, א בעל־שכל, א בעל־רצון.

מיר זיינען אין מיטן וועג. מיר זיינען אוועק פון האנט־ארבעט און צו מאשין־ארבעט זיינען מיר ניט דערגאנגען. און מענטש און מאשין שפרייזן צוזאמען.

טאלסטאי האט געזאגט, אז „אין שוויס פון דיין געזיכט זאלסטו עסן דיין ברויט” איז ניט קיין שילטעניש, נאר א בענטשעניש. ער האט אבער געמיינט אמת'ע ארבעט, וועלכע איז פארבונדן מיט אנקוקן די נאטור, מיט קונסט, צו א געוויסער מאס — ארבעט, וועלכע פארשאפט פארגע־ניגן. ווען א מענטש ארבעט און שפילט זיך אונטער בשעת־מעשה. אבער ניט אונדזער ארבעט, וועלכע באשטייט אין נאכיאגן זיך נאך אן אויס־גערעכנטן, פונקטועל־צו־א־האר, מעכאניזם — א זאך, וואס איז איבער די מענטשלעכע כוחות און איז דערווידער דער מענטשלעכער נאטור.

ארבעט וועט אפגעשאפט ווערן. דעם ארט פון מעכאנישער ארבעט וועט פארנעמען קונסט.

א מענטש איז בטבע א „קינסטלער” ניט קיין „ארבעטער”, ער וויל זיך שפילן, ניט מאטערן זיך.

ארבעט, מעכאנישע ארבעט, איז די ערגסטע קללה פון אונדזער פאל־שער ציוויליזאציע.

סאציאלע פראגע

ב) איך גלויב באמונה שלמה, אז די געזעלשאפט, אלס אזעלכע, וועט אויפגעלייזט ווערן, אז מענטשן וועלן ניט לעבן צוזאמען ווי חיות אין סטאדעס און טאבונס. יעדער מענטש וועט זיך לעבן פאר־זיך און וועט זיך טרעפן מיט אן אנדער מענטשן נאר דעמאלט, ווען ער וועט אים וועלן זען און זיך באגעגענען מיט אים. און מער התבודדות וועט זיין אויף דער וועלט, אין לעבן. ניט קיין קהל־לעבן, ניט קיין חברה־לעבן, נאר א ביחידות־לעבן.

מענטשן רייסן זיך ארום, קריגן זיך ארום איינער מיטן אנדערן דער־פאר, וואס זיי זיינען איבערזעטיקט איינס מיטן אנדערן, און זיי קענען זיך ניט אנקוקן פריינטלעך. וואו איר שטייט זיינען דא מענטשן, וואו איר גייט — מענטשן, אין אונדזערע אומגעלומפערטע שטעט, ישובים — מענטשן, מענטשן, מענטשן.

עס קומט אויס ווי אין יענעם לידל: זונטיק — בולבעס, מאנטיק — בולבעס, דינסטיק — בולבעס א. א. וו., און שבת אין א נאווינע ווייטער בולבעס. אזוי איז מיט אונדז און אונדזער פארקער. צופיל באציאונגען,

צופיל אָנשטרענגונג, צופיל פאַרוועבט, פאַרקניפּט, אויסגעבונדן, צופיל טרעפּעניש, צופיל באַגעגעניש, צופיל צוזאַמענקייט.

אַ ישוב׳ניק, וואָס האָט געוואוינט ערגעץ פאַרוואָרפן צווישן פעלדער און וועלדער, אַז ער פלעגט דערזען אַ „גאַסט", אַן „אורח", פלעגט ער זיך פשוט מחיה זיין מיט אים. אַ נייע צורה, אַ גליקלעכע אָנשיקעניש! דער־פאַר זיינען זיי גאַסטפריינטלעך געווען.

מיר לעבן, מיר וואוינען איינס אויפן אַנדערן, לעבן אַנדערן, רייבן זיך די זייטן, עלנבויגנס, פּלייצעס — סיי מיר ווילן, סיי מיר ווילן ניט. און מיר מוזן ווערן מענטשן־האַסער. אַלץ האָט אַ שיעור, אָבער מענטשן־טרעפעניש, באַגעגעניש האָט קיין שיעור ניט. איר לויפט דורך אַ גאַס און איר זעט זיי ביי די הונדערטער אָדער טויזנטער, גאַנצע מחנות, גאַנצע סטאַיעס, אַ מוראַווייניק!

איך גלויב, אַז אין דער צוקונפט וועלן מיר ניט לעבן אויף דער ערד, אויף דעם שטיקל פּלאַנעט, מיר וועלן ניט פאָרן מער אויף דער קליאַטשע, וואָס קוים זי שלעפּט זיך. מיר וועלן פאַרנעמען די שטערן, איינעמען און באַזיגן די אַטמאָספערן, סטראַטאָספערן און זיך באַזעצן דאָרטן. דער אין־סוף איז ברייט און גענוג לאַנג, דער אוניווערזום פאַרמאָגט ביליאָנען פון זונען סיסטעמען און מיר מעגן זיך פאַרגינען אויסצושפּרייטן אַביסל. מענטשן זיינען ניט קיין ווערים, וואָס מוזן קריכן אויף דער ערד פאַר אייביקע צייטן. מיר זיינען „געפאַלענע מלאכים"... מענטשן האָבן אַלעמאָל געטרוימט וועגן די הימלען. אַסטראָנאָמיע, אָדער ריכטיקער אַסטראָלאָגיע, איז כמעט די ערשטע וויסנשאַפט, ווייל די מענטשהייט האָט גלייך פון אָנהויב געפילט בחוש, אַז מיר וועלן דאַרפן אַרויפשטייגן, אַרויפקריכן אויף די שטערן. ווי לאַנג וועלן מיר זיצן אין דער געפענגעניש, אין געפאַנגענשאַפט פון געזעץ פון גראַוויטאַציע און ערד־קוגל? אינטערפּלאַ־נעטאַריזם וועט ווערן פאַרווירקלעכט.

און ווי דערפרייענדיק איז דער פאַקט, אַז קיבאַלטשיטש האָט זיך פאַר זיין היגריכטונג פאַרנומען מיטן פּלאַן, ווי אַזוי צו מאַכן אַ ראַקעטע, וואָס זאָל דערגרייכן די שטערן. מענטשן וועלן ניט אויפגעבן דעם פאַרלאַנג ביז זיי וועלן עס דערגרייכן.

די לעבנס-פראַגע, די אינדיווידועלע פראַגע

ג) איך גלויב, אַז דער פּראָצעס פון עוואָלוציע האָט איין ציל: אויס־צוקריסטאַליזירן דעם אינדיווידום, און אים אויפהויבן העכער פון זיין גאַטונג. און דעמאָלט, ווען דאָס וועט דערגרייכט ווערן, וועלן מענטשן לעבן אייביק. מ׳רעדט וועגן זעלבסט־ליבע, אייגננוץ, אויפהאַלטונג־אינ־

סטינקט. דערוויל איז דאס ניטא. עס עקזיסטירט א סארט מין־ליבע. די נאטור קימערט זיך נאך דערוויל זייער ווייניק וועגן אינדיווידו. דער אינדיוויד, דער איינציקער, נעמט זיך ערשט פארמירן, נעמט זיך באַ־הויפטן, ווערן עפעס א „יש". ער נעמט ערשט אקארשט ארויסשפראצן, זיך ארויסטיילן פון דער ראסע, פון דער נאציאן, פון דער געמיינדע, פון דער געזעלשאפט. ער איז נאך אין די ווינדעלעך, ער וועט זיך אבער אויסוויקלען, און דעמאלט וועט ער דערגרייכן אייביקן לעבן דא אויף דער וועלט, אדער אויף די וועלטן.

דיכטונג — ווירקלעכקייט

ד) איך גלויב, אז אלע רעליגיעזע לעגענדעס, גלויבערייען, וועלן פארווירקלעכט ווערן. זיי זיינען אן אנזאג, אן אנצוהערעניש און אן אנ־ווייז וואוהין אונדזער הארץ ציט אונדז, וואס עס גלוסט זיך אונדז.

איך גלויב, אז מענטשן וועלן זיין העכער, בעסער און שטארקער, און ערלעכער ווי די מאדעלן, וועלכע זיי האבן געמאלן אין זייערע אנט־ציקטע דיכטונגען, באשרייבנדיק זייערע געטער און העלדן.

ווי האבן מיר געמאלן אונדזער אידישן „סבא קדישא", הייליקן אלטן? ער זיצט זיך איינער אליין און האט גאנצענע וועלטן פאר זיך, וועלכע ער שאפט. ער איז ניט געזעלשאפטלעך, ער איז ניט קיין בעל־מלאכה, ער טוט ניט נאך, ער שאפט, ער איז דער אמת'ער קינסטלער; ער לעבט אייביק; ער איז אלעמאל גערעכט, ער ווייסט אלץ.

אזוי וועט זיין דער צוקונפט־מענטש. ווייל דער גאט־געדיכט איז א פאראויסזאג פון מענטשן־פראזע. עס איז א חלום, וואס ווייזט די ריכ־טונג וואוהין דער מענטש האט בדעה צו גיין.

ב.

דאס זיינען מיינע גלויבונגען. וואו זיינען מיינע איבערצייגונגען?

בנוגע איבערצייגונגען בין איך איבערצייגט, אז דא דארף מען זיין וואס באשיידענער, און א רעכט ביסל קמצנות וואלט דא ניט שאטן.

ארבעטער פראגע

1) איך בין איבערצייגט, אז די ארבעטער פראגע (ניט די ארבעטס־פראגע) וועט געלייזט ווערן אין ס'רוב ציוויליזירטע, פארגעשריטענע לענדער, אויף אזא ארט: ארבעט און קאפיטאל וועלן זיך פאראייניקן. מ'זאל מיך ניט שלעכט אויסטייטשן. איך מיין ניט, אז ארבעטער מיט קאפיטאליסטן זאלן זיך פאראייניקן; איך מיין, אז יענע, וועלכע ארבעטן,

װעלן האָבן אַ רעכט צו די פּראָדוקטן, װעלכע זײ האָבן פּראָדוצירט. מיר אַרבעטן ניט גענזעלשאַפטלעך און דערפֿאַר קען מען ניט און מ׳דאַרף ניט פֿאַרגעזעלשאַפטלעכן די מיטלען פֿון אַרבעט. װאָס מ׳דאַרף יאָ, איז זײ פֿאַר׳שותּפֿות׳ן. מענטשן אַרבעטן צוזאַמען, אין געװיסע גרופּן, אַרטעלן, און אַלע יענע, װעלכע באַטײליקן זיך אין פּראָצעס פֿון אַרבעט, דאַרפֿן װערן שותּפֿים. קאַפּיטאַליזם האָט אָפּגעשאַפֿט פּעאָדאַלן אײגנטום; מיר דאַרפֿן אָפּשאַפֿן קאַפּיטאַליסטישן אײגנטום און אײנפֿירן אַרבעטער אײגנטום.

2) אַזױ װי שקלאַפֿערײ איז אָפּגעשאַפֿט געװאָרן און די אינסטיטוציע איז ניט „נאַציאָנאַליזירט” אָדער „סאָציאַליזירט” געװאָרן, אַזױ װעט געדונגענשאַפֿט, לױן־אַרבעט (אַ נײַע פֿאָרמע פֿון קנעכטשאַפֿט) אָפּגעשאַפֿט װערן, און ניט נאַציאָנאַליזירט װערן. אַזױ װי מ׳קען הײַנטיקן טאָג קײן שקלאַפֿן ניט האַלטן, אַזױ װעט מען אין אַ מער אָדער װײניקער ציװיליזירטער געזעלשאַפֿט ניט דערלױבן, אַז מענטשן זאָלן געדונגען װערן. מענטשן, װען זײ אַרבעטן צוזאַמען, מוזן װערן שותּפֿים, קאָמפּאַניאָנען, בכדי דורכצופֿירן צוזאַמען עפּעס געמײנזאַמעס.

איך בין איבערצײגט, אַז אַרבעטער־טראָסטן, אַרבעטער־קאָמפּאַניעס, װעלן געשאַפֿן װערן און זײ װעלן פֿאַרנעמען דעם אָרט פֿון די קאַפּיטאַליסטישע טראָסטן און קאַפּיטאַליסטישע קאָמפּאַניעס.

פּאָליטישע פֿראַגע

3) בנוגע דער בירגער־פֿראַגע בין איך איבערצײגט, אַז עס װעט אָרגאַניזירט װערן אַ מענטשהײט־פֿאַרבאַנד און דער טעריטאָריעלער, צענטראַליזירטער שטאַט װעט אָפּגעשאַפֿט, אָדער פֿאַרניכטעט װערן. מענטשן װעלן זיך פֿאַרבינדן, פֿאַראײניקן לױט זײערע איבערצײגונגען. דעם פּלאַץ פֿון דעם װעלטלעכן שטאַט װעט פֿאַרנעמען אַ סאָציאַטאַרער אַנשטאַלט, װעלכער װעט זײַן אַ פֿאַרשמעלצונג פֿון אַ געלײטערטער קירך און אַ זעלבסטשטענדיקער אַקאַדעמיע.

בכדי דאָס זאָל קענען דערגרײכט װערן, מוזן מיר זען צו לײזן די אַרבעטער־פֿראַגע אַלס אַ פֿאָרבאַדינג; לײזן עס אױף אַזאַ אַרט און װײזע, אַז מ׳זאָל דעם שטאַט ניט לאָזן זיך אַרײַנמישן אין דעם סכסוך פֿון אַרבעט און קאַפּיטאַל, און אױסנוצנדיק די געלעגנהײט פֿון קאַמף, װאָס בושעװעט צװישן די צװײ קאָנטר־אַגענטן פֿון עקאָנאָמישן פּראָצעס און מיטן אָנשטעל, אַז ער מײנט כלומרשט צו פֿאַרענטפֿערן די אַרבעטער־פֿראַגע און זיך אָננעמען פֿאַר דעם אַרבעטערס קריװדע — פֿאַרכאַפּן די אינדוסטריע, שטאַטיזירן זי, ביוראָקראַטיזירן זי.

אױפֿן טאָג־אָרדנונג פֿון דעם פּראָגרעסיװן טײל פֿון דער מענטשהײט

שטייט די היסטאָריש־וויכטיקע אויפגאַבע פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער: ניט דערלאָזן דעם שטאַט אָקופּירן די אינדוסטריע מיטן תירוץ, אַז אַן דעם שטאַט און אָן דער הילף פון די ביוראָקראַטן קענען מיר ניט לייזן אונדזערע עקאָנאָמישע פראַגן.

דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור

4) איך בין איבערצייגט, אַז אַ דעמאָקראַטיע איז ניט צופרידנ־שטעלנדיק. מ׳דאַרף באַזאָרגן די רעכט פונם איינצלנעם, פון דער גרופּע און שאַטירונג מיינונגען. עס איז ניט גענוג צו פאַרזיכערן נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן, מ׳דאַרף אויך באַזאָרגן פּאַרטייאישע מינאָריטעטן און דער־לויבן זיי זיך גרופּירן לויט זייער פאַרשטייַן און וואונטש, און שאַפן ניט קיין טעריטאָריעלע נאָר אינטעראינדיווידועלע רעליגיעז־עטישע פּאַראיי־ניקונגען.

דעמאָקראַטיע טויג ניט, אָבער אַ דיקטאַטור איז טויזנט מאָל ערגער. און דער קאָליר פון דער דיקטאַטור — שוואַרץ, גרוי, רויט — שפּילט אַ גאַנץ קליינע ראָלע. דאָס איז מיין איבערצייגונג.

ש ל ו ם

5) איך בין איבערצייגט, אַז מיינע איבערצייגונגען, ווי זיי זיינען פאַרגעלייגט דאָ, זיינען ניט שטאַרק איבערצייגנדיק. אָבער איך בין ווייטער איבערצייגט, אַז אַזאַ „דאָקומענט״ קען ניט אַרגומענטירן אָדער איבערצייגן — ער מוז זיך באַגנוגענען מיט אויסדריקן אַ מיינונג. אַן „אני־מאמין״ איז ווינציקער און מער פון אַ מיינונג.